STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09605

# ALE LIDER UN POEMES

Aaron Zeitlin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן צייטלין

# לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן

וועלט־פארבאנד פון די בערגען־בעלזענער • WORLD FEDERATION OF THE BERGEN BELSEN ASSOCIATIONS •

# אהרן צייטלין

## אלע לידער און פּאָעמעס

א׳

# לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן




זכור פרייז״ ביבליאָטעק
פרלאַג בערגען בעלזען

# COLLECTED POEMS
(Inclusive Edition)

Volume I

# POEMS OF THE HOLOCAUST
and
# POEMS OF FAITH

by AARON ZEITLIN

© Copyright 1967 by Aaron Zeitlin

"REMEMBRANCE AWARD" LIBRARY

Bergen Belsen Memorial Press
of the
World Federation of Bergen-Belsen Associations, Inc.
New York — Tel Aviv

*P.O. Box 333, Lenox Hill Station*
*New York, N. Y. 10021*

## בערגן-בעלזן: אַנשטאָט אַ ליד

אַזוי לאַנג ווי ס'וועט זיין אויף דער וועלט
איין־איינציקער ייד וועט נישט אויפהערן בלוטיקן דאָס,
וואָס מיר רופן מיט דעם סתמ'יקן נאָמען קאַטאַסטראָפע.
דאָס אמת'ע וואָרט פאַר אָט דער בכייה־לדורות
האָבן מיר נישט און וועלן נישט האָבן.
קיין שום נס, אויך דער נס פון אונדזער מדינה'שן אויפקום,
קאָן יענע שרעקלעכסטע פון רעטענישן נישט באַשיידן.
מיר קאָנען האָבן ענטפערס, נאָר נישט קיין ענטפער.
און פאָרט — אפילו יענע וועלט־טראַגעדיע קאָן נישט זיין
קיין זינלאָזיקייט דאָרט, וואו ס'איז באַהאַלטן דער לעצטער
אַל־געהיימסטער ענטפער, דער לעצטער פלאַן.

קיין שום נגלה'דיקייט, קיין שום „נחמתא דאמירן בעלמא",
קאָן נישט זיין קיין ענטפער אויף דער קאַטאַסטראָפע.
פונדעסטוועגן איז פאַראַן עפעס אַזוינס, וואָס פאַרבינדט
די פאַליוסן פון בראָך און אויפגאַנג:
די בראָך ווי דער אויפקום זיינען ביידע אויסטערליש —
אַזוי אויסטערליש ווי ס'איז דעם פאָלק ישראל'ס
גאַנג דורך דער געשיכטע.

כ'האָב גערעדט מיט אַ געוועזענעם בערגן־בעלזן־קאַצעטלער.
ער האָט דערציילט — און איך האָב געהאָרכט אַ פאַרבליפטער.
נאָך דער באַפרייאונג איז די ערד פון בערגן־בעלזן
באַדעקט געווען מיט אומצייליקע הויפנס ביינער.
איידער וואָס־ווען האָבן די האַלבע מתים,
די לעבנגעבליבענע, גענומען אויף די בערגן־בעלזענער חורבות
אויפשטעלן שולן פאַר קינדער, אַרויסגעבן צייטשריפטן,
איינאָרדענען אָוונטן, אפילו שפילן טעאַטער.
זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל,
אַוועק אַהין מיט דער אומלעגאַלער עלייה,
פּראָקלאַמירט אויף די רואינען יידישן נישט־אונטערגאַנג.
שפילן אין בערגן־בעלזן יידישע קינדערלעך,
זינגט מען יידישע און העברייאישע לידער,
און אָט קומט דאָרט פאָר די ערשטע יידישע חתונה.

איך הער און איך טראַכט: רבונו של עולם!
איז עס געווען דאָס, וואָס מע רופט אויף אינטעליגענטיש לשון:
בלינדער לעבנס־ווילן, אָדער איז עס גאָר עפעס אַנדערש געווען —

אַן אויסדרוק פון יענער סודות'דיקער קראַפט,
וואָס הייסט אונדז תמיד אויפשטיין, הויבט אונדז תמיד אַרויס
פון כלו־כל־הקיצין'דיקייט?
יענע אומבאַגרייפלעכע נצח'דיקע קראַפט פון גלויבן,
וואָס לייכט אויך דאָרט, אויפן סאַמע דנאָ פון אונדזער
טיפסטן יאוש; יענע קראַפט, וואָס האָט די טראַגישע
רעשטלעך פון בערגן־בעלזן געהייסן פלאַנצן לעבן אויף די חורבות, —
איז עס נישט דיזעלבע קראַפט, וואָס האָט
אונדז געגעבן די יידישע מדינה?

אַזוי טראַכטנדיק האָב איך דערפילט בערגן־בעלזן ווי אַ סימבאָל.
דאָרט האָבן זיך חורבן און ווייטער־גאַנג אויג־אויף־אויג געטראָפן.
ס'איז געווען ווי די קדושים אַליין וואָלטן
באַפוילן דער שארית־הפליטה: לעבט!
מיר הייסן אייך לעבן!

אומגעזעענערהייט האָבן זיי אפשר מיטגעטאַנצט
אויף דער ערשטער יידישער חתונה אין בערגן־בעלזן.

ניו יאָרק, 15 אָקטאָבער, 1967 (י״ב תשרי, תשכ״ח).

# פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד

די איצטיקע אויסגאַבע פון די לידער און פּאָעמעס, וואָס איך האָב געשריבן אויף יידיש, איז אַן אינקלוזיווע.

דעם ערשטן באַנד באַגלייט איך מיט עטלעכע באַמערקונגען, וואָס איך האָף, אַז דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט זיי נישט אַדורכלאָזן. אַ מער פּרטיות'דיקע הקדמה (ווי אויך באַמערקונגען צו באַזונדערע לידער) — אין צווייטן באַנד, וואָס דאַרף דערשיינען במשך פון דעם יאָר.

אין דער נייער, כולל'דיקער אויסגאַבע קומען אַריין אַ סך לידער און פּאָעמעס, וואָס זיינען קיינמאָל פריער נישט געוואָרן פאַרעפנטלעכט. אין באַנד איינס וועט דער לייענער געפינען אַ סך נישט געדרוקטע זאַכן, וואָס איך האָב אין די חורבן־יאָרן געשריבן פאַר זיך און געהאַלטן אין טישקעסטל. כתבי־יד פון לידער קאָנען ביי מיר אָפּליגן י א ר ן. אפילו לידער, וואָס זיינען שוין פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם, באַטראַכט איך ווי כתבי־יד, וואָס קאָנען און דאַרפן רעווידירט ווערן, און טייל מאָל, ווען איך האַלט פאַר נייטיק, אָנגעשריבן ווערן פון דאָסניי. למשל, אַ ליד, וואָס האָט פריער געהייסן: געבעט צו דער שכינה, און האָט איצט געקראָגן דעם נאָמען: געזאַנג צו דער שכינה אין גלות, איז געוואָרן אויף אַזוי ווייט איבערגעשאַפן, אַז הגם ס'איז געבליבן דער בוי פון די סטראָפן (און געבליבן איז אויך דער גייסט פונ'עם ליד, זיין תוך), זיינען די ווערטער — כמעט אַלע — אינגאַנצן אַנדערע. אַ צווייטער ביישפּיל. צום סוף ד ר י ט ן באַנד (1957) פון מיינע „געזאַמלטע לידער" (זע: „אייניקע טעקסטן פון די פריערדיקע בענד, איבערגעאַרבעט טיילווייז אָדער אינגאַנצן") האָב איך פאַרביטן אַ ווערסיע פונ'עם ליד „שבתי צבי" אויף אַ צווייטער, אַן אויסגעבעסערטער. אין דעם א י צ ט י ק ן באַנד וועט דער לייענער געפינען אַ ד ר י ט ע ווערסיע פון דעם זעלבן ליד, און איך מוז זאָגן, אַז פאַר מיר פערזענלעך עקזיסטירט פון איצט אָן בלויז די דאָזיקע ווערסיע, די לעצטע. די פריערדיקע צוויי ווערסיעס פונ'עם ליד זיינען פאַר מיר אַזוי גוט ווי א ו י ס ג ע מ ע ק ט.

* * *

די לידער פון חורבן זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין באַזונדערע גרופּן: פון דורכאויסיקן יאוש — דורך טענער פון לייטערונג — ביז צו אַזעלכע איבערברוך־לידער ווי די פּאָעמע „אני מאמין", „דיאַלאָג צווישן מיר און מיין עצבות" א. ד. גל. ס'איז געטאָן געוואָרן אויף דער בקשה פון פריינד, וואָס האַלטן, אַז אַזאַ איינטיילונג איז נויטיק פאַר דעם לייענער'ס אָריענטאַציע. איך אַליין

האַלט אַזאַ איינטיילונג פאַר צו־סכעמאַטיש. יאוש און אמונה — סיי אין די חורבן־לידער, סיי אין אַנדערע לידער מיינע — קאָנען זיך צענויפטרעפן אין די שורות פון איין און דערזעלבער זאַך. די אַרויפן און אַראָפּן, פינצטערנישן און אויפלייכטונגען פון דער נשמה קאָנען נישט ווערן אויסגעסאָרטירט. בלויז פון דער אינערליכער סתירה וואַקסט יעדע פּאָעזיע.

אין דעם ערשטן באַנד האָב איך אַריינגעגעבן לידער און פּאָעמעס, וואָס זענען — מיט קליינע אויסנאַמען — נ אַ צ י אָ נ אַ ל. עפּעס אַנדערש איז, אַז אין דער פּאָעזיע איז אויך דאָס נאַציאָנאַלע סוביעקטיוו — שוין דערפאַר אַליין, וואָס עס ווערט אינדיווידועל איבערגעלעבט און אינדיווידועל געפורעמט. ס'איז אפשר כדאי צו באַמערקן, אַז אויך דאָס קבלה'שע ווערט אין מיינע לידער אינדיווידואַליזירט. „מטטרון" (גייט אַריין אין צווייטן באַנד) איז אינגאַנצן אינדיווידועל. איך פּאָעטיזיר נישט, ווי טייל מיינען, קבלה'שע פאַרטיקייטן. דאָס זעט מען אויך אין אַ טייל פּרטים. למשל, י ר י ח ו איז אַ סימבאָל אַ נעגאַטיווער (די טומאה, וואָס דאַרף, ווי די ביבלישע שטאָט, ווערן איינגענומען, פאַלן פאַר דער מאַכט פון גאולה), בעת אין דער קבלה איז יריחו גאַנץ אָפט אַ סימבאָל אַ פּאָזיטיווער. פאַרקערט, מ ד ב ר (זע דעם אָנהייב פון „יוסף דילה רינה") ווערט פּאָזיטיוו, הגם דאָס שטימט נישט מיט דעם נעגאַטיוון מדבר־סימבאָל פון דער קבלה.

ווער ס'וויל נענטער באַנעמען דעם ענין מ ש י ח אין מיינע לידער, דער זאָל אויפמערקזאַם לייענען דאָס סאַטירישע ליד: משיח און דער ראַביי, און זיך פאַרטראַכטן איבער'ן סוף פון דעם ליד: מיין פאָטער (ביידע — אין איצטיקן באַנד).

דאָ און דאָרט האָב איך — נאָכטוענדיק דעם ביישפּיל פון אליעזר שטיינבאַרג — אָנגעגעבן פאָנעטיש די יידיש־אויסשפּראַך פון העברעאישע (און אַראַמעאישע) ווערטער אין די לידער. כ'האָב עס דער עיקר געטאָן דערפאַר, ווייל טייל מיינען, אַז דער העברייאיש־עלעמענט אין יידיש דאַרף אַרויסגערעדט ווערן „ספרדיש" — ווי אין מאָדערנעם העברייאיש. ס'איז אַן אומזין. העברייאישע ווערטער אין יידיש מ ו ז ן אַרויסגערעדט ווערן אַזוי, ווי ס'איז נ אַ ט י ר ל ע ך פאַר דעם יידישן לשון.

* * *

די כולל'דיקע אויסגאַבע פון מיינע לידער און פּאָעמעס איז געווידמעט מיין פרוי, רחל (ראָזאַ) פון הויז אַבראַמאָוויטש.

האָסט נישט געפרעגט. דו האָסט געפאָלגט. דו ביסט געגאַנגען.

(פון: דיר אָט די ווערטער, רחל).

ניו־יאָרק, 1967.

# א י נ ה אַ ל ט


בערגן־בעלזן: אַנשטאָט אַ ליד

פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד

**ערשטער אָפּטייל: לידער פון דריטן חורבן**

סוב-אָפּטייל איינס: אַנגסט און פאָרגעפיל

וואַרש ערב מיין אָפּפאָר || 19

אַנגסטיקייט || 19

זומער 1937 || 20

יאַנואַר 1938 || 21

אַלאַרם || 21

האַר פון די קאַטאַסטראָפן || 22

אַ קינד מיטן נאָמען סער || 22

ענגלאַנד׳ס רוף || 23

סודיקער ייד || 23

די נעסט פאַרשווינדט || 24

דנאָען (פּאַראַהאַמלעטישע פערזן; א׳ — י׳) || 24

צווייטער סוב-אָפּטייל: איבער די חורבות, 1 || 30

הויך איבער די שלאַכטן || 30

אָן גאָט און אָן אַ ייד || 30

די לעצטע ווייטקייט || 31

אויף די חורבות || 33

טרעבלינקער פסח || 35

קדיש אין טויט־וואַגאָן || 36

תפילה לאהרן || 36

געשריבן אין אַ ניו־יאָרקער פאַרנאַכט 1942 || 38

נישטאָ קיין טרויערן אויף צו באַטרויערן || 38

נאָכקלאַנג צו „ביינאַכט אויפ׳ן אַלטן מאַרק״ || 39

נאָכאַלעמען || 42

ווי ס׳איז נישטאָ קיין נאָמען צווישן נעמען || 42

ווען ס׳האָט די טומאה דיך געפירט צום פייער || 43

שוצקעלער־ליד || 45

אַ נאָכגלאַנץ || 46
קדיש נאָך מיר || 46
אַ שאָטן אין וואַרשע || 46
מערדער פון געשפענסטער || 48
זונטיק אויף וואַשינגטאָן סקווער || 48
שלאָפליד צו זיך אַליין || 50
בלייבן לעבן נאָך אייך || 51
אַמאָל אין פוילן || 51
ליד מיט אַ שפּעטערדיקער צושריפט (2 — 1) || 53
מיר יידן זיינען נישט פון אַט דער וועלט || 55
נישטאָ קיין לעצטע יידן און קיין לעצטע תפילות (א׳—ב׳) || 56
אחרים הימים || 57
גאָרנישט אויסער ווערטער || 58
ישראל׳ס אַשן || 59
שטויב || 60
הונט פון אַפגרונט || 60
דער שד || 61
כ׳האָב נישט געהאַט די זכיה || 62
אין דער פרי || 62
אויב דו ביסט קינסטלער || 63
דאָס אויג פון דער טרער || 63
צו גאַסט || 64
דיין שיין געשטאַלט || 65
טאָליע || 65
צווישן פלאָצק און וואַרשע || 66
שטיגן || 68
גיב מיך פון ערגעץ ביים נאָמען אַ רוף || 68
אָפּדוכט פון וואַרשעווער ווינטער אין מאָנטרעאָל || 69
ס׳האָט אַ חלום מיך צוריקגעבראַכט קיין וואַרשע || 70
אַזוי הער איך אים ריידן אין געטאָ || 70
אַ תפילה קאָן איך || 71
דעם אָנדענק פון מיין זון אין די גישט־היאַיקייטן || 72
(די וויינונג; די פאַרגאַפּונג; די געזעגענונג)
געשריבן אין 1946 || 73
צו ניי־ישראל לאָמיר אַרונטער || 74
נאָכ׳ן נצחון || 74

ליד אויף צייטונג־שפּראַך || 76
טאָמער || 77
בריף פון וואַרשעוור געטאָ || 78
אַ וואַרשעווער וויזיט־קאַרטל || 78
אין וואַרשע, אַרום הויז וואָס איז פאַרברענט || 78
ליד פון נאָך־מאַידאַנעקשן פּחד || 79
סאָנעט וועגן השארית־הנפש דורך שרעק || 79
ביים לייענען אַ פילאָזאָף || 80
צום מענטש פון מייט צייט || 80
איך האָב אויך פאַר דיר נישט קיין נאָמען || 81
מיין פאָטער || 82
דראַמעס אין אים || 86
קדושים, ווערט קינדער || 86
און טראַכט איך פון דעם, וואָס מיט זיי איז געשען || 87
רחמנות אויפ׳ן אַלטן גאָט (א׳ — ג׳) || 87
אַ חלום פון נאָך מאַידאַנעק (א׳ — ז׳) || 89
אַן אזכרה־אָוונט || 98
מאָנאָלאָג אין פּלעינעם יידיש || 98
פּאָעמע מיט אַ צושריפט
(קליינע פּאָעמע וועגן געטע און פראַו הילדע; נאָך אַ קליינע פּאָעמע, געשריבן 1946) || 104

דריטער סוב-אַפּטייל: אויף די חורבות, 2 || 108

שטימען טראַנסרעאַלע || 108
דאָ לעבט נאָר מיין אַסטראַל || 108
מאָרגן || 109
אין אַ ליכטיקער רגע || 110
יידישע לאַנדשאַפט || 111
אויך איצטער || 112
אַ השבעה || 112
דאָס אני־מאמין־געזאַנג || 113
ס׳פּנים פון דערלייזער || 114
דניאל (די שריפט; דער מאַן אי די ליינען; די לעצטע חיה) || 115
פערזן וועג נס און נסיון || 117
ווידער || 118
דער באַפעל || 119

דו ביסט דאָ || 120
צלם אלהים || 121
די צוקונפטיקע מלכים פון ירושלים || 122
די מושיעים || 122
אַ חלום || 123
אני מאמין בביאת ישראל || 124
אין טאָג פון זיין ווערן אַ בן־חמישים || 124
עלעגיע געשריבן אין די בערג פון אַדיראָנדאַק || 125
בן־יוסף און בן־דוד || 127
ישראל צבאות || 127
ליד פון נאָך־מאַידאַנעקשער אמונה || 129
משיח בן־מאַידאַנעק || 129
נייער אברהם || 130
אַ ניגון, פון טאַטן געהערט || 130
וציוונו על קידוש השם || 131
און אַז מע איז געקומען ראַטעווען דעם רבי׳ן || 131
וואָס איך ווייס (א׳ — ב׳) || 132
אויפֿן וועג צווישן גרענד רעפּידס און דעטראָיט || 133
מיסטעריע || 134
אַ כראָניק געווען אין צייטונגען || 134
אַ מקובל אין שוצקעלער || 135
קליפּות, יסורים, גלאָבאַלער בעש״ט || 136
ליד וועגן דוד צייטלין || 136
יאַנוש קאָרטשאַק || 138
יצחק קאַצענעלסאָן || 139
דיר אַט די ווערטער, רחל || 140
דער סוד מענטש || 140
פוילן, אָדער די זעאונג פון אברהם פּראָכאָווניק (א׳ — ד׳) || 141
אמונה || 150
דיאַלאָג צווישן מיר און מיין עצבות || 150
פון עזרא דעם פערטן || 153
קול און קעגן־קול || 158
זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג || 159
תפילה קודם התפילה || 160
אני מאמין || 160

## פערטער סוב-אַפּטייל: אַ בינטל וואַרשע-לידער || 165

פון סיני ביז ניסקע || 165
וואַרשע אין 1912 || 165
דער אַלטער געוועלבניק || 170
פון גראַבסקי'ס צייטן (אָדער: די אויסטערילשע געשיכטע פון
האַרפנמאַכער און לאַסקי) || 172
דער זון פון רעב יוקעוו (אָדער: דערציילונג וועגן
דר. לייגוואַנדהעדלער) || 175
מיין וואַרשע בויט מען נישט ווידער || 178
צען גראָשן || 178
פאַר אַ ווייסער וואַרשע || 179
פאַרבייגייענדיק דעם מיצקעוויטש-דענקמאָל || 180
הינערפלעט || 180
דערמאָנונג פון אַן איבערלעבונג אויף שיעננע 69 || 185
אַ הויף || 185
דריי || 188
ערב אַ וועלט || 189

## פינפטער סוב-אַפּטייל

### צווייטער וועלט־קריג און די דיאַלאָג־פּאָעמע:

### די פאַרבאָרגענע אסיפה || 191

איידער די ערדקויל נעמט ווידער ברענען || 191
קבלה־ליד וועגן צווייטן וועלטקריג || 191
די פאַרבאָרגענע אסיפה || 192

## צווייטער אָפּטייל: נצח ישראל

שטאָם || 215
זיין אַ ייד || 216
חירם דער גאָט (א' — ה') || 216
דעם יידנ'ס זייגער (א' — ח') || 222
אַ ייד || 228
יידישע שדים (א' — כ"ה) || 229

דער צאַר און דער תניא (א׳ — ח׳) || 252
דער תניא ווערט נסתלק || 256
דער ויכוח אויפ׳ן בוידעם־שטיבל (א׳ — ה׳) || 257
עזאָטערישע פּאָעמע (דאָס ליד פון דעם בוים און
דעם נסתר; א׳ — ד׳) || 264
דער רבי ר׳ נחמן (א׳ — ו׳) || 270
רב נחמנ׳ס חלום || 282
ר׳ נחמן אין קאַמעניץ || 286
ר׳ נחמן צווישן קרייטער || 287
נענטער || 288
דאָס עסק פון דעם עלנטן בן־אדם || 289
פון נישט־צייטיקער פרוכט און פון מלאכים, וואָס
זוכן אבידות || 289
ס׳פּראַנצויזל (אַ ר׳ נחמן־מאָטיוו) || 291
בראַסלאַווער מאָטיוון (דביקות־געזאַנג; חשבון־הנפש־ליד) || 295
די זעאונג פון יענטע דער נביאה || 295
דער צאַן און דער ייד הקדוש || 296
דאַווענען || 297
תורה || 297
פאַרקערטער גילוי אליהו || 298
חד גדיא (א׳ — ד׳) || 298
דאָס יאָר 1492 || 304
ארמילוס (א׳ — י׳) || 312
נצחיאל || 316
קאָצק (א׳ — ב׳) || 319
זאָגט דער רבי ר׳ בונם || 320
ווען אדם האָט פון עץ־הדעת געגעסן || 321
אלעזר בן־פדת (באַלאַדע אין טערצינען) || 323
יידישע תנועות (זוהר־מאָטיוו) || 325
אַ שטעטלשע חופה || 326
קאַרמענסיטאַ, אָדער די דורות־קייט || 326
דער גלח שלאָגט זיין גאָט || 327
קדיש || 328
דער סוד פון יידיש || 329
רעאַליזם פון אַ ייד || 330
דאָס תיקון־ליד || 331

## דריטער אָפּטייל: צווישן תוהו און תיקון

נאַקעט || 335
מיר, יידן הײַנטיקע || 335
תטהרו || 336
געזאַנג צו דער שכינה אין גלות || 337
דער ייד אין מיר וויינט || 338
זינד און טויט פון דע־האַן דעם קראַנקן ייד (א' — כ"ח) || 338
ליד צו מיין פאָטער הלל צייטלין || 350
דאָס ליד פון מיין זיידן || 352
נסיעה אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג || 353
נישט גע׳צדיק׳ט, נישט גע׳רשע׳ט || 357
די תליה || 358
אַ מאַלאַריע־נאַכט (א' — י"ב) || 358
געשריבן אין יאַנואַר 1932 || 364
שמואל ראש־מדינה (א' — ז') || 365
ליד פון אַ משומדת || 392
תשעה באב || 393
איינזאַמע דריי || 394
פון קבר אַרויס קרעכצט די משומדת׳טע || 394
דזשעסיקאַ || 395
צו אַ יידישער טאָכטער אין אַמעריקע || 396
אַן אויסשטעל־פענסטער אויף קאַנאַל־סטריט || 397
רייד צו די מלאכים || 397
דער גולם || 400
צווישן שול און בית־עלמין || 401

## פערטער אָפּטייל:

## משיח־לידער און די פּאָעמע יוסף דילה־רינה

ליד פון דער נאַכט אויף די דעכער || 413
יוסף דילה־רינה (א' — י"ג) || 415
שבתי צבי (א' — ד') || 443
משיח־ליד 1933 || 446
סולטאַן אַל יאַהוד || 447

מנחם בן־עמיאל || 448
אדם, שבתי, משיח || 450
אדם, דוד משיח, אָדער: דער סוד פון אוריה החיתי
און בת־שבע || 450
פּאַסטאָראַל || 452
ווען די אבל־שיין פון יזכור־ליכט פון זעקס || 454
דאָס ליד פון סאַמע לעצטן אינטערנאַציאָנאַל || 454
משיח און דער ראַביי: סאַטיריש || 456

## פינפטער אָפּטייל:

## ייִדנלאַנד: אַ בינטל לידער

געזאַנג לכבוד ירושלים עיר־הקודש || 461
צו דעם ירדן פליט מיין חלום || 462
אויפ׳ן קבר פון שרה אהרנסאָן אין זכרון־יעקב || 462
געשריבן אין ניו־יאָרק בעת די שלאַכטן אין נגב || 463
מדינה || 464
ליד צום סאַברע || 464
הספד אויף הערצל׳ען || 467
רחוב צייטלין אין תל־אביב || 467
זכרון־יעקב 1966 || 469
אויפ׳ן הויף פון בית־אהרנסאָן || 470
עם ישראל חי || 471

ערשטער אָפּטייל

# לידער פון דריטען חורבן

סוב־אַפּטייל איינס

# אַ נ ג ס ט און פ אַ ר ג ע פ י ל

## וואַרשע ערב מיין אָפּפאָר

דאָס אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט און וואָס דו זעסט
וועט באַלד אַ וויסטע פינצטערניש פאַרוויקלען.

דיר זאָגט אַזוי אַ קול, נאָר דו פאַרגעסט.
דו גייסט אויף זיצונגען, דו שרייבסט אַרטיקלען,
און אָפּטמאָל שטופּט דער נאָר דיך: גיי און דרש'ע.

פּילסט יאָ און נישט ווי לעצטיק עס מעת־לעת'ט
די שטאָט. אָ קוק: עס קומען מאָדנע געסט —
שטומע פאַנטאָמען שפּאַנען איבער וואַרשע.

## אַ נ ג ס ט י ק י י ט

די נאַכט אַלץ טיפער — די שטערן אַלץ ווייטער.
רייטער — רייטער — באַלד קומען די רייטער.
קומען די רייטער — און וואָס — וואָס ווייטער?
איבער ועמען קומט פאָר אַ דין?
וואוהין,
וואוהין,
וואוהין וועט מען פירן, מיין קינד?

אין טונקעלע גראָזן טונקלט אַלץ מערער.
ס'זעט נישט דער זעער, ס'הערט נאָר דער הערער.
גאַלאָפּ אַלץ נענטער — גאַלאָפּ אַלץ שווערער.
דער ווינט אַלץ דינער — דינער ווי דין.
וואוהין,
וואוהין,
וואוהין וועט מען פירן, מיין קינד?

וואַרשע, 1934

# זומער 1937

ס'איז היינט אַזוי לייכט פאַר'ן קינד צו מאַכן
די בייזע אַנטדעקונג, אַז מענטשן טויטן
און ווערן געטויט: אי מענטשן, אי זאַכן
ריידן די שפּראַך פון דעם מלאך דעם רויטן.
פרעגט מיך דאָס קינד: פאַרוואָס הרג'עט מען, טאַטע? —
און קריגט נישט קיין ענטפער. מיט אויגן מאַטע
קוק איך אַרויף צו דער זון פון זומער.
אַ בלאַט אויפ'ן טיש. אַ בלוטיקער נומער.
ס'וואַלגערן זיך מתים אין יעדער שורה.
ווער טוט זייער רעכט זיי? ווער ברענגט זיי צו קבורה?

אַ בליק אַרויף צו דער זון פון זומער,
אַ בליק אַראָב צום בלוטיקן נומער.
עס פאַלט דער בליק אויף עפּעס אַ מאמר —
און ביאַליק'ס פערז גייט אויף אַלט־ניי מיר:
די זון האָט געלויכטן, דער שוחט געשאָכטן,
און דער שרייבער האָט — זיינע מליצות געפלאָכטן.

אין ראַדיאָ גורגלט זיך עפּעס אַ זינגערין
מכח איר ליבע־שמאַרץ (נעבעך אַ גרויל!).
כ'באַשליס דעם ווייטאָק איר צו פאַרגרינגערן —
און מאַך דער ראַדיאָ צו דאָס מויל.

שטילקייט. זון־שטילקייט. זשום פון פליגן.
אַבי די קונסט איז געוואָרן אַנטשוויגן,
די שמייליקע קונסט, דער באַצאָלטער ליגן.

האָרך, מיט געפילדער
פליט קעגן זון אַ פויגל אַ ווילדער:
עס זינגט זיין שטאָלערנע מוזיק
אַ מיליטערישער עראָפּלאַן.
מוזיק פון בלוט, מוזיק פון קריג,
מוזיק פון נייעם טשינגיז־כאַן.

פאַרפלויגן — און ווידער אידילישער ניגון
פון זומערדיק־שלומערדיקע פליגן.
איך זיץ אין זומער־ליכט ווי אין תפיסה.
זון און שחיטה. זומער און מיתה.
איך קוק צו דער זון ווי דורך אַ קראַטע.
און דער קליינער שטייט־צו: איך פרעג דאָך דיך, טאַטע!
פאַרוואָס הרג'עט מען, טאַטע?

## יאַנואַר 1938

אַ מידער הונט, וואָס דרעמלט פאַר דער בודע,
ליג איך פאַר דיר אָן מצוות און אָן זינד,
אַ נישט־געראָטן קינד
פון ווייטע עלטערן — לייבן אין יהודה.

קאָפּ אויף לאַפּע הויער איך אין זאַמד,
פאַרוויגט פון פליגן — און אין מיר איז הוילקייט.
די זון — דיין וואָרט וואָס פלאַמט —
וואַרימט נאָר דעם רוקן פון מיין פוילקייט.

נאָר ערגעץ זאָטלט שוין דיין האַנט ס׳געוויטער,
און בעת צום זאַמד איז צוגעשמידט מיין קאָפּ —
בינדט ערד און הימל אין איין פייערדיקן סנאָפּ
דיין בליץ פול ציטער.

צערינען וועט מיין שלאָף ווי לייכטע טויען,
באַלד לאָזט דיין שטורעם זיך גאַלאָפּ,
און ס׳רייסט זיך פון דער לאַפּע אָפּ מיין קאָפּ —
און איך וועל וואָיען!

וואַרשע

## אַלאַרם

כ׳געדענק אין פוילן אַ פאַרנאַכט.
ס׳האָבן פעלדער זיך פאַרטראַכט
ווי פאַר אַ יום־הדין.
לבנה־שאָטנס האָבן זיך געפלאָכטן שנעל און דין,
זיך איבערגעוואונקען שטיל, שטיל,
ווי ווינטמיל־פליגלען געפאָכעט,
פליגלען פון אַן אַלטער מיל,
געשריבן ווייס אויף שוואַרצן קוסט,
אָט זיך אַנטפּלעקט, אָט זיך ווידער פאַרהוילן.
כ׳האָב זיך צוגעקוקט — און ס׳האָט מיין האַרץ געוואוסט
אַ ווּיסן פון גרוילן.

ס׳האָט פון נאָענטן זומער־הויז געשאַלט געלעכטער. וואָרעם
האָט געברענט אַ לאָמפּ. אויף אַ ווערענדע
האָט מען מיט פריילעכן ליאַרעם
געשפּילט אין קאָרטן.

און קיינער האָט נישט געזען, ווי איבערן גאָרטן
גליווערט אין שטומען אַליאַרם
דער לבנהס אויג —
אַן אויג, וואָס זעט אָנקומען פאַרכטיקע פייערן.

## האַר פון די קאַטאַסטראָפן

„לעש אויס, דו שלאָף, מיין טאָג,
כ׳וויל די אויגן נישט האַלטן אָפן.
פיין דו מיינע, שלאָף איין!
שלאָף איין, שלאָף איין, מיין האָפן!

אַ וויג בין איך, אַ וויג,
און איבער צייט און געשעניש
וויגט מיך הין און צוריק
עפּעס אַ האַנט, וואָס איך זע ניש׳...״

אַזוי־אָ ברום איך ווערלעניש,
ברום אויס אַ מידע סטראָפע...
נאָר יענע האַנט, וואָס איך זע ניש׳,
זי גרייט אַ קאַטאַסטראָפע.

ניין, שלאָף נישט איין, מיין פיין,
און שלאָף נישט איין, מיין האָפן!
אַנטפּלעק זיך, גואל דו מיין,
האַר פון די קאַטאַסטראָפן!

1937-38

## אַ קינד מיטן נאָמען סער

ס׳האָט אויף אַ פּליטים־שיף אַ מאַמע — וויי און ווינד —
געגעבן לעבן צו אַ קינד.
איז געוואָרן אויפ׳ן ים אַ שטורעם
בעת׳ן יידישן דאָס קינד.
האָט מען ס׳קינד געטאָן אַ נאָמען:
סער — שטורעם.

ס׳האָט דאָס קינד נישט לאַנג געלעבט דערנאָך.
ס׳טויטע קינד האָט מען אַראָפּגעלאָזט אין ים.
ווידער האָט צעשטורעמט זיך דער ים אַזוי
ווי עשו׳ס שנאה און ווי יעקב׳ס בראָך —
און אַרונטער איז דאָס קינד אין שטורעם.

קינד, וואָס מען האָט אָנגערופן שטורעם!
האָט דער אָפּגרונט דיר אַנטפּלעקט דעם סוד,
דעם תהומיקן, פון אונדזערע יסורים?

## ענגלאַנד׳ס רוף

שיפן פאָרן, יידן־שיפן! שיפן נישט־לעגאַלע!
סיי די יידן, סיי די שיפן זיינען נישט לעגאַל.
שליסט פאַר זיי די האַפנס! שליסט די האַפנס אַלע!
ס׳איז צו־לאַנג דעם יידנ׳ס דראַמע די פאַטאַלע —
לאָמיר, פעלקער, ברענגען איר פינאַל.

יידן פאָרן, יידן פאָרן, יידן נישט־לעגאַלע!
יאָגט זיי פון די וואַסערן צוריק אין יענע לענדער,
וואו עס וואַרטן אויף זיי זייערע פאַרלענדער.
ווער קאָן וויסן, וואָס עס ווערט אַזוינס נתגלה
אויף אַ יידן־שיף, וואָס וואַנדערט נישט־לעגאַל?

ס׳קאָן דאָך אויף אַ שיף אַזאַ אַ נישט־לעגאַלער
ווייזן זיך אַ נישט־לעגאַל באַשאַפנס,
אַ מין גואל־קינד, צי ווער ווייס וואָס. סקאַנדאַל!

יאָגט די יידן! יאָגט די יידן! שליסט די האַפנס!

## סודיקער ייד

איידער כ׳האָב וואַרשע אויף אייביק פאַרלאָזט
פלעג איך אים זען גיין פאַרביי און ס׳איז גרויס
געווען מיין פאַרבליפונג. די זאַך איז נישט פּראָסט.
ער בליקט איבער קעפּ און עס גייט אים פאָרויס
אַ שטילקייט אין מיטן דעם נאַ׳לעווקער ברויז.

זיין בערדל איז פול מיט אַ טרויער, וואָס ווייס
אַזוינס וואָס מע ווייסט נישט. אַרום פיבערט הייס
די גאַס. ער גייט שטיל, האַלט דעם קאָפּ אָן אַ זייט
און בליקט ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט.

וואָס האָט־ער געוואוסט און וואָס האָט־ער דערבליקט?
צי האָט אים די צוקונפט סיגנאַלן געשיקט?

איך זע נאָך זיין בערדל. איך הער זיינע טריט.
ער שפּאַנט אין מיר אייביק, דער סודיקער ייד.

## די נעסט פאַרשווינדט

(געשריבן אין האַוואַנע סוף 1939 — מיט׳ן געדאַנק וועגן פוילן)

אונדזער אָרעמע נעסט האָט אייביק געציטערט
אין ווינט —
וואָס וועט זיין איצט, ווען בלוטיק געוויטערט,
מיין קינד?
איצט, ווען בלוטיק געוויטערט — — ?

דער בוים וועט פאַלן, דער בוים וועט פאַלן,
מיין קינד,
און אונדזער נעסט ווערט אין שטורעם פאַרפאַלן,
מיין קינד.
אונדזער נעסט ווערט אין שטורעם פאַרפאַלן.

כ׳זע נעסטן נייע אויף יונגע ביימער,
מיין קינד,
נאָר אונדזער נעסט (נישט וואָרט און נישט טרוים מער)
פאַרשווינדט.
די נעסט די אַלטע פאַרשווינדט.

געוויס מוז זיך ערגעץ אַ לאַנד געפינען,
מיין קינד,
וואו מען קאָן פאַרשוואונדענע נעסטן געפינען,
מיין קינד,
נאָר די נעסט די אַלטע פאַרשווינדט.

מיר וועלן אַמאָל, נאָך גלגולים און וויייען,
מיין קינד,
אין לאַנד פון השבת אבדות זיך פרייען,
מיין קינד.
נאָר אונדזער נעסט די אַלטע פאַרשווינדט.

## דנאָען

(פּאַראַ־האַמלעטישע פּערזון; געשריבן: וואַרשע, 1936)

### א

זיין אָדער נ י ש ט זיין? נישט דאָס איז די פראַגע.
זין אָדער נ י ש ט זין? — אָט־דאָס וויל איך וויסן.
געטלעכער חשבון האָט אפשר פון לאַנג שוין
מענטשלעכן חשבון צעריסן.

קיילעכדיק איז דער גערעכטער סך־הכל —
העלע לבנה אויף בלוטיקע טאָלן.
אָבער ווי קינדער, געפייניקטע קינדער,
ווייַנען די איינצלנע צאָלן.

זיין אָדער נישט־זיין? נישט דאָס איז די פראַגע.
זין אָדער נישט־זין? — אָט־דאָס וויל איך וויסן.
חשבון נישט־געטלעכן וויל איך פאַר טרערן,
וואָס די נישט־געטלעכע גיסן.

## ב

און ער איז דאָך בפירוש דאָ, האָראַציאָ!
פאַראַן איז ער, דו נאַר, דו פילאָזאָף.
נאָר דאָ ערשט הייבט זיך אָן מיין פיין, האָראַציאָ.
ער האָט קיין סוף נישט — וואו־זשע איז דער סוף?

וואו איז אין אים דער אָפּשטעל פאַר מיין אומגליק?
אַ פערדישע נבלה אין אַ ראָוו,
אַ בראַנדיקע נשמה פאַר אַן אָפּגרונט —
צי איז עס נישט אַלץ־איינס אים, דעם אין־סוף?

אַ פיין אַזעלכע האָט זיך נישט גע׳חלומ׳ט
די פילאָזאָפן דיינע, פילאָזאָף:
די פיין פון זוכן איז נאָר שפּיל פון קינדער
אַקעגן פיין פון גלויבן אין אין־סוף.

ס׳איז אַ וואולקאַן דאָס גלויבן מיינס, האָראַציאָ.
עס ליגט מיין איך, אַ נישט־דערקוילעט עוף,
אין בלוט אין אייגענעם — און וואַרט אויף רחמים.
בלויז רחמים איז דאָס האָפן, וואָס איך האָף.

אויף רחמים וואַרט איך. אָבער ז י י ן רחמנות
איז גאָט, נישט מענטש — און פאַר מיין לייכטן שטאָף
איז זיין רחמנות שטראָף און אייטל פייער.
אָ, וואו איז מענטש, וואו דורכברוך — אין אין־סוף?

## ג

און אפשר איז ער גאָרנישט אַזאַ גרויס־האַר,
ווי ס׳האָבן פילאָזאָפן אים געמאַכט?
און אפשר איז ער ליידנדיק ווי מענטשן?
און אפשר האָט ער גאָרנישט אַזאַ מאַכט?

און אפשר קלאַפּט ער, ווי אַ מידער בעטלער,
אין טויער פון די וועלטן יעדע נאַכט?

ד

ווען האָט אַ נאַכט אַזאַ געגאַכט?
ווען האָט געצייטיקט אַזאַ צייט?

קען זיין: ער שטייט און פרעגט, ווי איך,
אין נאַכט, ווען שטן שלאָגט און שרייט.
דער מערדער שטייט פון איין זייט נאַכט,
און איך און ער — פון צווייטער זייט.

ווען האָט גענאַכט אַזאַ־מין נאַכט?
פאַר מיר מיט אים — צוזאַמען נאַכט!

ווען האָט אַ דור אַזאַ גע׳דור׳ט?
אונדז ביידן זאָגט דער מערדער: מאָרד!

ה

די אייביקע פראַגן, האָראַציאָ, די אייביקע פראַגן
זענען געווען מיינע טעגלעכע פראַגן,
מיינע מעת־לעת׳יקע פראַגן —
כ׳האָב נישט געפונען קיין ענטפער אויף זיי ביי די מאַגן.

אין זיך האָב איך ענטפערס געזוכט און געפונען,
אין זיך זיי געאַנט.
איצט אָבער, איצט, ווען עס שאָטנט אַלץ העכער,
מעשה גיגאַנט,
זיין עקסעלענץ דער פאַרברעכער, —
בלוטיקן די ענטפערס גלייך ווי שקיעה׳דיקע זונען,
שעמען זיך ענטפערס אַ שאַנד
צו ווערן געפונען.

ו

אָפעליאַ יידישע, דו קענסט מיר נישט געבוירן
דעם נייעם ייד, דעם אויסגעלייזטן, דעם דערלייזער.
ווי קאָן איך דיר אַ תיקון געבן, אַז איך דריי מיך אום פאַרלוירן
אין אַ גרויסער עשו־וועלט אַ בייזער —
אַ ייד אָן תיקון אין אַ וועלט אָן תיקון?

שאַ! איך ווייס, וואוהין איך זאָל דיך שיקן.
איך קען, אָפּעליאַ יידישע, דיין ווײ —
און כ'האָב פאַר דיר אַן עצה, שוועסטער: גיי
אין דיין יידן־פרויען־ווײ דעם גוואַלדיקן
און לאָז זיך פון אַ זעלנער־יונג פאַרגוואַלדיקן,
ווי פאַרצייטנס מרים, ישו'ס מאַמע —
און נעמען זאָל אַ סוף די מעלאָדראַמע.

אָפּעליאַ יידישע, דו גיי, געבויר
אַ בלוט־געמישטן ממזר־גאָט אַ נייעם
צום כאַם, צום מערדער־יונג, צום בן־חמור!
און זאָל דיין זון פאַר'כישופ'ן אויפּסניי אים,
אויפּסניי פאַר'סמ'ען אים דאָס בלוט, וואָס וויל צום וואַלד,
מיט יידישקייט'ס פאַרוואַלגערטע שיריים,
מיט חלום יידישן און יידישן געוואַלד
צו גאָט דעם פאָטער, צו דעם אָב־שבשמים.

איך קאָן נישט זינגען דיר קיין שיר־השירים,
איך קאָן נאָר פרעגן אין מיין לעצטער פּיין —
טאָ גיי דיר און ווער שוואַנגער פון אַ שוויין!
צום מערדער מיינעם גיי — און ווער אַ מרים!

ז

צוריקגערעדט: וואָס גייט מיך אָן אָפּעליאַ?
וואָס זענען ווייבער? ציניש פאָלק, נישט מער.
אָ, שונד־שפּיל אייביקע פון ז י און ע ר!

ס'האָט נישט דאָס ווייב קיין רחמים. ס'איז פאַלש־גלאַנציק
צו זעכציק ווי צו צוואַנציק. ס'האָט די טראַכט
אַן אָפּמאַך מיט'ן אונטערגאַנג געמאַכט.
איך וועל געבוירן — זאָגט די טראַכט — כסדר,
און דו וועסט אויפעסן דאָס איך געבער.
מיר וועלןביידע שטילן דעם באַגער.

ח

ווייבער און דאָקטוירים זענען ציניש.
זיי זעען אונדז נאַקעט.
ציינישער נאָך איז דער טויט דער אַטלעט:
ער לאָזט אויף אונדזער נאַקעטקייט פאַלן
אַ פויסט ווי אַ קאַסטעט

און וואַלגערט אונדז אום אויף דער ערד
מיט אַ נאַק־אַוט — — —

דאָס ווייב, דער דאָקטאָר, דער טויט — די דריי!
די צינישע דריי!
און אויג מיין זיין,
וואָס זעט אונדז נאַקעטער נאָך,
אַזוי נאַקעט,
אַז די נאַקעטקייט ווערט יש און תוך.

אויג פון רחמים,
דערזע מיך,
דערזע יענע נאַקעטקייט מיינע,
וואָס עס זעט זי די פרוי נישט,
וואָס עס זעט זי דער דאָקטאָר נישט,
וואָס עס זעט זי דער טויט נישט.

ווער פון מיין ווייטיק צעצונדן!
דערזע מיך —
און זאָל יענע נאַקעטקייט מיינע
פון נ י ש ט ווערן יש (כ׳שטיי אינגאַנצן צעשונדן)!

ט

זוך איך מענטש אין גאָט,
זוך אין אומענד — ענד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי טויטע צווייגן בלייבן פלוצלינג
הענגען מיינע הענט.

דורכרייסן די אייביקייט
איז אפשר שוין דעם מענטש געלונגען,
נאָר נישט דעם מענטש, וואָס האָט געליטן,
און נישט דעם מענטש, וואָס האָט געזונגען,
נייערט
דעם מענטש, וואָס שיסט,
דעם מענטש, וואָס פייערט.

י

איך שטעל מיך אָפּ, אַן אָפּגענאַרטער פרינץ,
אין מיטן פון מיין שונדישער און טרויערפולער מלוכה
(שונד און טרויער איז דאָס לעבן מיינס)

און אַרום מיר, אין סאַמע מיטוואָכדיקע טעג,
ווערט אַלט־שלאָס־דעמערונג,
און כ׳שטיי און פרעג
אין בין־השמשות פון די שעה׳ן:

און ווי, און ווי, —
געאַנטער, אומבאַקאַנטער
וויזאַווי, —
ווי, אַז אין דיינע דאָרטנס,
ווי אין מיינע דאָ׳ען,
שגעונ׳ט איין שגעון? —

איך פרעג — און ס׳פאָלק מיינס
(נביאים, מגולגל אין קרעמער)
קען נישט מיין עלסינאָר,
זעט נישט
מיין אַנגסטיקן,
מיין פרעגעדיקן דעמער.
עס שטייט אין קלייט און רופט זיין סחורה אויס
צווישן פאָגראָם און פאָגראָם.
מיר אָבער עפנט זיך
אין מיטן גאַס אַ תהום
און כ׳פרעג ביי דנאָען:
און ווי, און ווי,
אַז אין די דאָרטנס,
פונקט ווי אין די דאָ׳ען,
היטלערן זיך היטלערס?
ווי אַז ס׳פרעסן דאָרט ישראל׳ס שר די פרעסער —
און אין דער אייביקייט אַליין
שפריצט בלוט, שפריצט בלוט פון מעסער?

דען איך ווייס דיין זיין, אָ אייביקייט,
נאָר צי האָבן רויבער, אייביקייט,
נישט אויפגעריסן דיינע שלעסער? . . .

זומער, 1936

צווייטער סוב־אָפּטייל

# איבער די חורבות, 1

## הויך איבער די שלאַכטן

הויך איבער די שלאַכטן פון דעם עולם תחתון,
הויך איבער דעם מענטשנס בנין דעם צעקראַכטן,
הייבט זיך די געשטאַלט פון אַ מלאך אַ פאַרטראַכטן,
אַ בלויען ווי פאַרנאַכטן.

פאַר לעצטע רעשטלעך מענטש, ווי אַ ייד פאַרן כותל מערבי,
שטייט די שכינה און וויינט. עס ווייזט זיך נישט קיין נביא.
אויף די חורבות זיצט דער טייוול, אַ שוואַרץ־אויגיקע סאָווע,
און קוועלט: ס'איז שלעכט.

נאָר ער, דער בלויער מלאך, דער מלאך דער פאַרקלערטער,
וואָס טויט פון מיליאָנען זעט ער, געשריי פון מיליאָנען הערט ער,
גיט אַ קוק אויפן ס ו ף — און רעדט אַרויס צוויי ווערטער:
ס'איז גוט.

און אים קעגנאיבער — אַ מלאך אַ פאַרטרערטער,
וואָס ווייס אַיעדנ'ס טויט און דעם שטילסטן אוי דערהערט ער.
דער טרויעריקער מלאך — אַלץ טרויעריקער ווערט ער,
און ס'פאַלן פון די ליפּן אים אַרונטער אַ פּאָר ווערטער:
מוחל דעם קץ.

## אָן גאָט און אָן אַ ייד

דער פאַרטאָג האָט זיך צופלאַקערט
איבער דעם קוואַדראַט פון אַ וואַרשעווער הויף.
אַ סטאַדע צעשראָקענע שאָטנס
האָט שטיל געטאָן אַ לויף
פון אַלטע ווענט אַראָב.
דער בוים, דער איינציקער בוים,
האָט רויט זיך צעלאַכט.
אַ ווינט האָט געבראַכט
ריחות פון גויישע מרחקים.

פאַר רב בערישן, דעם אַלטן חסיד,
זיינען פויגל און זון און מרחקים
געווען זאַכן פון עכו״ם.
געוואוסט האָט דער אַלטער,
אַז פויגל און זון און די אַלע זאַכן,
וואָס שפּילן, לייכטן און לאַכן
ווי טויזנט גליקן,
וואַרטן מיט הכנעה, אַז אַ ייד
זאָל גאָט זיי שענקען, זאָל זיי געבן תיקון.

איז ער געווען פון די ותיקין.
פלעגט ער זיך פעדערן
אַ הייליקן תיקון צו געבן יעדערן:
דעם איינציקן בוים אויפן הויף,
דעם ווינט, דעם פּאַרטאָגיקן וואָלקן, וואָס ברענט
איבער דער מויערס אַלטע ווענט.
אין זיינע הענט,
די הענט פון אַ שוואַכן בן־אדם,
איז דער שליסל צום טויער געווען —
צום טויער פון חסדים.

וואו איז זיין תפילה? זיין תיקון וואו איז?
מאָרד, מאָרד, מאָרד.
זיין תפילה, זיין וואַרשע, דער ייד אַליין —
אויסער וועלט, אויסער צייט, אויסער אָרט.
נישטאָ מער דער ייד, מע הערט נישט זיין קול —
און נישטאָ ווער עס זאָל
געבן אַ זין דער זון,
שענקען אַ גאָט דעם טאָג.

ניו־יאָרק, 1944

## די לעצטע וויטקייט

זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז ס׳איז די צייט
פון אינגלישע גראַמען און אינגלישן טרויער,
ווען אַלץ איז נאָך אומבאַשטימט, וואַרעם און לעכציק.
אָט איז די מויער, די וואַרשעווער מויער,
דאָס הויז שליסקע זעכציק.
אָט איז דאָס העפּטל, דאָס גרינע העפּטל,
וואו ס׳ווערן פאַרשריבן די יונגע ווערטער.

און אָט — די עריזער
פון וואַנדערייען און טרוימערייען:
אָט איז דער שלאָגבוים און די ראָגאַטקע,
און אָט די פעלדער אַרום אָכאָטע,
און שוואַלבן און בוימער און דער גערוך
פון פרילינגדיק־שוואַרצער בלאָטע.

אַלץ איז פשוט
און אַזוי פאַרבאָרגן.
די וועלט ווערט געבוירן
יעדן פרימאָרגן.
גאָט זיצט ביי זיין אָפענעם הויכן געצעלט
וויזאַווי דער וועלט.

און אַלץ איז גלייך אינטערעסאַנט:
אַ וואָלקן געפורעמט טשעקאַווע,
ביילקע׳ס הייסע האַנט,
ס׳גראָטעסקע פנים פון ש. ל. קאַווע,
די דינע פענסנע
אויף דער שלאַנקער נאָז פון ראָזנבוים טערעזע,
און דרויסן אויפן לאַנד —
דער הויכער זילבערנער פּוס פון אַ ברעזע,
אַן אָוונט־זון, אין גאָלדענע טיכער געהילט.
אַלץ איז פּאָעזיע, אַפילו די שילד,
די קליינע שילד אויף דער טוואַרדע:
פּאָמאָשטשניק פּריסיאַזשנאַוואָ פּאָווערענאָוואָ
נאָי פּרילוצקי.
און גוט איז צו זען,
ווי פּרץ שטורעמט פאַרביי
פון דער גמינע אַהיים אויף צעגליאַנע.

פון צעפלאָסענע מאַאיקע וואָלקנס אַפער
ווינקט אַ גאָלדענע פאַננע.

די שכנה האָט געהערט: איך שרייב צום גראַם.
פאַרשטייט זי: דאָס מאַך איך מן־הסתם
די לידלעך פאַר די הויף־זינגער.
גיט זי צו דער מאַמען זיפצנדיק אַ מאַך:
„כ׳על ענק פרעיגן אַ נאַרישע זאַך.
נאָכוואָס האָט עטץ געלאַרנט ענקער אינגל
אַזאַ ביטער שלאַכט פאַך —
מאַכן לידלעך פאַר די זינגער אָף די האַיף?״

דער קליינער בראָניע׳ס אויגן
פינקלען עלעגיש. די ליפּן זיינען שטייף
פון בייזקייט אויפן טאַטן, דעם ראַדזימינער חסיד.
אַ וואָך אַ גאַנצע לייענט זי ראָמאַנען
און שבת קוקט זי פון באַלקאָן
מיט אַ דאָרשטיק־לאַנגן האַלז, ווי ביי די שוואַנען
אין זאַקסישן גאָרטן.
דאָס קוקט זי פון באַלקאָן אין די מרחקים,
דאָס בליקט זי צום ד אָ ר ט ן ,
בליקט פאַרבענקט, פאַרליבט, פאַרוויינט.
אָ, אין די ווייטקייטן טוען זיך וואונדער אָפּ!
אויך איך האָב אַזוי געמיינט,
בראָניע פון דער פאַנסקע.

ווי געפּלאַצטע קינדער־באַלאָנען
ליגן אַלע ווייטקייטן ביי מיינע פיס.
כ׳בין שוין לאַנג נישט זייער שקלאַף.
איין ווייטקייט איז געבליבן נאָך: די ווייטקייט
פון יענער זייט מענטש און יענער זייט באַשאַף.
פון מיין אַנגסט און ענגשאַפט
קוק איך צו דער ווייטקייט יענער — צו דער לעצטער —
מיט דער זעלבער בענקשאַפט,
ווי דו האָסט געקוקט אַמאָל
שבת פון באַלקאָן אַראָפּ,
בלייכע בראָניע פון דער פאַנסקע.

## אויף די חורבות

ביסט דו דאָס, מוטער רחל, מוטער אָן קינדער?
אויף שוואַרצע שטיינער זיצסטו אַ פאַרלאָשענע.
פאַרשטאַרטע, צוזאַמענגעשלאָסענע
ליגן די הענט אויף דיינע קאַלטע קני.
הויבסט זיי צום געבעט נישט מער —
טויט איז אַלץ סיי ווי.

זעסטו די נאַכטיקע, די עלנטע אָט־די?
ס׳איז די נשמה פון אהרן בן־הלל.
אַן אַרונטערגעשאָסענע
ליגט זי אויף אַ באַרג מיט יידן־אַש.

צי אויס די קאַלטע פינגער,
נעם זי צו זיך אויף דיינע קאַלטע קני,
און זאָל זי מיט דיר נאָך־אַלעמדיק נאַכטן,
נישט טראַכטן פון קיין אינדערפרי —
נעם זי צו זיך אויף דיינע קאַלטע קני.

ביים סיני איז זי געשטאַנען אַמאָל —
ווי קאָן זי נישט גלויבן? זי גלויבט!
נאָר וועט זי אים לויבן נאָך ווען,
ווי זי האָט אים געלויבט?
וואָלט זי אין אים נישט געגלויבט,
וואָלט איר לייכטער געווען.
זי אָבער ווייס: ער איז דאָ.
און זי ווייס, אַז ער האָט געזען.

אַלץ האָט ער געזען,
איז אַליין אין מאַידאַנעק געווען,
האָט זיי צו די אויוונס באַגלייט —
וואו איז ער נישטאָ?
זייער לעצט געשריי געהערט
ווען עמלק׳ס פייער האָט זיי פאַרצערט,
און — גאָרנישט, אייטל גאָרנישט.

און נישט געוויזן האָט זיך מיר דער גייסט
פון קיינעם פון זיי,
צו זאָגן מיר: דאָס טו, כדי צו קאָנען לעבן!
ניין, פאַרכטיק שווייגן זיי,
און בלויז דרשנים ציען גלעקער,
גלאָקיק לייגן זיי
דעם לעצטן שקר,
און די דיכטאַרעס דיכטן.

פרעך טראָגט זיך עשו׳ס קול, הקול קול עשו,
און הענט, ידים ידי יעקב, שרייבן.
עס שרייבן און באַשרייבן לעצטע הענט
ווי אַ פאָלק איז געוואָרן פאַרברענט,
שרייבן, באַשרייבן, פאַרשרייבן.
פאַר וועמען? פאַר דעם צוקונפטיקן הער היסטאָריקער,
וואָס וועט קאַלט ווי אַ שרץ
זיך גריבלען אין אַש און געפינען
אַ געלערנטן תירוץ —
אַ פראָפעסאָר אַ באַברילטער און אַ האָריקער.

און ער איז דאָ — איך ווייס, אַז ער איז דאָ!
און כ'ווייס: ער זיגט, אין אַלע אייביקייטן זיגט ער!
אין זיין דועל מיטן שטן
שטיי איך צו זיין רעכטער האַנט,
און ווייל דער שטן קען אים גאָרנישט טאָן —
שיסט דער שטן מיך, זיין סעקונדאַט.
איך פאַל —
און טריאומפאַל
גייט אויף אַ הללויה.

און קינדער לאַכן נאָך. ער דאַרף נאָך קינדער
אויך איצטער, אויך אַצינדער!
ער דאַרף מגוגס און גוג'ן —
און ס'וואַרטן בראָכן, ווייבער קינדלען,
מערדער מאָרדן און עס שווינדלען
דעמאַגאָגן —
ס'ענדערט זיך די וועלט זיינע אַ האָר נישט.
גאָרנישט,
זעקס מיליאָן מאָל גאָרנישט!

מגוגס — לייען: מאָגויגס; גוג'ן — לייען: גאָגן

## טרעבלינקער פסח

די דייטשן מאַכן א קאָמעדיע: זיי גיבן אונדז מעל אויף מצות. מיר'ן געקראָגן ווין. ס'ווערט אָפּגעריכט אַ סדר. ס.ס.־מענער קומען אַריין אויף עטלעכע מינוט אין באַראַק, קוקן זיך צו, לאַכן הויך. דרויסן בלאָזט אַ ווינטל. די אויוונס פלאַקערן. עס ברענען אין דער נאַכט צען טויזנט יידן. און מיר — ריכטן אָפּ דעם סדר לויטן דין.

**(פון אַ באַריכט)**

מה נשתנה הלילה הזה? — — —
היינט איז די נאַכט פון ערשטן סדר.
אָנגעטאָן האָט זי זיך, די נאַכט,
אין אירע פרילינג־בלויסטע קליידער.

שטורמיסטן קומען צו אונדז אין באַראַק.
זיי האָבן געגעבן אונדז מעל אויף מצות.
מיר פראַווען דעם סדר. עס פינקלט ווין.
זיי קומען, זיי לאַכן הויך, די נאַציס.

מה נשתנה הלילה הזה?
פרעג דעם דייטש — ער איז דער באַשיידער.
ער הייצט מיט אונדז זיינע אויוונס איין
לכבוד דער נאַכט פון ערשטן סדר.

מיר ווייסן: אויך מיר וועלן ווערן אַש.
מיר וועלן פאַרשווינדן מיט די מיליאָנען.
נאָר דיינע זיינען מיר ביז צום סוף
און פּראַוועון דיין סדר ווילאַנג מיר קאָנען.

## קדיש אין טויט־וואַגאָן

אין אַ טויט־וואַגאָן אַ פאַרפלאָמבירטן,
אַ פאַרדראָטיקטן מיט שטעכיק דראָט,
שטעלט זיך אויף אַ ייד און רעדט צו גאָט:
כ׳פיר ליכט מיט זיך. דו זעסט? איך צינד זיי אָן.
מיר אַלע אין וואַגאָן
וועלן זאָגן קדיש
נאָך זיך אַליין. יתגדל ויתקדש
שמיה רבא. — — —

אָן געוויין
האָבן אַלע קדיש אָפּגעזאָגט נאָך זיך אַליין —
און גאָט האָט זיך געשטעלט
זאָגן קדיש נאָך דער וועלט.

## תפילה לאהרן

ווי קאָן איך לעבן? ס׳איז דיין וועלט געוואָרן טמא.
ווי קאָן איך שטאַרבן? טויט
איז נאָר צו לעבן אַ הקדמה.
טראַכט אויס פאַר מיר אַן עפּעס
מחוץ דעם טויטס לעבן און דעם לעבנס מיתות,
און לייג מיך דאָרט אַריין —
לייג מיך אַריין און פאַרשליס עס.

פאַרשליס מיך — און פאַרליר די שליסלען.
פאַרגעס, אַז כ׳האָב געהערט
צו דיין געשאָכטן פאָלק ישראל,
אַז פאַר מיר אין די אויגן
האָסטו אויפגעריסן דריי טויזנט יאָר.

פירסט דאָך אוראַלטע חשבונות
מיט יעדער יידישער נשמה,
בעט איך דיך: פאַרגעס
דעם חשבון פון מיינע גלגולים
און יאָג מיך נישט פון תיקון צו תיקון
איבער די ברענענדיקע בריקן,
וואָס פירן צו דיין אחרית הימים.
פון דעם אייביקן קריג
צווישן יעקבס שר און אדומס שר
לאָז מיך אַרויס,
ווי עס שטייט: מחני־נא —
מעק מיך אויס,
מספרך — פון דיין ספר,
אשר כתבת — וואָס דו האָסט געשריבן
און וואו דו האָסט אויך מיך אַריינגעשריבן.
זאָל זיך דאַכטן,
אַז כ׳בין קיינמאָל אין דיין ספר קיין אות נישט געווען.
נישט אין דיין עולם תחתון,
נישט אין דיינע עולמות עליונים,
נישט אין וועלטן געוועזענע, וועלטן רואינען,
אין ערגעץ זאָל מען נישט געפינען
קיין זכר אפילו
נאָך אהרן בן־הלל:
ווי דאָס זויג־קינד אין קישן,
אַזוי זאָל ליגן מיין נשמה
אין ערגעץ אַ צווישן,
און נישט וויסן פון קיין טרער און פון קיין תפילה.
אויב דו האָסט מיינע דריי טויזנט יאָר
געלאָזט פאַרברענט ווערן אין גאַז־אויוונס אין פוילן,
ווילסטו אפשר אָנהויבן אַ נייע וואָר,
פרישע טויזנטער יאָרן מלחמה,
אַז אין שלאַכט קעגן עמלק׳ן זאָל ווידער
בלוטיקן מיין יידישע נשמה,
און אַז איר פיין, איר גרוילן־גאַנג צום תיקון
זאָל די טרייב־קראַפט זיין
פון דיינע געטלעכע פאַרבריקן.
בעט איך דיך:
זאָלסט מיך אין ערגעץ מער נישט שיקן.
אין אייביקן דעמער פון מיין חומר היולי,

ווייט פון דיינע טרייסטן,
ווייט אויך פון די ערדישע קליפּות די דולע,
לאָמיך קיינמאָל נישט געדענקען מער טרעבלינקע
און פאַרגעסן אַן גאולה.

1944

## געשריבן אין אַ ניו־יאָרקער פאַרנאַכט 1942

פאַרנאַכט,
נאָך מיין טאָג'ס פאַרלוירענער שלאַכט,
ווען איך קער מיך אום אין מיין צימער
פון אַן איינזאַמען מענטש,
וואָס אַמעריקע איז זיין מאָדנע יענע־וועלט,
גיב איך אַ טראַכט
וועגן אים אַליין, דעם באַשאַפער פון דעם אַלעם.
אויך ער, דער איינזאַמער,
איינזאַם צווישן שרפים און גלגלים,
קערט זיך אום ווי איך
נאָך זיין טאָג'ס פאַרלוירענער שלאַכט,
קערט זיך אום צו זיין יענער־וועלט פאַרנאַכט,
און גיט אַ טראַכט
וועגן מיר, אַ מענטש פון כלו־כל־הקיצין.*
בלייבן מיר ביידע אַזוי זיצן
אַליין מיט'ן גאָרנישט,
און ביידע וואַרטן מיר, דער גאָרנישט
זאָל מיט נייעם בראשית זיך צעבליצן.

* כלו כל הקיצין — לייען: קאָלו קאָל האַק'יצן.

## נישטאָ קיין טרויערן אויף צו באַטרויערן

נישטאָ קיין טרויערן אויף צו באַטרויערן
דעם גרעסטן חורבן פון ירושלים.
די גאַנצע אומה איז ירושלים,
פאַרברענט האָט די טומאה אָט דעם ירושלים —
און וואו זיינען טרערן פאַר אַ תשעה־באב אַ נייעם?
אַ קדיש נאָר האָב איך פאַר אייך, וועלטן, אַ נייעם
נאָך דעם גרעסטן חורבן פון ירושלים.
אַ קדיש נאָך דער קדושה, אַ קדיש נאָך ישראל:
יתגדל ויתקדש שמיה רבא דישראל!

## נאָכקלאַנג צו „ביינאַכט אויפ'ן אַלטן מאַרק"

דער דיכטער
(פּרצעס שאָטן):

נאַכט איבער פּוילן... ווידער בין איך דאָ,
ווידער בין איך אויפן מאַרק דעם אַלטן.
מתים מיינע, וואו האָט איר זיך באַהאַלטן?
איך, באַשווערער, קום אויפסניי באַשווערן.
לאָזט זיך זען! לאָזט זיך הערן!
אויפגעשפּילט זאָל ווערן
די אַלטע שפּיל — —
געדענקט איר? פון אַלע קברים
האָב איך אייך באַשוואוירן,
געוואָלט אייך געבן
וואָס איר האָט פאַרלוירן...
אַ נאַכט האָב איך געכישופט,
געזוכט די אבידה, געמיינט, אַז געפונען —
פאַרטאָג מיט'ן האָן־קריי
זייט איר צערונען.
פאַרלאָזט דעם מתים־מאַרשאַל,
דעם אויסגעלאַכטן קאָמאַנדיר...
און דאָך — ערגעץ מוזט איר נאָך זיין.
ס'מוז נאָך פירן אַ טיר
פון אייך צו מיר —
טאָ פּראַלט זי אויף און קומט אַריין,
קומט אַריין, קומט אַריין,
מתים פון מיין דור,
שאָטנס פון מיין וועלט.
כ'האָב אייך באַשוואוירן! כ'האָב אייך באַשטעלט!
שוועבט אָן, שוועבט אָן, איר געשטאַלטן!
פאַרוואָס אָן ענטפער? פאַרוואָס אַזוי שטיל?
וואָס האָט פּאַסירט דאָ אויפ'ן מאַרק דעם אַלטן?
די נאַכט דערקענט מיך נישט,
איך דערקען נישט די נאַכט —
וואָס האָט זיך דאָ אַזוינס געמאַכט,
אַז מיר דערקענען זיך נישט?

געזאַנג פון ערגעץ:

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן.

אַז גאָט לאָזט פאַרברענען זיין פאָלק ישראל,
גיין די גוימלעך טאַנצן.

דער דיכטער:

פון וואַנען, ליד, פון וואַנען?
וואָס ווילסטו?
כ'האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען...
מלאך פון טויט, גיב אַ שווים ווי אַמאָל
אויף זיידענע פליגלען — און ברענג מיר אויף זיי
אַלטע ליבע, אַלטן וויי,
פון יידיש־פוילישן טאָל
די געשפענסטער, די קלאַנגען,
אַלץ, וואָס פאַרגאַנגען
און נישט צעגאַנגען.
געראַנגלען, פאַרלאַנגען...
הוריות... שאָטנס אויף שניי...
די מתים מיינע ברענג מיר —
וואָס בין איך אָן זיי?
מיין דור וויל איך צוריק.
זאָל זיין שאָטנדיק־זיסע מוזיק
מיך, דעם מכשף, פאַרכישופן...
זאָל זיין, אַז מיטן ערשטן קריי
וועלן זיי ווידער פאַרשווינדן,
אַבי פונסניי זאָל זיך צינדן
דער אַלטער מאַרק
אין פיבערדיקע פייערן...
אַבי צו פאַרנעמען דעם טייערן
געמורמל פון שאָטנס, וואָס זיינען געווען
מיין פוילן, מיין יידיש פוילן...
וואָס אונטער דיינע פליגלען איז פאַרהוילן,
מלאך פון טויט,
צי אַרויס,
באַווייז
איבעראַנייס.
דעם איבער־ייד ווייז מיר, רב שלמה'ן,
דעם ליכטיקן שבת־ייד ווייז,
וואָס אַרום אים האָבן ווייס
געפלאַטערט מיינע טרוימען.
ווייז ס'קלעזמערל מיט דער פידל אין האַרץ,
ס'כלה־מיידל, וואָס העפט ס'פּרוכת,

די אַלטע בעלי־בתים מיט די אייזערנע מוחות
און גאָלדענע עטרות,
פאָלק, וואָס לאַכט
אין זיין טיפן קעלער מיט צרות,
דעם קלויזניק ביים שטענדער,
דעם בטלן, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין איך
און קאָן אים נישט כאַפּן,
און די, וואָס גייען לינקס צו רעוואָלוציע,
און די, וואָס באַגערן צו ציון דער היים,
און די, וואָס בלוטיקן געהיים
זייער יחיד־וואונד אויס,
און דעם זינדיקן אין פאָליש אויף דער קייט,
און אַלץ, וואָס האָט מיך באַגלייט,
אַלץ, וואָס איז אין פיין און געזאַנגען
מיט מיר געגאַנגען — — —
שוועב אָן, דו מלאך! רויש אויף!

**מלאך־המות:**

ווער רופט עס מיך פון גאַז־אויוון אַרויס?

**דער דיכטער:**

אָ, קום —
און ווייז מיר מיין וועלט! האָסט געדופּטיקט אַמאָל
ווי אַ בלום
אין גאָטס האַנט —

**מלאך־המות:**

בראַנד — בראַנד — בראַנד —

**דער דיכטער:**

— — — און ליב איז מיר געווען דיין וואוילגערוך...
וואָס צעגערסטו? וואָס גאַפּסטו?
אויסטערליש קוקסטו מיך אָן.
וואָס האָט פּאַסירט?
וואו זיינען דיינע פליגלען?
וואו די שטערנדיקע תהומות פון די אויגן?
ווי נאַקעט דו ביסט, ווי הויל!
גרויל — אָפּגעפליקטער גרויל —
אַש און קויל —

**מלאך־המות:**

נישטאָ מער אַמאָל און אַמאָליק!
די פליגלען מיינע האָט עמלק

פאַרברענט מיט דיין פאָלק בייננאַנד.
פון גאַז־אויוון קום איך. מיין נאָמען איז בראַנד.
אויס בית־עולמס,
אויס תכריכים, אויס קדיש, אויס קבר־ישראל,
אויס שטילער שוידער,
אויס כישוף־פלעמל, מתים־געזעמל,
אויס יענע־וועלטיקער ניגון,
יענע־וועלטיקע רו.
אויס בר־מיננס, וואָס לעבן אין פיבער־נעכט אויף
אויף דער באַשווערונג פון אַזעלכע ווי דו.
קיינער פון די דייניקע נישטאָ —
נישט אַלט, נישט יונג,
נישט פרום, נישט אומפרום, נישט רעכטע, נישט לינקע.
נישט קיין מלאך בין איך, נאָר אַ לעצטער „אוי"
פון אַ ייד פאַרברענט אין טרעבלינקע.

פעברואַר, 1945

## נאָכאַלעמען

פוסט און וויסט און הויפנס מיסט,
שטיינער, ביינער, ציגל.
ס'קינד פאַרברענט — און אויפ'ן מיסט
וואַלגערט זיך דאָס וויגל.

שערבלאַך גלאָז און הויפנס אַש,
שוואַרצע זוילן פוילן.
אַז נישטאָ שוין מער די פיס —
ווער באַדאַרף די זוילן?

ליגט אַ האַמער אָן אַ שמיד —
ווי זשע קאָן ער שמידן?
ווער דאַרף אַ היטל אָן אַ קאָפּ,
אַ טלית אָן אַ יידן?

## ווי ס'איז נישטאָ קיין נאָמען צווישן נעמען...

ווי ס'איז נישטאָ קיין נאָמען צווישן נעמען
פאַר יענעם זעקס־מיליאָניקן פאַרלענד,
וואָס וואָלט באַדאַרפט צעטרייסלען די אַטאָמען, —
אַזוי זיינען נישטאָ אַזעלכע הענט,

וואָס קאָנען זאָלן זיי נקמה נעמען
פון די, וואָס אויך פאַר זיי איז קיין שום נאָמען
נישטאָ אין קיין שום גיהנם, קיין שום סדומ׳ען.
נאָר ווי באַלד דו, גאָט, האָסט זיי באַשאַפן —
מוזסטו די נקמה אויך באַשאַפן,
און זיין זאָל זי אַזאַ, אַז אַלע וועלטן זאָלן גאַפן,
אַזאַ, וואָס דו, נאָר דו, ביסט זי בכוח צו נקמה׳ן.

## ווען ס׳האָט די טומאה דיך געפירט צום פייער

אין אַן אָרעמער דירה,
ערגעץ אויף אַ זייטיקער וואַרשעווער גאַס,
האָב איך די זיידענע רחל,
די שיינע, די הויכע, די שלאַנקע,
אַנטדעקט כמעט ווי אין שפּאַס,
און מיט יונגע האָפערדיקע רייד
אויפגעוויזן איר, ווי צוויי מאָל צוויי,
אַז קיין שום ווייטיק טוט נישט אייביק וויי,
און אַז זי טאָר דאָס לעבן זיך נישט נעמען
(זי האָט עקשנותדיק דערפון געטראַכט),
מחמת ס׳טאָגט נאָך יעדער נאַכט
און מחמת ס׳איז כדאַי
צו זיין מאַיאיק אין מאַי
(ס׳האָט אַ מאַי־טאָג געקיניגט אַ בלויער
פון יענערזייט הויף, פון יענער זייט מויער).

און דערנאָך איז געווען אַזוי:
אין וואַלד, אין אַ זומער־טאָג,
איז זי צווישן שפּילנדיקע זון־פלעקן געשטאַנען,
און ס׳האָט איר האַלדז אַרויסגעלויכטן
ווי דער האַלדז פון שוואַנען,
און שרעקליך האָט זי זיך געשעמט
צו זאָגן, אַז זי האָט מיך ליב.

זי האָט געשוויגן אויף אַ קול.
כ׳האָב זיך געמאַכט נישט הערן.
ס׳האָט געשראָקן מיך דער עול
פון איר מעלאַנכאָלישער שיינקייט,
וואָס האָט (שוין נאָך מיין רייד־נצחון)
אַלץ געצערטלט איז זיך אַ פאַרבענקטקייט
נאָך טויט, נאָך א ו י ס.

כדאַי איז,
יאָ, כדאַי צו לעבן, רחל, —
נאָר קען איך פאַר דיין לעבן טראָגן דאָס אַחריות?
בין איך דען כביכול?
אַזוי האָב איך מיט יונגער כיטרעקייט געטראַכט,
און געלאָזט זי רייסן נערוועז־שעמעוודיק די בלעטלעך
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן וואונדערליכן קאָפּ —
(ביטער זייט איר, יוגנט־טעג, און געטלעך).

אַזוי בין איך אַוועק פון רחלס מעלאַנכאָליע.
יאָרן שפּעטער האָט געפאַנגען מיך די טייערסטע,
מיין איינציקע, מיין טאָליע.
כ'האָב געהאַט מיין היים, און רחל — אירע.
ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָלידער דאַמע,
איז זי געוואָרן באַלעבאַטיש־דיקלעך.
צייטנווייז האָט זי אַליין מסתמא
געמיינט, אַז זי איז גליקליך.
נאָר געוואוסט האָב איך, איך איינער,
אַז ס'ליגט נאָך אין איר בלוט פאַרטאַיעט
די אַלטע בענקשאַפט נאָכן טויט
און לויערט ווי אַ חיה.

און פלעג איך טרעפן זי אַמאָל,
פלעגט טעלעפּאַטיש גיין צו מיר איר טענה:
אין די זעלבסטמאָרד־יאָרן מיינע
האָסטו מיט גרויס געפיל
מיך איבערגערעדט. האָסט גערעדט —
און מיך צוריק אַריינגעצויגן אין דער שפּיל,
און געגלויבט האָב איך דיר, דעם פּאָעט,
נאָר באַלד דערנאָך האָסטו די מאַגד דיינע גע'גט,
כאָטש זי איז קיינמאָל דיין ווייב נישט געווען...
האָסט אויפן לעבנס באַראָט מיך געלאָזט
ווי אַ פויגל אויפ'ן פראָסט —
פאַרוואָס האָסטו מיך שטאַרבן נישט געלאָזט?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רחל, ווען ס'האָט די טומאה
דיך געפירט צום פייער
מיט אַלע זין און טעכטער פון מיין אומה,
צי האָסטו מיך געשאָלטן, הלמאַי
כ'האָב דיר געהייסן לעבן —
אַמאָל, אין יענעם ווייטן טאָג פון מאַי?

אויב ס'איז אַ זינד געווען, רחל,
טו איך תפילה אַצינד:
דאָרט, אויף יענער זייט לעבן,
טו מיר פאַרגעבן
מיין זינד.

נאָר אויב ס'איז אַ מצוה געווען, נישט קיין חטא
(איצט דאַרפסטו דאָך וויסן),
טאָ טו פאַר מיר תפילה און בעט,
אַז איך, וואָס אַזוי בייז האָט מיך צעביסן
מיין יאוש, דער שד,
זאָל זוכה זיין צו גלויבן פונדאָסניי —
ווי אַמאָל, אין מאַי —
אין יענע רייד, וואָס כ'האָב צו דיר גערעדט
דאָרט, אין דיין אָרעמער שטוב
(פאַרשוואונדענע הייליקע שטיבער!),
ווען כ'בין אויף אַ שטול אויף אַ לאָמער
געזעסן דיר קעגנאיבער —
און געיאָגט פון דיר, רחל, דעם יאָמער,
און געיאָגט פון דיר, רחל, דעם טויט.

## שוצקעלער־ליד

סירענעס יאָמערן. אפשר לאַכן זיי?
באָמבעס טאַנצן און טאַנציק קראַכן זיי.
ס'לעבט דער טויט און דער מענטש פאַרשווינדט.
אין שוץ־קעלער זיצן מאַמע און קינד.

חלומ'דיק ווייזט זיך צום קינד אין קעלער
אַ דרויסן אַ גרויסער, אַ רויטער, אַ העלער.

מאַמע, ס'מוז גוט זיין אַ באָמבע צו זיין!
כ'וואָלט מיר געפלויגן אַרויס און אַריין
און וואָלט געזען, ווי די וועלט פאַלט איין.

מאַמע, ס'מוז גוט זיין דער באָמבע דער פרייער!
פליענדיק פייער, פליענדיק פייער.

מאַמע, ווען איך וואָלט אַ באָמבע געווען —
וואָלט איך געפלויגן זוכן דעם טאַטן.

מאַמע, וואָס שווייגסטו? ס'וואָלט פריילעך געווען,
כ'וואָלט אויף די פליגלען גענומען דעם טאַטן
און זיך צוריקגעיאָגט — איינס, צוויי, דריי —
שנעל צו דיר, מאַמע, אַלץ שנעלער און שנעלער.
דרויסן מוז העל זיין — אַזוי ווי אין מאַי.
דרויסן מוז שיין זיין — אַזוי ווי אויף בעלער...
נישט אמת, מאַמע? אַזוי ווי אויף בעלער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַמע, פאַרוואָס זיינען באָמבעס פריי —
אַזוי פריילעך און פריי —
און אַ קינד מוז ליגן אין קעלער?

## אַ נאָכגלאַנץ

די זון איז נישט געווען מער. טיף אין ים איז זי פאַרגאַנגען.
בלויז נאָכגלאַנצן פאַרשמאַכטע זיינען נאָך געהאַנגען
צעקרימט און נישט־פונדאַניק.

איך האָב געוואוסט, ווען כ'האָב געקוקט אויף יענע גלאַנצן,
וואָס האָבן טויטערהייט געפּראוווט אַפילו טאַנצן:
אויך איך בין אַזאַ נאָכגלאַנץ, אויפן תהום פאַרהאַנגען,
אַ נאָכגלאַנץ פון מיין אומה'ס זון, וואָס איז פאַרגאַנגען
אין בלוט־ים פון מאַידאַנעק.

## קדיש נאָך מיר

נשמות פון קדושים, זאָגט קדיש נאָך מיר,
דעם מת, וואָס גייט־אום אויף דער ערד.
איך בין אייער קדיש נישט ווערט,
נאָר אויב צווישן טרערן, וואָס נישט מיין אויג,
נאָר מיין בלוט האָט נאָך אייך געטרערט,
איז כאָטש איינע געווען, וואָס איר האָט דערזען,
וואָס איז ליב אייך געווען ווי אַ גרוס:
טאָ זאָגט קדיש נאָך מיר אין איר זכות.

## אַ שאָטן אין וואַרשע

דער מענטש, וואָס זיצט דאָ איצטער אין ניו־יאָרק
און שרייבט אין שפּעטער נאַכט די ווערטער אָט־אָ־די,
עפּנט אַ טיר, וואָס איז שוין לאַנג נישט הי,

אין אַ וואַרשע, וואָס וועט מער נישט זיין,
טאַפּט אַ וואַנט, וואָס פֿאַספּאַריזירט אָן ממשות,
בלייבט שטיין פֿאַר געשפּענסטיקע פּאָרטרעטן,
האָרכט, צי ס'פּייפן נישט מייז
הינטער שוואַרצע טאַפּעטן,
און וואַקלט זיך צווישן בעטן,
וואו קיינער ליגט נישט.
פון אַ לאַמטערן קעגנאיבער אויף דער גאַס
פאַלט אַ געלער פּאַס,
לויפט פּאָראויס, ווייזט דעם וועג צו אַ שרייב־טיש,
טייטלט אויף אַ שטויביקן כתב־יד,
און אין כתב־יד — אויף אַ נישט־פאַרענדיקטער שורה:
די שורה ליגט ווי אַ מת,
וואָס מ'האָט נישט געבראַכט צו קבורה.
ווי אַ פאַרטאָגיקער חלום בלייכט די קיך.
איך קריך
אויף פיר
אַרום אַ הויכער טיר;
דערנאָך
שטיי איך און וואַש זיך ביי קראַנען,
וואָס זיינען שוין לאַנג נישט פאַראַנען.

דער שוואַרצער גלאַנץ
פון טעלעפאָן־טרייבל טוט מיך דערמאָנען
אַלטע נומערן פון טעלעפאָנען.
זאָל איך אָפּרופן, זאָגן, אַז איך בין געקומען?
אין טאָפּ די בלומען,
אין טאָפּ די פאַנטאָמיקע בלומען,
דערהערן מיין געדאַנק און באַנג
שעפּטשען זיי אויס זייער שרעק:
נישט וועק.
ס'אַ זינד.
פון זינט
דייטשע באָמבעס האָבן זיך געשאָטן
איבערן הויז,
האָט דאָ קיינער נישט געטראָטן.
שטער נישט, שאָטן.
גיי אַרויס.

ענטפער איך:
כ'בין אַ מענטש אין ניו־יאָרק און אין וואַרשע אַ שאָטן,
אַן אייביקער שאָטן אין אַ נישט־פאַראַנען הויז.
ניין, כ'קען נישט פון דאַנען אַרויס,
פון דעם נישט־פאַראַנענעם הויז
אין אַ געוועזענער וואַרשע.

ניו־יאָרק, 1944

## מערדער פון געשפענסטער

צווישן צאַנקענדיקע שימערן,
שאָרך פון שאָטן און פּייף פון מויז,
האָב איך געוואַנדערט איבער צימערן
פון אַ הויז.
איז אַ לויערדיק געשפענסט
אַרויסגעשפרונגען פון אַ ווינקל
און ביים האַלדז מיך אָנגעכאַפּט: דערקענסט?

האָב איך זיך צעשריגן: מערדער פון געשפענסטער,
קום און הרג'ע דאָס געשפענסט!
מערדער פון גע —

און כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט. ביים ברעג פון בעט
בין איך געזעסן און צו זיך גערעדט:
אַ געשפענסטער־מערדער... אויב אַזאַ מין פאַך
איז פאַראַן, וואָלט עס געווען אַ וואוילע זאַך.
כ'וואָלט דינגען אַזאַ איינעם, ער זאָל הרג'ענען די רוחות,
וואָס פייניקן מיין מאָדנע עקזיסטענץ:
אַ לעבן נאָך דעם אומקום פון אַ פאָלק און אַלע ליבסטע,
אַ לעבן נאָך אַ לעבן אַ פאַרברענטס.
וואו קריג איך אַזאַ מערדער?

1946

## זונטיק אויף וואַשינגטאָן סקווער

אַ שטייפער יענקי אין אַ פּאַנאַמע —
און ביי זיין זייט, מיט איר הינטל, אַ דאַמע,
וואָס וויגט זיך קאָקעטיש אויף הויכע פּיס.

אַ בלאַנק־באַקראַגנטער פינצטערער נעגער
מיט אַ רויז אין לאַץ,

טונקעלע ברילן און געלע שיך,
און אַ יונגע נעגערטע — אַ שלאַנקע קאַץ —
זיצן אויף אַ באַנק, פלוישן הויך און גיך.

דער שאָפער זיצט אינעווייניק אין קאַר.
אין קאַר שפילט ס'ראַדיאָ.
ער לייענט אַ בלאַט.
אַ זינגערין זינגט אים פון ליבע —
נאָר ער הערט נישט. ער לעזט די געשיכטע
פון דעם נייסטן מאָרד אין עפעס אַ שטאַט.

דער פאָרטער פון נאָענטן האָטעל
שטייט, מער ווי שטענדיק, צערעמאָניעל
און גאָר באַזונדערס עלעגאַנט,
מעשה מיניסטער פון אַן עקזאָטיש לאַנד.

אַ פאַרטראַכטע מולאַטין מיט אַ רינג אין אויער
רייכערט אַ ציגאַר, לאָזט רויך פון נאָז
און איז פול מיט טרויער.

עס דרעמלט איבער אַ יידיש בלאַט
אַ קליינע זקנה אין שפאַקולן.

ס'איז זונטיק. ס'איז מאַי.
פאָרלעך אויף פאָרלעך אין וואַשנגטאָן סקווער.
אַ מיידל מיט אַן אָפגעשניטענעם פוס
גייט שפאַצירן אויף קוליעס.

דער באָס, וואָס גייט צו ריווערסייד דרייוו,
איז געפאַקט. מע זיצט
אויף דער אָפענער אויבערשטער פלאַטפאָרם.
אויסגעפוצטע מיידלעך, שווייסיק און רייף.
אַ נעגער־יונג בליצט
מיט פולע שיסלען פון ווייסלען.
גאָטס וועלט איז אין גוטער פאָרם.

ס'איז זונטיק. ס'איז מאַי.
פאָרלעך און פייגל אויף וואַשינגטאָן סקווער.
אויך אהרן צייטלין איז דאָ דערביי —
ווער ווייס, וואָס מיט אים איז דער מער.
אויך ער איז דאָ דערביי —
ווי קומט ער איבערהויפט אַהער?

אַ וועלט האָט ער געהאַט, אַ וועלט פאַרלוירן.
זיין וועג — פאַרהוילן.
עס טאַנצט פאַר אים אַ וואָרט,
אַרומגעהילט מיט פלאַמען פון מאָרד,
אַ סיגנאַל, אַן אַקאָרד:
פּוילן.

1942

## שלאָף־ליד צו זיך אַליין

שלאָף איין, שלאָף איין,
אהרן דו מיין!
דיין וועלט איז פאַרשוואונדן.
טליענדיקע רעשט,
דער ווינט פאַרלעשט
אויך דיך, אויך דיינע
טליענדיקע וואונדן.
דיין וועלט איז פאַרשוואונדן.

נישט ווייט איז זי פאַרשוואונדן.
אויף יענער זייט טיר
וואַרט זי אויף דיר,
וויל ווערן מיט דיר
פון דאָסניי פאַרבונדן.
נישט ווייט איז זי פאַרשוואונדן.

פאַר גאָט נישט זאָרג:
אַלץ וואָס ער דאַרף
וועט ער טאָן סיי־ווי־סיי.
זיין זון וועט אַרויס,
ס'וועט גרינען זיין מאַי,
קינדער וועלן לאַכן.
דו אָבער שלאָף,
שלאָף איין, שלאָף איין!
אַ צייט וועט זיין —
און אין יידן, וואָס קומען,
אין צוקונפטיקע זאַכן,
וועסטו דערוואַכן.

שלאָף איין, שלאָף איין,
קענסט גאָרנישט דאָ מאַכן.

עס וויל די פּיין
די אויגן פֿאַרמאַכן.
די וואַך, וואָס באַוואַכט
יעדערנ׳ס נאַכט,
וועט אויך דיך באַוואַכן.

אויגוסט, 1945

## בלייבן לעבן נאָך אייך...

בלייבן לעבן נאָך אייך הייסט צו ווערן באַשטראָפֿט
מיט אַ פּילונג פון שולד — און ווי ביטער די שטראָף איז!
קאַטאַסטראָפֿע... ווי עלנט דאָס וואָרט איז — אַ שפּאָט
איבער זעקס מיליאָן קאַטאַסטראָפֿעס.

פּאַר אַ זאַך, וואָס קאָן קיינמאָל נישט ווערן געשפּראַכט,
זוכט דאָס האַרץ אַזאַ טרער, וואָס איז נאָכנישט געדאַכט,
און עס בלייבט אָן דער טרער דער באַגערטער.
ס׳איז נישטאָ יענע טרער, נאָר ווי קאָן מען זיין שטום
ווען עס שטומט נישט די פּיין? דריי איך עלנט מיך אום
און קלייב ווערטער.

## אַ מ אָ ל א י ן פ ו י ל ן

אַ רויז אויפֿ׳ן דאַך,
אַ ליכטיקע נאַכט.

(פון אַ חדר־ליד)

אָט ערשט — אָט איצט —
און ס׳איז שוין אַמאָל.
ס׳איז אין צלמות,
דעם טיפֿן טאָל.
איצט — און שוין אַמאָל,
אַמאָל אין פוילן.

וואַרשע. שיעננע
זעכציק און ניין.
דער פֿאַרנאַכט גיסט אָן
פולע שויבן מיט ווייַן.
אויפֿ׳ן שמאָלן באַלקאָן
זיינען איך און דו — — —
ניין, נישט אמת.

נאָר וואו — וואו!
אין טאָל, אין טאָל,
אין טאָל צלמות,
טאָל פון אַמאָל —
אַמאָל אין פוילן.

אַ לבנה — אַ רויז,
אַ רויז אויפן דאַך.
אַ לבנה אַ רויז,
אַ ליכטיקע נאַכט.
און איך און דו,
אין דיין אויג די רו,
און אַ הימל באַשאָטן
מיט גאָלדענע נאָטן —
אַלץ שפּילט אונטער דער האַנט
פון גאָט דעם מוזיקאַנט —
הער — דו הערסט?
אָט איצט — אָט ערשט —
ניין — ניין —
ס'איז לאַנג שוין אין טאָל,
אין טאָל צלמות,
טאָל פון אַמאָל.
געווען איז עס אַמאָל,
אַמאָל אין פוילן.

פאַרצייטיקער אָט־ערשט.
אָט־ערשטיקער אַמאָל.
הער אויף, הער אויף,
די בילדער נישט מאָל!
לאַנג, לאַנג איז עס געווען,
לאַנג, לאַנג איז עס געשען,
און פינסטער, טיף און שמאָל
איז דער טאָל פון אַמאָל.
געווען איז עס לאַנג,
אין ערגעץ אַ לאַנד,
אַמאָל, העט לאַנג —
אַמאָל אין פוילן.

1946

# ליד מיט אַ שפּעטערדיקער צושריפט

## 1

## געשריבן אין האַוואַנע אין די ערשטע וואָכן פון קריג

מי זה בא מאדום
(ישעיה)

ווער טרעט עס פון אדום? פון בצרה ווער שפּאַנט?
אין בלוט, ווי אין בלומען, גייט־אויף זיין געוואַנט.
ווער פורפורט פון אדום, פון בצרה ווער ברענט?
אין איבערקראַפּט שפּאַנט ער, טראָגט בראַנד אין די הענט.

— זיי האָבן געשאָכטן, די שלאַכטער, די שעכטער,
און א י ך האָב געשוויגן — איך גאָט דער גערעכטער.
זיי האָבן געמיינט, אַז איך בין אויף דער עלטער!
אַרויס בין איך — פעלקער צו טרעטן אין קעלטער!
האָב אדום געטראָטן, האָב אומרעכט געשלאַכט.
מיין וויין איז געקעלטערט און ס'פּורפורט מיין טראַכט.
אין איבערקראַפּט טרעט איך, טראָג בראַנד אין די הענט.
איך דאַרף זייער וועלט נישט!
איך האָב זי פאַרברענט!

## 2

## צושריפט צום ליד פון האַוואַנע 39' — אין ניו־יאָרק 46'

ו ו אָ ס האָט איר געשריבן, איר גראַמענדיקע הענט?
ו ו אָ ס האָט איר געשריבן?
פאַרברענט איז יעקב בלויז — ס'האָט עשו אים פאַרברענט.
יעקב איז פאַרברענט און עשו איז געבליבן.

אויף ערד אויף צע'דמ'טער
לאָזט וואוילגיין זיך ווי פריער עשו די קאַנאַליע.
ער פרעסט און ער מערדערט, ער נואפ'ט און שטינקט,
און ס'רודערן־אַרום זיינע גדולימ'לעך די קליינע.
וואָס־זשע טוט אַ שארית־יידז ער מאַמינ'ט און ער זינגט,
זינגט לאַ־עלינו —
אפילו איצט גראַם־שטראַמט ער.

ער פרעגט צום גראַם: וואָס טראַכט אַצינד די אייבערשטע
פמליא,
און וואָס אַזוינס טוט גאָט אַז די צינורות זיינען קאַליע?

אַזוי גראַם־שטראַמט ער,
דער שכינה׳ס סאַנקילאָט.
דער אייביקער עיגול,
וואָס האַלט אים געפאַנגען,
דער עיגול הייסט גאָט.
ס׳האָט זיין אמונה
געהויבן פריער פליגל, —
איצט, נאָך איר אַרונטערקראַך, ליגט זי אין באַנדאַזשן.
זי ליגט און זי איוב׳ט — אָבער גלויבן גלויבט זי.
(די וועלט איז די געשיכטע פון גאָט׳ס קאַמופלאַזשן).

אַ מאָדנער ייד: אים טוט
אויך נאָך מאַידאַ׳נעק דאַכטן,
אַז גאָט וועט אדום טרעטן,
אַז אומרעכט וועט ער שלאַכטן.
אַ חלום האָט ער ווידער... צו זיין מחר־נמות
וועט אדום גיין דורך נייע פאַרכטיקע מלחמות,
און ס׳וועט פאַר אַלץ באַצאָלט זיין, און ס׳ברענגט דאַן גאָט
אַרונטער, —
אין געשטאַלט פון קינדער אויף ניי־ערד אויף באַזונטער, —
אַלע נשמות
פון יעקב דעם פאַרברענטן,
און איינס פון יענע קינדער ווערט דער לייגער פון זיין היכל׳ס
נייע פונדאַמענטן.

בויען וועט נאָך גאָט זיין היכל דעם צעשטערטן...
אויב נישט נאָך וועלט־קריג צוויי —
איז נאָך אַ דריטן אָדער גאָר אַ פערטן.
אשרי המחכה — ויגיע — ויגיע — — —
כוחות אייבערשטע, איר וועט נאָך וויזן, וויזן וואָס איר קענט!
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס האָט איר שוין ווידער אָט־דאָ אָנגעשריבן, כ׳בעט אייך,
הילפלאָזיקע הענט, גראַם־שטראַמענדיקע הענט!!

באַמערקונגען:

טראַכט — קלייד; עיגול — לייען: איגל; פמליא — לייען: פאַמאַ׳ליע.

# מיר יידן זיינען נישט פון אַט דער וועלט

מיר יידן זיינען נישט פון אַט דער וועלט, —
האָט געזאָגט רב נחמן, זכותו יגן, —
שטעקט אין דעם דער סוד, פאַרוואָס די וועלט
האַלט אונדז אין איין פייניקן און פּלאָגן.

אין רב נחמנ׳ס צייטן האָט מען נאָך געשלאָגן —
היינט האָט מען דערשלאָגן. היינט האָט מען פאַרברענט.
מיט זיין מאָרד־אַלכעמיע האָט עמלק
צוריקגעקערט מיין פאָלק צום עלעמענט.

פאַראַן נאָך אונטן יידן — ישראל איז נישטאָ שוין.
דאָ איז ער נישטאָ שוין מער. ער וועט
שאַפן ערגעץ נייע וועלטן, — נאָר צי וועט־אים
זען צוריק דער דאָזיקער פּלאַנעט?

אויף דעם דאָזיקן פּלאַנעט זאָל עשו זינגען,
אַ גאָט, זיין געזאַנג דיר, זיין טייוולישן געזאַנג.
זאָל ער דיך לויבן מיט מאָרד און מיט באָמבע,
מאַשין־ביקס און טאַנק.

און וועסטו זיך פאַרגעבענקען נאָך דעם ערד־לויב פון אַ ייד,
פון אונדז, די לעצטע, טו קיין שבחים נישט דערוואַרטן:
טראָג דיין עונש, גאָט. דו האָסט אַזוי געוואָלט.
נישטאָ אין אונדז קיין זאַך חוץ ווייטיק האַרטן.

האַרט אין אַט דאָס ליד ווי קאָנסטאַטירונג פון אַ פאַקט.
דאָס פייער פון טרעבלינקע האָט פאַרברענט די תפילות.
מעגסט האַלטן זיי, די טויערן דיינע, פאַרהאַקט —
ס׳איז סיי־ווי נאָך אַלע נעילות.

1944

# נישטאָ קיין לעצטע יידן און קיין לעצטע תפילות

(אַ צושריפט פון די שפעטערדיקע יאָרן)

## א

„פֿאַראַן נאָך אונטן יידן: ישראל איז נישטאָ שוין."
אין כף הקלע צווישן יאוש און אמונה
האָב איך געלאָזט מיין ווייטיק ריידן אַזאַ לשון.
נאָר ס'איז געשען דער נס, וואָס די אמונה,
אַ גאָט־פאַרלאָזענע עגונה,
האָט אים געחלומט אויף רואינען. ס'איז באַנייט
ישראל. בלויז פון צייט צו צייט
רעדט דער יאוש ווידער: אין דעם נייעם ציון
לעבט אַ פאָלק אַן אַנדערס, לעבט אַ פאָלק פון אָט דער וועלט —
ד י י ן פאָלק איז אַוועק! און ווידער נעמען בריען
וואונדן פון דער לעצטקייט. ס'ווערט פאַרשטעלט
די זון פון טאָג.
נאָר כ'ווייס: ס'איז נישט געווען נאָך אַלע נעילות.
אויף תפילה און אויף ייד איז אַלץ געשטעלט.
נישטאָ קיין לעצטע יידן און קיין לעצטע תפילות.

## ב

וויבאַלד דו אָטעמסט ווייטער — טוסטו תפילה.
דער אָטעם דיינער גופא איז געבעט.
מתפלל איז די פרי, מתפלל איז די שפעט.
יעדע רגע דאַוונט. זשומט אַ פליג אַ שטילע —
איז איר זשום אַ תפילה נישט קיין קלענערע ווי דיינע.
אויך אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא
רופט: הושע־נא. טוט דיר וויי אַן אבר,
איז זיין ווייטיק — תפילה. תפילה טוט אַ קבר.
תפילה שטילט־אַרויס פון אַ געשריי.
תפילה טוט דיין אַנגסט־געדאַנק: חלילה וחלילה.

די יענע־וועלטן די אָנצייליקע — אויך זיי
האַלטן זיך אויף תפילה.

# אחרית הימים

פון דער צוקונפט אַרויס,
פון אחרית־הימים אַרויס,
קוקן מיך אָן:
אַ פריילעכער וואָלף,
אַ הייליק שעפסעלע,
אַ ציגעלע אַ זיס,
אַ לעמפּערט, וואָס זיין הויט
ברענט מיט קאָלירן פון גן־עדן,
אַ קעלבל, וואָס מיט אים באַנאַנד
שפּאַנט אַ יונגער לייב באַשיידן,
און אין אַ כתונת־פּנימ׳ל אַ יינגעלע אַ העלס,
וואָס פירט זיי צו די וואַסערן פון פרידן,
די פעלדער פון פריידן.

זיי קוקן מיך אָן.
אין בלוטיקע רוימען
שטאַר איך ווי נאָך אַ שרפה
אַן איינציקער שוואַרצער קוימען.
וואָס זוכט ער, דער מענטש?
וואַסערן פון פרידן,
פעלדער פון פריידן?
פאַרוואונדערט
הערן זיי מיך ריידן:
„צוליב אייך האָט עס גאָט געדאַרפט
ישראל׳ס פּיין און פּאַניק,
די צוויי טויזנט־יעריקע פּאַניק?
צוליב אייך האָט מען עס געדאַרפט
בוכנוואַלד און מאַידאַנעק?
צוליב אייך האָט עס גאָט דעם טייוול
געגעבן רשות
און געזאָגט צו זיין פאָלק: פאַרברענט ווער!?
לעג־לרש איז דער סוד!
אומזין דער ענטפער!
פאַרלענדט ווער, אחרית־הימים!
ווי מיינע מיליאָנען פאַרלענדט ווער!״

אַזוי הערן זיי מיך ריידן
בעת אין בלוטיקע רוימען

שטאַר איך ווי נאָך אַ שרפה
אַן איינציקער שוואַרצער קוימען.
זיי וואונדערן זיך זייער.
זיי פאַרשטייען נישט. ווייסן נישט.
ווענדן דעם קאָפּ אָפּ פון מיר, דעם פאַרגייער,
און שפּאַנען ווייטער
און טרעטן באַרוט.
זיי איז גוט —
נישטאָ וואָס צו ריידן:
פריילעך דער וואָלף,
דאָס ציגעלע זיס,
דאָס שעפּסעלע הייליק,
דעם לעמפּערט׳ס הויט —
פול קאָלירן פון גן־עדן,
דאָס קעלבל צופרידן,
דאָס לייבל באַשיידן,
ס׳יינגעלע אין כתונת־פּסימ׳ל
פירט צו פרידלעכע וואַסערן,
און איבער זיי — אַ הימל לויטער ווי אַ צדיק תמים.
און גאָרנישט. רייד ביז מאָרגן.
ס׳איז אַלץ געענדיקט. ס׳איז אחרית הימים.

## גאָרנישט אויסער ווערטער

כ׳האָב אַ געשטאַלט געזען
פון אַ הויכן טליתדיקן ייד,
מיט אַ של־ראש, וואָס האָט ווי בראַנד־פייער געגליט.
ס׳האָבן זיינע ברויזנדיקע אויגן
מיך אָנגעקוקט פון אויבן
און בייז האָט ער אַ מאַך־געטאָן: מחבר!
הער אויף מיט דיינע וויסטע ריידערייען.
אויף די חורבות פון מיין נייעם,
מיין גרעסטן, מיין שרעקלעכסטן
חורבן ירושלים,
לאָז מיך דאָס געשריי פון וועלטן שרייען.
שטער נישט מיט דיין ווערעמדיקער ריידעריי,
מיט דיין ליטעראַטורעכץ —
שטום און שוידער ווען איך שריי!

אין שטומעניש און ציטער
בין איך געשטאַנען און אַרויפגעקוקט צו אים,
פאַרלוירן אין געוויטער
פון זיין גרים.
נאָר מיטאַמאָל איז מיר געוואָרן אַזוי ביטער,
אַז אויך איך האָב פלאַקערדיקס דערפילט,
און ווילד
האָב איך אויפגעברויזט צום הויכן שטראָפער:
אויב אונדז, די לעצטע יידן,
איז גאָרנישט מער געבליבן אויסער ווערטער,
ווי זשע האָסטו ס'האַרץ
צו ווען צונעמען ביי אונדז דאָס לעצטע העמד —
אונדזערע קליינע נעבעכדיקע ווערטער?

די געשטאַלט
האָט אויף מיר אַ בליץ געוואָרפן ווי אַ שפּיי
און מיט אַ דונער איז זי מיר פאַרביי,
אַוועקגעטראָגן ערגערצוואו איר גוואַלד.

אַליין בין איך געבליבן. כ'בין געשטאַנען אין אַ וואַלד,
אַ וואַלד מיט ווערטער אונטן, ווערטער אויבן.
כ'האָב דערהערט אַ רוישן:
ברענג, ווערטער־קלויבער, דיינע קוישן —
נעם זיך קלויבן!

און ווידער, —
אָ, לעצטע יידן, ווערטער־יידן, מיינע שוואַכע ברידער, —
ווידער ברענג איך גאָרנישט אויסער ווערטער,
גאָרנישט אויסער לידער.
1944

## ישראל'ס אַשן

ווען ירמיהו זאָל איצט זיצן אויף ישראל'ס אַשן,
וואָלט ער נישט אויסגעקלאָגט קיין איכה
און וואָלט די חורבות מיט קיין טרערן נישט געוואַשן.
עפענען דעם קוואַל פון זיינע טרערן וואָלט נישט קאָנען
גאָט אַליין. צוגלייך מיט די מיליאָנען
פון פאַרברענטן פאָלק וואָלט ער געשוויגן
דאָס געהיימסטע שוויגן.
איצט איז דאָך געשריי אפילו ליגן,
אפילו טרערן זיינען נאָר ליטעראַטור,
אפילו תפילות ליגן.
1945

## שטויב

נאַכט. כ'האָב אויפגעהערט צו פרעגן.
ס'רוען וועגן.
שטערן ווימלען.
מיינע פראַגן דרימלען
מיד
אין אַ שטומער שטאַל.
קאַלט גליט
דער לבנה'ס מעטאַל.
אַ בוימ'ס אַ שפּיץ
גליווערט.
איך זיץ,
בויג קאָפּ צו די קני:
ס'איז נאָך דער מי —
איז דער טאָג די מי ווערט?
ס'געבוירט ווער, ס'פאַרלענדט ווער — —
ערגעץ איז דאָ אַן ענטפער!
אַזוי פאַרזיכערן שטערן.
איך גלויב. איך גלויב.
נאָר כ'וועל שוין דעם ענטפער נישט הערן.
שטויב וועל איך ווערן,
שטויב.

1942

## הונט פון אָבגרונט

אין מיטן נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט: פון אַ קאָשמאַר
בין איך געלאָפן: פון אַ הונט, וואָס האָט געריסן פון מיר שטיקער
און מיך געשלעפּט אין אָפּגרונט. כ'האָב אין שלאָף געוואוסט,
אַז ס'איז אַ חלום — און איך בין פון יענעם כלב,
דעם רייסער, בייסער, פליקער,
דעם מאָנסטער פון דעם תהום, אַנטרונען צו דעם אויפזיין.
כ'האָב זיך צולאַכט: איצט טו מיר עפּעס, רשע.
ביים ראַנד פון בעט בין איך געזעסן און געשטאַרט
צום פינצטערן פענצטער. דאָרט, אונטערן פענצטער,
ביים בלייכן זוים פון שלאָפנדיקע גאַסן,
האָט ס'לעבן בייז געלויערט. ס'האָט געוואַרט
אויף טאָג, כדי צו רייסן פון מיר פאַסן.

נאָר איך האָב מער פון מורא נישט געוואוסט.
איך האָב געזאָגט: אויך דו ביסט נאָר אַ חלום.
און וועסטו, לעבן, שלעפן מיך צום תהום
און רופן: נאַ דיר, תהום, צעמאָל אים —
וועל איך באַפעלן זיך אַליין: וואַך אויף!
וועל איך באַפעלן זיך אַליין: אַנטלויף!
אַנטרינען וועל איך צו דער וואָר און וואַכקייט
פון דעם טויט — און דו וועסט בלייבן שטיין
פון יענער זייט, פון רויב דיינעם באַרויבט,
געשפענסטיק און פאַרלוירן אין דיין שוואַכקייט,
ווי יענער הונט, וואָס כ'האָב אָט ערשט און מיטאַמאָל אים
שטיין געלאָזט מיט גאָרנישט אינדערמיט
פון אַן אָפּגעהאַקטן חלום.

1943

# דער שד

הייזעריק רעדט אַ שד
צו מיר אין דער וואַכער נאַכטיקער שפּעט.
וואָס לאָזט ער נישט שלאָפן? וואָס וויל ער
מיט זיין געשפּעט,
דער הייזעריק־שטילער
שד — ?

עס וואַרפט מיך פון קאַלט אין הייס.
איך הער און הער נישט. איך ווייס נישט און ווייס.
ער שפּעט הלמאי
איך לעב כאָטש מיין וועלט איז פאַרביי.
איך גיי מיט דיר אין געוועט, —
זאָגט דער שד, —
אַז דו לעבסט נאָר מחמת רגילות...
אָדער ווייל איך, דער שד,
וויל עס...

איך וואַך — און די נאַכטיקע שפּעט
ווערט אַלץ שפּעטער.
ביז שפּראָץ אויף טאָג שפּעט ער,
דער שד.

## כ'האָב נישט געהאַט די זכיה

אַוועק בין איך באַצייטנס און פאַרהוילן
האָט גאָט פון מיר די גרוילן —
פאַרוואָס, פאַרוואָס בין איך אַוועק פון פוילן?

כ'האָב נישט געהאַט די זכיה מיט מיין פאָלק צוזאַמען
צו גיין דעם וועג פון פלאַמען,
און ס'פייניקט, ווי אַ זינד נישט צום פאַרגעבן,
די שולד פון בלייבן לעבן,
פון בלייבן לעבן און פון מאַכן גראַמען.
און ס'וועט די שולד מיך סמ'ען,
ביז כ'וועל נישט פאָלגן איינס פון דריי געשטאַלטן,
וואָס שטייען גרייט פון שולד מיך צו באַהאַלטן,
וואָס וואַרטן און וואָס רופן מיך צעגליטע:
איין געשטאַלט איז קדושה, ס'צווייטע איז שגעון,
זעלבסטמאָרד איז דאָס דריטע.

נאָר זעלבסטמאָרד איז צו שטאַרק פאַר מיר, דעם שוואַכן,
מיין קליינקייט קאָן זיך קדושה נישט פאַרגינען,
און כ'קאָן אפילו נישט אַראָפּ פון זינען.

## אין דער פרי

הײַנט אין דער פרי, אין די בראָנקס,
האָב איך זיך פאַרקוקט
אויף אַן איינציק וואָלקנדל אַ בלאָנדס,
וואָס האָט ווי אַ קינדער־קאָפּ גערוט
אין אַ ליידיק־בלויען הימל איבער קלערמאָנט־פּאַרק.
און כ'האָב אויף אַ מינוט
פאַרגעסן זיך אין גאָט
און ס'האָט זיך מיר געטראַכט אַ רגע: אַלץ איז גוט,
כאָטש אַלץ איז שלעכט,
און עס ווייס דער הימל וואָס ער טוט,
כאָטש דאָס האַרץ, וואָס האָט קיין טרייסט נישט,
שרייט, אַז ער ווייס נישט.

## אויב דו ביסט קינסטלער...

צו פלאַמינגאָס
אויף הויכע דין־לירישע מירביקע פיס
קוק איך מיך צו מיט באַוואונדער.
ווי זיכער און גרינג איז
דיין האַנט!
וואָס קאָן זיין זיכערער, רייפער און גרינגער?
עס גיסן צענויף דיינע פינגער
שלימות פון צייטיקסטער קונסט
מיט פרישער פאַנטאַזיע פון קינדער.

נאָר דערפון ווערט מיין ווייטיק נישט לינדער.
אויב דיין האַנט
איז בלויז פון אַ קינסטלער די האַנט,
האָט זי אפשר פון די קאַלכאויוונס דערפאַר
נישט אַרויסגעצויגן קינדער.

## דאָס אויג פון דער טרער

יענער טאָג האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט קאָפּווייטיק,
געגענעצט מיט פייכטן רעגנדיקן שליים.
מיין לעצטער טאָג איז עס געווען אין וואַרשע,
מיין לעצטער טאָג אין דער היים.

פאַר'ן אָפּגאַנג פון צוג אויפן ווינער וואָקזאַל
איז מיט אַ נאַס־פאַררעגנטן בוקעט
געקומען צולויפן אַ יונגער פּאָעט.
אָ, דער בלאַסער פּאָעט מיטן נאַסן בוקעט,
דער טונקעלער וואָקזאַל, די לעצטע קושן די נערוועזע,
און די טייערע אַלע, וואָס כ'האָב דענסטמאָל נישט געוואוסט,
אַז ס'איז ס'לעצטע מאָל, וואָס איך זע זיי...

לאַנג האָט מיט מיר זיך געזעגנט
מיין פרוי
און ס'האָבן אירע טרערן אויף מיין באַק גערעגנט
אבל'דיק אַזוי,
אַז כ'האָב אַ זאָג געטאָן: וואָס איז? איך פאָר
סך־הכל אויף חדשים דאָך אַ פּאָר —
וואָס זשע איז ס'געוויין?

גענטפערט האָט־זי (ווי יעדער פרט געדענקט זיך!):
כ׳קען נישט אַנדערש — ניין —
די טרערן גייען פון זיך אַליין —
עס וויינט זיך.
פאַרשוואונדן אַלץ. ווי ווינטער־צייט אַ נעסט
איז שוואַרץ מיין וועלט און פוסט.
יענע לעצטע טרערן האָבן אַלץ געוואוסט.
זיי האָבן אַלץ געוואוסט.

פון וואַנען נעמט זיך עס, דאָס גרויסע וויסן
פון אַ טרערל ציטערדיק און קליין?
מער ווי ס׳אויג, וואָס טוט די טרער פאַרגיסן,
זעט דאָס אויג פון דער טרער אַליין.

1946

## צו־גאַסט

אַ וואַרשעווער לידל
אַ סענטימענטאַלס,
ווי ערשט פון אַ פידל,
ערשט פון אַ זאַל׳ס
אָפענע פענצטער,
לאָזט זיך מיט האַסט
לויפן נאָך מיר
אין ניו־יאָרק אויף אַ גאַס.

— געדענקסט? ס׳פלעגט זי
אַמאָל מיך זינגען —
אין יאָרן יונגע,
אין יאָרן גרינגע.
איבער די יאָרן
בין איך געשפּרונגען
און זינג אַזוי
ווי זי האָט מיך געזונגען,
איך, דיין גאַסט.

— וואָס זינגסטו, וואָס ווילסטו,
לידל, דו לידל?
אַלץ איז פאַרביי שוין,
אַלץ איז פאַרגאַזט.

אויך זי איז נישט מיינע —
מיט בראַנדיק פייער
איז זי פאַרקנס'ט.

— אין יאָרן יונגע
בין איך געבליבן,
צו יאָרן שפּעטע
האָט מיך געטריבן
קומען צו־גאַסט.

און ס'לידל זינגט ווייטער.

1945

## דיין שיין געשטאַלט

אונטער אַ מצבה ליגן ביינער
און חלומען פון דעם וואָס איז פאַרביי.
זיי חלומט זיך אַ מענטשן־גוף אַ שיינער:
זיי האָבן דאָרט געוואוינט, אין גוף'ס געביי.

איך ליג אין שוואַרצן קבר פון מיין וועלט
און חלום פון אַ ליכט, וואָס האָט געשטראַלט.
מיר חלומט זיך כסדר אין מיין קבר
דיין שיין געשטאַלט.

ס'איז דאָ אַן אָרט אַזאַ וואו די פאַראַניקסט.
אין יענעם אָרט פון מלאכ'דיקן גליק —
שוין־זשע קומט דיר קיינמאָל נישט צו חלום
דאָס קבר וואו איך ליג?

## ט אָ ל י ע

זי, אַ שטאָט־קינד, האָט געגאַפט,
ווען ס'איז גאָט'ס לאַכעדיקער בויגן
אַרויסגעפלויגן פלוצלינג,
און, כאָטש אַ פאַרהאָנגענער, אַלץ נאָך געפלויגן.
דער בויגן האָט אַ שפּיל געטאָן אַ רגע
אין אירע אויגן —
אויגן פייכט ,ברייט־אָפן.
בויגן און אויגן האָבן זיך געטראָפן,
זי און דער הימל האָבן זיך געטראָפן
אין יענער רגע נאָכ'ן רעגן.

די יאָרן מיינע זיינען זיך צעלאָפן,
צוואַנציק יאָר אַנטלאָפן,
נאָר אַז איך מאַך די אויגן צו —
זע איך יענע רגע זיך נאָך רגע'ן,
די רגע נאָכ'ן רעגן.

און עפן איך זיי ווידער,
ווייס איך: אירע אויגן
זיינען אויף שטענדיק שוין צוזאַמען
מיט דעם הויכן שטראַלנדיקן בויגן,
און איך, געבויגן,
גיי אַרום דאָ אונטן,
גיי נאָך אַלץ אַרום דאָ אונטן.

1945

## צווישן פלאָצק און וואַרשע

אין נאָך־מאַידאַנעק־יאָרן אָן גאָט
זע איך אַמאָליקע יאָרן.
אַמאָל אין אַ זומער זע'מיר קאַ' פלאָצק
איבער דער ווייסל געפאָרן,
קאַ' פלאָצק מיט דער ווייסל געפאָרן.

אַן איינציק כמאַרעלע פאָרט אין דער הויך —
ווי קומט אַ ווייסל־פיש אויבן?
ס'כמאַרעלע פאָרט און די ווייסל פאָרט.
כוואַליעס ווי סטאַדעס טויבן,
אַ פישל אַ פריילעכס אויבן.

און איך אויפן דאַמפּער'ס דעק מיט איר,
דער ליבסטער פון וואַרשעווער טעכטער.
זיין חופּה די בלויע שפּרייט גאָט איבער אונדז,
די זון ווי אַ טעלער צעברעכט ער,
די זון אין דער ווייסל צעברעכט ער.

זאָל זיין מיט מזל! אויף שערבלעך זון,
אויף זון־בראָך טוען מיר פאָרן.
און ווייסל־ווינט שפּילט, און אין העלס געהילט
לויפן די גרינע ברעגעס,
מיט זיי די גרינגע רגע'ס.

גרין פינקלען די ברעגעס און ווייס איז דער טייך
און אויגן האָט זי ברוינע —
אין שענסטן פאָלקס־ליד האָט נישט געגליט
אַ פּאָר הייסע אויגן אַזוינע,
גליקלעכע, ברעניקע, ברוינע.

און אַז מיר שווימען קאַ' וואַרשע צוריק,
פלאַמט סוף טאָג איבער פוילן.
די זון צינדט אין וואַסער אַ גאָלדענע בריק
און די בריק לויפט ווייט און פאַרהוילן
צו ברעגעס — נישט ערד און נישט פוילן.

אַצינד בין איך ווייט אין נאַכט פון דער צייט,
אין נאַכט פון מיין דור פאַרפאָרן,
נאָר וויל איך — פּאָר איך מיט דיר קאַ' פלאָצק
ווי אין פאַרגאַנגענע יאָרן,
די פאַרב־און־קלאַנגענע יאָרן.

איך, דו און די ווייסל — מיר פּאָר' מיר קאַ' פלאָצק.
וויל איך — ווערט עס פאַראַניק,
כאָטש דו ביסט נישטאָ און נישטאָ מיין פאָלק
און דער סוף איז געווען מאַידאַנעק.
וויל איך — ווערט עס פאַראַניק.

פאַרוואָס פאַראַניקט אין מיר יענער טאָג?
פאַרוואָס איז ער אייביק אַצינדיק?
אין גייסט איז מאַידאַנעק אויך נישט דער סוף —
אין גייסט איז גאָרנישט פאַרשווינדיק,
אין אים איז גאָרנישט פאַרשווינדיק.

אַלץ אַצינדיקט — און וואָס איז סוף?
שטיל ווערט אין מיר ווען איך פרעג עס,
און פאַר מיין בליק נעמט לויפן אַ בריק —
זי לויפט צו געהיימע ברעגעס,
ווי די בריק, וואָס די זון האָט געצונדן אין טייך
אויפן וועג צווישן פלאָצק און וואַרשע.

## ש ט י ג ן

פון פינצטער צו פינצטער בין איך געגאַנגען...
האָב איך דערהערט אויף שוואַרצע שטיגן
דיין קול — אַזוי קלאָר ווי אַמאָל אין וואַרשע,
אַ וואַרעם־נאָענטן, אַ היגן — —
אויף שוואַרצע שטיגן.

כ'האָב דיך געזוכט און דיך געטראָפן!
אַרויפגיין וויל איך, נאָר די שטיגן —
וואו זיינען זיי? אַנטלאָפן. אַנטלאָפן.
און די נאַכט כאַפּט זיך אויף און לאַכט: ס'אַ ליגן.

ניין, איך ווייס: כ'וועל נאָך זען די שטיגן
און דענצטמאָל וועלן זיי נישט אַנטלויפן
ווי זיי זיינען אין חלום פון מיר אַנטלאָפן.
אַרויפטראָגן וועלן זיי מיך אויפן
רוקן צו דיר — צו דיין טיר, וואָס וועט שטיין
אין דער שטערן־נאַכט אָפן.

## גיב מיך פון ערגעץ ביים נאָמען אַ רוף...

דעם הייליקן אָנדענק פון
טאָליאַ (טויבע־לאה) פערלמוטער־צייטלין, הי״ד.

גיב מיך פון ערגעץ ביים נאָמען אַ רוף,
ווען ס'וועט־מיך דער מלאך פון שטאַרבן אַנטגופן.
רוף מיך ביים נאָמען אַזוי ווי אַמאָל,
רוף ווי דו האָסט מיך דאָ אונטן גערופן:
אָרליק.

קליפות וועלן בילן פון געעפנטער טיף,
אין געעפנטער הויך וועלן זינגען די שטערן.
רוף מיך ביים נאָמען פון דאָרט, וואו דו ביסט,
און איך וועל דערקענען און איך וועל דערהערן:
אָרליק...

רוף מיך ביים נאָמען! מעגסט רופן ווי שטיל,
וועלן דיין רוף מיר צו הערן נישט שטערן
נישט פון די תהומישע הינט דאָס געביל,
נישט דאָס הללויה־געזאַנג פון די שטערן.
רוף מיך!

דעם היים־נאָמען מיינעם האָט קיינער אַזוי
ווי דו נישט אַרויסגערעדט. רוף מיך ביים נאָמען!
דיין קול וועט מיך ברענגען אַהין וואו דו ביסט,
דיין קול וועט מיך פירן דורך הימלען און תהומען.
רוף מיך — — —

פון זינט ס'ווערט דיין קול אויף דער ערד נישט געהערט —
ווי פינצטער איז זי, אָט די ערד, און ווי אָרעם!
שיק מיר דיין קול — און איך טראָג זיך צו דיר
ווי פייגעל, וואָס טראָגן זיך האַרבסט־צייט קיין דרום.
רוף מיך!

יולי, 1947

## אָפּדוכט פון וואַרשעווער ווינטער אין מאָנטרעאָל

טראַמוואַיען לויפן — ס'איז קאַלט — ס'איז זיי קאַלט.
דעכער פאַרשנייטע. וואַרשעווער ווינטער.
ס'פאַרנאַכטיקט. ס'קרישטאָלט.
פון יוגנט־וואַרשע ווייטער גיט אָט באַלד אַ קום, אַ גיי
דער לאָמפּנצינדער. באַלד צינדט ער
ס'גאָלד
פון לאַמטערנעס אין שניי.

און באַלד,
פון ראָג וויזאַווי,
וועט אָנקומען — ז י,
אַ רויז
פון דער ווייסקייט אַרויס.

ניין,
זי וועט נישט קומען צוגיין.
זיי וועלן שוין קיינער נישט קומען צוגיין.
ניין.
ס'האָט זיך מיר וואַרשעווער ווינטער
מיט זיין עלעגאַנטען קרישטאָל
געחלומט אין מאָנטרעאָל.

זיי וועלן קיינער נישט קומען.
זיי זיינען געווען — אַמאָל.

## ס׳האָט אַ חלום מיך צוריקגעבראַכט קיין וואַרשע

ס׳האָט אַ חלום מיך צוריקגעבראַכט קיין וואַרשע.
וואו ביזטו, טאַליע? ווי דערפרעגט מען זיך צו דיר?

ס׳גיט עמיצער אין מיר אַ שטילן לאַד:
נאַר איינער, גאָר פשוט איז די זאַך.
ס׳איז דאַך דאָ אַ טעלעפאָן. טעלעפאָניר.

רוף איך זי אָפּ. מע גייט זי זוכן. קולות
אויף יענער־זייט פון טרייבל. כ׳וואַרט אַ דור,
וואַרט צוויי. עס טוט זיך וויגן אויף משקולות
אַלץ אין מיר. צום סוף דערהער איך קלאָר
אין טרייבל ס׳פריערדיקע קול: געפינען
האָט מען זי דערווייל נאָך נישט געפונען,
נאָר זי איז דאָ. דאַרפסט וואַרטן לענגער, וואַרטן מער.

וואַרט איך ווייטער מיט אַ צאַפּלדיק געהער.
איך וואַרט ביז ס׳נעמט מיין חלום זיך צערינען.
כ׳קום אויף פון אים ווי פון אַ טיפן ברונען
און זאָג צו זיך: זוך ווייטער. גיי און זוך.
צו איר איז ווייטלעך
ווי פון אַן אָנהייב בוך צו זיינע לעצטע זייטלעך,
נאָר זי איז דאָ. ס׳איז אַלץ דאָסזעלבע בוך.

## אַזוי הער איך אים ריידן אין געטאָ

דעם אָנדענק פון מיין בן־יחידל,
דעם קליינעם מאַלער, הי״ד.

ווען ס׳האָט דער טאַטע מיך געקושט
צום לעצטן מאָל
איז געווען פאַרטאָג
און אַ גרויסער רעגן.
ווי ווייט איז, מאַמע, קיין אַמעריקע?

כ׳האָב געהאַט אַ חלום, מאַמע.
דער טאַטע שטייט אין אַ העלן הוט.
איבער אים אַ זון ווי רויטער וויין.
ער עפנט אויף פאַר אונדז אַמעריקע
און מיר גייען אַריין.

אַזוי וועט זײַן
אויב ס'וועלן נישט הרגענען אונדז די דייטשן.

מאַמע, זאָג: פאַרוואָס האָט גאָט
באַשאַפן דייטשן?

וויין נישט. כ'האָב גלאַט אַזוי געפרעגט.
אפשר איז דאָ ביי אונז אַ בלייער?
כ'וועל דיר אויסמאָלן די זון.
כ'וועל דיר אויסמאָלן דעם טאַטן
אין העלן הוט.
מיר וועלן ביידע קוקן
אויף מיין חלום.

## אַ תפילה קאָן איך

אַ תפילה קאָן איך.
ס'האָט זי געמורמלט טאָליע בת צבי־דוב
איבער הערש־בערעלע'ס בעטל:
זאָל וואַקסן מיין זון
ווי אַ בוים אין דער זון,
און שטאַרק זאָל מיין זון זיין,
שטאַרק.

מיין דור איז אַוועק אין פלאַמען
און צו נישט איז געוואָרן
די תפילה פון אַ מאַמען.
נאָר אפשר איז פאָרט
יענע תפילה געוואָרן מקויים
אין ערגעץ אַן אָרט,
איבער ערד און עינויים,
בלוט און געוויינען.
אפשר איז הערש־בערעלע געוואָקסן
און געוואָרן אַ מאַן,
אַ בוים אויף אַנדערע פליינען,
און גליקלעך קוקט אַרויף
צו זיין שלאַנקער הויך
טאָליע בת צבי־דוב.

אפשר איז פּאָרט דאָ אַן אָרט,
וואו די תפילה איז געוואָרן וואָר —
אַ תפילה אין וואַרשע אַמאָל,
צוריק מיט אַזויפיל יאָר,
ווען איבערן קינד וואָס שלאָפט,
פאַרן גיין צו איר אַרבעט אין דער וואַרשעווער גמינע,
האָט זיך מיין טאָליע געבויגן,
ווי ס'בייגט זיך אין ציטער די שכינה
איבער דער נשמה פון אַ מענטש.

## דעם אָנדענק פון מיין זון אין די נישט־היאיקייטן

### א

### די וויינונג

ווי היענעס
האָבן איבער וואַרשע זיך צעוואָיעט די סירענעס.
קעגן לופט־אַטאַקעס האָבן זיי געוואָרנט.
ס'האָט ביז גאָר
דעמאָלט נאָך גאָט'ס צאָרן נישט געצאָרנט.
ביז מלחמה איז געבליבן אַ פּאָר יאָר.
נאָר כאָטש דאָס איז געווען פון אויספּרואוו וועגן בלויז
האָט זיך הערש־בערעלע צעוויינט אַזוי,
ווי ס'וואָלטן די מלחמה־שדים אַלע שוין אַרויס,
און אויך נאָכדעם ווי ס'האָט אויפגעהערט ס'געוואָי
האָט נישט אָפּגעשטעלט זיך דאָס געוויין.
ס'האָט געוויינט נישט ער שוין, — ניין, נישט ער.
ס'איז פאַרגאַנגען זיך אין אַ געוויין
דאָס געוויין אַליין.
געוויינט און זיך אַ רגע נישט פאַרקליינט.

די וויינונג האָט געוויינט. זי האָט ג ע מ ו ז ט.
איצט, ווען כ'ווייס וואָס ס'איז געשען דערנאָך,
ווייס איך אויך פאַרוואָס זי האָט געוויינט —
און וואָס זי האָט געוואוסט.

### ב

### די פאַרגאַפונג

ווען אַ וואָלקנדל בלייבט אין די הימלען אַליין
קאָן עס אין בלויקייט אַזוי בלייבן שטיין,

ווי ס'פלעגט מיין זון מיט די זיידענע האָר
בלייבן שטיין אין אַ חלום אויף דער וואָר.

טיף און פאַרחידושט האָט־ער געגאַפט.
ס'האָט אים באַצוואונגען עפּעס אַ קראַפט.
צי האָט־ער דענסטמאָל געזען און געהערט
די, וואָס צו זיי האָט ער פריער געהערט?
דאָרט, אין דעם שטראַליקן נישט־פאַרגיי,
געהערט שוין הערש־בערעלע ווידער צו זיי.

ג

## די געזעגענונג

מע האָט דיך אין דיין בעטל אויפגעוועקט
זיך מיט'ן טאַטן צו געזעגענען.
האָסטו אויפ'ן וועג מיר מיטגעגעבן
אַ בליק וואָס הערט נישט אויף אין מיר.

צי שטאַמט נישט יענער בליק פון דאָרטן,
וואו ס'האָט קיינמאָל גאָרנישט אויפגעהערט,
וואו דו אַליין אָנאויפהערסט?

## געשריבן אין 1946

זיי זיינען אַוועק,
נאָר פון יענער זייט ברעג
שיקן זיי מיר
פון מאָל צו מאָל
ס'ליכט פון אַמאָל:
אין מיין שפּיטאָל
נעמט בלאַנקען.

ס'ליכט פון אַמאָל
גיט אַ בלענד ווי קרישטאָל
אין דעם שפּיטאָל
פון מיין צאַנקען.

אַצינד בין איך קראַנק,
נאָר ס'דויערט נישט לאַנג
און כ'וועל קומען צו די,
וואָס שיקן ס'געשאַנק,
און זיי דאַנקען.

## צו נײַ־ישראל לאָמיר אַרונטער

פון תהומות געעפנטע וועלן בילן
דער טומאה׳ס הײזעריקע הינט.
פון הימלען געעפנטע וועלן כרובים
קוקן אויף מיר און אויף מײַנע זינד.

צווישן תהומות, וואָס ווילן מיך פֿאַרצוקן,
און ווײַטע כרובים, וואָס לאָזן נישט צו,
וועל איך אין אַנגסטן שטיין און קוקן
אויף דיר — און נישט וויסן, אַז דאָס ביסט דו.

מיר וועלן האָבן אַזויפֿיל וועלטן,
אַזויפֿיל גלגולים הינטער זיך.
אַז דו ביסט דו וועל איך נישט וויסן,
און דו וועסט נישט וויסן, אַז איך בין איך.

נאָר אָט גיט אַ ליכט צווישן אונדז אַ ציטער,
אָט גיט אַ קינד צווישן אונדז אַ שווים.
איך און דו, צבֿי־דובֿ דער דריטער —
מיר ביידע דערקענען זיך אין אים.

— אָרליק, שוין דורות נאָך מאַידאַנעק...
— טאָליע, אַן ערד אַ נײַע גרינט:
צו נײַ־ישראל לאָמיר אַרונטער —
אַ פֿאָטער, אַ מוטער און אַ קינד.

1947

## נאָכ׳ן נצחון

געשריבן 16טן אויגוסט, 1945
מיט דער פֿאָן פון שטערן און פּאַסן
איז פרייד אַרויס אויף די גאַסן —
און דונערט: זיג.

עס פליען פון טראָקס געשרייען —
זיג.
עס פליען פון טראָקס געשרייען,
די שטערן און פּאַסן ווייען,
אַלץ איז אַרויס זיך פרייען —
זיג.

אָט שפּאַנט
אַ מאַטראָס אַ גיגאַנט,
ווי אַ בוים, וואָס האָט זיך געלאָזט אין גאַנג,
באַהאָנגען מיט מוידן ווי מיט פייגל.
געשריי. געזאַנג.

טראָקס, טראָקס, טראָקס,
פּענער, טרומייטערס, צעפלאַטערטע בענדער — — —
הוראַ, הוראַ!
פרידן צו לענדער!
שאַלט, קאָנטינענטן!

שיפן סיגנאַליזירן זיג.
געדיכטע ברומיקע מוזיק
ווי פון אַ גוואַלדיקן אָרגל
שטייט אין דער לופט —
זיג!

פרייד איז אַרויס אויף די גאַסן
און דונערט זיג.
פון גיהנומ׳ס, פון גאַזן,
וואָס האָבן מיין פאָלק דערשטיקט,
קומט שטילקייט.

דער קְריג —
דער קריג איז געענדיקט.
און יידן —
זעקס מיליאָן יידן געענדיקט.
ניין, נישט געענדיקט:
איצט הויבט זיך אָן
זייער שטילקייט.

אַ וועלטקריג אַ נייער הויבט זיך אָן:
דער קריג פון דער שטילקייט,
דער קריג פון די זעקס מיליאָן.

שטילקייט דו לעצטע, תהומ׳ישע,
ברעך אויס מיט אַ קראַפט אַזוינער,
אַז שטאַרקער ווי באָמבעס אַטאָמישע
זאָלסטו אויפרייסן איבער דער ערד
און אירע באַוואוינער.

וועלטן ברעד, איבער וועלטן לויף,
ביי הימלען און תהומות מאָן אויף דיין חוב,
שטילקייט פון זעקס מיליאָן!
וועלט־קריג פון זעקס מיליאָן!

## ליד אויף צייטונג-שפּראַך

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז —
און קומענדיק צום באַשלוס, אַז —
מוז מען שלום מאַכן מיט'ן געדאַנק, אַז —
די וועלט איז אַ פּרוי פון דער גאַס
און איטלעכער גאַסן־יונג קאָן זי קויפן,
אויב איר וועט אונדז דערלויבן
זיך אויסצודריקן אויף אַזאַ מין אופן.

און אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַרנדפּונקט, אַז —
און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז —
לאָזט זיך זאָגן מיט אַנדערע ווערטער, אַז —
גאָט האָט באַשלאָסן פון אַזאַ מיסט צו אַנטלויפן,
אויב איר וועט אונדז דערלויבן
זיך אויסצודריקן אויף אַזאַ מין אופן.

און נעמענדיק אין באַטראַכט די סיטואַציע,
וואָס וואָלט זיך געשאַפן,
ווען עס וואָלט פון אָט דער וועלט אַוועק
דער, וואָס האָט זי — צווישן אַנדערע וועלטן — באַשאַפן,
מוז מען קומען צום באַשלוס,
אַז שוין דעם ערשטן מעת־לעת
וואָלט דער קראַך געווען אַזאַ,
אַז ס'וואָלט אונז נישט געהאָלפן דער פּראָגרעס.

און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז —
און באַגרייפנדיק, אַז —
מוז מען אָננעמען, אַז —
וואָס אָנבאַלאַנגט גאָט —
וואָלט ער נישט געבליבן אויף דער גאַס.
אַז ער איז דער אייגנטימער פון צאָלרייכע וועלטן,
אין דעם איז איין בליק

אויף די אויסגעשטערנטע געצעלטן —
גענוג צו איבערצייגן.
ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די לייט פון יענע וועלטן
שטעלן אויס שטראַלנדיקע פייגן
צו אונדזערע אַרונטערס פון זייערע אַרויפן,
אויב ס'איז דערלויבט זיך אויסצודריקן
אויף אַזאַ מין אופן.

און אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז —
און, פון דער אַנדערער זייט, זעענדיק, אַז —
מוזן מיר זאָגן, אַז —
סיי מיר, וואָס מיר שרייבן די שורות,
סיי די חשוב'ע לייענער און אַבאָנענטן
קאָנען גרייליך ווערן פאַרשוואונדן
פון די קאָנטינענטן.

איר זאָגט, אַז אַזוינס
טאָר נישט דערלאָזט ווערן בשום אופן?
איז אָבער די פראַגע: וואָס טוט מען, דאָס זאָל נישט געשען?
וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?
וואוהין זאָל אַ בשר־ודם אַנטלויפן?
(אויב איר וועט דערלויבן אַ רעד־צו־טאָן
אויף אַ פשוט'ן יידישן אופן).

## ט אָ מ ע ר

ס'האָט אַ יונג יידיש קינד אין אַ לאַגער
געשריבן אַ ליד. זיינען דאָרט,
אינעם ליד, געווען שורות אַזעלכע: ווער ווייס?
טאָמער איז פאָרט פאַראַן גאָט... טאָמער פאָרט...

אַן אָבגרונט פון יאָמער.
אַ פערל פון טרייסט.
אַ פערל פון טרייסט
אין אַן אָפּגרונט פון יאָמער.

ס'קאָן נישט פאַרגעסן מיין האַרץ יענעם טאָמער.

## בריף פון וואַרשעווער געטאָ

בריף פון וואַרשעווער געטאָ דערהאַלטן, באַהאַלטן אין שטילע שופלאָדן!
ביינאַכט, ווען עס גייען נשמות פון זייערע גופים אַרויס,
פאַרלאָזט איר מיט בראַנדיקן ברויז
מיינע שופלאָדן
און לאָזט זיך אַרויס
אָנקלאָגן גאָט, מיט די הימלען זיך לאָדן.

## אַ וואַרשעווער וויזיט-קאַרטל

כ׳האָב מיינס אַ וואַרשעווער וויזיט־קאַרטל געפונען
פאַרוואַלגערט אין אַ טישקעסטל. עס איז געקומען
מיט מיר צופאָרן קיין ניו יאָרק צוריק מיט יאָרן.
איך זע דעם נומער פון מיין טעלעפאָן אין וואַרשע פון אַמאָל
און טראַכט, אַז דאָרט, וואו אַלע אויפהערס הערן־אויף,
וואו די פריערס זיינען איינס מיט די אַצינדן,
קאָן מען זיך מיט יענעם טעלעפאָן,
וואָס קלינגט דאָרט און וואָס גאַנצט דאָרט ווי אַמאָל,
איינס־צוויי פאַרבינדן.

## אין וואַרשע, אַרום הויז, וואָס איז פאַרברענט...

אין וואַרשע, אַרום הויז, וואָס איז פאַרברענט,
שוין לאַנג פאַרברענט, דעם הויז, אַוואו איך האָב
אַמאָל געדאַכט, געוויטיקט און געליבט,
וועט עמעצער דערזען אַמאָל מיין קאָפּ
אין מחשבות צווישן מיינע הענט,
און אויף אַ שאָטן־טיש — אַ מאַנוסקריפּט.

און אַן אַנדערער, אַן אהרן־אליעזר׳נער,
וועט פון אַ נישט־פאַרגייאיקייט אַן אָקעאַניקער
קוקן צו זיין שפיגלונג אין אַ וואַרשע אַ געוועזענער
און אייביק אַ פאַראַניקער.

## ליד פון נאָך־מײדאַנעקשן פּחד

עס װערט געזאָגט בײַ סװעדנבאָרגן ערגעץ, אַז טײַװלאָנים
דערשײַנען אײנער פאַרן צװײטן אין אַ מענטשנס פאָרעם:
ס׳איז שד פאַר שד — אַ מענטש מיט מענטשישע דיבורים.
אין טײַװל נאַרט דעם צװײטן מיט אַן אָדמס פּנים.

די גרױליקסטע פון קליפּות, גיהנמדיק פאַנטאַסטיש,
װאָס האָבן ערשט געהיטלערט אין דעם דײַטשס מדינה,
זײַנען אין מענטשפאָרעם געזעסן אַרום שװאַרצן האַס־טיש
און בלוט געזױפּט װי ביר — מיט אַ בן־אָדמדיקער מינע.

װער קאָן די צאָל פון מענטש־פאַרשטעלטע רוחות,
װאָס עקסטאַזיק
פּראַװען זײ שװאַרץ־חתונות אין שױס פון תהומא־רבא,
און זײַנען דאָ בר־נש, און דאָרטן — אַפּגרונטיקע זשאַבע?

װער װײס װער אַלץ סע רופט זיך מענטש! אַ פּחדימדיקער
מזיק,
אַן ערב־רב־פאַרשלעפּעניש, אַ שרצדיקע פּגע,
קאָן זיצן בײַ דײַן טיש און הײסן דײַן קאָלעגע.

## סאָנעט װעגן השארת־הנפש דורך שרעק

### (נאָך אַ ליד פון חורבנ׳דיקן פּחד)

שרעק לײזט מיך אױס! בײַנאַכט, װען ס׳צאַפּט דאָס בלוט
מיר אַ קאָשמאַר
און ס׳גיט אַ מאָנסטער זיך אַ הײב, דעם קאָפּ מיר גרײט
צו שמעטערן,
אין יענער רגע װעקט די שרעק מיך אױף, די רעטערין.
זי כאַפּט מיך צו און מאַכט די נאַכט־קליפּה צו נאַר.

קאָן זײַן, אַז פּונקט אַזױ װעט שרעק מיך ראַטעװען פון גזר
אין עקסיסטענצן שפּעטערדיקע, בעת אַ מאָנסטערשער געפאַר,
װען ס׳װעט אַ לעבן אָנהײבן סאַדיסטיש מיר צו דראָען.

אײדער ס׳װעט מיך דורס׳ן צעיושעטער שגעון,
אין לעצטער רגע — װעט זי מיך אַ כאַפּ־טאָן און מיט מיר
אַרײַן אין נײַער עקסיסטענץ װי אין אַן אױפגעפּראַלטער טיר.

אַזױ װעט זי מיר טירן תמיד עפענען און טױערן
(אָ, די נאַטור — װי טײַװלדיק־סאַדיסטיש זי נאַטורט!),
און כ׳װעל דורך איר, דער שרעק, כסדר װיסן פון געבורט,
און כ׳װעל דורך איר, דער שרעק, אין אײביקײט געדױערן.

## ביים לייענען אַ פילאָזאָף

דער דענקערישער חסר־דעה
זוכט פאָרמולעס פאַר מיין געוויין.
ער שטעלט טערמינען אויף אַ מאה,
קומט מיט זיין שפרוך און זיין קמיע,
פאַרוואַנדלט גאָט אין אַן אידייע,
נאָר איך — איך וויין: כ׳דאַרף גאָט אַליין.

ווי קראַנקע קינדער זיינען ביכער:
עס שטילט אַ צאַצקע זייער וויי.
דער שכל איז אַ מאַרעוויכער,
דער פילאָזאָף — אַ בלינדער קריכער.
אָ גאָט, קום ראַטעווע וואָס גיכער,
ווייל איך פאַרגיי, ווייל איך פאַרגיי!

## צום מענטש פון מיין צייט

דו, וואָס כסדר ביסטו מטמא
די אייגענע מאַמע;
דו, וואָס דיין נשמה איז אַ גאַסנפרוי אויף ראָגן;
דו, וואָס אַזוי לאַנג האָסטו געשלאָגן
דאָס קינד אין זיך און אַזוי לאַנג
געלאָזט טויטן קינדער אין טראַכט פון דיין ווייב,
ביזט דו האָסט קינדער גענומען וואַרפן אין אויוונס;
דו לץ אויף דעם קבר פון וועלטן און גלויבנס,
דו, וואָס דו מאַכסט די וויסטע שטערן קראַנק, —
גלויב מיר: ווערסט לאַנג שוין נישט טומאה׳ן.
ווערסט אויף אייביק פאַרשטומען,
ווען ס׳גיט דיך דיין אייגענער שד אַ פאַרטרייב
אַהין, אין תהום פון דעם ת נ י ן,
פונוואַנען
ס׳איז מער קיין צוריק נישט פאַראַנען.

1945

## איך האָב אויך פאַר דיר נישט קיין נאָמען

פאַראַן ביי וואַרשאַווסקין אַ ליד,
אַלטמאָדיש און סענטימענטאַל.
אַן איינצעלנע שורה אין ליד
גייט אויף מיט דעם קלאַנג פון מעטאַל:
די וועלט האָט דעם נאָמען פאַרלוירן.

פון זינט אונדזער בראָך גייט מיר נאָך
די איינצלנע שורה אָט־די.
גייט נאָך, כאַפּט מיך אָן און דערלאַנגט
ווי גליענדיק אייזן אַ ברי:
די וועלט האָט פאַרלוירן דעם נאָמען.

ווי הייסט נאָך מאַידאַנעק די וועלט?
איך ווייס נישט, איך קאָן נישט דערגיין.
ווי הייסט נאָך מאַידאַנעק דער מענש?
דאָס ווייס אויך דער טייוול נישט, ניין.
די פאָר האָט פאַרלוירן דעם נאָמען.

פון וואַנען וועט קומען באַשייד?
אַ נאָמען אַ נייעם ווער גיט?
ווער דו נייע וועלט, נייער מענטש,
דו ייד, נאָך־מאַידאַנעקשער ייד,
דו ייד אין אַ וועלט אָן אַ נאָמען!

ווער ד ו נייע וועלט, נייער מענטש...
נאָר קאָנסטו? אַז וויי און אַז אָך!
דו האַנדלסט מיט אַש פון דיין פאָלק,
פאַרוואַנדלסט אין גראָשנס די בראָך.
איך האָב אויך פאַר ד י ר נישט קיין נאָמען!

## מיין פאָטער

גערעכנט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.

פון זיין צייט די לייט
האָבן וואַנדלען אים געזען אין מאַרק דעם יידישן,
האָבן זיי געזאָגט: נישט אַנדערש — זיינע הימלען
זיינען קיין הימלען נישט, וואָס טוט ער אויפ׳ן מאַרק?
זיי האָבן נישט געוואוסט דעם שטייגער פון די זעער.
ס׳פעלט פון עפּל הייליקע
האָט ביי מיין פאָטער זיך געפּאָרט
מיט די עפּל די געפּרויוורענע, דער ווינטערדיקער סחורה
פון אַ יידענע אָן אָרעמער: איר האַרצ׳ס געוויין
איז געווען ביי אים געגליכן
צום געוויין פון שכינתא בגלותא.

גערעכנט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.
הויך די פיגור — און ממעמקים׳דיק צוגלייך.
אַלץ אין אים פשוט — און צוגלייך פאַרהוילן.
צי האָבן נישט פאַרצייטנס זעערס פון יהודה
דעמזעלבן אויגן־בלוי פאַרמאָגט, דעם הייסן,
אַ בלוי פול בליצן, פריידן און אבילות׳ן?
געוויס איז אויך אין זייער פּנים
געווען די שיינקייט, וואָס פון ליידן קומט זי.
דער קאָפּ, וואָס איז געווען אַ שוואַרצער וואַלד,
די באָרד די וואַרעם־ברוינע,
האָבען ווייס געלויכטן אויף דער עלטער,
און ס׳האָט די ווייסקייט צוגעדעקט אַ שטורעם.
דורך די פינגער פון דער האַנט,
לאַנגע, שלאַנקע און געבויגענע אַרויפצו,
זיינען ערגעצוואו געלאָפן, ווי דעפּעשן,
געוויינען און עקסטאַזן.

גערעכנט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.
משיח׳ס צייטן האָט געזען זיין גייסט
און ס׳האָבן זיך געלאָזט צו אים דערקענען

די פנימ'ער די צוויי פון קץ:
די בראָך און די גאולה.
גאולה איז אַ מ ו ז־זאַך, — האָט געזאָגט דער מהר"ל.
ער האָט ווי דער מהר"ל געגלויבט אין יענעם מוז.
אָבער ווי פון ווייען! די גאולה גייט —
און ס'טראָגט זיך איר פּאָראויס
בראָך, וואָס אַלץ פּאַרלענדט זי.

ער האָט געזען: די בראָך — מאוימ'דיק גענענט זי.
און ס'האָט אים דורכגענומען גרויליקייט און ס'האָט זיין האַרץ
אין איינזאַמקייט געשווידערט.
אומזיסט האָט ער גערופן: ס'קומט אַ בראָך.
אומזיסט גערופן: לאָמיר ממתיק־זיין מיט תפילה
די האַרבע דינים פון משיח'ס צייטן.
אַ בוים, פון פייגל אַ פּאַרלאָזטער,
האָט ער איינער און אַליין געהויבן
צום הימל בעטנדיקע הענט,
אָפּרופן, אָפּזינגען און אָפּדאַוונען געפּרוּאווט
אַ גזר, וואָס האָט געשיקט צו אים סיגנאַלן.

פון אַ צווייטן צימער פלעג איך אָפט
מיך צוהערן צו זיינע תפילות.
ס'האָבן הונדערטער ניגונים זיי באַגלייט,
ניגונים פון חב"ד און מערנאָך אייגענע,
פון דער תפילה גופא ערשט געבוירענע,
ניגונים ווי מלאכים,
וואָס הויבן זיך און נידערן. אָט שפּילן זיי די פלייט —
אָט וויינען זיי — און פּלוצלינג
קלינגען זיי ווי מיט כלי־זיין:
זיי לאָזן זיך אַרויס אויף אַ מלחמה,
פון אַ מענש אַן איינזאַמען געפירט,
אַ מלחמה קעגן קליפּות, וואָס באַלאַגערן
די וועגן צו דער תשובה.
עס דאַכט זיך: נאָך אַביסל און די קליפּות
וועלן אָנהייבן, ווי הימלען ווי פּאַרטאָגיקע,
זיך זילבערן. ס'וועט שווינדן זייער נאַכט.
נאָר ניין, ס'איז נישט די צייט נאָך.
שטילער, שטילער
ווערן די ניגונים. פול ווערט ס'צימער

מיט סודות'דיקער אַנגסט,
מיט דינער שעפּטשעריי, וואָס עגבערט אין די הייכן
און אין די טיפעניש. פֿאַר דער שיף ישראל'ס,
וואָס האַלט ביים זינקען, בעט ער גאָט, און אפשר
בעט דאָס גאָט — דורך אים — ביי זיך אַליין.

געקענט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.
אויסגערופן האָט ער זיינע שרעקן
און וואָרענונגען דרויסן אין די מערק,
נאָר געזוכט האָט ער יחידים,
מיט זיי צו קלעטערן אויף בערג,
מיט זיין צו ברעכן דינים. די יחידים
זיינען נישט געקומען.
אין אַליינקייט
האָט הלל, זון פון אהרן־אליעזר
און שטערנע־ברכה, פֿאַר זיין פֿאָלק געדאַוונט.
וואָס האָבן זיי געוואוסט פון אים, די אַלע,
וואָס שטעלן־צו דער דרוק־מאַשין איר שפּייז?
געמאָסטן מיט דער מאָס פון זייער קליינקייט
האָבן זיי זיין אמת און זיין גרויס.
זיי האָבן אים לויט זיך אַליין געמאָסטן,
און אין זיין אמת אין דעם הייליקן, דעם טיפן און
דעם פראָסטן,
זייער גראָשנדל, דאָס לשונ'דל, געזוכט.
נאָך וואָס אַ ברוויזיקייט אַזאַ? נאָך וואָס
די אַלע איבערחזרונגען? וואו איז סטיליסטיק?
נאָר ער — ס'איז נישט געווען ליטעראַטורעכץ זיין באַגער.
איבערצוחזרן דאָס וואָרט, וואָס בריט אים,
איז ער נישט מיד געוואָרן, ווי עס ווערט נישט דער מתפלל
מיד צו זאָגן נאָכאַנאַנד: מיין גאָט, מיין גאָט.

בלויז ס'פאָלק האָט אים אַרויסגעפילט, כאָטש
נישט פאַרשטאַנען.
זע — אָט גייט רב הלל! שוואַרץ זיין מאַנטל
און שוואַרץ זיין קאַפּעלוש, נאָר ס'פאַלט אַ העלקייט
פון אים איבער דער גאַס. עס שטעלט זיך אָפּ
אַ ייד, נאָך אים אַ צווייטער און אַ דריטער.
מע שושקעט זיך, מע טייטלט שטילערהייט:
רב הלל גייט — רב הלל — —

געקענט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.
קיינער וועט נישט וויסן, ס'אַראַ תפילה
ער האָט געמורמלט ווען ער איז געגאַנגען —
אין טלית און אין תפלין —
הייליקן גאָט'ס נאָמען. קוק אַרונטער
פון דעם געזעמל פון די הייליקע, אָ פאָטער,
אויף מיר, פאַרשטויסענעם, דעם וואַנדלער אין דער פינסטער,
דעם לעצטן פון דיין הויז —
טו פאַר מיר בעטן! איך, דיין זון, האָב גאָרנישט
אויסער ווערטער. צו דעם שד פון ווערטער
בין איך פאַרקויפט און כ'שלעפּ די בייזע משא,
און ס'וויל נישט קוקן אין מיין זייט כביכול,
ווי כ'וואָלט געווען אַ מקח־טעות.
בלויז דיין געשטאַלט ברענגט ווידער מיר אמונה.
ווען כ'טראַכט פון דיר, נעמט פלאַטערן פונסניי
אין חושך מיר אַנטקעגן
דער חלום, וואָס איך האָב פון דיר געירשנט:
משיח'ס אָנבליק זע איך.

איך זאָג מיר דענסטמאָל: ס'האָט די נאַכטיקסטע פון קליפּות
געקראָגן מענטש־געשטאַלט, געוויזן זיך פון דייטשלאַנד
פאַר די אויגן פון די פעלקער — הײנט פאַרוואָס
זאָל דער היפּוך זיינער שוין נישט גרייט זיין
אין די הענט פון דעם,
וואָס איינס אַנטקעגן אַנדערן באַשאַפט ער,
זה לעומת זה? אין אדמ'שער געשטאַלט,
אין בלוט און פלייש, וועט זיך דער היפּוך אָנטאָן,
באַוועלטיקן דעם תוהו פון דער וועלט — — —

פאָטער, זיי מתפּלל
פאַר מיר, דיין זון, אַז טיף און טיפער אַלץ
זאָל אין מיר אַריינלייכטן די דאָזיקע אמונה,
וואָס מוז פאַרקומען אַזוי משונה
דעם איצטערדיקן דור.
און זיי מתפּלל דאָרטן וואו דו ביסט,
אַז מיין אַלטע עצבות, וואָס די בראָך האָט זי געטאָפּלט,
זאָל מיין ניצוץ נישט פאַרצוקן, נישט פאַרשטאָפּן
צינורות צו די אורות.

נישט ווערט בין איך דיין תפילה,
נאָר גראָד דערפאַר, וואָס כ'בין נישט ווערט,
ווער איך ממילא ווערט
דיין תפילה,
איך, אַ שטויב פון וועלטן פון צושטערטע.
פאַר וועמען דאַרף מען מער מתפלל־זיין
ווי פאַר נישט־ווערטע?

## דראַמעס אין אים

אַ טעאַטער־מענטש האָט ביי מיין טאַטן
אַמאָל אַ פרעג געטאָן: וואָס הערט זיך וועגן קומען
אין טעאַטער?
האָבן די וויעס ביי אים
ווי פייגל ווי איבערגעוועקטע געגעבן אַ פלאַטער.
איך האָב — האָט ער געזאָגט — מיין אייגענעם טעאַטער.

ס'האָט יענער נישט פאַרשטאַנען. איך אָבער האָב גוט
געוואוסט אויף וואָס ער איז מרמז.
ווי ער זיצט אַזוי אין זיינע דלת־אמות,
ווערן אין אים נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד, —
נישט געזען פון קיינעם, קיינעם נישט באַקאַנט, —
אויסגעשפּילט דראַמעס.

## קדושים, ווערט קינדער

כ'הער זיך צו צו דער נאַכט,
צו דער יידישער נאַכט,
און איך הער ווי זי רופט:
מתים, ווערט באַגופט.

ווערט נישט קיין פאַרשווינדער,
פאַרלאָזט נישט די ערד.
זוכט מאַמעס אויס און ווערט
מגולגל אין קינדער.
בלייבט דאָ און ווערט
דער ערדס נייע גרינדער,
דערלייזער, פאַרקינדער,
ליכטיקע צינדער
פון גאָט אויף דער ערד.

אין לעבנס נייע זאַל
אויפֿגיין אייער קול;
אין לעבנס נייע זאַל
אייער אומקום אַריין,
צו ווערן געלייטערט
ווי געצערטער וויין.
גייט נישט אַוועק
אין אַ טויט־נאַכט אַ בלינדער —
קדושים, ווערט קינדער!

1943

## און טראַכט איך פון דעם, וואָס מיט זיי איז געשען

און טראַכט איך פון דעם, וואָס מיט זיי איז געשען,
פרעג איך: וואָלט גאָט געווען גאָט,
דער האַר פון וועלטן און צייטן,
ווען ער וואָלט נישט בכוח געווען
דאָס, וואָס געשען איז, צו בייטן?

צי מוז ערשט אין אַנדערע וועלטן
דער חשבון ווערן געצאָלט?
שוין־זשע איז קיין־שום פאַרגעלטן
דאָ, אויף דער ערד, נישט געמאָלט?

קאָנסטו, גאָט, בייטן דעם עבר,
טאָ הייס, אַז דאָ, אויף דער ערד,
זאָל געשען זייער עבר אַ נ ד ע ר ש,
זאָל געשען זייער עבר פ אַ ר ק ע ר ט.

## רחמנות אויפֿ'ן אַלטן גאָט

א

ס'האָט קינדוויז מיין פֿאָטער אַ סיפור געהערט,
אַ מעשה, דערציילט פון אַן אַלטיטשקן חסיד:
א י ך בין צום רבי'ן געפֿאָרן... און ער?

עס איז אַ נשמה געוואָרן פֿאַרקאָסעט,
רחמנא ליצלן... ס'פֿאָרט אַ יונג צו דער שמד...
אַז ווי צו דער מאַמען וואָס האָט אים געהאַט...

דורך פעלד און דורך נאַכט שלעפּט דעם עלנטן וואָגן
דער סוס. און איך שווייג. וואָס איז דאָ וואָס צו זאָגן?
מיר פאָרן, מיר פאָרן. נישט הימל, נישט ערד.
מיר פאָרן, מיר פאָרן. די וועלט איז פאַרלאָשן.
פאַרלאָשן — און שווייגט. נאָר דער יונג דערלאַנגט לשון.

דאָס גרויסע געווינס, זאָגט ער, איז אים באַשערט:
ער וועט שוין נישט זיין צווישן יידן פאַרזויערטע.
ער קריגט איצט אַ הויז אויף אַן אייגן שטיק ערד
און קריגט פאַר אַ ווייב אַ געזונטע פויערטע.

אַזוי רעדט ער און רעדט ער.
גיב איך אַ קרעכץ. מאַכט ער חוזק'דיק: פעטער,
וואָס קרעכצט איר?
איז רוף איך מיך אָפּ: ס'קויפט דיך אונטער
דיין גאָט דער נייער מיט זיינע מתנות.
מיר איז אויף דעם אַלטן גאָט אַ רחמנות.

ב

אַזוי האָט דער זקן דאָרט הינטער דער בימה
אין אַלטן בית־מדרש דערציילט צווישן זקנים.
ס'איז ווינטער אין אָוונט. ביים טיש זיצן יידן
און לערנען אגדה. און הילקע'ן דעם קליינעם
קומט פאָר, אַז פון ליכט אויפ'ן טיש וויינט אַ שטימע
אַרויס צו די שאָטנס: אַז ווי צו די קינדער,
שגלו — וואָס זיינען געוואָרן פאַרטריבן
פון טיש פון דעם טאַטן, און ווי איז צום טאַטן,
וואָס האָט זיי פאַרטריבן — און עלנט געבליבן.

דאָס קינד האָט ביז דעמאָלט געוואוסט פון אַ בורא,
וואָס מאַכטיק טוט וואַסערן שפּאַלטן זיין האַנט,
וואָס בערג ווערן וואַקס אין דעם פלאַם פון זיין צאָרן,
דער ירדן אַנטלויפט און עס ציטערט דאָס לאַנד.
ער האָט נאָך די ליידן פון גאָט נישט באַנומען,
נאָר ס'האָט יענעם אָוונט זיין האַרץ זיי דערפילט.
עס גייען די יאָרן. זיין האַרץ ליגט צובראָכן.
און ווידער גייט אויף פון בית־מדרש דאָס בילד:
די זקנים אַהינטער דער בימה, דאָס ליכטל...
שוין לאַנג האָט דאָס שטעטל פאַרביטן די שטאָט,
און טרויער יאָגט טרויער און שלעכטס איבער שלעכטס,
און ס'טראָגט זיך צו אים פון בית־מדרש אַ קרעכץ —
דער קרעכץ פון רחמנות אויף גאָט.

ג

און ווילט זיך מיר לעסטערן מחמת דעם ווייטיק,
און ווילט זיך מיר לעסטערן מחמת דעם בראָד,
וואָס האָט אונדז געטראָפן, — דערשפּיר איך די צרה
פון בורא: קען זיין, זי איז שרעקליכער נאָך.
עס איז נאָך מאַידאַנעק דער בורא אַן איוב,
אַן איוב וואָס קען צו קיין בורא נישט טענה׳ן,
און טענ׳ע איך — טענה׳ט אין מיר ער אַליין.
אין אים דאָס געוויין
און אין אים אַלע פּיינען.

עס דרייט זיך משוגע אַ ראָד אין אַ ראָד,
און איבער די יאָרן, וואָס זינקען אין שלעכטס,
טראָגט זיך — און הערט זיך אויך מיר — יענער קרעכץ,
דער קרעכץ פון רחמנות אויף גאָט.

## אַ חלום פון נאָך מאַידאַנעק

א

אויך דאָס וועט ווערן פאַרגעסן, אויך דאָס.
פאַרברענט געוואָרן מיין פאָלק,
און ס׳וועט ווערן פאַרגעסן אויך דאָס.
וואו די נאַלעווקעס האָבן גערוישט —
בלאָז פון ווינט צווישן גראָז,
ווינט און גראָז.

בוימער זויפן זאַפט פון לעבנס טויטע.
צו אַ זונה אַ זון
זינגט אַ פויגל אַ שוטה.

אַ קוימען אָן אַ דאַך,
אַ קוימען אַ בלינדער,
שטאַרצט פון מיסט ווי אַן אַלטער צילינדער —
אַ צילינדער אָן אַ קאָפּ.

אויף אַ הויפן ציגל
ווי אויף אַ פּיעדעסטאַל
בלייבט שטיין, גלייך נאַפּאָלעאָן ביי די פּיראַמידן,

אַ גרויסער אומעטיקער שטשור,
קוקט אָן די אַזויגערופענע נאַטור,
אַ וועלט אָן גאָט און אָן יידן.

ביינאַכט
יאָגט זיך אַ משוגענער נאָך ווילדע קעץ,
ווערט מיד און זעצט זיך אויף די שטיינער קלאָגן:
וואו איז משיח? וואו איז דער קץ?

ב

איך קען אַ זאַץ אין אַ בריוו פון געטאָ,
איך קען אים און ווייס אים אַ טראַגיש וויסן:
„טאַנטע סכנה וואוינט דאָ מיט אונדז,
טאַנטע סכנה לאָזט האַרציק גריסן".

פאַרברענט די האַנט וואָס האָט דאָס געשריבן,
פאַרברענט אונדזער הויז, אונזער לייב צעריסען,
נאָר טאַנטע סכנה איז נישט פאַרברענט —
טאַנטע סכנה לאָזט גריילעך גריסן.

זי גריסט דיך, וועלט, פון אומעטום:
זי לאָזט דיך גריסן פון פאַרלאַמענטן,
פון לאַבאָראַטאָריע, צייטונג, בוך,
פון וויסטע גאָטלאָזע קאָנטינענטן.

זי פירט מיט דעם אַטאָמיקערס האַנט,
וואָס אַ שרייבער שרייבט — האָט ז י געשריבן!
זעקס מיליאָן יידן זיינען אַוועק —
טאַנטע סכנה איז געבליבן.

ג

כ'זיץ אין נאַכט פון קאָפּ ביז פיס —
און איך זע, איך זע די ט אַ נט ע.
לעש דיין קינדער־גיהנום אויס,
פוסטער ליגנער, אַלטער דאַנטע!

כ׳קען דעם גיהנום פון אַ פֿאָלק.
נאַכט פֿון ספירות, נאַכט טאָטאַלע.
כ׳קען אַ צייט פֿון ל י ק ו י ־ ג אָ ט ,*)
ליקוי־גאָט אין וועלטן אַלע.

מאַכט אַ שרעטל: בדליכא —
אַז נישטאָ — איז דאָך נישט שייך.
בדליכא — בדליכא — — —
שטום איך, נאָר אין שטומקייט שריי איך:
גאָט, וואו ביזטו? גאָט, איכה?

ד

פֿון עצבֿות ווערט דער קאָפּ מיר שווער
ווי פֿון וויין.
ער גיט זיך הין און קריק אַ וויג
ווי אַ זייגער׳ס אומרו — און דרימלט איין.

דערזע איך זיך אין אַ גערוימען זאַל.
ס׳איז די שטילסטע, קילסטע פֿון לאַבאָראַטאָריעס.
אַן אַטאָם־פֿאָרשער בין איך. קיל איז, נאָר אין מיר
שפּרינגט אַ פֿייער אום
ווי אין היטלער׳ס קרעמאַטאָריעס.

קאַלט געפּאַנצערט אין אַכזריות
האָבן פֿעלקער־צוקוקער זיך צוגעקוקט,
ווי עמלק האָט פֿאַרוואַנדלט אין אַטאָמען
מיינע זעקס מיליאָנען.

שטיי איך ביים גרעסטן פֿון ציקלאָטראָנען
און רייס אַטאָמען אויף — — —
לעצטן חשבון קום איך מאָנען.

*) יאָרן נאָכדעם, ווי די שורה איז געשריבן געוואָרן, איז אַרויס מאַרטין בובער׳ס אַ בוך (אויף דייטש): „גאָטעס־פֿינסטערניס״. דער זעלבער אויסדרוק, — אומאָפּהענגיק, פֿאַרשטייט זיך, פֿון מיין ליד. דעם זעלבן אויסדרוק האָב איך גענוצט (אין אַ בריף־אויסבייט מיט ש. ניגער׳ן, געדרוקט אין וואַרשעווער זשורנאַל „גלאָבוס״) מיט יאָרן פֿריער פֿאַר דער פּאָעמע, און אין דעם זעלבן זינען (באַמערקונג פֿון 1965).

ערד, וואָס מאָרד פון קינדער איז דיין ספּאָרט,
בלוט־גרוב, שאַנד־הייל, סדום פון סדומ'ען!
הער מיין וואָרט:
פאַר פאַרוואַנדלען די מיליאָנען אין אַטאָמען
צאָל איך מיט אַטאָמען.
ווי עשו האָט די עופּעלעך די יידישע צעריסן
וועל איך מיט אַטאָמען דיך צערייסן —
ווער צעריסן!
טאַנטע סכנה לאָזט דיך גריילעך גריסן,
אַטאָמען צעשמעטערטע לאָזן דיך גריסן —
ווער צעריסן!

— אָמן!
מיר אַטאָמען
ענטפערן אויף דיין קללה: אָמן!
פּלאַצן זאָל די ערד, די וויסטע סתירה!
זאָל אין תהום זיך וואַלגערן איר פּגירה!
אַ סוף צו אַלדי סדומערייען אירע —
געשפּאָלטן מוז זי ווערן און פאַרשניטן!
אונדזער סוד האָט זי צעקלאַפּט,
אונדזער האַרץ האָט זי צעשניטן.
אויפגעריסן ווי אַ גנב
וואָס גאָט'ס אָרעם האָט פאַרריגלט,
נאָכגעמאַכט גאָט'ס שליסלען,
זיין חותם אַנטזיגלט.
אַ שוועסטער צו דיין הייליקער נקמה,
דער נקמה פון גערעכטן,
איז די נקמה פון דעם וועלט־סוד דעם פאַרשוועכטן —
אונדז וועט מענטש, דער עבד, נישט פאַרקנעכטן!

אַזוי צעקלינגען זיך אַטאָמען,
צעקלינגען זיך און שאַלן
אין פּלאַנעטאַרישע כאָראַלן,
ווי אין באַגינען פון באַשאַף
די בני אלהים,
און ס'פאַלן
די טענער הילכיק, טאָן נאָך טאָן,
און אַרום דעם ציקלאָטראָן
קרייזן לויז־געלאָזטע וועלטן,

קרייזן, קרייזן, צינדן זיך
אין חלל דעם צעגליטן,
טאַנצן אויס אַ ברוגז־טאַנץ,
אַ בליצנדיקן שטורעם־טאַנץ,
אַ ברוגז־טאַנץ, אַ שטורעם־טאַנץ —
און איך אין מיטן.

ה

נאָר שטום ווערט. שאַ.
איך קוק זיך אום.
פון גיי־ווייס־וואו דערלאַנגט אַ קום
אַ מלאך אַ הויכער.
אַ שקלאַפן־נומער גליט אים אויפן אָרעם,
נאָר ווי גאָטס וואָרט אין דעם ספר הספרים
קעניגן אויגן אין פנים ביי אים.
וואָס וויל ער? וואָס דאַרף ער דאָ? נאַכט איז —
מיין האַנט רייסט אַטאָמען אויף —
דיך רוף איך, שאול תחתית!

שאַ — —
דער מלאך הויבט דעם אָרעם אויף
(אין אַ טיפער גימטריא
פאַרוואַנדלט זיך דער שקלאַפן־נומער אויפן אָרעם)
און טריפט אויף מיר אַ שטילקייט אָן
ווי כלאָראָפאָרם —

ציילן הייסט ער מיך —
וואָס זאָל איך ציילן?
— נעמען פון יידישע קינדער צייל!
אַ קינד וועט דיך היילן.

ו

בלימעשי. טויבעשי. ריוועלע.
לאהניו. פייגעניו. פערעלע.
חאַצקעלע. מאָטעלע. קיוועלע.
הערשעלע. לייבעלע. בערעלע.

שאַיעשי. חיה׳שי. גאָלדעשי.
מענדעלעך. גנענדעלעך. מינדעלעך.
כ׳צייל אין דער נאַכט אין דער שלאָפלאָזער
נעמען פון יידישע קינדערלעך.

נעמען פון יידישע קינדערלעך,
רחלעך, ראַכעלעך, נעכעלעך,
געצעלעך, וועלוועלעך, וויגדערלעך,
יאַנקעלעך, יונהלעך, מעכעלעך.

קאָפּעלע, וואו איז דיין קעפּעלע?
וואו איז דאָס ליכט פון דיין אייגעלע?
וואו איז דיין הענטעלע, יענטעלע?
וואו איז דיין פיסעלע, פייגעלע?

נעמען — אָט דאָס איז געבליבן נאָר:
דבורהלע — דוואָשעלע — חיהלע.
שמערעלע — פּערעלע — סערעלע.
שימעלע — שיעלע — שאַיעלע.

ווער קאָן געפינען איצט משהלען,
שויליקן, שמוליקן, שראָליקן?
גאָט האָט אויף זיי נישט דערבאַרעמט זיך,
האָט זיי געשאָנקן עמלקן.

בלימעשי — טויבעשי — ריוועלע.
לאהניו — פייגעניו — פּערעלע.
חאַצקעלע — מאָטעלע — קיוועלע.
הערשעלע — לייבעלע — בערעלע.

אויס און נישטאָ מער די העשעלעך,
העשעלעך, פעשעלעך, הינדעלעך.
קלאַנגען, בלויז קלאַנגען, בלויז ליד־קלאַנגען —
נעמען פון יידישע קינדערלעך.

וואו איז דיין פיסעלע, זיסעלע?
ציפּעלע, וואו איז דיין צעפּעלע?
רויך ביסטו, יענטעלעס הענטעלע!
אַש ביסטו, קאָפּעלעס קעפּעלע!

ז

און ווידער שטום.
און האָרך — אַ שטים:
— האָסט מיך גערופן, פעטער?
דער מלאך גלעט אַ קעפּל שטיל —
אַ קינדער־קעפּל גלעט ער.

אַ שאָטן שטייט פאַר מיר, אַ שאָטן
פון אַ יידיש יינגעלע,
אַ דערשראָקן יינגעלע
אין אַ פאַרבלוטיקטן טלית־קטן.

— ווי איז דיין נאָמען, יינגעלע?
— האָסט ערשט געזאָגט דאָך! קאָפּעלע!
— פון וואַנען קומסטו, קאָפּעלע?
פון וואַנען, הבן יקיר לי?

— פון ד אָ ר ט ן ! כ'מוז געבוירן זיין!
דער מלאך צווינגט געבוירן זיין!
ער הייסט מיך דיין רפואה זיין —
דיינע און דער וועלט'ס —
נאָר כ'וויל נישט: כ'וויל צוריק אין שמעלץ,
כ'וויל צוריק אין שמעלץ —

— געבוירן ווערן? פאָלג אים נישט!
געבוירן ווערן? משוגעת!
פאַרמשפּט איז די ערד — און פלאַצן,
פלאַצן מוז דאָס אַלטע פאַס.
ס'אַ זינד צו ווערן אַ יידיש קינד,
אָנהויבן פון דאָסניי איז זינד.
ווערן מוז די ערד צוקראַכט
און אויף אייביק ווערן פאַרמאַכט
די יידישע טראַכט!

און אויפגעשטורעמט האָבן די אַטאָמען:
אָמן, אָמן!
פלאַצן מוז דאָס אַלטע פאַס!
רייסט עס אויף, דאָס פאַס מיט מיסט!

טראַכט פון יידישן לייב, פאַרבלייב
וויסט און פוסט! פוסט און וויסט!
קער דיך אום, קליין קאָפּעלע —
אַ שאָד, אַ שאָד דיין קעפּעלע —
דיין קומען איז אומזיסט!

צום מלאך׳ס אָרעם, צום מלאך׳ס האַרץ
האָט קאָפּעלע געטוליעט זיך,
געהויבן אַ הענטל אַ פאַרדאַרטס:

— געבוירן ווערן
נויט מיך נישט,
מאַך מיך נישט לעבן
און טויט מיך נישט!

שטריינג האָט געבליקט דער מלאך,
זיין וואָרט איז געווען מאַכט:
— גיב די ערד אים, גיב די ערד,
און אַ מאַמע׳ס טראַכט!

— אַ טראַכט פאַר דיר, קאָפּעלע!
נאָר וואָס, בן יקיר לי?
מיר פאַר דיין קעפּעלע!
מ׳עט דיך פאַרגאַזעווען!
נאָך וואָס גיין אויפסניי
אין עשו׳ס גאַז־אויוון?

— ס׳איז גורל און זכות! —
האָט דער מלאך געזאָגט. —
קאָפּעלע מוז
אין גאַז־אויוון אַריין
און פון גאַז־אויוון אַרויס,
אַזוי לאַנג, ביז ער לייזט אויס
מיט גוואַלד דעם גאַנצן מין.
מיין שליח הייסט ער,
מיט קדושה־מאַכט דערלייזט ער.
הער אויף צו נקמה׳ן!
די ערד לאָז צו־רו,
צוים איין די אַטאָמען!

קאָפּעלע מוז צוריק,
קאָפּעלע קומט צוריק
הייליקן גאָט׳ס נאָמען.
אַזוי איז דער באַפעל —
אָמן ואָמן!

ח

דער פאַרטאָג איז אין פענצטער
געהאַנגען ווייס.
אין די ווינקלעך זיינען שאָטנס
געלאָפן ווי מייז.
ס׳האָט געוואַרט אין קן־ציפור
בן־דוד׳ס טראָן.
ס׳האָט געבלייכט דער סקעלעט
פון דעם ציקלאָטראָן.
ס׳העגטל געשטרעקט
ווי אַ צווייגל אַ פאַרדאַרט,
אין פאַרבלוטיקטן טלית־קטן —
האָט ס׳קינד געוואַרט.

די אַטאָמען האָבן
געזונגען שטיל
ס׳געזאַנג פון וואַסער
אויף ראָד פון אַ מיל.
דער מלאך איז געשטאַנען
ווי זון איבער קברים.
ס׳האָט די גמטריא
געגליט אויף זיין אָרעם.

קאָפּעלע האָט געוואַרט.
די ערד האָט געוואַרט.
לאַנג האָב איך געשטאַרט,
דער בליק פאַרשטיינט,
נישט געוואוסט וואָס צו טאָן,
דערנאָך האָב איך געוויינט — — —

און אָט האָט־איר מיין חלום.

1946

## אַן אַזכרה־אָוונט

גלייך ווי אַ פּאַווע צעגעמט אירע פעדערן
גיט ער, דער רעדנער, די הענט אַ צענעם,
טעאַטערט מכוח דעם קידוש־השם,
דעם חורבן, דעם ה אָ ל אָ ק אָ ו ס ט , וואָס — באַדאַרף יעדערן
אויפטרייסלען, יעס, אָן שום חילוק פון שטאַם,
גלויבן, געשלעכט און קאָליר (טראַמטאַטאַם!),
אויב ער פאַרמאָגט נאָר אין זיך טאָלעראַנץ...
אָ, טאָלעראַנץ, טאָלעראַנץ, טאָלעראַנץ!
(ווען יאָסל לאָקש האָט שפּאַצירט איבער דראַזשנע
מיט פליגלען צוויי פון אַ טויטער גאַנדז
אָנשטאָט די שטעק־שיך — האָט ער מסתם
אויסגעזען פונקט אַזוי וואַזשנע).

די פראַזן קויקלען זיך, דונערן, רעדערן.
דער רעדנער מאַכט סעמ'ען
ווישן די ברעמען.
ס'אַראַ פאַרנעם!
אַ לייב פון לייבן! אַ צעדער פון צעדערן!
ד אָ ס דאַרף מען קאָנען —
טראַכט מיט באַוואונדערונג סעם. —
ווי גוט ער ווייסט צו ה ע נ ד ל ע ן די קעיס
פון די זעקס מיליאָן!
ווי פיין ער קאָן
ד ע ר ל אַ נ ג ע ן טרויער!
נישט אומזיסט איז ער אַ לאָיער.

## מאָנאָלאָג אין פלעינעם יידיש

שור בין איך אַ לאַנדסמאַן, מיסטער זאַיטלען.
אַז כ'בין אַוועק פון וואַרשע, מיינדזשיו,
האָבן אַלע ווייבער נאָך געטראָגן שאַיטלען
און אַלע יידן האָבן געטראָגן בערד.
אויף דער גאַס איז געלאָפן אַ טראַמוואַי מיט פערד.
ביי העקסלמאַנ'ען האָט אַ מיטאָג געקאָסט אַ ריבל.
סוחרים זיינען געזעסן אין קאַנאַרעק'ס קאַוויאַרניע.
חסידים האָבן געגוואַלדעוועט אין גרערער שטיבל.
מיינדזשיו, אַז כ'פאַרגעס אַמאָל דאָס פלעינע דזשוּאיש,

קען איך נאָך ביז אַצינדער
דערלאַנגען ס'אמת'ע וואַרשעווער לשון,
הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער.

און איר, הער איך, שרייבט אויף די פּעיפּערס.
דזשואיש איז שלעכט אָפּ ביי אונדז, מיסטער.
איר מעגט האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער,
ס'טויג נישט — און דעטס אָל.
די וואַרע איז דאָ גאָרנישט ווערט.
איר אַליין זייט אָלרייט,
באָט אייער לאַין טויג אין דר'ערד.
וויפיל איר זאָלט זיך נישט מענטשלען,
וויפיל איר זאָלט זיך נישט אָלרייטלען,
וועט עס העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.
סוויטשט צו אַן אַנדער לאַין, מיסטער זאַיטלען.

צי איך געדענק
דעם עץ מיט'ן ענק?
איין קלייניקייט! באָט איך מיט מיין מיסעס —
מיר יוזן אַ דזשואיש אַ ה י נ ע ד י ק ן, יו נאָו, אַ פּלעינעם,
און ביסאַידס רעדט מען אינגליש, יו נאָו,
ביקאָז אָוו די ביזנעס און ביקאָז אָוו די קינדער.
שור, גרינערהייט האָט מען אַנדערש גערעדט,
באָט אַצינדער —
ריידן מיר אַ פּלעינעם יידיש מיט אַ פּלעינעם אינגליש.
אַלץ פּלעין.

גרינערהייט בין איך געווען נישט איבעריק זאַט.
וועל, אין יענע יאָרן
האָב איך אַריינגעקוקט אין אַ יידיש בלאַט.
ס'ליגט מיר נאָך אין זכרון
אַ שטיק פון איינעם — דזשאָסט ווי האָט מען אים גערופן?
דזשעיקאָב גאָרדן.
ס'איז אַלץ געווען אַמאָל! היינט קען איך נישט אַפּאָרדן,
ביקאָז איך בין שוין לאַנג אַ סיטיזן, יו נאָו.
ביי אונדז אין די יונייטעד סטעיטס
אַז מ'ווערט אַ סיטיזן, יו נאָו,
באַדערט מען זיך נישט מיט די גרינע זאַכן:
מען לעזט נישט מער קיין יידישן פּעיפּער
און מען גייט נישט זען קיין זשאַרגאָנישע שטיק.

כאָטש אַז מ׳זאָל אַ שמיס־טאָן ס׳אייגענע צוריק,
טויג עס דווקא גוט אין דר׳ערד,
ביקאָז עס בענקט זיך און עס געדענקט זיך.
און אַז מען מאַכט שוין געלט — איז עס עפּעס ווערט!
מיין זונדל, דער תכשיט רב מאַיק,
האַלט מיך עניוועי פאַר אַן אַלטן קאַיק.
מע האָרעוועט אויפן שוואַרציאָר, יו נאָו, אויף שדים.
מיין טעכטערל גלייכט נישט קיין יידישן באָי,

האָט זי זיך פאַרליאַפּעט אין אַן איירישן גוי,
האָב איך אייניקלעך שקצים און אַ גוי אַן איידעם.
און מיין מיסעס, מיין יידענע — דאָנטשיו נאָו האָר!
קריכט אַרום אין הויזן, ווייקט זיך אויפן ביטש,
און מאָלט זיך און פאַרבט זיך און שאָבט זיך,
און אַלץ מיט אַ קוויטש —
און ס׳האָט נישט קיין יידישן טעם.

עך, וואַרשע...
מאַראַנאָוו, באָניפראַטן...
דער פּאַוויאַק מיט די גראַטן...
נאַלעווקעס, פראַנצישקאַנער...
איטשע־מאַיער פּריוועס...
זשעלאזנע בראַמע...
אַ וואַרשעווער האָט געגליכן זיין שטאָט
ווי אַן אייגענע מאַמע.
אין חלום זע איך נאָך דעם גזשיבאָוו אַמאָל,
איך גיי מיר אַהער, איך גיי מיר אַהין,
און אַמאָל פאַרבלאָנדזשע איך קיין מאָנקעטאָוו,
וואו די וועלט איז גרין.

איז וואָס זשע הערט זיך, עניהאַו?
נישט גוט מיט יידן, האַ?
היטלער... מאַידאַנעק...
אויס וואַרשע, אויס וועלט...
אויס... אַלץ אויס...
וועל, יעס, אָבער איר פּוירסנ׳לי —
ווי מאַכט איר דאָ אויס?
שור, אייער לאַין איז אין דר׳ערד,
באָט אַ שטיקל לעבן מאַכט איר כאָטש?
וואָס? העל!

איר זאָגט, איר זייט געשטאָרבן,
באַט איר מאַכט דעם אָנשטעל, אַז איר לעבט?
וואַטדיו מין געשטאָרבן? איר מיינט צו זאָגן, אַז —
חלילה וחס —
איר זייט פלעין און סימפל געשטאָרבן?
אַהאַ, אַי גאַד'איט. ס'אַ דזשאָוק אַזאַ, אַ שפּאַס.
אַן אמת, זאָגט איר?
איז זאָגט, אין אַמעריקע זייט איר געשטאָרבן,
נאָר מ'האָט אייך נישט געטאָן אייער רעכט?
וועל, איך וועל מיך נישט שפּאַרן.
אפשר זייט איר גערעכט.
באַט עניהאַו,
געשטאָרבן, געשמאָרבן — אַ לעבן מאַכט איר?

וואָס טראַכט איר?
ס'איז אייך, זע איך, אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן.
וועל, קיינער הערט דאָך נישט —
וועל איך אייך זאָגן, מיסטער:
עפּעס בין איך אויך נישט מיט אַלעמען.
ביקאָז, נאָך אַלעמען,
אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם —
נאָר ווי לאַנג שיסט ער?
נישט גאָט — דער בעזעם מיין איך.

איר זייט דאָך אַ לאַנדסמאַן,
וועט איר מיך אפשר פאַרשטיין.
ווי איר קוקט מיך אָן — בין איך איינער אַליין,
דזשאָסט איינער אַליין,
אַן אַלטער ייד אָן אַ באָרד,
ווי אַ יאָלדישער מלך אויף אַ קאָרט,
און אין די נעכט, ווען ס'נעמט נישט קיין שלאָף,
ליג איך און ליג,
און ס'ביסל יאָרן לויפט מיר פאַרן בליק,
און איך טראַכט: אָט ליגט אַ ייד אַ נאַר,
אַ נאַר, אַ נאַר, אַ נאַר מיט אַ קאַר,
אַ ייד אין אַמעריקע.
וועיט אַ מיניט:
וואָס איז עס געווען אַזוינס, דאָס אַמעריקע?
וואָס האָט עס געמיינט —
און וואָס מיינט עס?

ס'האַרץ, בעג יור פּאַרדן, וויינט.
פאַרוואָס וויינט עס?

עד, וואַרשע...
איך בין, זאָגט איר, אויך אַ שטיקל טויטער?
ועל, כ'וועל אייך זאָגן, לאַנדסמאַן:
אַביסל זייט איר — ביטווין אַס — גערעכט.
ביקאָז היינט איז יעדער ייד אַ שטיקל טויטער,
אַ מת, וואָס שלאָפט נישט נעכט.
זיי זאָגן: מאַידאַנעק... אַלץ פאַרברענט...
רילי,
אַי קענ'ט אָנדערסטענד, אַי קענ'ט!
טאַקע פלעין פאַרברענט?
און איך, אַלטער נאַר,
איך נאַר מיט דער קאַר,
עפּעס געדענקט זיך מיר
און עפּעס בענקט זיך מיר
נאָך ווייס איך וואָס, נאָך ווייבער מיט שאַיטלען,
נאָך יידן מיט בערד,
נאָך טראַמוואַיען מיט פערד,
נאָך היימישע גריץ,
אפילו נאָך מיינע מלמדים מיט די טאַיטלען
און מיט די שמיץ,
אפילו נאָך דעם טאַטנס פּאַטש:
'עסט רויכערן שבת, יונגאַטש?
עס בענקט זיך אפילו נאָך פענסטער, נאָך ווענט —
דזשאָסט נאָך פענסטער און ווענט — — —

אַלץ פאַרברענט?
טאַקע פלעין און סימפּל פאַרברענט?
איר פאַרשטייט דאָס, לאַנדסמאַן?
נאַט מי!
אַי סימפּלי קענ'ט אָנדערסטענד!
פאַרברענט? וואָס זשע בלייבט?
מיין זינדל רב מאַיק? מיין איידעם דער גוי?
מעיבי אין פּאַלעסטאַין, יו נאָו...
ס'איז דזשאָסט אַזוי,
אַז כאָטש נעם און ווער פלעין משוגע.
וואַט די העל, ביזנעס איז אָלרייט,

אַ קערטל בראָקט מען, באָט —
מע ליגט ביינאַכט און מע טראַכט:
וואו שטעקט דאָ ערגעץ גאָט?
אין דער אַלטער היים איז ער געווען, —
זאָל ער דזשאָסט אין אַמעריקע נישט זיין?
ווי קען דאָס זיין?...

וואָס קומט אַרויס, אַז ביזנעס איז אָלרייט?
צום קבר איז נישט ווייט,
און רב מאַיק וועט קיין קדיש נישט זאָגן,
ס'עט אפילו נישט זיין קיין וואָגן.
צו דער סעמעטערי פירט מען דיך אין קאַר,
נישט אין קיין עגלה.
דער חזן מיסטער פעמפיק
וועט קאַלט און טעמפיק
מאַכן אַ מלא,
און דו וועסט ווי אין אַן עלעווייטאָר
אַרונטערפאָרן אין דר'ערד,
און ס'וועט דיך אַראָפּלאָזן אַ מאַשין,
און די קאַרס וועלן אַנטלויפן מיט אַ בהלה —
און גודבאַי, סאָ לאָנג!
נישט קיין עגלה,
נישט קיין ארון, נישט קיין מיטה,
נישט קיין טהרה־ברעט,
און דהי מעין טהינג —
נישטאָ קיין קדיש!
כאָטש גיי און דינג!

וועל, אַי דאָנ'ט גיוו אַ דעם
פאַר אַ געדונגענעם אַמעריקאַנער קדיש.
ס'איז טאַקע אָך און ווי,
באָט וואָט קען יו דו?
מ'עט שוין מוזן פוילן דזשאָסט אַזוי.
עלעהאַי זאָל זיך דאַכטן — אַ גוי.

יו נאָו, מיסטער זאַיטלען:
ווי מ'פלעגט ביי אונדז אין וואַרשע
אויף נאַכט די טיר פאַרקאַיטלען,
אַזוי איז מיין האַרץ פאַרשפּאַרט אויף אַ קייטל

פון זינט איך בין אַ סיטיזן אין דעם אַמעריקע.
נאָר ווי זאָגט מען? טעיק איט איזי.
נעווער מאַינד די טרערן אין מיין קול:
ווי לאַנג די מתים לעבן
מוזן זיי מאַכן אַ לעבן —
דעט'ס אָל!

1945

## פּאָעמע מיט אַ צושריפט

### 1

### קליינע פּאָעמע וועגן געטע און פראַו הילדע

געשריבן אין 1928

פראַו הילדע איז געווען אַ לערערן פון דייטש.
אַמאָל האָט זי געהאַט אַ מאַן.
דערנאָך האָט זי גאָרנישט געהאַט, די גע'גט'ע,
חוץ אַ הינטעלע פון פּאָרצעלאַן,
שולהעפטן און צוויי־דריי בענדער געטע
אין אַ צעבראָכענער שאַנק —
אַ פּאַרצייטישן פאַרערערס אַ געשאַנק.

פראַו הילדע איז געווען אַ לערערן פון דייטש.
פראַו הילדע האָט געהאַט אַמאָל אַ מאַן.
פראַו הילדע איז אַמאָל אַהיימגעקומען מיד
אויף איר קוואַרטיר —
האָט אַ נאַכטרעגן געקלונגען אין די רינעס,
האָט זי שלאָפן נישט געקענט און אַלץ געלאָפן צו דער טיר.
האָט זי שלאָפן נישט געקענט און האָט געהערט
אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט.
ווער קאָן וויסן, וואָס זי האָט געקלערט?
נאָר מיטן ערשטן טאָגשפּראָץ האָט פראַו הילדע
מיט הענט צעטראָגן־ווילדע
גענומען דרייען אַרום האַלדז אַ האַנטעך.

פראַו הילדע איז געווען אַ לערערן פון דייטש.
וואָס האָט אייך דען געפעלט, פראַו הילדע?

פראַו הילדע, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע, — איז אַ מלאך,
צאָלט דירה־געלט און איז אַזוי געבילדעט.
פראַו הילדע, נו, וואָס ווילט איר פון דעם האַנטעך?
דער האַנטעך ווי דער האַנטעך... וואָס ווילט איר פונם האַלדז?
פראַו הילדע, ס'שטראַלט! פון־שענקל־אַרויס שטראַלט'ס...
ס'איז קיין שאַנק נישט, קיין צעבראָכענע, די שאַנק —
ס'אַ באַנק,
אַ באַנק אַ גרינע
אונטער אַ ווייסן, קליינעם,ברייטן בוים,
ברייט ווי אַ קרינאָלינע.
ס'איז נישט דעצעמבער.
סוף מאַי — און אַ ווינט, אַ שטיפער, טוט רייסן
בליט נאָך בליט.
ער באַשיט
די באַנק מיט ווייסן, מיט ווייסן.

פראַו הילדע, גיט אַ קוק און טוט אַ קלער:

פון וואַנען קומט אַהער
דער גרויסער לאַכעדיקער הער,
דער פרישאויגיקער, מאַיאָווער זקן?
דרייט אויס דעם קאָפּ און זעט:
זאָקן הויכע, ווייסער ווי די לייכטנדיקע בליטן,
פוס פאַרלייגט אויף פוס, און הענט ווי זילבערנע באָקאַלן,
זיצט ער אויף דער באַנק און לאָזט מיט בליטן זיך באַשיטן,
מאַי־בליטן, וואָס פאַלן,
ווי יונגע געבליטן,
פאַרגליווערט צו שניי, פאַרכישופט צו שטראַלן.

פראַו הילדע, ס'קוקט אייך אָן הער געטע!
ער קוקט אויף אייך, דער אַלטער הער.
ער איז אַרויס פון שאַנק, פון צווישן בוך־בלעטער ווייס־נעטע.
פראַו הילדע, עס איז גאָרנישט אַזוי שווער.
דעצעמבער? נישט דעצעמבער.
נישט אַלט זענט איר, נישט קראַנק און נישט פאַרלאָזן.
ס'אַ ליגן.
פרייד האָט געשטעקט הינטער אייער צעבראָכענער שאַנק,
געוואַרט און געשוויגן.

פראַו הילדע, לאָזט־אָפּ דעם האַנטעך...
דער האַנטעך ווי דער האַנטעך... לאָזט־אָפּ דעם האַלדז!
צום הימל שיסט אַ פרייד, פליט, פלאַצט ווי אַ ראַקעטע...
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
בליטן ווייען... בליטן פאַלן... ליכטיק פאַלט'ס...
ס'קוקט אייך אָן הער געטע...

פראַו הילדע האָט פונסניי געלערנט דייטש.
און ווידער איז אַ שאַנק נאָר אַ צעבראָכענע — די באַנק,
געטע — ווידער אין שאַנק,
ווידער פּלוסקוואַמפּערפעקט, קאָנדיציאָנאַליס,
הענט איינגעריכט אין קרייד —
נאָר געוואוסט האָט זי, פראַו הילדע,
אַ זאַך, וואָס נישט באַקאַנט צו לייט:
אַז אַ פרייד איז פאַרשטעקט
הינטער יעדער צעבראָכענער שאַנק,
ליגט דאָרט, ליגט אַ לעבן לאַנג —
און וויל ווערן אַנטדעקט.

2

## נאָך אַ קליינע פּאָעמע, געשריבן 1946, וועגן פראַו הילדע און געהיימראַט פאָן געטע

פראַו הילדע איז געווען אַ לערערן פון דייטש.
געטע, כידוע, איז פון די, וואָס שטייען
אין דער דיכטונג'ס ערשטע רייען.
איך, ווידער, אַ ליטעראַט אין וואַרשע,
האָב געגלויבט ווי אַלע
אין געטע'ן און אין נאָך אַזעלכע געניאַלע
עגאָאיסטן.
נישט געוואוסט האָב איך, ווי קליין דער מהלך איז פון פאַוסט
ביז פויסט,
פון געטע'ס איבערמענטש צו אונטערמענטש און היטלעריסטן.
געהיימראַט געטע וואָלט אין היטלער'ס צייטן
פונדערווייטן
געקוקט ווי דייטשן ברענגען־אום די זעקס מיליאָנען.
פון ליטעראַטור האָט ער געשמועסט מיט נאַפּאָלעאָנ'ען
און אויך מיט היטלער'ן מסתם

וואָלט ער געשמועסט און גענוצט אַ וואַזשנעם,
געשליפן־טיפזיניקן עפּיגראַם.
ס'וואָלט אים נישט אַ צוק־געטאָן אַ ברעם — — —
קאָן אַ געטע
מקדש־זיין דעם שם?
קאָן ער זיך מקריב זיין?
די היטלער'ס — זיי פאַרניכטן,
די געטעס, ווידער, דיכטען,
און — ס'גראַמט זיך. אָ, די האַרן פון די ווערטער!
ווי זע איך אַצינד, עשו, דעם פאַרבינד
צווישן דיינע ווערטער־לייט און דיינע מערדער!
(ווערטער — מערדער... מערדער — ווערטער...).
געטע... קונסט... געווען בין איך אין גלות
ביי אייער קליפּת־נוגה, ווייל אַ וועג האָב איך געזוכט
צווישן יידישע און גוישע היכלות
און ווייל געירשנט האָב־איך אַזאַ טבע
צו וועלן וואַרפן בריקן
צווישן תהום און תיקון
און אויך אין קליפּות צו אַנטפּלעקן עולם־מלא'ס...*)
איצט, אַז נאָך אַ שלאָפלאָזיקער נאַכט
קום איך אויף פון מיין געלעגער'ס אומרואיקן קבר,
האָב איך טויזנט קללות —
און נאָר איין ברכה, וואָס כ'האָב קיינמאָל נישט אַזוי
געוואוסט איר אמת: שלא עשני גוי.

פראַו הילדע איז געווען אַ לערערן פון דייטש.
נאָכדעם איז דיזעלבע — ניין, אַ יינגערע — פראַו הילדע
געווען אַ מערדערן אַ ווילדע,
אַ שותּפטע צו די,
וואָס האָבן פּייגעלעך מיט חאַצקעלעך אין גאַזאויוון געוואָרפן.
וואָס־זשע האָב־איך, טפּש וואָס איך בין, געדאַרפן
מיט דעם כישוף־כוח פון אַ געטע
אַרונטערנעמען די פראַו הילדע פון דער פעטליע?

---

*) באַמערקונג (יאָר 1967): כ'בין נאָך אַלץ אין גלות ביי דער קליפּת־נוגה פון קונסט, זוך דעם זעלבן וועג, פרואוו וואַרפן די זעלבע בריקן — א. צ.

דריטער סוב־אָפּטייל

## אויף די חורבות, 2

### שטימען טראַנסרעאַלע

איינער אַליין אין דער נאַכט, אויף באַראַט פון שלאָפלאָזע שעה'ן,
זיצט אין דער איינזאַמסטער שטאָט — זיצט אין דער וועלט־שטאָט דער גרעסטער —
אהרן דער אחרון, דער לעצטער, דער זון פון הלל און אסתר.
ניין, נישט איינער: מיט אים וואַכן אויך גרויל און שגעון.

וואו איז זיין וועלט? גיי, זוך מאַידאַנעק'ס פאַרשוואונדענע רויכן!
וואָס זשע לעבט ער? ער לעבט, כדי די טויטן צו וויסן,
וויסן און נישט פאַרשטיין, קיין טרער נישט קאָנען פאַרגיסן,
וויסן און נישט דערגיין קיינמאָל דעם תוך און דעם תוכן.

ווייב נישט, קינד נישט, — אָן אחרון: ס'איז אים פון אַלעם געבליבן
נאָר אַ האַנט, וואָס שרייבט. זי האָט דאָך תמיד געשריבן —
שרייבט זי ווייטער. נאָר ס'טרעפט, עס שווימען אָן טראַנסרעאַלע
שטימען און זאָגן אַזוי: פאַרשוואונדן הייסט נישט געשטאָרבן.
פייער האַלט זיי ביי זיך. אין פייער וואוינען זיי אַלע.
ווערט זיי נאָך טרעפן אַמאָל אויף ווייטע, פלאַמיקע אָרבן.

### דאָ לעבט נאָר מיין אַסטראַל...*)

דאָ לעבט נאָר מיין אַסטראַל, קען זיין,
אַ נאַקעט לעבן פון אַסטראַלן,
בעת צווישן ברידער, גרויס אין פיין,

*) אַסטראַל (אַסטראַל־לייב) — אַ גייסט.

בין איך אין אומגליק־לאַנד געפאַלן.
דער קרייז פון פּיינען איז געשלאָסן.
געהייליקט בין איך פּונקט ווי זיי.
מיין לייב איז טויט, מיין בלוט פאַרגאָסן,
מיין שאָטן בלויז — אויף איסט בראָדוויי.

אָ, צווישן אייך איז גוט מיר, ברידער,
צו ליגן קרבנדיק און שטאַר.
כ׳האָב אויסגעקויפט די זינד פון לידער
דורך טיילן הייליק אייער גזר.
כ׳בין נישט מיט ווערטער־לאַסט באַלאָדן,
איצט בין איך גרויס ווי איר — אָן רייד,
אַ טייל פון אייער סוד, וואָס גייט
דורך בלוט און גזר צו העכסטע גנאָדן.

איך זע: אויף ערד אויף פינצטער־רויטער,
אויף שליאַכן, פול מיט גאָט און גרים,
ליגט שוין בן־יוסף אַ געטויטער —
און מיר מיט אים, און מיר מיט אים.

מיר ליגן — הייליק־שטומע ברידער,
געגלעט פון הימלס ווייטן שטראַל — —
נאָר ווי, מיין עלנטער אַסטראַל
פאַרשוועכט דעם טויט מיט נייע לידער.

## מאָרגן

מע זעט זיך מאָרגן ווידער, זומערפייגל, זאַמדן!
אַ גוטע נאַכט אייך, ביימער! גאָרטן, זיי געזונט!
צום ווידערזען, מיין העפט מיט צייכנונגען פון פערד־קעפּ!
צום ווידערזען, גרין ביידל מיט דעם שוואַרצן הונט!

צום ווידערזען, איר װענט. און האָט נישט מורא, פענצטער.
מע זעט זיך מאָרגן ווידער. וויינט נישט: ס׳איז געוויס.
צום ווידערזען, דו טיר! צום ווידערזען, דו גאַניק!
צום ווידערזען ביז מאָרגן, אויגן, פינגער, פיס!

אַזאַ מין צעטל (קאַטאַלאָגמעסיק ווי וויטמאַן)
האָט אויסגערעכנט אָוונטצייט מיין זון,
ווען ס׳איז די זון איבער דעם זומערהויז אין שווידער
געגאַנגען שלאָפן ווי אַ מידע הון.

איך הער אים ריידן נאָך — פאַרנאַכט אין שווידער.
(ווען כ׳בין פון אים אַוועק, איז ער געווען ערשט אַ יאָר אַכט.)
אַצינד, ווען וועלטן ליגן טיף אין נאַכט,
זאָג איך אים נאָך: מע זעט זיך מאָרגן ווידער.

אין אָט דער איבער־אויסטערלישער נאַכט,
ווען טייוול פראַוועט ווילדן קידער־ווידער
מיט גאָט, ווען אַלץ צעפאַלט, צעפליט, צעקראַכט,
זאָג איך: מע זעט זיך מאָרגן ווידער.

צום ווידערזען דיר, אויג. צום ווידערזען דיר, ליכט.
צום ווידערזען דיר, מענטש, אין שוצקעלער פאַרבאָרגן.
צום ווידערזען דיר, ווידער! צום ווידערזען דיר, זען!
צום ווידערזען ביז מאָרגן!

ניו־יאָרק, 1942

## אין אַ ליכטיקער רגע

בייז איז אין דער היים געווען אַ קלויסטער —
און פאַרשטאַרט.
האָבן מיך געאַרט
זיינע שווערע גלאָקן און זיין וואונד־גאָט דער געיוויזטער.
היגע קלויסטערס, גוטמוטיק־אַמעריקאַניש,
שווערן נישט אויף מיר מיט וואונדיקייט אַנטבלויזטער.

דער קלויסטער מיטן זייגער־טורעם, קעגנאיבער
מיין צימער אויף דער עלפטער גאַס,
מאַכט מעשה דזשענטלמאַן: האַלאָ, האַו דו יו דו!
קוק איך אים אָן — און ס׳לאָזט אַ רגע מיך צו רו
מיין טרויער דער צעברויזטער.
אַ שמייכל טוען די יסורים.
דער אָנהייב פון אַן אַלטן פסוק,
קהלת׳דיק פאַרדראָסיק,
קריגט אַ האָפערדיקן טייטש:
ובכן ראיתי רשעים  ק ב ו ר י ם —
ווייל דאָ אַנטקעגנאיבער ליגט ער,
טאַקע דאָ, אין דער קלויסטער־ערד, הויזט ער,
פעטער סטייוועסאַנט, דער האַלץ־געפוסטער קאַפּיטאַן,
וואָס האָט געברילט אַ צאָרנדיקן בריל
אויף מיינע ברידער פון בראַזיל.

אין זיין ניי־אַמסטערדאַם, דעם פישער־דאָרף,
האָט אים אַריינצולאָזן נישט געפּאַסט
דעם גאַסט, וואָס בויט די וועלט און ווערט געהאַסט:
ירושלימס בלאָנדזשענדיקע קינדער.
נו, אַצינדער
שטיי אויף און טופּע מיט דיין האָלץ־פוס, קאַפּיטאַן!
איצט וועסטו דאַרפן טופּען, קאַפּיטאַן,
נישט אויף עטלעכע און צוואַנציק מאַן,
נאָר אויף צוויי מיליאָן מיט אַ האַלבן.

זאָל נישט זיין דיר קשה,
וואָס איך, אַן אימיגראַנט,
שרייב אָט דאָס ליד אין אַ העל גרויס לאַנד,
קעגנאיבער דיין קבר, דו הילצערנער רשע.
עס שטייט פאַרשריבן אויף די ווענט
פון אַלע בבלס
און אויף די טאָוולס
פון אַלע געשיכטן:
ייד איז עלעמענט.
ווער זשע קאָן אַן עלעמענט פאַרניכטן?

ניו־יאָרק, 1942

## יידישע לאַנדשאַפט

צעשאָסענער בוים,
געהאַנגענער מולד.
אונטן אין טאָל
ליגט ס׳שטעטל געקוילעט.
און אויפן טראַקט —
משיח בן־יוסף, אויף שטיקער צעהאַקט.

עורי צפון
ובואי תימן.
עס שטייען אָפן
די אויבערשטע היימען.
אַ וועג פון היכלות —
הויכע היכלות —
פירט צום גלות,
צו בלוט און געוויין.
משיח בן־דוד לאָזט זיך גיין.

## אויך איצטער

מיין פאָלק איז אַש און רויך פון קרעמאַטאָריעס —
איז ווען וועט אַן אויסלייזער דערלייזן?
שיק דיין משיח־טרוים צו אַלדי וויסטע בייזן,
צו אַלדי פוסטענישן און מדבריות, —
און דו אַליין בלייב שטיין, אַ פינצער־בלויזער
מצבה־בוים אויף נאַקעטע רואינען,
און זיי אויף זיך פון איצט און ווייטער אויזר
זיך מער אין קיין שום חלום נישט פאַרשפינען.

אַזוי האָב איך גערעדט צו זיך, נאָר כ׳קאָן נישט
דעם גואל־טרוים אַוועקיאָגן אויך איצטער.
איך מעג אַן אויסלייזער מבטל־זיין סאַרדאָניש —
נישט נאָר פון דורות׳דיקע וואַרטענישן בליצט ער,
נאָר אויך פון דאָרט, פון חורבן, אויך אַצינדער,
נאָך אַלץ און אַלעם, ווייזט ער זיך, דער צינדער
פון תחית־מתים־זעאונגען. פאַרצי איך
דעם ניגון פון די קדושים. כ׳זינג צוזאַמען
מיט זיי דעם שטאָלץ־משיח׳דיקן אַני־מאמין:
— — — בביאת המשיח
אני מאמין — — —

## אַ השבעה

(געשריבן בעת׳ן צווייטן וועלט־קריג)

איבער תהומות און קברים
הויב איך דעם אָרעם,
און ביי זעקס־הונדערט־צוואַנציק
ליכטן פון די כתרים
באַשווער איך דיך אָבער,
אָבער און ווידער:
קום אין דער נידער.

ביי די צוויי און דרייסיק
וועגן פון דער חכמה,
ביי בינה׳ס פופציק טויערן,
ביי בריקן צוויי און זיבעציק
איבער חסד׳ס וואַסערן,

ביי גבורה׳ס צוויי און פערציק
זידנדיקע פייערן,
און ביי אַלעם דעם,
וואָס ליגט פאַרהוילן
אין אונדזערע גרוילן,
אין אונדזער אַלגעהיימסטן קידוש־השם, —
באַשווער איך דיך אָבער,
אָבער און ווידער:
קום אין דער נידער,
דו מאַן בן־דוד!

דו, וואָס פון דיר
האָבן ערב פאַרגאַזט ווערן
יידן געזונגען,
יידן גע׳נביא׳ט — — —*)

## דאָס אַני־מאַמין געזאַנג

אָ, גלויבן בלינד און גרויס — באמונה שלמה,
נישט פרעגן מער די פרעגונגען פון אימה,
נישט שטורעמען, נישט וועלן זיינע דרכים
פאַרשטיין, די שרעקלעכע און די געהיימע.

ווען ס׳האָט געוואַרט דער קרעמאַטאָריע׳ס קוימען,
האָט נאָך די לעצטע פלאַטערדיקע סטרונע
פון אייער לעבן אויסגעשפּילט אמונה:
ער וועט נאָך קומען, כאָטש ער טוט זיך זוימען.

און נעם איך צוליב אייך מיט גאָט זיך קריגן,
הויבט אָן דעם 'אני־מאמין׳־ליד זיך טראָגן.
גלייך ווי צום רבי׳ן חסידים אין אַ וואָגן,
זייט איר צו גאָט געפאָרן מיט דעם ניגון.

און קומען זיי, די פרעגונגען פון אימה,
באַפאַלט זיי נייע אויסטערלישע אימה,
אַן אימה פאַר דער גרויס פון אייער גלויבן,
פאַר אייער זינגען, גאָט־יידן געהיימע.

---

* דאָס „אני מאַמין״־געזאַנג.

זיי ווערן שטום, די פרעגונגען פון אימה,
און כ׳טראַכט: וואָס מאָדנער ס׳ווערן זיינע וועגן,
מער וויל ער, מען זאָל אויפהערן צו פרעגן
און גלויבן, גלויבן בלויז — באמונה שלמה — — —

און צו דער שחיטה גיין און אַלץ נאָך לויבן,
און זינגען פאַר דער שחיטה: איך טו גלויבן
אין אָנקום פון דעם גואל דעם געגאַרטן —
און ווער אויף יענער־זייט נאָך וואַרטן.

1946

## ס׳פנים פון דערלייזער

פאַראַן ביי מיקעל אַנדזשעלאָ אַ ליד,
אַ ליד, וואָס שניידט מיין אומרו ווי אַ מעסער:
„אין דורות פון פאַרגיין
ווי גליקלעך איז דער שלאָפער, דער פאַרגעסער!
אַ שטיין צו זיין, אַ שלאָפנדיקער שטיין —
וואָס קאָן זיין בעסער?
דעם שלאָף, מיין איינציק גליק, נישט טרייב אַוועק —
רייד שטיל! נישט וועק!״

אָ, פאַרלאָ באַסאָ... רייד שטיל און טרעט באַזאַכט!
עס בעט זיך מיקעל־אַנדזשעלאָ, עס בעט די נאַכט —
לאַ נאָטטע...

אין אָט דער דור מיינעם, ווען אַלץ איז שלאַכט,
ווער קען דען איינשלאָפן, בואָנאַראָטי?
ווי זאָל־איך שלאָפן, ווען נאַכט אויס, נאַכט איין
באַפאַלן מיך קאָשמאַרן ווי באַנדיטן,
שלעפן מיך אין געטאָ־לאַנד און ברענען ביז פאַרטאָג
מיט אייזן צעגליטן?
נאָר כ׳קען אויך וואַך נישט זיין... טאָג־אויס, טאָג־איין
באַפאַלן מיינע ציטערדיקע ברעמען
קאָשמאַרן פון אַ וואָר,
וואָס צו איר פחד וויל קיין סוף נישט נעמען.

נישט שלאָפן קען אַ ייד, נישט וואַכן קען ער —
אין אָט דעם דור, בואָנאַראָטי!
צווישן דער־וועלט ערגעץ־וואו און יענער,

וואָלט איך (ווען עשו וואָלט געלאָזט) מיר אויסגעזוכט
אַ גראָטע
און דאָרט אַרויפבאַשוואוירן ס׳פּנים פון דערלייזער,
מיין האַר און קייזער.
זאָל ער אַרויסשווימען צו מיר אין מאָרגנגלאַנץ דעם פרישן
פון צווישן
דער־וועלט און יענער — — —
זאָל ער אַרויסשיינען צו מיר — פון טויט און לעבן שענער.

1942

# ד נ י א ל

## א. די שריפט

זוכסט דעם זין? פאַרנעם דעם זין:
אויף די הויכע בייזע ווענט
פון די בבל׳ס
שרייבן פייערדיקע הענט —
שרייבן חשבון און גזר־דין.

שריפט געהיימע פון די הענט,
שריפט פון חשבון און גזר דין,
שריפט וואָס וואָרנט, שריפט וואָס ברענט,
זעט דער ערשטער און דערקענט
ער, דער ייד, דער פותר־חלום
צווישן אָדמ׳ס אַלע זין.

משפט איז דאָ פון קדמת דנאָ!
פיסאָ דידאָ — אַ האַנט איז דאָ,
וואָג און צאָל און טיילונג איז דאָ —
און שריפט — די ברענענדיקע שריפט.

האַלט דיין אויג און האַרץ פאַרטיפט
אין דער שריפט,
שריפט פון חשבון, שריפט פון דין.

אין איר דער פתרון, אין איר דער זין.

## ב. דער מאַן אין די ליינען

מיט גאָלד פון אופז די לענדן געגורט,
געהילט אין בליציקע שיינען,
האָט איבער חידקל, דעם גרויסן טייך,
געגלאַנצט דער מאַן אין די ליינען.

„ווען אונטן ווערן שלאַכטן געשלאַכט
און צאָרנדיק הייבט זיך דער אָרעם —
קריגן דאָס אויף ישראל׳ס שר
אויבן דער טומאה׳ס שרים״.

איבער חידקל, דעם גרויסן טייך,
האָט געגלאַנצט דער מאַן אין די ליינען.
איך האָב געהאָרכט און ער האָט די רייד
געגאָסן אין מיר ווי וויינען.

„צוליב ישראל איז יעדע שלאַכט,
צוליב דעם אויסלייז — די פּיינען״.
און מיין הארץ האָט געוואַכט און האָט טיף באַטראַכט
די רייד פון מאַן אין די ליינען.

## ג. די לעצטע חיה

בלינד און פאַרריסן
זאָל די חיה די לעצטע זיך גרויסן,
אַז זי וועט אַלע בלוטן פאַרגיסן,
אַלע הימלען צעשטויסן.

זאָל פאַלן איר פּחד אויף אַלץ, וואָס האָט אָטעם,
און ציטערן זאָלן די ערדישע שבטים.
זאָלן די אונטערשטע וויינען און מיינען,
אַז ס׳קען מיינע וועלטן צעשטערן אין צאָרן
איר גרויס־מויליקער האָרן.

דו גיי און די זעאונג פאַרזיגל!
טו ס׳וואָרט מיינס פאַרשליסן
אויף אייזערנעם ריגל,
און זאָל מען נישט וויסן
דעם סוף פון די סופן:
זאָל זיך אויסלערנען גלייבן דער מענטש —
און צו מיר זאָל ער האָפן.

טעג וועל איך שיקן אַלץ האַרטער און האַרטער,
אַלץ ווייטער און ווייטער פון טאָג דעם געגאַרטן,
נאָר וואויל איז דעם וואַרטער:
ער וועט זיך דערוואַרטן.

גיי וואַרטן, דניאל, אין לאַנד פון נישט־פרעגן,
גיי וואַרטן, ביז טומאה וועט אויפהערן טומאה'ן.
עס וועקט דיך מיין אָרעם דיין גורל אַנטקעגן,
ווען קץ־יאָרן קומען.

אין טעג פון דער ענד,
ווען די לעצטע פון חיות
וועט ליגן פאַרברענט,
וועל איך שאַפן אַ נייעס:
אַ מאַן וועט אַרויס פון דער פינצטערקייט'ס לענדן,
מיט הייליקע הענט
די מלוכות פון שלעכטס צו פאַרלענדן —
און אַ מלוכה צו בויען, וואָס ווערט נישט פאַרלענדט.
דניאל, גיי וואַרט אויף דער ענד!

ניו־יאָרק, 1942

## פערזן וועגן נס און נסיון

### (די באַלאַדע ריקענבאַקער)

ווי טוי באַגיניקער, פרומער, פריער,
איז די מעשה מיט ריקענבאַקער דעם פליער.

פייגל, צוויי פייגל אין פאָרכטיקע שעהן:
איין פויגל — נס, דער צווייטער — נסיון.

אין זכות פון אַ מענטשנס תפילות און טרערן
פליט אָן דער ערשטער, אַ קרבן צו ווערן.

עס שיקט אים די האַנט, וואָס צעטיילט מתנות,
צו אַ מענטש אויף איין ברעטל אין ים־אוקינוס.

ער שטייט אויף זיין אַקסל, דער פויגל פון נס.
טויט מיך, פאַרהונגערטער! נעם מיך און עס!

און אָט — פון טויט ווערט לעבן געבאָרן:
דעם פויגלס טויט איז לעבן געוואָרן.

דערנאָך אָבער קומט אַ פויגל אַ צווייטער —
ער קוקט, ער וואַרט, אויף זיין אַקסל שטייט ער.

נאָר אומגעקערט האָט ער צום הימל דעם בלאָען
דעם פויגל דעם צווייטן, וואָס איז נסיון.

ער, אויף איין ברעטל אין ים אוקינוס,
האָט מיט רחמנות באַצאָלט פאַר רחמנות.

וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל טייטן
דעם פויגל פון אויספּרואוו, דעם פויגל דעם צווייטן?

דער טויט וואָלט געזאָגט: נישט ווערט די חסדים.
דער נס וואָלט געשטאָרבן — און מיט אים דער בן־אדם.

ווען יאוש קראַקעט: אָן רחמים פאַרגעס,
קומט תמיד צופליען דער פויגל פון נס.

נאָר אַז דו שטייסט דעם נסיון נישט ביי —
איז דער נס פאַרביי און דו ביסט פאַרביי.

דרום לערן, דו אהרן, דעם סוד און דעם רמז
פון דער פאָעמע איבער פאָעמעס,
וואָס האָט פאַסירט אויף אַן אמתן אמת.

און שטיל אויף נס און נסיון טו האַרן,
און גרייט דיין האַרץ צו גאָט און געפאַרן,
און ווייס און שווייג —
שווייג, ווי סע שטייט: וידום אהרן.

1943

## ווידער

ישראל איז אין בלוט פאַרגאַנגען ווי די זון.
געשאָכטן ליגט אברהמס זון —
פאַרוואָס האָט גאָט נישט צוגעשיקט דעם ווידער?

זאָגט די עכאָ: ווידער.

אַנשטאָט אין אָפּגרונט זיצן שבעה,
וועלטן איר פאַרשיווע,
דרייט איר זיך נאָך אַלץ
ווי פערדלעך הילצערנע פון קאַרוזעל.

פלאַנעטן אָן אַ ציל און אָן אַ צעל,
ישראל איז אין בלוט פאַרגאַנגען —
און איך ווערט ס׳דרייעכץ נישט דערווידער!

זאָגט די עכאָ: ווידער.

לועג־לרש׳עדיקע עכאָ,
קרימסט מיך נאָך ווי אַ פּאַיאַץ.
פּלאַץ,
פּוסטע פּויק פון קידער־ווידער!

קומט די עכאָ ווידער.

זאָג איך: ווידער?

הויבט זי אָן צו ריידן
נישט מיינע רייד.
זאָגט זי: „ס׳פאַרגייט
די זון ישראל אַלעמאָל
און אַלעמאָל גייט אויף
די זון ישראל ווידער.
דאָס זאָגן מיר דיר, מידער,
מיר, דיינע אייביקע טאַטעס,
אייביקע ברידער.
ווען דער טייוול זאָגט: האָף נישט,
זאָג אים ס׳וואָרט, וואָס האָט קיין סוף נישט,
זאָג עס אָבער, זאָג עס ווידער:
ווידער.״

אפּריל, 1944

## דער באַפעל

אַ גאַנצן טאָג אַן ענטפער געזוכט
ביי קרעציקער ערד, ביי אַשיקע הימלען.
געזוכט אַ צוזאַמענקלאַנג צווישן צוויי גימלען:
גאַזקאַמער — און גאָט.

און אָט —
פאַרלאָשן געבליבן זיצן
אין אָקטאָבער־אָוונט דעם מידן
אויף אַ שטילער באַנק אין אַ קליינעם פאַרק.
און אין מיר — דאָס געפרעג פון אַ לעצטן יידן:
גאַזקאַמער — אָדער גאָט?

און דערנאָך — נישט געפרעגט מער. בלויז שטום געגאַפט
צו מויערן־שפּיצן, וואָס האָבן געשניטן
דעם רוים מיט אַ שוואַרצקייט אַ קלאָרער אַזאַ,
אַז כ'האָב זיך פּלוצלונג דערזען אין מיטן
דעם וואַרשטאַט פון גאָט.

נישט געזען נאָך אַ שוואַרצקייט אַזאַ־מין קלאָרע,
אַ וואָר אַזאַ וואָרע,
אַזאַ ערב נאַכט.
כ'בין געווען אין דער טראַכט,
וואָס האָט אַלץ געהאַט,
אין דעם רו־לאַנד פון גאָט.

און ס'איז געווען אין מיר אַ קול
אַזוי צו זאָגן: אין אָט דער טראַכט
געפינט זיך דיין פאָלק, וואָס איז פאַרשוואונדן
פון אונטערשטן טאָג און פון ערדישער נאַכט —
דיין גאַנץ פאָלק איז אין גאָט.

ס'ווערט דיין פאָלק נישט געקווילעט מער פאַר זיין טיר,
זיין פאַרשלאָסענער טיר. ניין, עס איז שוין אין א י ם,
ס'איז צוריק אין אים שוין, אין אלהים,
און עס באַפעלט מיט אַ גוואַלדיקער שטים
פון אים צו אים אַ גוואַלדיק באַפעל,
אַ באַפעל צו גאָט.

און אַזוי איז צו גאָט דער באַפעל פון דיין פאָלק:
מיט אונדז אַלע אין זיך, אַ גאַנץ פאָלק אין דיין שויס,
מיט ישראל אין זיך, אַלט און יונג, קליין און גרויס,
שפּאַר אַרויס, פליִיץ אַרויס,
זאָג אַ נייעם יהי־אור —
ניי־ישראל אַנטפּלעק, נייעם בראשית געבויר!

1945

## דו ביזט דאָ

ווען כ'זע, ווי נאָך מיין פאָלק'ס פאַרטיליקונג דורך גאַז
לאַכט זון און ס'שפּילן קינדער אויף דער גאַס
און גאָרנישט איז געענדערט אין דעם גאַנג
פון מענטש — דעם וויסטן שפּראָץ פון חוה'ן און דער שלאַנג,
ווילט זיך מיר לייקענען און זאָגן: ביזט נישטאָ!

ביזט נאָר די גראַנדיעזע היפּאָטעזע
פון מיין אומגעבראַכטער גזע,
אַ חלום פון אַ תהילים־פאָלק, וואָס איז
פאַרברענט געוואָרן מיט'ן פאָלק צוזאַמען.

נאָר טראַכט איך טיפער פון מיין אומה'ס לעצטע פיינען,
וואָס אַלע גיהנום־פלאַמען זיינען קעגן זיי
צעגייענדיקער שניי,
הער איך, ווי די פיינען גופא שרייען,
אַז דו ביזט דאָ.
ווען ס'וואָלטן קיין יסורים נישט געווען אַזעלכע —
וואָלסטו געקאָנט נישט זיין. נאָר ווייל עס זיינען
פאַראַן אַזעלכע, אָ, אַזעלכע פיינען —
ביזטו פאַראַן אַזוי געוויס ווי ס'איז
געוויס מיין בראָך. אַזעלכע ליידן אָן אַ גאָט
וואָלטן געווען אַזאַ מין הפקר'דיק געשפּעט,
אַזאַ מין תוהו'דיקער אָפּפרעג פון דעם עיקר,
אַז ס'וואָלט פון צופיל אומזין דער פלאַנעט
זיך שוין לאַנג אַ וואַקל־געטאָן שיכור —
און צעפלויגן זיך אויף שטיקער.

1946

## צלם אלהים

ווען איך באַקלער, וואָס מענטשן, ברואים פון מיין מין,
האָבן געטאָן צו די מיליאָנען פון מיין אַלטן שטאַם,
ווי עפּעס אַ דייטש־קין מיט אַ פּרצוף פון אַ שפּין
האָט מיט איין שאָקל פון אַ פינגער דיך פאַרמשפּט
אויפן פלאַם, —
עסט מיך די חרפּה, וואָס כ'געהער צום נחש'ס זין,
חוה'ס ממזרים (ס'קאָכט אין זיי דער סם
פון טאַטן זייערן), און כ'שעלט דעם פּרו־ורבו.

נאָר ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז דו, אויך דו,
פרוי־געוואָרענע תפארת פון אַ כרוב,
ביסט מענטש געווען, געהאַט אַ מענטשנס גוף, —
גיט פון דיין אָנדענק אַזאַ ליכט צו מיר אַ שווים,
אַז כ'הויב ווי קינדער טיף פאַרוואונדערט אָן צו גאַפן,
און ווידער זע איך אויפן מענטש דעם צלם־אלהים,
און כ'מורמל שטיל צו זיך: ויברא אלהים
את האדם — אין זיין פורעם האָט ער אים באַשאַפן.

1948

## די צוקונפטיקע מלכים פון ירושלים

מיר זיינען צו קבר ישראל נישט געקומען,
נישט געקומען.
מיר האָבן נישט קיין קברים: ברענען מיר און ברענען
אין אַלע אַרומען.
קאָנסטו אונדזער פייער פאַרלעשן אָדער גאָר
אַריינגעמען אין זיך אים?
קאָנסטו די מלבושים אונדזערע פון פלאַם
פאַרבייטן אויף תכריכים?
ניין, דו קאָנסט נישט... דאָס קען דאָך נישט קאָנען
אַ בשר־ודם!
וועלן מיר שוין ברענען אַזוי ווייטער, מיר מיליאָנען,
ביז דער פלאַם
וועט דעם חשבון אונדזערן דעם לעצטן
סילוק'ן
און וועט עשו'ס הויז פון רויב
פאַרטיליקן.

ערשט אַז דאָס הויז פון רויב וועט זיין צו אַש,
וועלן מיר זיך שטעלן בויען,
מיר מענער, קינדער, פרויען,
ס'בית־המקדש פון פייער
מיט זיין נייעם, פייערדיקן קודש־הקדשים,
ס'הויז פון דעם נייעם באַשאַף...
מיר, די זעקס־מיליאָניקייט, אנשים, נשים
וטף —
די קרבנות פון אַלטן באַשאַף
און די האַרן פון נייעם!
מיר, די צוקונפטיקע מלכים פון ירושלים!

## די מושיעים

איך האָב געוואַנדערט איבער דעם בית־עולם פון אַ פאָלק,
אַן אַש־בית־עולם, אָן מצבות, אָן תנצב"ה'ס,
און ס'האָט מיך געטראָפן אחרית'דיקע עצבות,
און מיך געפירט אַהין, וואו לעצטע נאַכט איז,
און כ'בין געשלאָפן אין שאול־תחתית.
און ס'איז אַרויס אַ קול און מיך געהייסן זוכן אויפן דנאָ
פאַרלוירענע עיקר שכחתי'ס —
און צונויפשטעלן פון זיי אַ נייעם יאָ.

און ס'האָט דאָס קול גערעדט: ושבו בנים לגבולם —
אין סוד פון גלגולים,
דורך הייליקע כראָמאָזאָמען,
וועלן די פאַרלוירענע מיליאָנען
זיך אומקערן, זיך אומוואַנדלען אין נייע יידן,
וואָס וועלן גאַנץ מאַכן גאָט'ס כסא און זיין נאָמען.
ס'וועלן קומען די מושיעים,
וואָס וועלן פלעטן דעם קאָפּ פון נחש־עקלתון:
אויף אַ בראָך־און־וויי־סוף
וועלן זיי פאַרמשפּט'ן דעם באַרג פון עשו —
און וועלן פאַרענטפערן אַלע פאַרוואָסן. *)

## אַ חלום

איך שפּאַן אויף אַ מין ברעטער־גאַנג אַ לאַנגן. נאַכט איז,
און ס'וויים מיט ים, און מענטשן שפּאַנען, און איך שפּאַן.
און אינעם טונקל רייד איך צו אַ מיטגייער צו איינעם
און ווייז אים אויף, אַז אַ געהיימניש איז פאַראַן
אינעם ענין פון די זעקס מיליאָן. מע זעט דעם פּשט בלויז,
נאָר זיכער שטעקט אַ סוד דאָ — און גאָטס גאַנצער פּלאַן
מוז שטעקן אין דעם סוד... און פריידיק מוז דער סוד זיין!
און אויפן וועג פאַרליר איך יענעם מאַן,
וואָס באַנומען האָט ער סיי־ווי־סיי נישט
די ווערטער מיינע. און איך שפּאַן און שפּאַן.
און איך באַשליס צו גיין ביז צו דעם סוף איין איינער,
און זיכער בין איך: קום איך צו צום סוף — אָ, דאַן
וועט אויפגיין מיר דער סוד אַזוי, אַז איך וועל קאָנען
אין ווערטער פּשוט'ע אים זאָגן יעדן מאַן.
און כ'גיי פאָראויס און כ'הער שוין מיינע טריט בלויז.
מער שפּאַנט נישט קיינער. איך נאָר שפּאַן און שפּאַן
אין טונקלעניש. ערשט כ'פּיל: פון הינטערווייל עכ'ץ כאַפּט מיך
איינער אָן. כ'דריי אויס דעם קאָפּ. ס'איז קיינער נישט פאַראַן.
ניין, פאַראַן — נאָר כ'זע נישט. כ'פּיל די הענט בלויז — אייזן!
ווער קאָן דאָס פאַרט זיין? כ'פּרוואוו אומזיסט זיך געבן
אַ דערמאַן.
און ס'גיבן מיך אַ שלעפּ די הענט די אייזערנע צוריק־צו.
ווי איינער זאָגט: צו ווייט נישט גיי, דו מענטש! עד כאן!

---

* תנצבה'ס — לייען: טענאַ'צוועס. עצבות — לייען: אַצוועס. נחש עקלתון — לייען: נאָכאש אַקאַלאָ'סן.

## אני מאמין בביאת ישראל

אונטער די יידישע חורבות קוים־קוימט
דער גואל. ער מורמלט: אף־על־פי — כאַטש,
שיתמהמה — ישראל זוימט
אַזאַ גרויסן פאַרזוים,
עם כל זה אחכה לו — וואַרט איך בכל יום,
שיבוא — אַז ס׳קומט ישראל צדקנו
און ציט מיך פון אונטער די חורבות אַרויס.
במהרה בימינו, במהרה בימינו
קומט ער, ישראל, און לייזט מיך אויס,
קומט ער, ישראל, און גיט מיך אַ הויב.
אני מאמין, אני מאמין בביאת ישראל!
איך ליג און איך וואַרט אין שטויב.
איך ליג אין אַש און איך גלויב.
איך ליג אין טויט און איך ברום:
ישראל צדקנו,
קום!
ישראל גואלנו, קום!

## אין טאָג פון זיין ווערן אַ בן־חמישים

מיט יאָרן צוריק אין וואַרשע, אויף שליסקע צי אויף שיעננע,
האָט ער ווײַסן נישט געקאָנט,
אַז אין יאָר דעם און דעם וועט ער זיצן אין צענטער
פון מאַנהעטן און דאָרט טראַכטן
פון זיין וועלט דער פאַרברענטער,
פון איר געקראַכטן,
אין אַש פאַרלוירענעם האָריזאָנט.

ווי ער האָט עס דענסטמאָל ווייסן נישט געקאָנט,
אַזוי קאָן ער איצטער נישט ווייסן,
אין וועלכער נישט־ערדישער שטאָט ער וועט זיצן,
פון וואָס ער וועט טראַכטן
און וואָס פאַר אַ ווענס ער וועט קענען,
ווען אויך זיין וועלט די איצטיקע, וואָס איז אַ נאָד־וועלט,
וועט מען פאַרברענען —
ווען דער טויט וועט זי פאַרברענען.

סיון, 1948

## עלעגיע געשריבן אין די בערג פון אַדיראָנדאַק

ווי אַ פּיל־באַאויגטע חיה
הויערט דער שוואַרצער באַפינקלטער באַרג
אויף יענער זייט ברעג פון לעיק סקרון.
שטערן טאַנצן איבער בערג פון אַדיראָנדאַק,
וואָס זוכן אין שלאָף אַ פאַרזונקענע זון.

היפּנאָטיזירטע בוימער
פינצטערן פאַנטאָמיש, בוימערן
מחוץ זייער חומר.
די ערד די טרוימערן
ווייס נישט ווער ס'האָט זי פאַרשלייערט אין רו.
ווייס נישט וואָס די אויבנס גרייטן צו,
טאָנצנדיקע אויבנס.

אויבערשטע הענט
נישטערן אין גרונטן,
גרייכן ביז דנאָען,
ווילן עפענען שפּונטן.
פייערדיקע וועלטן
וואַרפן אַ שלאָף
אויף פינצטערע פעלקער־פירער אונטן.

נאָך יידן־סעלעקציעס — און צוליב זיי —
וויל קומען סעלעקציע גלאָבאַלע.
אָט די שטערן אַלע —
צי טאַנצן זיי נישט אויס באַצייטנס דעם פאַרגיי?

ס'וויל מאַכן זיין סעלעקציע דער אַטאָם:
אַ טייל זאָל גיין צום לעבן אויף רואינען,
די רעשט זאָל אַנטרינען
אין תהום.
סעלעקציע! דערמאָן זיך, מענטש אויף דער ערד:
ווען האָסטו דאָס וואָרט צוערשט געהערט?
נאַטירלעכע סעלעקציע! יענע כפירה'דיקע סברא,
דאַרווינס קאַלט־בריטישער טייטש
אויף דעם יידנס בראשית ברא...
און דערנאָך איז געקומען דער דייטש.
די נאַטור האָט נאָך איר אַרבעט נישט געמאַכט פולשטענדיק —
איך, דייטש, פאַרענדיק!

איך אַליין וועל אַ סעלעקציע מאַכן,
פאַרגאַזן דעם שוואַכן
און לאַכן.
יודאַ, פעררעקע!

און ער האָט פאַרגאַזט, דער שטאָל־געפאַנצערטער פאָן־יעקע,
און זייער נעט
האָט צוגעשפּילט קלאַסישע מוזיק,
און ס׳וועלט־געוויסן האָט זיך צוגעקוקט דורך אַ לאָרנעט.
און מיר אַליין, שארית ישראל! וואָס מער מיר פראַוועון
די אזכרות,
מער פאַרגעסן מיר די אויסשוויצעס, טרעבלינקעס, וואַרשעס.
פון זעקס מיליאָן אַנטלויפן מיר צום זעקס־מיליאָן־וואָרט,
ווי יונה איז געלאָפן פון זיין גאָט קיין תרשיש.

דערפאַר און דעריבער
ווינקען שטערן די־לחכימא׳דיק זיך איבער
אין אָט די צייטן די אַטאָמישע,
אין נעכט פאַנטאָמישע,
און ס׳בינדט זיך זומער־נאַכט אין בערג פון אַדיראָנדאַק
מיט דעם, וואָס האָט געטראָפן זעקס־מיליאָנדיק
דאָרט, אין דיין פינסטער־פאַרבלוטיקטער שאָפע,
אייראָפע!

דעריבער
קרימט אין מיר עמיצער איבער
אין אָט דער זומער־נאַכט אַן אַלטן זיסן פסוק.
אַנשטאָט מעז יצא מתוק
וועט — זאָגט ער — זיין ממתוק יצא עז:
פון יומטובדיקע הימלען וועט עקספּלאָדירן שטראָף
פאַר יידישער בראָד, פאַר גערמאַנישן גאַז.

הייס און הייסער רעדט אין מיר אין אָט דער נאַכט פון זומער
אַ הייליק־נקמה׳דיקער
האַסער פון אַ וועלט אַ טמא׳דיקער,
און פון דער זייט גראַמט שטיל אַן אַנדערער, אַ פרומער,
אַ קול־דממה׳דיקער:
שטורעמס פון בירורים,
שטורעם איבער שטורעם,

און נאָכדעם וועט דער מענטשן־איבערבלייב דערבליקן
יידן פון ניי־בראשית, אין ליכטיקייט געקאָוועט,
פון תוהו שפּאַנענדיק צו תיקון,
געפירט פון בן־דוד.

1950

## בן־יוסף און בן־דוד

ווען ס׳פּאַלט בן־יוסף פון גויישע הענט, —
האָבן דורות פּאַרטרויט צו דורות, —
קומט דער משיח דער לעצטער צוגיין,
קומט בן־דוד זיין יורש.

פון גויישע הענט איז בן־יוסף פאַרברענט,
בן־יוסף, דער ייד פון פוילן.
און וואו איז בן־דוד, פאַרברעכערין וועלט?
נישטאָ ווער עס זאָל דיך גואל׳ן.

איך הער ווי עס וויינט אין דער גרויסער נאַכט
רחל פאַר׳ן כסא־הכבוד:
משיח בן־יוסף איז פאַרברענט —
וואו איז משיח בן־דוד?

און ס׳ענטפערט אַ קול: בן־דוד קומט
ווען ס׳לאָזן זיך אויס מלחמות.
לאַנג ברענט צוליב מיין בן־יוסף די וועלט,
און ערשט נאָך די שרפות ווערט זי באַהעלט
מיט מיין בן־דוד׳ס נחמות.

1946

## ישראל צבאות

(אַן אימפּראָוויזאַציע)

ווער איז דאָס פאָלק ישראל אַצינדער?
ווער זיינען יעקבס קינדער?
יידן פון שטרומאַ און פון טרעבלינקע,
יידן פון קאַלכאויוונס, יידן פון שיפן,
יידן פון פלאַם און פון אָפּגרונט דעם טיפן,
יידן פון וואַסער און יידן פון פייער —
דאָס איז ישראל, ישראל דער נייער.
פאָלק פון דערטרונקענעם, פאָלק פון פאַרברענטן!

מי במים — אַ ייִד פון דער שטרומאַ,
ומי באש — אַ ייִד פון מאַידאַנעק, —
זיי האָבן באַהאַפטן די עלעמענטן:
וואַסער האָט שלום געשלאָסן מיט פייער
אין ייִדישן גורל, אין ייִדישן טויט.

וועט דער פאַרברענטער געבן צו שטייער
זיין פלאַקער פייער,
און צו דעם פלאַם
וועט דער פאַרזונקענער צוגעבן ים,
און אָט אַזוי, פון דעם סאַמע צענטער,
פון תוך פון דער וועלט, וועלן ביידע זיי,
דער ייִד דער דערטרונקענער און דער פאַרברענטער,
פון וואַסערס אַרמיי און פון פייערס אַרמיי,
געבן אַ גיי
אויף דער טומאה — — —

איבער צייט, איבער רוים איז
די גאָט־גבורה אייער,
ייִדן פון תהומות,
ייִדן פון פייער!
פאַרבאָרגענע אומה,
נישט פון בלוט מער און נישט פון פלייש,
ייִדן פון אויוונס און ייִדן פון שטרומאַ,
פאַרברענט די טומאה, פאַרפלייצט די טומאה —
מי במים ומי באש!

איך שטיי און איך דאַוון
צום שטאַם פון פלאַם און פון ים־אוקינוס
און בין מכוון
נייע כוונות:
קדוש, קדוש און נאָכאַמאָל קדוש,
ישראל צבאות,
פאַלק פון די הערשאַרן!
בבל פאַרטיליק, בבל די הערשערן!
די מויערן פון בייז
באַלאַגער קאַלט און באַלאַגער הייס,
מיט פייער און וואַסער שטורעם זיי, שטורעם,
צענעם, צעוואַרף זיי — און נאָכדעם בענטש:
שאַף אין דיין פורעם —
בצלם ישראל — אַ נייעם מענטש.

1946

## ליד פון נאָך־מאַידאַנקעשער אמונה

אויב ס'איז מעגלעך געווען אויף דער ערד אַזאַ טומאה,
אַ טומאה אַזאַ גאַנצע פון די נישט־גוטע,
איז מעגלעך אויף דער ערד אויך אַ קדושה אַ גאַנצע,
אַן אַבסאָלוטע.

אויב אַ ז ו י נ ס איז געווען — איז אויך דער היפוך מעגלעך.
ס'הערט אויף ניואַנס, ליכט־שאָטן־שפּיל, האַלבעניש, פּערטל.
קאָנקרעט ווערט משיח, וואָס מע האָט פון אים געמאַכט
אַ קאָקעטיש פּאָעטיש ווערטל.

ווען ס'האָט דער טייוול מיט דייטשלאַנד געהורט,
איז אַנטי־משיח געווען די געבורט.
ווער־זשע, קדושה, ווי טומאה גאַנץ און דינאַמיש!
ווער פאַרקערט פון פאַרקערט — און זאָל ווערן משיח
אויס וואָרט:
זאָל ער קומען בפּועל ממש!

1947

## משיח בן־מאַידאַנעק*)

די וועלטן־וואונד פאַרבינד, אָ, צוקונפט'ס בת־ישראל!
די קינדער, וואָס פאַרברענט האָט זייער לייב עמלק,
זיי שטרעקן צו דיר הענט אָן־סופיק און אָן־צאָליק.
געבויר זיי אין דיין קינד, דעם טויטער פון סמאל!

געבויר זיי אין דיין זון, דעם גואל, וואָס זיין נאָמען
האָט ס'פאָלק געאַנט שוין לאַנג: מנחם, אונדזער טרייסטער.
ער פאַנגט דעם לעצטן פאַנג און וועלט דורך ייד דערלייזט ער,
ווען ס'עפנט זיך שער־נון אין טעג פון קץ הימין.

אין דיר זאָלן אַריין — מיט קראַפט וואָס נישט פון־דאַניק —
די קינדער'ס גאָרע פּיין און נישט־דערלעבטע פריידן.
די קרוין דערפון זאָל זיין — דיין זון, דער מאַן־און־מנהיג.

זאָל לעשן עשו'ס פלאַם, פאַרפלייצן אָקעאַניק
מיט חסד ווײַ און פגם און שטראַלנדיק באַשיידן
דעם חלום פון מיין שטאַם משיח בן־מאַידאַנעק!

1947

*) כ'האָב דעם שטורעם אין מיר געפרואווט צוימען מיט פאַרטאָפּלטער פאָרעם־צוים
אין אָט דעם טאָפּלען סאָנעט — א.צ. (1967).

## נייער אַברהם

כ'האָב געזען אַ פעלד און אַ קבר
און דאָס פעלד האָט געשטראָמט מיט בלוט.
איז געקומען צופליען אַ ספר
און האָט אויפ'ן קבר גערוט,
האָט אויפ'ן קבר גערוט.

און ס'האָט זיך געעפנט דאָס ספר
ווי אַן אויג נאָך אַ לאַנגן שלאָף,
און אין דעם אָפענעם ספר
האָט זיך אלף געקושט מיט תיו,
אַלף געקושט מיט תיו.

און הויך איז פון יענעם קבר
אַרויסגעוואָקסן אַ מאַן,
ווי אַ בוים באַשאָטנט דאָס ספר
און געזאָגט: כ'בין ווידער פאַראַן.
אָמן! כ'בין ווידער פאַראַן.

און דער מאַן האָט גענומען דאָס ספר
און זיין וואָרט איז געווען פלאַם:
איך בין דער נייער אברהם —
און פון מיר קומט ווידער גאָט'ס שטאַם,
פון מיר קומט ווידער גאָט'ס שטאַם.

## אַ ניגון, פון טאַטן געהערט

זינג איך אַ ניגון, פון טאַטן געהערט...
זינג איך חבדיש:
השם אלקיכם, השם אלקיכם
אמת...
איז עס אַ קדיש
נאָך אַ וועלט, וואָס וועט מער שוין נישט וועלטן?

נישט אמת!
אין אָט דעם געזאַנג דעם חבד'ער
קומט דער אמת אַרויס אַזאַ אַדיר,

אַז אַן אמת אַזאַ מוז פאַרגעלטן
אַפילו פאַר מאַידאַנעקס, פאַר טרעבלינקעס...

פֿאַרגעלטן — ווי אַזוי?
איך ווייס נישט. דאָס ווייס נאָר דער אמת.

זינג איך ס׳געזאַנג און פֿאַרזינק עס
טיף אין זיך — נעם עס
אין מיין תמצית אַריין און באַנעם עס:
השם איז —
אמת!
וויבאַלד, ווידער, אמת —
מוז ער דאָך, מוז ער
דעם חשבון באַצאָלן אינגאַנצן,
באַצאָלן באמת — — —

השם אלקיכם,
אוי, השם אלקיכם —
אמת!

## וציוונו על קידוש השם

אויף שטיינער זיצט אַ פּוסטע שטאָט,
אַ פינצטערע אַלמנה.
פון ערגעץ הערט זי אַ געזאַנג.
עס פליט צו דער לבנה
אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן,
שטיל זינגענדיק צו דעם,
וואָס האָט זיין פֿאָלק געבאָטן
מקדש־זיין דעם שם.

1943

## און אַז מע איז געקומען ראַטעווען דעם רבי׳ן

און אַז מע איז געקומען ראַטעווען דעם רבי׳ן
האָט ער הערן נישט געוואָלט דערפון.
חס ושלום!
ראַטעווען דאָס לעבן?
וואָס איז שייך ראַטעווען? זיין זון,
וואָס די טומאה האָט פֿאַרברענט, איז אים צו חלום
געקומען און געזאָגט: זיי וויסן, טאַטע,
די קדושה אונזערע רייסט־אויף דעם מעלה מיט׳ן מטה.

---

מעלה — לייען: מיילע; מטה — לייען: מאַטע.

עס פאַלט אַן אימה אויף די קליפות אינ'ם תהום —
די פייערדיקסטע דינים ווערן בלאַס —
עס ציטערט סמך־מם — — —

און ס'איז פון זיין באַהעלטעניש אַרויס דער רבי אויפ'ן גאַס
צו הייליקן דעם שם.

# וואָס איך ווייס

## א

איך בין נישט גרויס, נאָר כ'ווייס וואָס גרויסקייט איז.
איך טראָג אין האַרץ איר מאָס. מע קאָן מיך נישט גענאַרן.
די עקסטאַזן פון דער גרויסקייט האָב איך אָבסערווירט
און אירע שווערע צער'ן.

יענע תהלימ'דיקע גרויסקייט פון אַ ייד,
וואָס דורות לאַנגע האָבן זי געשמידט,
ביז געוואָרן איז זי הלל, זון פון אהרן־אליעזר,
זי איז בעת דעם גזר פון אַלע גזר'ן
געוואָרן אומגעבראַכט. נאָר קאָן זי ווערן אויס?
ווי קאָן רציחה
אַוועקטויטן די אייביקייט פון גרויס?

## ב

איך ווייס וואָס גרויסקייט איז. מיך קאָן נישט נאַרן
קליינקייט.
און כ'ווייס וואָס שיינקייט איז.
אונטער איין דאַך האָב איך געהויזט מיט שיינקייט.

יענע שיינקייט פון ישראל'ס טעכטער,
וואָס דורות האָבן זי געשמידט אויף פוילנ'ס ערד,
ביז געוואָרן איז זי טאַליע, טאָכטער פון הירש־בער,
האָט געהערט צו מיר און נישט געהערט
(אַ פיקדון בלויז איז שיינקייט אויף דער ערד).
בעת דעם גזר פון אַלע גזר'ן
איז זי געוואָרן אומגעבראַכט. נאָר קאָן זי דען פאַרגיין?
ווי קאָן רציחה
אַוועקטויטן די אייביקייט פון שיין?

## אויפן וועג צווישן גרענד רעפּידס און דעטראָיט

ס'איז נישט מיין היים־לאַנדס האַרבסט, וואָס גייט געבויגן,
בעת ווינט ציילט לעצטע בלעטער, ווי אַ קאַרגער — געלדער.
דאָ פּרילינגט האַרבסט. זון זילבערט איבער פעלדער
און קושט די קליינע פּיראַמידן פון די סטויגן.
דיביימער, שטאָלצע וועלקער,
דעם קעניג גאָטס אין פּראַכט געקליידטע פעלקער,
פאַרכישופן מיט צייטיקייט די אויגן.
און ס'איז, ווי ס'וואָלט פון זיך צו זיך געפלויגן,
אַליין זיך אָנזאָגנדיק בשורות פון דערפילונג,
דעם הימלס בלאַנקער בויגן.
עס העלט די וועלט. זיך גופא פילט די פילונג.

אומזיסט! אין מיטן בלי פון צווייטן פרילינג
קומט מיר דער גייסט פון יענעם האַרבסט אַנטקעגן,
און ווייזט אויף חורבות פון מיין פאָלק מיט בייטשן רעגן,
און יאָמערט קדישדיק אויף דעם פאַרמעגן,
וואָס שטורעם האָט געגנבעט. כ'הער אים הוילן
ס'געהויל פון טויזנט גרוילן.

זיין קלייד — אַ זאַק פון האַרבסט־בלעטער, וואָס פוילן,
זיין אויג — אַ נאָרע. איינגעהויקערט קריכט ער
דורך בלוט־בלאָטע געדיכטער,
און קערט מיר אָפּ ס'געזיכט, איך זאָל נישט קוקן
אויף זאַטער פּראַכטיקייט און צייטיק ליכט.
נאָר ווי איך קער אַוועק אַזוי ס'געזיכט —
דערזע איך שטיל אַ גלאַנץ־געשטאַלט זיך רוקן
פון הינטער זיין צעקרימט־צעדרייטן רוקן.
איז עס די זון, וואָס זונט הינטערן אומגליק?
אָ, לאָזט מיך פאַלן און צו איר זיך בוקן,
צו דער געשטאַלט, וואָס נענטערט זיך אין זון־גלי
צו די פאַרוויסטע שוועלן פון מיין אומה.

קום, שטראַל־געגורטע דו! מיט פינגער פרומע
פאַרבינד אויפסניי וואָס ס'האָט צעשיידט די טומאה,
און לייכט צו אונדז דורך ספירה לעצטער, צענטער —

קום נענטער, מוטער, נענטער!

1942

## מיסטעריע

דער טויט שרייט אויף גאַסן. זיין קול ווערט אַלץ פרעכער.
אין בלוט גייט דער טאָג, דער פאַרברעכער.

פאַרנאַכט נאָר, ווען ס'עפנען זיך ווייטע צינורות,
פאַרנעם איך אַ תפילה דעם בוראס.

פאַרנעם איך, ווי גאָט איז אַ תפילה מכוון
צום מענטשן: „אַ הער, ווי איך דאַוון.

פונדיינטוועגן בעט איך ביי דיר. צי דערקענט ווער
מיין קול? צי וועט קומען אַן ענטפער?"

אַזוי טוט ער תפילה צום מענטש, זיין בן־זקונים —
און ס'הערט אַ פאַרנאַכטיקע זון אים.

עס הערט אים אַ זון, וואָס מוז ווערן פאַרבאָרגן,
כדי ווידער אויפצוגיין מאָרגן.

עס הערט אים די זון — און דאָס האַרץ פון אַ יידן,
באַשטימט דאָס ליד זיינס צו לידן.

1944

## אַ כראָניק געווען אין צייטונגען

אַ כראָניק געווען אין צייטונגען,
אַ כראָניק אַזאַ אין צייטונגען:
ווען ס'האָט זיך גענומען נענטערן
עמלק צו שטאָטישע טויערן,
האָבן זיך יידן אַרויסגעלאָזט
מיט פסוקים־געזאַנג צום בית־עולם צו,
אַוועק צום טויט אין תכריכים־טראַכט,
געגאַנגען, געפאַלן זינגענדיק,
און ס'האָבן באַמבעס עמלקשע
פון אויבן געשניטן, פאַרשניטן זיי.

תכריכים האָבן זיי אָנגעטאָן,
אַוועק צום בית־עולם זינגענדיק.
געזונגען האָבן זיי תהילימדיק
יעקבס געזאַנג פון הייליקונג.
ס'האָבן אויבן באַמבעס אויסגעקראַכט
עשו'ס ליד פון פאַרטיליקונג.

אין דער שאַנד פון איר פאַרלוירנקייט
האָט בלייבע זון זיי נאָכגעקוקט,
בלייך פון זייער דערהויבנקייט,
וואָס האָט די וועלטן צו שטויב געמאַכט.

מיט ברייטן בית־עולמשן בוים־געוויש
האָט דער טויט די יידן אָוועקגעפירט
אין גרויסן לאַנד פון די אָפּוואַרטער,
פון די, וואָס וועלן באַלוינט ווערן.

עס וואַרטן אין וואַרט־לאַנד הייליקע,
עס וואַרטן דאָרט די געדולדיקע,
די, וואָס וועלן געקרוינט ווערן.

וואויל צו דעם, וואָס וועט זוכה זיין
צו זען די וואַרטער אַרויסקומען,
ווען ס'וועלן די צייטן זיך אויסלאָזן
און ס'וועט גאָטס האַנט זיי אַרויסלאָזן.

1941

## אַ מקובל אין שוצקעלער

דאַוונט אין אַ שוצקעלער
אַן אַלטיטשקער מקובל —
און אין אים איז יובל.

דרויסן קראַכן באָמבעס,
דרויסן איז מלחמה —
טמא, טמא, טמא.

נאָר צו אים אין קעלער
קומען אותיות טאַנציק,
אותיות צוויי און צוואַנציק.

וואַרפן זיי אַ לייטער,
אויף דער לייטער גייט ער,
קומט ביז פאַרן פרגוד.

דאָרט הינטערן פרגוד —
הערט דער אַלטער — ליגט שוין
אדום'ס שר געהרגעט.

אונטן איז נאָך פינצטער,
ס'שלאָגט זיך גוג ומגוג —
אויבן איז שוין טאָגיק.

## קליפות, יסורים, גלאָבאַלער בעש״ט

אין תהום פון תוהו, אין דער טיפקייט פון צלמות,
צאַפּלט זיך צעפּיינט אַ נאָך־מאַידאַנעק־וועלט אַ וויסטע.
וואָס איז זינדיקער אין איר: די מעשׂים? די מחשבות?
גיי וויים! די פּיינען וואַקסן, פּיינען נישט געדאַכטע.
קענען דען יסורים אָט אַזעלכע — זיין אומזיסטע?

עס צאַפּלט זיך אין תהום אַ נאָך־מאַידאַנעק־וועלט אַ וויסטע.
עס האָבן סיי איר טואונג, סיי איר טראַכטונג — ביידע
מיט שדים אָנגעפּילט דעם תהום, און ס'פּייניקן די שדים.
אַזויפיל קליפּות — און פון ערגעץ נישט קיין תיקון!
קום, בעש״ט נאָך נישט געקומענער: מיט תיקון־ליכט
באַקלייד אים,
דעם תהום, און טרייב אַוועק די רוחות־ומזיקין.

וואָס גרעסער די ממשלה פון די קליפּות, וואָס צעשפּרייטער,
מער גלויב איך, ייִד פאַרצווייפלטער, גאָט'ס עלנטער בן־זקונים,
אַז פון התגלות טראַכסטו שוין, בעל־שם־טוב נייער, צווייטער,
גלאָבאַלער עצבות־טרייבער, האַר פון די תיקונים,
כאָטש דערוויל פאַרהוילן הינטער דינים־כמאַרעס וויסטע...
ניין, ס'קאָנען נישט יסורים אָט אַזעלכע זיין אומזיסטע!

## ליד וועגן דוד צייטלין

ס'איז דער זון פון מיין ברודער אַ מאָלער געווען,
האָט געמאָלט זינט די קינדערשע יאָרן,
האָט פון זיך אַלץ געלערנט — און ס'האָבן געשטוינט
איבער זיין מאָלעריי פּראָפעסאָרן
פון דער מאָל־אַקאַדעמיע. די וועלט וואָלט דערפרייט
מיט זיין קונסט דוד, זון פון אלחנן.
מיט זיין האַנט האָבן אייבערשטע כוחות געפירט,
נאָר עס האָבן געזיגט די דעמאָנען.

און ס'איז דוד אַ דיכטער אַ יונגער געווען,
און זיין האַנט פלעגט סיי מאָלן, סיי שרייבן.
זי האָט לידער געשריבן אין געטאָ, געפּרוּווט
אַלץ צו פאַרעמען, אַלץ צו באַלייבן.

אין אַ וועלט פון פאַרלענד האָט ער פאָרמען געבויט,
ער, דער זון פון מיין ברודער אלחנן.
זאָל דאָס איטליכער וויסן, וואָס לייענט מיין ליד,
און מיט כבוד זיין נאָמען דערמאָנען.

פון אַ טויט־וואַגאָן איז־ער געשפרונגען, אַוועק
איבער דערפער און וועלדער פון פוילן.
פון פאָליאַקן געמסרט, נע־ונד זיך געשלעפט,
אַ געיאָגטער פון רוצחישע קוילן.
און ווער וויס וואָס ער האָט בשעת מעשה געזען
און געהערט — ס'אַראַ בילדער און קלאַנגען
זענען דעמאָלט געקומען צו אים און דורך אים
לייב און לעבן געזוכט צו דערלאַנגען.
אויך דערנאָך, אין די לאַגערן, זענען זיי אַלץ
נאָך געקומען אַ פורעם צו מאָנען.
האָט ער ווערטער פאַרשריבען און בילדער סקיצירט,
דוד צייטלין, דער זון פון אלחנן.

ס'האָט דערציילט מיר אַ לאַגער־ייד וועגן אַ ליד,
וואָס ס'האָט דוד אין לאַגער געשריבן.
גאָט און געטאָ — אַזוי האָט געהייסן דאָס ליד.
ס'איז קיין זכר דערפון נישט געבליבן,
נאָר דעם נאָמען האָט גוט יענער ייד פאַרגעדענקט:
גאָט און געטאָ... כ'האָב דעמאָלט די שייכות
צווישן גרויל־גזר און גאָט געזוכט דאָ אין ניו יאָרק.
און מיט מיר, מיט זיין פעטער באַגלייך איז
ער, מיין ברודער־זון דוד, אין לאַגער פאַרשפאַרט,
ביי די בלוטיקע שדים געפאַנגען,
מיט זיין אייגענעם גאַנג, פון זיין אייגענעם דראַנג,
אויף די זעלביקע וועגן געגאַנגען.

צוויי און צוואַנציק איז אַלט געווען דוד בשעת
ר'איז אַוועק פון דער ערד, וואו די שדים
פאַראַדירן אין מענטשישע מאַסקעס. געוויס
האָט באַגעגנט נישט־ערדישע פרייד אים.
ווער קאָן וויסן, ווי מלכות'דיק ס'זינגט זיך זיין ליד
און ווי מלאכ'דיק זיין מאָלעריי איז
דאָרט אין הויכע געצעלטן, אין וואוינען פון גנאָד,
וואָס ער מוז דאָרטן זיין אַ בן־בית.

# יאַנוש קאָרטשאַק

אין יענעם טאָג איז גאָט אַליין געוואָרען
אַ שטילער אפיקורס.
נאָך וואָס — האָט ער געפרעגט — האָב איך באַשאַפן
די וועלטן און די דורות?
ס'האָט כביכול'ס עצבות נישט געקאָנט פאַרטרייבן
דער שר, וואָס איז אויף הימלישן געלעכטער דער ממונה
(יענער פלעגט אים אָפט
פאָרלייענען שטותים, וואָס אַ פילאָזאָף
האָט וועגן אים געפילאָזאָפט,
וכדומה). איצט האָט ער פאַרלוירן די אמונה
אפילו אין דעם אייגענעם פאַראַן־זיין.
(אויב איך בין דאָ — טאָ ווי קאָן זיין אַ טומאה
אַזעלכע ווי דער נאַצי?). ס'איז געוואָרן
אַרום אים אַ פינצטערניש אַ שטומע.

נאָר דאָ איז אין די הימלען אָנגעקומען איינער —
אַ דאָקטאָר. קינדער הינטער אים. אין רייען
האָבן זיי מאַרשירט, די קינדער, און געגליט
די הימלען מיט אַ ליד.
זע: גרויליקע געשעעונגען פאַרגייען
און ווערן נישט־געוואָרן.
ווען זיי זיינען אין דעם טויט־וואַגאָן געפאָרן
האָבן זיי געזונגען אָט דאָס ליד.
מיט דעמזעלבן ליד
זיינען זיי אַרויפצוצו געפאָרן,
געטראָגן פון אַ רויך, —
און זיי זינגען עס דאָ אויבן אויך.

ס'איז אַן אויספלוג־מאַרש: מיר גייען — איינס, צוויי, דריי —
צום זומערלאַנד, צום לאַנד פון פריש און פריי.
צום זונלאַנד שפּאַנען מיר און שפּאַנען — איינס, צוויי, דריי.
לייכט און לוסטיק אונזער שפּאַנעריי.
צום זומערלאַנד, צום זונלאַנד — איינס, צוויי, דריי!

דער דאָקטאָר שפּאַנט פאָראויס, אַביסעלע געבויגן.
די קליינע גוטע אויגן שמייכלען דורך בינאָקלען.
דאָס געלבלעך־גרויע בערדל טוט זיך שאָקלען

צום ריטעם. ער זינגט מיט, דער אַלטער מאַן,
דער דאָקטאָר. איינס, צוויי, דריי — און נישט געזאָרגט!
מיר לעבן — און צום זונלאַנד אונזער שפּאַן.

און ס׳האָט דער בורא פרייד ביי זיי געבאָרגט —
און האָט געזאָגט: פאַרוואָר, איך בין פאַראַן.

## יצחק קאַצענעלסאָן

**דעם קיבוץ לוחמי הגיטאות**

ער שרייבט דעם פנקס פון וויטעל.
און אָט דערהערט ער זיינע יונגע גראַמען.
עס הערט זיך אים אַ ווייט געזאַנג:
די זון פאַרגייט אין פלאַמען.

ווידער איז אין פלאַמען דער פאַרגאַנג.
יעקב׳ס זון פאַרגייט אין עשו׳ס פלאַמען.
טייוול, טויט און תל.
מאַידאַנעקס, אוישוויצעס, טרעבלינקעס.

און ס׳רייסט זיך איבער אין דער מיט דער פנקס פון וויטעל...
אין פלאַמען
גייט י צ ח ק אונטער מיט זיין פאָלק צוזאַמען —
און פאַרבאָרגן ווערט דער פנקס.

נאָר זע: די זון פון מיינע ברידער,
וואָס איז אין מערב׳ס פייערן די העלישע פאַרגאַנגען,
פלאַמט אויף אין מזרח ווידער.
זי פלאַקערט יונג, זי פלאַקערט העל —
און פון אַ קעלער גייט אַרויס אַן עדות:
דער פנקס פון וויטעל.

## דיר אָט די ווערטער, רחל

די צייט האָט ווי אַ פעטליע זיך פאַרצויגן
אַרום מיין האַלדז. ביים סוף פון אַלע וועגן
בין איך אין לעצטן גסיסה־צאַנק געלעגן.
ערשט איבער מיר האָט זיך גענומען בויגן
אַ פיגור מיט חסד אין די אויגן —
דו ביסט עס געווען! און דיר אַקעגן
האָב איך פון טויט גענומען זיך באַוועגן
מיט באַנייטן אָטעם. כ׳ווייס נישט ווער
עס האָט געשיקט דיך און דו ווייסט נישט מער
ווי איך. דו ווייסט נאָר, אַז כסדר פלעגן
זיך טראָגן צו דיר קולות: „מענטש, דערהער.
טו וואָס מע הייסט דיך. דו זאָלסט גאָרנישט פרעגן.
גיי און צוריק צום לעבן גיב אַ קער
אָט דעם, וואָס שטאַרבט ביים אויסלאָז פון די וועגן.
מע דאַרף אים דאָ נאָך האָבן. גיי און ווער
דער אָפּגלאַנץ פון זיין דור, וואָס איז פאַרגאַנגען״.

האַסט נישט געפרעגט. דו האָסט געפאָלגט. דו ביסט געגאַנגען.

זומער, 1953

## דער סוד: מענטש

זאָג מיר נישט, אַז מענטש איז חיה.
קעגן מענטש איז חיה — מלאך.
בויט אַ חיה קרעמאַטאָריעס?
שליידערט זי אין פייער קינדער?
איז זי זיך מיט מאָרד מחיה?
זאָג מיר נישט, אַז מענטש איז חיה.

זאָג מיר נישט, אַז מענטש איז חיה.
ער איז אַלץ נאָך מער ווי מלאך.
ער איז וואָרט פון אַ ישעיה,
ער איז מאָנונג פון אַן איוב,
ער באַגערט צו וועלטן נייע.

זאָג מיר נישט, אַז מענטש איז חיה.

# פוילן, אָדער די זעאונג פון אברהם פּראָכאָווניק

## א

און ס'איז געווען נאָך דעם טויט פון פּאָפּיעל דעם פירשט, וואָס אים האָבן לעבעדיקערהייט אויפגעגעסן אין זיין טורעם די מייז: און דאָס קול פון דעם האָרן האָט זיך געלאָזט הערן איבער די דערפער פון די פּאָליאַנער: און צענויפגעקומען זיינען זיך די פּאָליאַנער אין קרושניץ, וואָס ביי דער אָזיערע גאָפּלאָ: און געקומען זיינען אַלטע אויף שטעקנס געלענט און אויף פערד זיינען געקומען צורייטן יונגע מיט שווערד און מיט פיילנבויגן: און געקומען זיינען די דאָרפסלייט וואָס גייען נאָך אַקער און אָקסן: און געקומען זיינען שפּילערס וואָס שפּילן אויף גוסליעס און באַגלייטן די שפּיל מיט געזאַנג: און געקומען זיינען וואָרזאָגערס און געוואָרזאָגט: אויך אַ סך ווייבספּאָלק איז דאָרט געווען און דאָס מאַנספּאָלק האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיט דעם ווייבספּאָלק: די יונגען און די ווייבס־פּאַרשוינען האָבן געטרונקען און געטאַנצט און זיך לוסטיק געמאַכט און געריסן אַלטע לייט ביי די האָר: פאַרגעסן האָבן זיי נאָך וואָס זיי זיינען געקומען און פון דעם טומל האָט זיך געשפּאָלטן די ערד: און ס'איז דאָרט געווען פּיאַסט, אַ יונגער אַקערמאַן: ביים נאָכגיין נאָך אַקער און אָקס איז געווען זיין געוואוינשאַפט צו טראַכטן טראַכטונגען: אויך איצט איז ער געשטאַנען פאַרטראַכט אָן אַ זייט און ס'איז טרויער געווען אויף זיין אָנגעזיכט: און דערנאָך האָט זיך אויפגעשטעלט פּיאַסט און האָט אַזוי הויך געלאָזט הערן זיין קול אַז דאָס געטומל האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט און מען האָט גענויגט צו אים דאָס געהער: און פּיאַסט האָט געזאָגט: פּאָליאַנער, פאַרגעסט נישט נאָך וואָס איר זייט געקומען אַהער: פּאָפּיעל'ן האָבן אויפגעגעסן אין זיין טורעם די מייז און דאָס לאַנד איז אָן אַ רע־גירער: מיר דאַרפן אַ פירשט וואָס סיי די מייז, סיי די קעץ זאָלן פאַרכטן האָבן פאַר אים, און פירן זאָל ער אונז מיט אַ שטאַרקער האַנט און הערשן מיט גערעכטיקייט: רופט אָן נעמען און אויס־קלייבן ועלן מיר אויסקלייבן פון צווישן זיך אַ מאַן, וואָס אויף אים וועלן מיר אייניקן זיך אַלע:

און די פּאָליאַנער האָבן נישט געקאָנט זיך אייניקן אויף קיינעם און ס'איז געוואָרן אַמפּערניש צווישן זיי און געשריי און געשלעג: אַלטע האָבן די שטעקנס געהויבן און יונגע האָבן מיט שווערדן געפאָכעט: און פּיאַסט האָט ווידער געלאָזט הערן זיין קול אַזוי, אַז דאָס געטומל האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט און מע האָט גענויגט צו אים דאָס געהער: און פּיאַסט האָט געזאָגט: פּאָליאַנער,

פון קריג צווישן ברידער קאָן קיין גוטס נישט אַרויסוואַקסן: די זון נויגט שוין צום אונטערגאַנג און דאָס לאַנד האָט קיין הערשער נישט: פאַרנעמט פאָליאַנער מיין ראָט און האָרכט וואָס איך רייד צו אייך: גליק באַגלייט דעם ערשטן וואָס קומט מיט'ן באַגינען: גוטס ברענגט ער מיט זיך און די בענטשונג פון ליכט: דער ערשטער, וואָס וועט קומען אַהער מיט'ן באַגינען, ער זאָל ווערן דער ערשטער איבער אונדזער לאַנד:

און ס'איז זיי וואוילגעפעלן וואָס פיאַסט האָט געזאָגט און אַזוי איז געבליבן: און ס'איז געווען נאַכט און זיי האָבן געלאַגערט דרויסן ביים טורעם פון קרושניץ און אויף די פעלדער אַרום און ביים וואַסער פון גאָפּלאָ און זיי זיינען געשלאָפן:

פיאַסט אָבער און אַנדערע מיט אים זיינען נישט געשלאָפן יענע נאַכט:

זיי האָבן געוואַרט אויפ'ן באַגינען און אויף דעם ערשטן מאַן:

ב

און ס'איז געווען אַז מיט'ן באַגין איז אָנגעקומען דער ייד אברהם וואָס מען האָט אים גערופן פּראָכאָווניק: טוי פון פוילנ'ס פעלדער איז אים נאָכגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעהאָנגען אָן זיינע קליידער: און פיאַסט האָט דעם האָרן געבלאָזן און ס'האָבן זיך איבערגעוועקט אַלט און יונג, מאַנספּאָלק און ווייבספּאָלק: פון אַלע זייטן זיינען זיי געקומען אָנצוקוקן דעם ערשטן: און פיאַסט דער יונגער אַקערמאַן האָט זיך גענויגט פאַר דעם ייד אברהם: און ער האָט געזאָגט: ס'איז נעכטן ביי אונדז געבליבן, אַז דעם ערשטן וואָס קומט צו אונדז באַגינען מאַכן מיר צום ערשטן איבער אונדזער לאַנד נאָך דעם טויט פון פּאָפּיעל דעם פירשט: און נון ביסטו גע־קומען דער ערשטער: הערשן זאָלסטו איבער אונדז און זאָל דיין הערשאַפט באַגליקן:

און פון צווישן דעם המון זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן גערופן: דער מאַן גלויבט נישט אין אונדזערע געטער און ווי זאָל הערשן איבער אונדז אַ פרעמדער:

און דער ייד אברהם האָט געזאָגט צו די וואָס האָבן אַזוי גערופן: פאַרוואָר, איז זייט גערעכט: אין אייערע געטער גלויב איך נישט און ווי זאָל הערשן איבער אייך אַ פרעמדער: צעשפּרייט זיינען צווישן די פעלקער מיינע ברידער און פאַרוויסט איז דאָס הויז פון אונדזער גאָט: און מיר וואַרטן, איך און מיינע ברידער, אויף דעם וואָס וועט צוריקפירן אונדז קיין ירושלים, דער הייליקער שטאָט, ווען ס'וועט זיי דער ווילן פון פאַר דעם גאָט אונדזערן, דעם איינציקן גאָט, דעם באַשאַפער פון הימל און ערד:

און פיאַסט האָט געזאָגט: זעט איר נישט אַז דער מאַן איז אַ געבענטשטער: דער אָנבליק פון אַ הערשער איז זיין אָנבליק און גנאָד איז אין די אויגן זיינע און קראַפט אין זיין גאַנג און געשטעל: מיט קראַפט און גערעכטיקייט זאָל ער געוועלטיקן איבער אונדז: און אויב הערשן וועט ער הערשן איבער אונדז, וועלן מיר אָננעמען אויך זיין גאָט, וואָרן אַ שטאַרקער און אַ גערעכטער מוז זיין דער גאָט פון אַ מאַן ווי ער:

און צווישן דעם פּאַרזאַמלטן ווייבספאָלק איז געווען געמורמל און איינע אַ יונגע איז פון צווישן די ווייבספאַרשוינען אַרויס ווי אַ פירשפּרעכערין: און זי האָט געזאָגט: בלויז מאַנסלייט קאָנען קלייבן אַ האַר און ווי קאָנען מיר קלייבן, אַז מיר אַליין ווערן פון מאַנס־לייט געקליבן: אין זייער ראָט ווערט אונדזער קול נישט געהערט און אויך אַהער זיינען מיר געקומען בלויז אויף צו מערן געלעכטער און טאַנץ: וואָרן אויף צו דערפרייען דאָס האַרץ פון אַ מאַן זיינען מיר דאָ און נישט אויף זאָגן אים וואָס צו טאָן און וואָס נישט צו טאָן: אָבער אַזוי שיין איז דער ייד אַז מיר ווילן אים צום גאָט מאַכן: וואָס דאַרפן מיר זיין גאָט אַז ער אַליין קאָן אונדזער גאָט זיין:

און אויפגעברענט האָט דער צאָרן פון די יונגע מאַנסלייט און אייפערזוכט האָט זיי באַוועלטיקט און זיי האָבן זיך גענומען צו די שווערדן און געוואָלט זיך וואַרפן אויף דעם ייד אברהם: אָבער דער ייד האָט געלאַכט און געזאָגט:

אַ מענטש קאָן קיין גאָט נישט ווערן און גאָט קאָן קיין מענטש נישט זיין: פאַלש זיינען אַלע געטער און נאָר דער באַשאַפער פון הימל און ערד איז גאָט: ער האָט אונדז אַלעמען באַשאַפן און נישטאָ אויסער אים קיינער: צו אים דעם איינציקן טו איך תפילה און צו אים דעם איינציקן בעטן מיינע ברידער:

און פיאַסט און אַ טייל עלטסטע מיט אים האָבן געזאָגט צום ייד אברהם: גוטס וועלן מיר טאָן מיט דיין גאָט און מיט דיינע ברידער אויב ווערן וועסטו פירשט און האַר איבער אונדז: און העלפן וועלן מיר דיינע ברידער צו קומען אַהער און צו זיצן צווישן אונדז און זייער גלויבן וועט אונדזער גלויבן זיין:

און דער ייד אברהם האָט געשוויגן און דערנאָך האָט ער גע־בעטן זיי זאָלן אים צייט געבן זיך צו באַטראַכטן: און ס'איז געווען אַ יעגער־שטוב אין דערבייאיקן וואַלד און אַהין האָט פיאַסט גע־פירט דעם ייד אברהם, גערופן פראָכאָוניק, און דער ייד איז געזעסן דאָרט איינער אַליין און די טיר האָט ער פאַרשלאָסן פון אינעווייניק אַז קיינער זאָל אים נישט שטערן:

און די זון איז געשטאַנען איבער קרושניץ און דער טורעם

פון קרושניץ האָט זיך געשפּיגלט אין די וואַסערן פון גאָפּלאָ און שפּילער האָבן געשפּילט און צוגעזונגען און וואָרזאָגערס זיינען גע־גאַנגען צווישן דעם פאָלק און האָבן יעדן איינעם פאָרגעזאָגט פאַר אַביסעל מעד־געטראַנקען: און טענצעריננס האָבן געטאַנצט און די יונגען האָבן זיך אַרומגעיאָגט אויף די פערד און געצויגן די שווערדן: און בלוטיקע געשלעגן האָבן זיי פאַרפירט פון וועגן שיינע ווייבס־פאַרשוינען: און זיי האָבן אַרויפגעכאַפּט אויף די פערד זייערע די מיידן און די פערד זיינען געשפּרונגען אין דער הויך און די מיידן האָבן געשריגן: און די עלטערע האָבן מורא געהאַט פאַר די יונגע און די אַלטע האָבן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און די עלטסטע האָבן קיין וואָרט נישט געזאָגט: און אויך פּיאַסט איז געשטאַנען אָן אַ זייט און ס'איז געווען אין אים טרויער מיט צאָרן און האַרבע טראַכ־טונגען האָט ער געטראַכט וועגן די, וואָס דער באַגער פון זייער האַרץ איז נייערט קריג און טומל און געשלעג און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי אין צוים האַלטן וואָרן עס פעלט די האַנט פון אַ הערשער:

און אין דער שטוב וואו דער ייִד איז געזעסן פאַרשלאָסן איז דאָס געטומל נישט אַריין, וואָרן וואַלד איז געווען אַרום און נאָר ווינט האָט זיך דורכגערעדט מיט ביימער: די ביימער האָבן די שטוב באַשאָטנט און באַוואַכט און בילדער פון דורות־וואָס־קומען זיינען אין דער שטילקייט פאַרביי פאַר דעם אויג פון אברהם פּראָכאָווניק, און אַ קול האָט באַגלייט בילד נאָך בילד:

ג

און געזען האָט אברהם פּראָכאָווניק ווי אַ צלם הויבט זיך איבער דעם פאָלק פון די פּאָליאַנער: פון צלם בליקט אַרונטער דער ייִד וואָס די רוימער האָבן געהאָנגען און ער איז געוואָרן אַ גאָט: און ס'הויבט זיך קעגנאיבער דעם צלם אַ קרוין: די קרוין זאָגט צום צלם, אַז צום צלם געהערט דער געהאָנגענער ייִד, צו איר אָבער גע־הערן די ייִדן וואָס לעבן און אירע קנעכט זיינען זיי: און דער צלם זאָגט ניין, צו אים געהערן אויך די ייִדן וואָס לעבן און זיי דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון זייער גאָט און זיך בוקן צום געהאָנגענעם מענטש וואָס איז אַ גאָט געוואָרן: און דאָס קול וואָס באַגלייט דאָס בילד זאָגט, אַז נישט צו דער קרוין געהערן די ייִדן און נישט צום צלם געהערן זיי: זיי זיינען די אַרב פון דעם לעבעדיקן גאָט, דעם גאָט פון גאָר דער וועלט און פון דעם פאָלק ישׂראל:

און צווישן די בילדער וואָס קומען און גייען זעט אַברהם פּראָכאָווניק אַ פּוילישן מלך און דער מלך האַלט אין זיינע אָרעמס אַ ייִדישע טאָכטער: און עס שטאַרבט דער פּוילישער מלך און אויפ'ן

קאָפּ פון אַ צווייטן גלאַנצט זיין קרוין און געטויט פון ווילדן המון ליגט די שיינע יידן־טאָכטער: און דאָס קול זאָגט: וויי צו אַ שולמית וואָס איז פאַרוואָגלט פון איר לאַנד און אין גלות איז איר פּראַכט ווי ס׳איז אין גלות איר שטאָם: וויי צו דיר, שולמית, וואָס דו ביסט געוואָרן אַן אסתרקע:

און נון פלאַקעט אַ שייטער און עס שרייט דער המון אַז די יידן האָבן די האָסטיע געשענדט: און גלחים הויבן צלמים און זינגען און דאָס פייער וואַרט: און צום פייער ווערט געפירט אַ רב און יידן מיט אים און די גלחים זינגען: אין פייער ווערן זיי אַריינגע־שליידערט און די גלחים זינגען: און עס יובלט דאָס פאָלק און פרייט זיך וואָס די יידן ברענען: און דאָס קול זאָגט: דאָ איז פויזן: דער רב איז רב פון פויזן, די יידן זיינען יידן פון פויזן: און שטיל ווערט דאָס קול און דאָס פייער עסט די יידן לעבעדיקערהייט און דער געהאַנגענער ייד קוקט אַראָפּ פון די צלמים און ווידער זינגען די גלחים:

און בילד יאָגט בילד און דור אַרבט דור: און פון דור צו דור זעט אַברהם פיאַסט׳ן ווי ער גייט אין אַן אַנדער געשטאַלט און אַן אַנדערער קליידונג און וויל גוטס טאָן דעם פאָלק פון לעבעדיקן גאָט, וואָס איז געקומען קיין פוילן־לאַנד: און טרויער איז אין די אויגן ביי פיאַסט׳ן און אַרום אים לאָזן זיך וואוילגיין די אַלע וואָס ווילן נייערט מהומה און קריג און שלעגעריי און ס׳איז זייער וואויל־טאָג צו פייניקן דאָס פאָלק פון לעבעדיקן גאָט:

און נון עפענען זיך פאַר די אויגן פון אברהם פּראָכאָווניק ישיבות פול מיט לערנערס און שטראַלנדיק הויערט די שכינה איבער די קעפּ פון די לערנערס און הערט זיך איין אין ניגון פון דער גמרא: און עס טראָגן זיך אָן אויפהער גינגאָלדענע פונקען און דאָס קול זאָגט: די גינגאָלדענע פונקען טראָגן זיך פון אונטער דעם האַמער פון דער תורה וואָס שמידט דעם יידנ׳ס נשמה:

און פון שולן און בתי־מדרשים הויבן זיך תפילות און ניגונים: און תפילות וואָס גייען פון קלויסטערס ראַנגלען זיך מיט תפילות פון די יידן און קלאַנגען פון קלויסטער־גלאָק שלאָגן זיך מיט זייערע ניגונים און ווילן זיי פאַרהילכן: עס ליאַרעמען די גלאָקן, אַז דער הימל געהערט צו זיי אַליין און צו דעם מענטש וואָס מען האָט צו־ערשט געהאַנגען און דערנאָך פאַר אַ גאָט געמאַכט: און הייזער און ברייזער זעט אברהם, שטעט גרויסע און קליינע, און אומעטום יידן: יידן אויף די וועגן, יידן אין גאַסטהייזער, יידן אויף יאַרידן: אומע־טום וואַנדלען זיי, אומעטום האַנדלען זיי און דאָך זיינען זיי אָפּגע־זונדערט און נישט־היי: און קומט מלכה שבת און בענטשט ליכט טוט דאָס גאָלד פון שבת־ליכט טאַנצן אין די זילבערנע וואַסערן פון

ווייסל דעם טייך: און עס זאָגט דאָס קול: די געצעלטן דיינע האָסטו דאָ געשלאָגן און דורות אויף דורות וועט דאָ זיין דיין וואוין: אָבער ירדן איז נישט ווייסל און ווייסל נישט ירדן: נישט דאָ איז דאָס הויז דיינס און דיין הערשאַפט נישט דאָ:

און נון שפּרייט זיך פאַר אברהמ׳ס אויגן אַ גרויסער יאַריד און צום יאַריד ציען יידן פון אַלע עקן פּוילן: מסחרים ווערן דאָ געשלאָסן און שידוכים: אין מיטן דער הילכיקער חתונה פון דעם יאַריד קומען הונדערטער חתונות פאַר און קלעזמער שפּילן מחותנתטעס פּאַטשן אין די הענט און טאַנצן: רויט פון פרייד זיינען די פּנימ׳ער פון מחותנים: מזל טוב מזל טוב: און עס זאָגט דאָס קול: דאָס איז דער יאַריד פון לובלין: און מיט שטרענגע ברע־מען איבער אויגן קלוגע און באַדאַכטע זיצן רבנים און פּרנסים און טוען זיך באַראָטן און זיינען מתקן תקנות: און דאָס קול זאָגט: דאָ איז נישט ירושלים און נישט דאָ איז די לשכת הגזית: דאָס איז פּוילן וואָס דאָס איז דער טייטש פּה לין, דאָ נעכטיק איבער: לאַנג וועט זיין דיין נאַכט דאָ און דאָס ליכט פון דיין האַרץ וועט דיר לייכטן אין דער פינצטער: אָבער וואו אויב נישט אין ירושלים וועט שפּראָצן דיין טאָג:

און זע, רויטע טייכן פלייצן איבער פּוילנלאַנד און עס באָדן זיך אין די טייכן שווער־וואָנסיקע מערדערס מיט נאַקעטע שאַרבנס: און דאָס קול זאָגט: יידיש בלוט איז עס: און פון די רויטע טייכן הויבן זיך לאַנגע פּיקעס און אָנגעשטעקט זיינען די שפּיצן פון די פּיקעס מיט קעפּ פון קליינע קינדער:און דאָס קול זאָגט: יידישע קינדער אויף פּיקעס פון האַידאַמאַקעס: און אָט איז די פעסטונג פון טולטשין און פּוילישע שררות עפענען אירע טויערן פאַר די האַי־דאַמאַקעס און ראַטעווען זייערע קעפּ פאַר דעם פּרייז פון יידיש בלוט און פאַר דעם געלט וואָס זיי האָבן פון די יידן אַרויסגענאַרט: און אַ יאָמער טראָגט זיך איבער פּוילן פון איין עק ביז׳ן צווייטן: און דאָס קול זאָגט: דאָס יאָמערט די שכינה איבער די פאַרוואָגלטע קינדער פון ישראל:

און אין איין העמד, די האָר צעשויבערט, די אויגן קיילעכיק פון שרעק, לויפט אַ יידיש מיידל און פייערצונגען לויפן איר נאָך און לויפנדיק זינגט זי: און עס זאָגט דאָס קול: פון אַ קלויסטער אין פּוילן לויפט דאָס שרה צו ווערן די כלה פון אַ משיח וואָס וועט ווערן אַ טערק, און ירושלים — ווי זי האָט געוואַרט אַזוי וועט זי וואַרטן ווייטער:

און עס שטייט אַ ייד און גראָבט ליים אין די בערג פון די קאַרפּאַטן: פון אַ פערד שפּרינגט אַרונטער אַ רויבער און פאַלט פאַר אים אויף די קני: אויף ביימער אַרום זיצן ווי סטאַיעס פייגל פאַר־

וואָגלטע נשמות און וואַרטן דער ליים־גראָבער זאָל זיי געבן אַ תיקון: און דער ליים־גראָבער גראָבט אַרויס הייליקע ניצוצות, גע־פאַנגענע פון אייביק אָן, און עס פליען די ניצוצות אַרויפצו: און דאָס קול זאָגט: דאָס איז ישראל בעל שם טוב דער אויסלייזער פון ניצוצות און צוברעכער פון קליפּות:

און אַ ייד טאַנצט אין פעל פון אַ בער פאַר אַ שכור'ן פריץ און דער פריץ לאַכט און שליידערט אין אים זיין באָקאַל: און נון זיצט דער זעלבער ייד אין אַ גרוב, ער, זיין ווייב און זיינע קינדער: אַ חוב איז ער שולדיק דעם שכור'ן פריץ: און מיט פערד און וואָגן קומט קפיצת־דרך'דיק צופליען ישראל בעל שם טוב און ציט אַרויס פון דער גרוב דעם ייד און זיין ווייב און זיינע קינדער: און אָט לאָזט זיך ישראל בעל שם טוב אַרויס צום לאַנד פון ישראל, אָבער אַ שטורעם טרייבט אים צוריק: און עס זאָגט דאָס קול: די צייט איז נאָך אַלץ נישט געקומען, און ירושלים — ווי זי האָט געוואַרט אַזוי וועט זי וואַרטן ווייטער:

און אָנגעטאָן איז רויט קומט אַ מאַן: שאַרף און באַגערפול זיין נאָז, געדיכט און באַגערפול די וואָנסן איבער שווערע באַגער־פולע ליפּן: און עס איז נאַכט און ער מיט די לייט זיינע טאַנצן אַרום נאַקעטע ווייבער: און עס ווערט טאָג און ער מיט די לייט זיינע שטייען און קניען פאַר אַ כומר וואָס האַלט איבער זיי אַ צלם: און דאָס קול זאָגט: דאָס איז יעקב פראַנק: אין זיין טומאה גייט ער אונטער און פאַרשלינגען פאַרשלינגט אים אדום: און ירושלים — ווי זי האָט געוואַרט אַזוי וואַרט זי ווייטער:

און בילד יאָגט בילד און דור אַרבט דור: עס רייט אויף אַ פערד אַ יונגער ייד און ס'רייסט זיך דאָס פערד פון אונטער אים און ס'בלאַנקט אין זיין האַנט די געצויגענע שווערד און ער רופט צו די ברידער זיינע אַזוי: פּוילנ'ס פרייהייט איז אויך אייער פרייהייט: צום אויפשטאַנד, צום אויפשטאַנד: זעלנער פון אַ יידישן אָפּטייל אין פּוילנ'ס אַרמיי פון באַפרייאונג פאַלן פון רוסישע קוילן, ווערן געשטאָכן פון רוסישע באַגנעטן, ווערן פאַר־שלונגען פון ווייסל דעם טייך: און ווייט איז צו יידישער באַפרייאונג ווי ווייט עס איז צו משיח'ן: דאָס בילד גייט אַוועק און אַ צווייט בילד קומט אָן און ווידער זיצט אויף אַ פערד אַ יונגער ייד און אין זיין האַנט אַ געצויגענע שווערד און עס רייסט זיך דאָס פערד פון אונטער אים און ער רופט צום אויפשטאַנד: און עס זאָגט דאָס קול: בערעק יאָסעלעוויטש איז געווען דער נאָמען פון דעם ערשטן און דער צווייטער איז יוסף זיין זון וואָס איז געקומען נאָך אים און זייער טעות איז דערזעלבער: עפּעס אַנדערש איז באַפרייאונג פון פּוילן און עפּעס אַנדערש די באַפרייאונג פון אַן אומה וואָס וואַרט אויף דעם טאָג פון ירושלים:

און ס'בייטן זיך די בילדער אין דער שטילער טונקלעניש פון דער וואַלד־שטוב: פון דער קומענדיקייט גייען די בילדער, איינס נאָכ'ן אַנדערן גייען זיי: און עס שטראָמט אַ ליכט פון ישראל'ס האָרץ אַרויס און לייכט אַריין אין אַ נאַכט וואָס פאַרגאָסן יידן־בלוט מאַכט איר פינצטערניש רויט ווי אַ שרפה: און אין הונדערט גלגולים ווייזט זיך פּיאַסט און געביטן ווערט זיין געשטאַלט און פון דור צו דור איז ער אַנדערש און דור נאָך דור ווייטיקט ער דעם ווייטיק פון זיין לאַנד און פאַר פּוילנ'ס יידן נעמט ער זיך אָן און ער באַגערט צו באַהעפטן קראַפט מיט גערעכטיקייט: און טרוים און טרויער ליגן אויף זיין אָנגעזיכט: און עס חנפ'ענען קנעכט די באַצווינגער זייערע און אויף די יידן טייטלען זיי: די יידן די יידן אַלץ די יידן: דער ווייסל'ס וואַסערן זידן: דער ווייסלס וואַסערן מסרן:

אָט מאַרשירן חיילות און פורן מיט יידן פּאַריאַגטע פון זייערע היימען שלעפן זיך איבער פעלדער און קינדער וויינען: ווי שאָטנס וואָס פילן אָן מיט וואָך און זאָרג אַ יידישע שטוב נאָך הבדלה אַזוי זעען אויס די פאַרדאַגהטע בערד פון די פאַרטריבענע: אָט איז אַ סלופּ און אויף אים אַ געהאַנגענער רב אַ זקן און אַ געזינדל ראָבן לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם הייליקן גוף: פון שלאַכטפעלדער קומען די פעטע ראָבן און זייער קראַקעריי איז פריילעך און פרעך: און דאָס קול וואָס באַגלייט דאָס בילד זינגט דאָס ליד פון דעם געהרגעטן יידישן זעלנער אויף די גרינע פעלדער, אויוויי, אויוויי:

באַפרייט ווערט פוילן נאָך יאָרן פון קנעכטשאַפט און אָט זעט זיך אַ באָרד אַרויסגעפּליקט פון אַ בלייך יידיש פּנים אַרויס מיט אַ שטיק בלוטנדיק פלייש צוזאַמען: און בילד נאָך בילד, בילד נאָך בילד, ביז דאָס אויג שטעלט זיך אָפּ אויף אַ שווידער וואָס האָט נישט זיינסגלייכן: איידער עס עקט זיך דעם ייד'ס פּה־לין ווערט פול די נאַכט מיט שדים וואָס זעען אויס ווי מענטשן: אומצייליקע שדים בוקן זיך פאַר אַן אָפּגאָט וואָס זעט אויס ווי אַ מענטש און אומצייליקע שדים־הענט שליידערן אין קאַלכאויוונס מענער און פרויען זקנים און קינדער: און די פייער־נאַכט איז אָנגעקליידט אין רויכן און די רויכן הויבן זיך נאָכאַנאַנד נאָכאַנאַנד: אין די שוואַרצע בייכער פון די רויכן ליגט אַן אומגעבראַכטע אומה: און יונגע יידן עפענען אַ פייער אויף די פאַרלענדער: אין עיפּושדיקע זומפּן פון זייער בלוט, וואָס זעט אויס ווי מענטשן־בלוט, גוסס'ן שדים: אָבער נייע שדים־חילות פּלייצן אָן און זיי צינדן אונטער די רעשטלעך פון אַ העלדישער יידנשטאָט: פון יענער זייט מויער שטייען און קוקן זיך צו מענער און פרויען פון פוילן: עס יובלט דער המון און פרייט

זיך וואָס די יידן ברענען: און פּיאַסט וואָס גייט דורך די דורות איז ערגעץ פאַרשוואונדן: קאָן זיין אַז ער איז געטויט: אַ גלח האַלט אויף זיין צלם דעם ייד וואָס מע האָט אים געמאַכט פאַר אַ גאָט און הייסט אים קוקן ווי עס ברענען די לעבעדיקע יידן: דאָס קול וואָס באַגלייט די בילדער זינגט אַ געזאַנג: עס איז דאָס משיח־געזאַנג וואָס די יידן האָבן געזונגען אין אָנבליק פון דעם פאַרלענד: איך גלויב, איך גלויב מיט אַ פול גלויבן: אין משיח'ס קומען טו איך גלויבן: און אויבוואויל ער טוט זיך זוימען וואַרט איך פונדעסטוועגן איט־ליכן טאָג אויף זיין קומען: שטילער, אַלץ שטילער ווערט דאָס געזאַנג ביז דאָס קול הערט אויף אינגאַנצן: און ס'וואַכט אויף אין דער טונקעלער וואַלד־שטוב אברהם פּראָכאָווניק:

ד

און נון קומט דער אַקערמאַן פּיאַסט און ס'גייט אים נאָך דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט קיין קרושניץ צו קלייבן אַ האַר און אַ הערשער נאָך דעם טויט פון פּאָפּיעל דעם פירשט:

און קלאַפּן טוט פּיאַסט אין דער טיר דער פאַרשלאָסענער: עפן, אברהם, און גיב באַשייד: ס'קאָן דאָס לאַנד אָן אַ הערשער נישט בלייבן:

און ס'ריגלט אויף די טיר דער ייד אברהם: בלייך ווי אַ לבנה גייט ער אַרויס צו פּיאַסט'ן און צום פאָלק: איבער קעפּ און איבער ביימער קוקן זיינע אויגן: שטיל פאַלן די ווערטער זיינע:

דו, פּיאַסט, וואָס דו טראַכסט מחשבות וועגן דיין לאַנד און דיין שטאַם, ד ו זאָלסט זיי פירן, און נישט איך דאַרף זיין דער פירשט פון די פּאָליאַנער: בלויז צו נעכטיקן דאָ איז באַשערט דעם שטאַם פון די יידן: דורות אויף דורות וועט ער דאָ זיצן און זיין וועט דאָס אַלץ אַן איינציקע נאַכט: מיר קינדער פון ישראל וואַרטן אויף איינעם וואָס זוימט זיך צו קומען: ער קומט ווען ס'פאַלן אַלע געטער און פון צווישן די פעלקער טוט ער אונדז זאַמלען און מיר גייען אַלע קיין ציון צוריק: און קומען וועט נישט ירושלים'ס טאָג ביז עס טוט זיך נישט עקן אין שרעק איבער שרעקן אונדזער נאַכט אין דעם פּוילישן לאַנד:

## אמונה

וואו וואוינט אמונה? ווילסט געפינען
איר וואוין — צום יאוש גיי און פרעג.
דורך זיינע לענדער גייט דער וועג.
עס וואוינט אמונה אויף רואינען.

אויף דעם אַנטבלויזטן פונדאַמענט
פון אַ געביי, וואָס איז פאַרברענט,
טוען די טרערן אירע רינען.

די טרערן שפּיגלען אַ באַגינען,
וואָס ליכטיקט־אויף אין פירמאַמענט
אַריבער איר און די רואינען.

אין אירע טרערן לייכט באַגינען
בשעת זי זיצט און ברעכט די הענט.
און האָסטו יאוש נישט געקענט —
אמונה וועסטו נישט געפינען.

יאַנואַר, 1946

## דיאַלאָג צווישן מיר און מיין עצבות

**מיין עצבות:**

אַמעריקע — אינגליש, ישראל — סאַברייאיש.
סיי דיין יידיש, סיי דיין העברעאיש
צאַנקען אַוועק דעם לעצטן צאַנק.
דיין דור שטאַרבט אָפּ — און ניי־ישראל
ווערט געבוירן אין דונער פון אַ טאַנק.
וואָס האָט דיין צאַנקען צו טאָן מיט טאַנקען?
דיך נאַרט אַ חלום אַן אומזיסטער:
באַגערסט אַ מדינה געגראַמט מיט שכינה.
ווער זאָל עס געבן דיר? אַ מיניסטער?

**איך ענטפער:**

כ׳בין כופר אין טויט בכפירה גמורה.
טויט איז שקר און להד״ם.
זיינען דען טויט די זעקס מיליאָנען?
זיי זיינען אַ לעבעדיקער פלאַם.

עס שטאַרבט מיין דור? ס'איז דער לעצטער צאַנק?
ניין, אין דעם אי צ ט פון נצח־ישראל
טרעפן זיך אַלע: צו אים איז דער גאַנג.
זינגט נישט לוויים'דיק אויך דער יאוש?
מ'דאַרף קאָנען הערן זיין געזאַנג.
מיר גייען אַלע דעמזעלבן גאַנג.
און דער יינגסטער סאַבראַ איז אַלט־נביאיש.

**מיין עצבות:**

פּוסט־פּאָעטישע פּאַוועטינע!
פון וואַנען ווייסטו? ס'איז מיר דערעסן — — —

**איך:**

איך בין געשטאַנען אַמאָל ביים סיני.

**עצבות:**

איך האָב מאַידאַנעק נישט פאַרגעסן.

**איך:**

איך אויך נישט, נאַרישע חכמת!
איך זאָג נאָר: סיני און מאַידאַנעק
טרעפן זיך אין דעמזעלבן אמת.

**עצבות:**

אַז ווײ צו אַן אמת, וואו ס'טרעפן זיך ביידע!
דו רעדסט ליטעראַטיק און טאַלאַנטיק.
דו באַנדאַזשירסט, זאָל נישט זיין צום גנאי,
די קרעץ מיט ווערטער פון ראָמאַנטיק.
ס'האָט דיך דיין גאָט פון אַלע טרעפּ
געשליידערט; האָסטו זיך אַביסל
פאַרריכט, הויבסט הינקעדיק אַ פיסל
און קריכסט אויפסניי — נאָך נייע קלעפּ.

**איך:**

כ'בין נאָר אַ פאָדעם אין געוועב.
כ'האָב קבר'דיק געגומען פוילן,
ערשט כ'האָב דערהערט פון פאַרגאַזטן פוילן
דאָס קול פון קדושים. עס האָט באַפוילן:
לעב!

**עצבות:**

לעבן ביסט זיכער?
און — קריכסט צו אים אויפסנייע, דו קריכער,
צום גוטן גאָט, וואָס ברענט און בראָט?

**איך:**

האָסט דען אַן אַנדער אַדרעס ווי גאָט?
צו וועמען, אַז נישט צו אים?

**עצבות:**

צום גאָרנישט.
קרעפּיר, דו נישט־דערקוילעט עוף!

**איך:**

ייִד און אויפהער זיינען קיין פּאָר נישט.
דער טייטש פון ייִד איז: אַנטי־סוף.

**עצבות:**

מזל־טוב, האָסט געפּאַקט אַ שטרוי!
נאָר דערטרונקען ווערסטו, אַזוי צי אַזוי.

**איך:**

צום זעלבן שבת גייען די דורות,
עס זינגען מאמין און אַפּיקורס:
לכו נרננה לאדני.

**עצבות:**

אַ זינג־טאָן וועט די אַטאָמישע באָמבע!
דערנאָך —

**איך:**

וועט ווידער ווערן פרי.
ס'וועט אַ לעצטער ייִד פון אַ קאַטאַקאָמבע
אַרויס און אויסרופן: יה י !

1950

# פון עזרא דעם פערטן

דאָס בוך „עזרא דער פערטער" געהערט צו די אַפּאָקריפן (ספרים חיצונים). לויט דר. א. קאמינקא זאָל עזרא האָבן געווען אַסיר שאַלתיאל, זון פון יכניה מלך יהודה. די אויסצוגן, וואָס ווערן דאָ געגעבן, זיינען לויט דער העברעאישער איבערזעצונג פון א. קאמינקא, וואָס האָט פאַרגליכן די אַלטע גריכישע, לאַטיינישע און אַראַמעאישע טעקסטן.

איך האָב דאָ פון פאַרשידענע פרקים אין „עזרא דעם פערטן" אַרויסגענומען שטעלן, וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט ווי אַ תמצית'דיקע גאַנצקייט.

אין יאָר דרייסיג נאָכן חורבן פון דער שטאָט, אין בבל זייענדיק, בין איך, שאלתיאל אָדער עזרא, געלעגן טרויעריק אויף מיין געלעגער און געדאַנקען זיינען מיר אַרויף אויפן זינען, אַז ציון איז פאַרוויסט, בעת בבל איז רואיק געפלאַנצט אין איר וואוין. האָט מיין זעל אויפגעברויזט זייער און איך האָב ביטערע ווערטער גענומען ריידן צו דעם העכסטן און איך האָב געזאָגט:

גאָט, דו האָסט הימל באַשאַפן און ערד — און אַלץ וואָס אין זיי. און מיט דיין לויטערער האַנט האָסטו דעם מענטש געפורעמט און דעם אָטעם פון לעבן אַריינגעבלאָזט אין אים און ער איז געוואָרן פאַר דיר אַ לעבעדיקע זעל. און דו האָסט אים אַריינגעבראַכט אין גאָרטן, וואָס דיין רעכטע האַנט האָט געפלאַנצט, און האָסט אים געהייסן באַנעמען דיין ווערק. און ער האָט ווידערגעשפעניקט אין דיין געבאָט און דו האָסט באַפוילן דעם טויט איבער אים און זיין נאָכקומענשאַפט.

און אַז פעלקער זיינען אַרויס פון אים און שטאַמען און שפּראַכן און משפחות אָן אַ צאָל, און אַז איטלעך פאָלק איז געגאַנגען אין דעם מוטוויל פון זיין האַרצן און געטאָן דאָס שלעכטע אין דיינע אויגן און פאַרשוועכט דיין געבאָט — אַזוי האָסטו געבראַכט אַ מבול אויף די וועלט־באַוואוינער זיי צו פאַרטיליקן.

פון צווישן זיי האָסטו איינעם בלויז איבערגעלאָזט, נוחן און זיין הויז, און פון אים זיינען די רעכטפאַרטיקע אַלע. און ווען די וואוינער פון דער ערד האָבן גענומען זיך מערן און זיי האָבן מער נאָך געזינדיקט ווי די ערשטע און זייער וועג פאַר דיר האָבן זיי פאַרדאָרבן — אַזוי האָסטו פון צווישן זיי זיך ווידעראַמאָל אויסגעקליבן איינעם מיטן נאָמען אברהם. אים האָסטו ליב געקראָגן און אים האָסטו דיינע סודות אַנטפּלעקט אין נאַכט־זעאונג.

און אַן אייביקן בונד האָסטו פאַרשניטן מיט אים און געזאָגט האָסטו, אַז דו וועסט זיין זוימען נישט פאַרלאָזן, און האָסט אים געגעבן יצחקן, און יצחקן האָסטו געגעבן יעקבן און עשון. יעקבן

האָסטו אויסגעטיילט און עשון האָסטו דערווייטערט. איז יעקב געוואָרן צו אַ גרויס פאָלק, און אַז דו האָסט זיינע קינדער פון מצרים אַרויסגעפירט און זיי געבראַכט צום באַרג סיני — אַזוי האָסטו הימלען אַ נייג געטאָן און צעשאָקלט די ערד און צע־טרייסלט גאָר די וועלט און די תהומות ציטערן געמאַכט. און דורך פיר טויערן איז געגאַנגען דיין כבוד: דורך פלאַם, ערד־ציטער, שטורעם און האָגל, אויף צו באַשענקען מיט אַ געזעץ די נאָכקו־מענשאַפט פון יעקב, און מיט מצוות — דאָס הויז פון ישראל. אָבער דאָס שלעכטע האַרץ האָסטו נישט אָפּגעטאָן פון זיי, אַז דיין תורה זאָל טראָגן פרוכט, דען אין דעם מוטוויל פון זיין האַרץ האָט דער ערשטער אדם געזינדיקט און געשטרויכלט געוואָרן, און אַזוי אויך אַלע, וואָס זיינען אַרויס פון אים.

זיינען די צייטן אַריבער און די יאָרן פאַרביי און דו האָסט ווידער אויסדערוויילט אַ קנעכט, דוד מיטן נאָמען. און דו האָסט אים באַפוילן צו בויען די שטאָט, וואָס דיין נאָמען איז אויף איר.

און ס'איז געווען אין צייטן אַרום און די וואוינער פון דיין שטאָט האָבן זיך פאַרזינדיקט, זיך אויפגעפירט נישט בעסער ווי אדם און ווי זיין זוימען נאָך אים, און דאָס שלעכטע האַרץ נישט באַצוואונגען. האָסטו די שטאָט איבערגעגעבן אין די הענט פון די שונאים דיינע.

און איך האָב געפרעגט אין מיין האַרצן: פירן זיך אויף בעסער ווי זיי די איינוואוינער פון בבל? צי דערפאַר זאָל פאַלן די שולד אויף ציון?

דען געקומען בין איך אַהער (קיין בבל) און האָב געזען דאָ אומציייליקע זינד, חטאים גאָר אַ סך דורך דרייסיק יאָר. האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען איך האָב צוגעזען, ווי דו פאַרשווינסט די טוער פון שלעכטס און פאַרצייסט די ווערקער פון אומרעכט, ווי דו האָסט חרב געמאַכט דיין פאָלק, די שונאים צו־רו געלאָזט, און די הענט פון די, וואָס פאַרלאָזן דיך, נישט געשטראָפט.

מיט וואָס איז בבל בעסער פאַר ציון?

האָט דיך אפשר אַן אַנדער פאָלק געקענט אַ חוץ ישראל? וועלכע שטאַמען האָבן עס אַזוי געגלייבט אין דיין בונד ווי יעקבס קינדער? און דאָך איז קיין לוין נישט געווען פאַר זייער טואונג און אָן פרוכט איז געווען זייער מי.

איך בין געגאַנגען דורך די פעלקער און האָב געזען, אַז עס גייט זיי וואויל, כאָטש דיינע געבאָט געדענקען זיי נישט.

וועג אָפּ אויף אַ וואָגשאָל אונדזערע זינד און די זינד פון די אַנדערע וועלט־באַוואוינער — צי וועלן זייערע נישט איבערוועגן אונדזערע? ווען האָבן די וואוינער פון דער ערד קעגן דיר נישט

געזינדיקט און וואו איז אַן אַנדער פאָלק, וואָס האָט אַזוי געהיט דיינע מצוות?

איינצעלנע מענטשן, היטער פון דיין געבאָט, וועסטו געפינען, אָבער אַ גאַנץ פאָלק — נישט.

און ס'האָט מיר געענטפערט דער מלאך אוריאל, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו מיר, און ער האָט געזאָגט: איז דיין האַרץ צערודערט און באַגערסטו צו וויסן די וועגן פון דעם העכסטן?

האָב איך געזאָגט: יאָ, מיין האַר.

האָט ער געענטפערט און געזאָגט אַזוי: איך בין געשיקט דיך צו לערנען און וועל דיר פאַרגעבן דריי משלים. וועסטו איינעם פון זיי קענען באַענטפערן — וועל אויך איך דיר קענען ווייזן דעם וועג, וואָס דו ווילסט זען.

האָב איך געזאָגט: רעד, מיין האַר.

האָט ער געזאָגט צו מיר אַזוי: גיי און וועג מיר אָפּ די וואָג פון פייער. גיי און מעסט מיר אויס די מאָס פון דעם ווינט. גיי און קער מיר אום דעם פאַרגאַנגענעם טאָג.

און איך האָב געענטפערט: ווער פון די מענטשנקינדער וואָלט דען באַוויזן אַזוינס צו טאָן, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר אַזעלכע זאַכן?

האָט ער אַזוי געזאָגט:

ווען איך פרעג דיך: וויפל אוצרות רוען אויפן דעק פון ים, וויפל קוואַלן פאַרמאָגט די טיפעניש פון תהום, וואָס זיינען די וועגן צום הימל און וואו זיינען די טויערן צו דער אונטערערד? — וואָלסטו מיר זיכער געענטפערט: איך האָב קיינמאָל אין תהום נישט גע־נידערט און בין קיינמאָל אין די הימלען נישט געשטיגן. נון האָב איך דיך געפרעגט וועגן פייער בלויז און וועגן ווינט און וועגן צייט — זאַכן, וואָס דו קאָנסט נישט לעבן אָן זיי — און דו ווייסט קיין ענטפער נישט!

און ער האָט ווייטער גערעדט:

אויב אפילו דאָס, וואָס מיט דיר, קאָנסטו נישט באַגרייפן — טאָ ווי קאָנסטו באַגרייפן די וועגן פון דעם העכסטן? דו, וואָס פאַרגיין וועסטו און דיין לעבן וועט זיך עקן — ווי קאָנסטו באַ־נעמען דאָס, וואָס אייביק באַשטייט עס?

און איך בין געפאַלן אויף מיין געזיכט און האָב געזאָגט צו אים: ליבערשט וואָלטן מיר נישט געווען, איידער מיר זאָלן יאָ זיין און לעבן אין זינד און נישט וויסן פאַרוואָס.

און ער האָט מיר געענטפערט: „דיביימער פון וואַלד זיינען אַוועק אויף אַ ראַט און געזאָגט אַזוי: לאָמיר גיין מלחמה האַלטן מיטן ים און זאָל ער זיך צוריקציען פאַר אונדז און מיר וועלן פלאַנצן וועלדער אויף זיין אָרט.

און אויך די אינדן אין ים האָבן אַ פּלאַן געפּלאַנט און געזאָגט: קומט, לאָמיר מלחמה האַלטן מיט די וועלדער און לאָמיר איינ־נעמען די ערד.

איז דעם וואַלדס געדאַנק צו־נישט געוואָרן, דען דאָס פייער איז געקומען און האָט פאַרצערט דעם וואַלד, און אַזוי איז צע־שטערט געוואָרן דער פּלאַן פון די אינדן, דען דאָס זאַמד האָט זיך זיי אין וועג געשטעלט. נון, ווען דו ביסט דער ריכטער איבער זיי — ווּעמען וואָלסטו באַרעכטיקט און וועמען באַשולדיקט?״

האָב איך געענטפערט און געזאָגט:

אומזין האָבן זיי געטראַכט אַלע גלייך, דען דעם וואַלד איז געגעבן די ערד און אויך דעם ים איז געגעבן אַן אָרט פאַר די אינדן זיינע.

האָט ער געזאָגט צו מיר: ריכטיק איז דיין אורטייל, נאָר פאַרוואָס האָסטו נישט געאורטיילט וועגן זיך אַליין? ווי די ערד איז פאַרן וואַלד און ווי דאָס אָרט פאַר די אינדן איז בלויז דער ים, אַזוי קענען די ערד־וואוינער באַגרייפן בלויז דאָס, וואָס אויף דער ערד, און נאָר דאָס הימלישע באַגרייפט וואָס הימליש איז.

האָב איך געזאָגט: איך בעט דיך, האַר מיינער! נאָך וואָס זשע איז אונדז געגעבן געוואָרן אַ האַרץ צום פאַרשטיין? נישט וועגן דעם, וואָס ביי דיר אין הימל טוט זיך, האָב איך געפרעגט. געפרעגט האָב איך דאָך וועגן דעם, וואָס עס קומט פאַר מיט אונדז דאָ טאָג ביי טאָג.

אָ, פאַרוואָס איז ישראל צו־שאַנד צווישן פעלקער? דאָס פאָלק, וואָס דו האָסט ליב, איז אין דער האַנט פון זינדפולע שטאַמען, און די לערע פון אונדזערע אָבות איז לאיבוד געגאַנגען, און ווי היי־שעריקוואַרג אַזוי פאַרשווינדן מיר פון דער וועלט, און צו דיין גנאָד האָבן מיר נישט זוכה געווען. און וואָס וועסטו טאָן מיט דיין גרויסן נאָמען, וואָס ווערט גערופן אויף אונדז? אָט דאָס איז די פראַגע מיינע.

און ער האָט געענטפערט:

אַז דו וועסט לעבן וועסטו אַליין אָנקוקן, און פאָרש נישט אין די פאַרהוילטקייטן צופיל, דען שנעל וועט פאַרבייאיילן און פאַרשווינדן דער דור. — — — דען געזייט איז דער זוימען און נאָך איז די שניט־צייט נישטאָ.

ביז געשניטן וועט נישט ווערן דאָס פאַרזייטע און ס׳וועט איר אָרט נישט פאַרלאָזן די זריעה פון שלעכטס — וועט קיין אָרט נישט זיין פאַר דער זריעה פון גוטס.

דען אַ קערנדל שלעכטס איז באַלד פון אָנהייב פאַרזייט געווען אין אדמס האַרץ — און וויפל זינד איז פון אים אַרויסגעוואַקסן ביז איצט און וויפל וועט נאָך אויפגיין ביז צו דער שייער־צייט!

באַדענק עס דערום און באַנעם: אויב פון אַ קערנדל שלעכטס האָט געקאָנט אויפגיין אַזויפיל רשעות — טאָ ווי גרויס וועט שוין זיין די תבואה, ווען אומצייליקע קערנער (פון גוטס) וועלן ווערן פאַרזייט.

האָב איך געזאָגט: ווען און ווי אַזוי וועט פאַרקומען די זאַך? די טעג פון אונדזער לעבן זיינען אַזוי ווינציק און שלעכט.

און ער האָט געענטפערט: פון גרויס געאייל צווייפלסטו אין אים אומזיסט. גרויס איז ער און דערהויבן. ער האָט דעם דור אויף זיין וואָגשאָל געוואויגן, געמאָסטן די צייטן, געציילט די צאָל פון די יאָרן — און ער וועט גאָרנישט צואיילן, ביז פול וועט נישט ווערן די באַשטימטע מאָס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און איך האָב אין טרערן און געוויין געפאַסט זיבן טעג — —

און ס'איז געווען נאָך די זיבן טעג און מיינע גדאַנקען זיינען צוריקגעקומען און האָבן מיך זייער געפייניקט.

און איך בין געקומען צו זיך און איך האָב ווידער גענומען ריידן פאַר דעם העכסטן:

גאָט, פון אַלע וועלדער אויף דער ערד און פון אַלע פלאַנצן האָסטו דעם ווייַנשטאָק אויסגעקליבן.

פון אַלע לענדער האָסטו איין וואוין אויסדערוויילט, פון אַלע בלומען — איין רויז.

פון אַלדי תהומות פון די ימען האָסטו דיר אָנגעפילט איין באָך און פון אַלע שטעט די געבויטע האָסטו איין ציון זיך געהייליקט.

פון גאָר דעם געפליגל, וואָס דו האָסט באַשאַפן, האָסטו די טויב דיר אויסגעזוכט, און פון אַלע פיך — די שאָף.

פון די פעלקער די פיל האָסטו איין פאָלק צו זיך דערנעענטערט, און געבאָטן לויטערע ביז גאָר האָסטו דיין שטאָם געגעבן דעם געקליבענעם.

און נון, גאָט, פאַרוואָס האָסטו דעם איינעם געגעבן אין די הענט פון די פילע, און פאַרוואָס האָסטו צו שאַנד געמאַכט די איינע פלאַנץ, און פאַרוואָס האָסטו דיין יחיד צווישן רבים צעוואָרפן? און די ברעכער פון דיין צוים — זיי האָבן אונדז צעטראָטן, די וואָס גלייבן אין דיין געבאָט נישט. אויב ליב האָסטו דאָס דאָזיקע פאָלק — ליבערשט שטראָף עס מיט די אייגענע הענט.

און ווי איך האָב גערעדט אָט די רייד, ערשט דער זעלבער מלאך, וואָס אין דער פאָריקער נאַכט, איז געשיקט געוואָרן צו מיר, און ער האָט זיך אָנגערופן: הער וואָס איך וועל דיך לערנען און באַנעם וואָס איך וועל דיר ווייזן.

האָב איך געזאָגט: רייד, מיין האַר.

און ער האָט גערעדט צו מיר: פון וועגן ישראל ביסטו אין גרויס צעמישונג — שוין־זשע האָסטו אים ליבער ווי זיין באַשעפער האָט אים ליב?

און איך האָב געזאָגט: ניין, מיין האַר, נייערט פון מיין ווייטיק אַרויס האָב איך גערעדט, דען עס האָבן מיינע אינגעווייד מיך געפייניקט איטלעך מאָל, ווען איך האָב געזוכט צו באַנעמען די וועגן פון דעם העכסטן און צו פאָרשן זיין געריכט און זיין אורטייל.

און ער האָט געזאָגט: ווּעסט עס נישט באַווייזן.

האָב איך געפרעגט: פאַרוואָס? נאָך וואָס בין איך אויף דער וועלט געקומען און פאַרוואָס איז מיין מוטערס לייב נישט געוואָרן מיין קבר, אַז איך זאָל נישט דאַרפן זען די מאַטערניש פון יעקב און דעם ווי פון ישראל?

און ער האָט געזאָגט צו מיר אַזוי:
צייל די טעג אויס, די נאָך נישט געקומענע,
זאַמל צונויף די צעשאָטענע רעגנדלעך,
לעב די פלאַנצן אויף די פאַרוועלקטע,
עפן די אוצרות אויף די פאַרריגלטע,
לאָז די ווינטן אַרויס די פאַרשפאַרטע
און פון קולות ווייז מיר די בילדער —
וועל איך דעם סוד, וואָס דו זוכסט, דיר אַנטפּלעקן.

האָב איך געזאָגט: ווער קען באַווייזן אַזוינס? סיידן דער, וואָס נישט צווישן מענטשן זיצט ער, און איך בין דאָך נישטיק אַזוי און יונג — ווי קאָן איך עס באַשיידן?

האָט ער גערעדט צו מיר אַזוי: ווי דו קאָנסט קיין זאַך נישט טאָן פון די אַלע זאַכן — אַזוי קאָנסטו אויך מיין אורטייל נישט פאַרשטיין און אַזוי קאָנסטו נישט וויסן דעם לעצטן תוך פון דער גנאָד, וואָס איך האָב באַשטימט פאַר מיין אומה.

## קול און קעגן־קול

### קול

אין וועלטן, איצט נישט היגע, האָט מיין איך אַמאָל געאיכט —
ווי זיי פאַרברענט איז יענער איך, נישטאָ זיין שפור.
וואַרשע איז אַ וואָרט אין אַ געדיכט,
דאָס לעבן פון מיליאָנען — בלויז ליטעראַטור.
נישט געבליבן אפילו קיין קברים...
בלויז דער נאָך־איך מיינער קריכט
איבערן אַש פון וועלטן ווי אַ וואָרעם.

## קעגן־קול

אַ בשורה צו באַוויינער:
נישטאָ קיין טויט און אַלע וועלטן זיינען הי.
ווייל דער הי דער וואָרער איז אין אים אַליין נאָר,
אין זיין הי י נ ט דעם אייביקן... אויף זיינע קני
האַלט ער אַלע קינדערלעך — אויך דיין בן־יחיד...
פאַרברענט, אָבער נישט טויט! וואָס קאָנסטו וויסן,
ווי טיף ער האָט די בראָך
פאַר׳ברכה׳ט?

## זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג.
מעג ווי שרעקליך זיין דער וועג און מעג
ס׳גאַנצע לעבן ווי אַ בייזער מום זיין —
זאָג צו זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין לעצט!
זאָג צו זיך: עס איז נישטאָ קיין אומזיין!

אויב נאָך טויט איז מער נישטאָ קיין זיין,
איז דאָס לעבן אומזין — און דיין פּיין
איז ממילא פונקט דערזעלבער אומזין.
נאָר צו שטאַרק איז זי, אַז זי זאָל זיין
אומזיניק — טאָ לערן פון דיין פּיין,
אַז עס איז נישטאָ, נישטאָ קיין אומזין,
און אויב ז י ן איז — איז נישטאָ קיין א ו מ ז י י ן.

מעג דער וועג ווי שרעקליך זיין און מעג
ס׳גאַנצע לעבן ווי אַ בייזער מום זיין,
זאָג: עס קאָן נישט לעצטיק זיין דער וועג.
זאָג: עס קאָן נישט, קאָן נישט זיין קיין אומזיין.
אייביקייט, עס וואַרט אויף אונדז דיין זונשיין,
ס׳וואַרט אויף אונדז דיין זיין, וואָס איז אַ זון־זיין.

## תפילה קודם התפילה

דו ביסט דער פשוטער גאָט.
דו ביסט דער וועלטס באַשייד —
און אַ באַשייד איז פשוט.
צו דיר — די דאָזיקע רייד.
אַלץ שנעלער לויפן יאָרן
און באַלד וועט ווערן שפּעט.
כ׳זאָל זוכה זיין צו תפילה —
אָט דאָס איז מיין געבעט.
פאַרלירן זאָל איך ס׳וויסן,
וואָס ווייס נישט סיי־ווי־סיי,
און אויפהערן זאָל איך פאָרשן:
נאָכוואָס און הלמאי?
דער וויטיק מיינער זאָל שווייגן
ווי עס שווייגט אַ פאַרשולדיקט קינד.
כ׳זאָל דעם סוד פון מאַידאַנעק נישט זוכן —
אויך דאָס איז העזה און זינד.
אין מיין טרער זאָל אַריין הכנעה:
אויך אַ טרער קאָן ווערן פרעך.
די קראַפט נישט צו פרעגן שענק מיר,
די גאווה פון עצבות ברעך!
מיין מדבר — מיט תפילה פיל אים.
כ׳זאָל זוכה זיין זאָגן תהלים.
תפילה איז פאַר אַ ייד,
קונסט — פאַר עובדי־אלילים.

ערב סוכות, 1948

---

די גאווה פון עצבות — לייען: די גייווע פון אַצוועס.

## אני מאמין

זאָל איך גלייבן אין שפּינאָזעס געאָמעטערדיקן געץ?
ס׳איז אַ גאָט, וואָס קאָן נישט ענדערן זיין אייגענעם באַשאַף,
אַ גאָט, וואָס איז ביים אייגענעם געזעץ
אַ נעבעכדיקער שקלאַף,
אַ גאָט אָן גרוילן און אָן נסים,
אַ גאָט אַ קאַלטער אַפּיקורס,
אַ וויטער פעטער, וואָס וויל מיך נישט קענען,

וואָס פון זיינעטוועגן מעג איך ברענען
אויף אַלע פייערן עד סוף כל הדורות;
אַ גאָט אַ בעל־חשבון, וואָס ווען איך פאַרגיי
גרייכט נישט צו אים מיין געשריי;
אַ גאָט, וואָס זיינע מלאכים זיינען ציפערן;
אַ גאָט, וואָס איידער אין אים
וואָלט איך שוין ליבערשט געגלויבט אין לוציפערן.

צי אפשר זאָל איך גלייבן אין דעם אויסלייזער, וואָס לייזט
נישט אויס,
דעם אויסגעטראַכטן גאָט, וואָס באַמבלט זיך אויף אַלע צלמים,
דער עבודה־זרה, וואָס פאַרגיט פ אָ ר ו י ס
גילוי־עריות און שפיכת־דמים?
זאָל איך גלייבן אין דעם גאָט פון קלויסטערדיקע גלעקער,
וואָס די פינצטערע פאַנטאַזיע פון סאַדיסטן
האָט אויסגעבלוטיקט אים אומיסטן,
כדי צו פייניקן מיין אמת מיט זיין שקר?

נישט די לעגענדע פון דעם גאָט, וואָס איז געוואָרן מענטש,
נישט די בלוט־מעשה מכוח דעם געשלאַכטן, —
נישט דאָס איז וועלט־זינד און נישט דאָס איז העכסטער סוד
פון אָט דעם עולם־תחתון.
אַן אמת ווייס איך, וואָס איז זעקס מיליאָן מאָל גרויליקער
און זעקס מיליאָן מאָל סודיקער: די וואָר וועגן דעם ט י י ו ו ל,
וואָס איז געוואָרן מענטש, געוווען מיט אונדז דאָ אויף דער ערד,
געוווען געזען, געוווען געהערט,
און — געשלאַכט אַ פאָלק, פאַרקוילט עס און פאַרגאַזט עס!
די בעלעטריסטישע מיסטעריע פון דעם קריסט —
וואָס איז זי קעגן אָט דעם סוד, וואָס איז געשען בפשטות?

אָ, די כלומרשטיקע געטער!
זיי — און די אַנדערע שאָטנס, די איזמען!
פוסטער ווי תמיד קלינגט מיר זייער פזמון
אַצינד, נאָכן צעשמעטער.
אין וועמען ק אָ ן איך גלייבן,
אַז נישט אין אים, מיין לעבעדיקן גאָט פון קאַטאַקליזמען,
פון אָפענע נקמות און באַהאַלטענע נחמות?
וואָס מען איז — דאָס א י ז מען:
כ׳בין ייד, ווי ער איז גאָט.

האָב איך דען אַ ברירה, נישט צו גלייבן
אין יענעם לעבעדיקן גאָט, וואָס טויט מיך צוליב צוועקן,
וואָס כ'קאָן זיי נישט אַנטדעקן,
און נאָכדעם ווי ער מאַכט מיין לייב צו אַש —
נעמט ער מיך ווידער וועקן?
און ווער איך שטורעם קעגן אים און בונט, —
איז ער דער, וואָס בלוטיקט אין מיין וואונד,
און מיינע וויי־געשרייען זיינען שבחים.
נישט ווילנדיק באַשטעטיקט אים מיין פיין:
ווער וועט זיך בונטעווען אַקעגן בלייכע יויזן?
און ווער וועט ברויזן
אַנטקעגן אַ שפינאָזע־גאָט'ס
נישט־זייענדיקן זיין?

און נאָך אַ מאָל און ווידער:
אפילו איצט — צי האָב איך דען אַ ברירה
נישט צו גלייבן אין דעם גאָט פון תהלים און פון סידור,
אַז נאָר צו אים אַליין, צו אים אַליין
קאָן איך שרייען דאָס געשריי פון אַלע מיינע גלידער?
דווקא ווייל ער לעבט און ווייל ער וויל,
ווייל ער שלאָפט נישט אין געזעץ דעם שטייפן,
קאָן איך זיינע מעשים נישט באַגרייפן —
און מיין נישט־באַגרייפן איז אַ ראיה, אַז ער איז.
ס'ליגט מיין אַש צו זיינע פיס.

אַני מאמין — איך גלייב, אַז דאָס גיט ער
מיר גיהינומס נישט־געדאַכטע,
ווייל ערגעץ היט ער
נישט געדאַכטע גן־עדנס פאַר זיינע געשלאַכטע.

אַני מאמין — איך גלייב:
מיט מיר צוזאַמען ליידט ער.
שריי איך קעגן אים —
מיט מיר צוזאַמען שרייט ער.
ער וויל מיך לייטערן אַ גרויס געלייטער.
ער, וואָס הייסט דעם משחית אָנצינדן מיין שייטער,
וויל מיך לוינען און באַקרוינען
מיט די פינקלדיקסטע כתרים.

ער וועט מיך הייבן איבער אַלע זיינע שרים
פון וועגן מיין גלייבן אין אים אפילו
נאָך מיליאָנען עקדות
פון טאַטעס, אייניקלעך און זיידעס,
עקידות אָן מלאך, אָן ווידער.

דער גאָט דער אומבאַגרייפלעכער פון תהלים
מאַכט, עס זאָל נאַכט ווערן,
און לאָזט מיך געשלאַכט ווערן;
דערנאָך הייסט ער אויפשטיין ווידער.
צי איך וויל נישט, צי איך וויל אים —
זיינע עקספערימענטן
פירט ער דורך דורך מיר,
דעם אייביק געברענטן.
קיינעם לאָזט ער נישט אַזוי אונטערגיין ווי מיך
און קיינעם טוט ער נישט אַזוי אין פייער מאָדולירן;
קיינעם וויל ער נישט אַזוי געפינען;
קיינעם טוט ער נישט אַזוי פאַרלירן.
אויך איך געפין אים און פאַרליר אים —
פאַרליר אים און געפין אים —
אָ, רצוא־ושוב פון חסדים און פון דינים!
איכה און שיר השירים!

ווער איז ווי מיין גאָט וואולקאַניק?
אָט איז ער סיני צו מיר,
און אָט — מיידאַנעק.
און מעג איך ווי רעוואָלטירן
און מעג איך ווי מיד זיין —
מוז איך ייד זיין.
מיר קאָנען זיך ביידע נישט אָפּלאָזן,
נישט ער מיך, נישט איך אים.
זאָג: ישראל, — זאָגסטו: אלהים.
און פאַל איך אונטער זיינע הענט —
קומט דער חלום פון קץ און זינגט מיר אַ טרייסט:
שוין נענטער ווי ווייטער! דו גייסט
צום טאָג פון זיין לעצטן עקספערימענט.

אַני מאמין — איך גלייב אין דער טרייסט:
פון די עקספערימענטן איבער מיר,

עקספּערימענטן אין פייער,
וועט אַרויס וואָס ער דאַרף —
אַ בראשית אַ נייער.

אַני מאמין — איך גלייב:
צוליב מיר, דער שארית ישראל,
וועט דער גאָט פון ישראל,
ווען ס'וועט אָנהייבן קצ'ן,
איבערפורעמען די קרעאַטור,
שמידן נישט־געוועזענע געזעצן.
צו זיין רעכטער האַנט וועט ער מיך זעצן.
און מיין דערלייזער וועט אין שטויב
צעטרעטן אַלע געצן.

ניו־יאָרק, תש"ח

פערטער סוב-אָפּטייל

## אַ בינטל וואַרשע-לידער

### פון סיני ביז ניסקע

פון משה רבנו'ס סיני גייט
אַ קייט, אַ קייט, אַ גלייכע קייט
ביז שליסקע, ביז ניסקע.

פון שליסקע ביז ניסקע,
פון מאָראַנאָוו ביז באָניפּראַטן —
וואוינט ס'וואַרשעווער יידישע פאָלק:
חסידים און, להבדיל, וואוילע יאַטן,
ריסטאָקראַטן,
בעל־עגלהס —
הייס־פאַרביקער יידישער גלות.

איבער וואַרשע גיי איך
און ס'באַגלייט מיך דער טעם און דער ריח
פון די נאַינס און די שאָינס און די יאַכן,
פון די וואועס און כ'וואַיס־ניש און גו'ניש־צי־מאַכן.
סאַרנע גוישקע שפּראַכן
קענען מיט דיר זיך פאַרגלאַכן,
מוזיק פון מיין וואַרשעווער יידיש פאָלק!!

### וואַרשע אין 1912

דרויסן שיינט און זומערט — פינצטער איז אין הויף.
אַ ייד מיט אַ זעקל
שרייט יאושדיק אַרויף:
האַנדעל, האַנדעל!
יאַך קויף
אַלטע שמאַטעס, אַלטע שיך —
אַלטוואַרג קויף יאַך, אַלטוואַרג!

אַז ער גייט אַוועק, קומט אָן פון גאַס
אַ הויכער קאַצאַפּ מיט אַ פּאַס
אויף דעם קוואַדראַטיקן קאָפּ.
פּייערלעך ווי אַ האָן, וואָס זאָגט אויפגאַנג אָן,
רופט ער אין הויף אַריין:
סאַכאַרנאָיע מאַראָזש — —

אויפ׳ן דנאָ פון שמאָלן קאַסטן —
דעם וואַרשעווער הויף —
איז שטיל אַ פּאָר מינוט.
און פּלוצלונג — אַ געלויף.
קונצנמאַכער, קונצנמאַכער גייען!
בלענדיק גיט־זיך אַ צעשפּרייט
אַ שלל קאָלירטע פלאַכטעס —
ליכטיק לאַכט עס
קעגן געלע מויערן, וואָס טרויערן.
קונצנמאַכער שטייען
מיט די פיס די דראָטענע אַרויף.
טרייסלט זיך דער הויף.
שרייען קינדער. פיס משוגע פלינקע
צאַפּלען, צאַפּלען אין דער הויך — און שיכור שפּילט
די קאַטאַרינקע.
פון די פענצטער פליען גראָשנס אין פּאַפּירלעך.
דער הויפט־קונצנמאַכער דאַנקט
און נויגט זיך מאַנירלעך.

די קונצנמאַכער קלייבן זיך אין וועג.
ווידער ווערט דער שמאָלער קאַסטן
פון זיין שאול תחתית
אַרויפקוקן פאַרלאָשן צו אַ שטיקל הימל,
בענקען נאָך די בלענדנדיקע פלאַכטעס.
קונצנמאַכער, גייט נאָך נישט! נישט גייט!
אָבער ניין, זיי גייען. און מיט זיי די פרייד,
נאָך זיי — די שרייענדיקע קינדער.

דרויסן קאָכט די גאַס. איבער דעם שטיינערדיקן ברוק
לויפט דונערדיק אַ דראָזשקע:
אַ דאַזאָר אין אַ גלאַנציקן צילינדער
פאָרט צום קהילה־שטיבל אויף גזשיבאָווסקע.
האַרט ביי דער וואַנט

פון אַ טויבער מויער
שפּילט אַ בלינדער מוזיקאַנט,
אַ ייד אַ לאַנגער, אַ פאַרלאָשן גרויער.
ער רייסט די גראָבע סטרונע, דעם באַס,
ברומט זי ווי פון אַ פוסטן פאַס
און וויל אַריבערברומען מיט איר טרויער
די גאַנצע גאַס.

פלוצלינג לאָזט ער אָפּ דעם סמיק זיינעם דעם דאַרן.
אויף זיין פּנים בלייבט שטאַרן
אַ שרעקיקע האַוואַיע.
מע הייסט אים אויפהערן, דעם ייד. עס גייט
אַ לוויה — — אַ לוויה — —

שפּאַנען אין שוואַרצן צוויי פערד,
שאָטנדיק פלאַטערן בערד,
שפּיציק גייט אויף אַ געוויין.
אַ צעהיצטער טראַמוואַי גיט אַ קלונג —
און בלייבט שטיין.
עס שטאַרבט אים אונטער די רעדער
אַ בלויער עלעקטרישער פונק.
אַזוי לעשט זיך דער בן־אדם, אַזוי מוז יעדער
גיין נאָכ׳ן מלאך־המות
אַהיים צו די אָבות.
לאַנגזאַם שפּאַנען די פערד,
פאַרקלערט אין עפּעס, אין עפּעס פאַרהערט,
און דורך די לעכער אין דעם טוך דעם שוואַרצן
קוקן די לענגלעכע אויגן די פערדישע
ווי איבער־ערדישע.

פאַרביי די לוויה. דער טראַמוואַי דער רויטער
אַנטלויפט מיט אַ גוואַלד.
און באַלד
דערטראָגט זיך פון נאָענטן חדר
אַ צעצויגן געזאַנגיק רוישן,
ווי ס׳מעלאָדישע פלוישן
פון אַ רעגן אין רינע:
ויאמר — האָט געזאָגט,
אדני — גאָט,
אל משה — צו משה׳ן.

אַ גאַסן־הענדלערקע צעשרייט זיך איבער פולע קוישן.
אַ ליטוואַק דרייט זיך אויפן גאַס מיט אַ וואַליזע
און אַ בלעכערנעם טשייניק — זוכט אוודאי אַ קוואַרטיר
זע, אָט גייט ליזע,
די פּרעבליסטקע פון האַלפּערנ׳ס קורסן. מיט איר —
אַ בחור אַ פאַרקלערטער:
לאַנגע האָר, אַ קינסטלערישע בלוזע.
געהויבן פליען פון זיין מויל די ווערטער:
פּאָעזיע — שאַפונג — מוזע.
ליזע טראָגט אַ זאַנטיקל, קוקט אויס צעטראָגן.
אָט לאַכט זי צו איר בחור הויך, נערווייאיש.
דאָס איז די זעלבע ליזע, וואָס די לצים זאָגן,
אַז זי חלשט אויף העברייאיש.

שאַ! אַ וואַרע מאַכט׳ס, אַ וואַרע!
חסידים לויפן. פון אַ קאָטש
שטייגט אַרויס דער רבי.
ס׳אַראַ מראה!
ווי ער גייט!
בלוילעך שנייט
זיין באָרד איבער דער גאַס.
די ווייסע זאָקן בלאַנקען.
די גאַס פאַרזינקט אַ רגע אין געדאַנקען.
זעט נאָר, ווער עס גייט —
דער רבי גייט!

פאַרביי — און ווידער
גיסט איר זומערדיקן זודיקן האַרמידער
די גאַס.
אַ געזעצטער מאַן מיט דיקע וואָנצעס פּריצישע,
הייסע אויגן, פול מיט כישוף און להטים,
אַ קורצן ברענענדיקן אָטעם,
קומט אָן מיט שנעלן פעסטן טראָט.
זיין שוואַרצע פּעלערינע פליגלט —
אַ פלאַטער און אַ פאָך, אַ פלאַטער און אַ פאָך.
פאַרגאַפט
לויפן פענצטער אים נאָך.
דורות, וועלטן, קלאַנגען
יאָגן זיך נאָך אים,
ווילן אים דערלאַנגען,

און ער — ער פליט,
אינגאַנצן כּישוף, גלאַנץ און קאָך.
אַ פֿאַרחלומט ייִנגל קוקט אים נאָך
מיט פֿרומען ציטערדיקן דרך ארץ.
ער ווייסט דאָך ווער דאָס איז —
ס'איז יצחק לייבוש פּרץ.

ווען ער פֿאַרשווינדט
ווי אַ הייסער ווינט
הינטערן ראָג,
ווי ס'וואָלט אים צוגענומען מיט דער פֿעלערינע
אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער טאָג, —
דערלאַנגט פֿון אַן אָפֿענעם פֿענצטער
אין גאַס אַריין אַ זעץ, אַ שלאָג
אַ גראַמאָפֿאָן.
אַ גראַמאָפֿאָן אין וואַרשע
ווייִנט אַריבער קיין אַמעריקע,
בעט זיך אין גראַמען:
אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו נישט פֿאַרזאַמען;
שרייַב, מייַן קינד,
שרייַב געשווינד
אַ בריוועלע דער מאַמען.

וואַרשעווער גראַמאָפֿאָן פֿון נײַנצן הונדערט צוועלף,
וואָס דײַן געוויין האָט זיך צו מיר דערטראָגן
אין נײַנצן הונדערט פֿערציק פֿינף!
איך קען דיר זאָגן
פֿון דאַנען, פֿון ניו־יאָרק,
אַז ס'איז גאָרנישט מער געבליבן.
אַלע וואָלטן מיר געשריבן
אַ בריוועלע איבער ימ'ען,
אַ בריוועלע דער מאַמען,
אָבער —
ו ו א ו איז די מאַמע?...

דעצעמבער, 1945

## דער אַלטער געוועלבניק

אַ קליין געוועלבל האָט ער געהאַט
און האָט גערעכנט נישט טייער.
יינגלווייז פלעג איך צו קויפן ביי אים
אַ קאַיעט *), אַ פענדל, אַ בלייער.
כאָטש אָפט פלעג איך דורכגיין דערנאָך, גרויסערהייט,
פאַרביי דעם געוועלבל דעם קליינעם,
האָב איך ס'געוועלבל און זיין בעל־הבית
פאַרגעסןביידע אינאיינעם.
ביז איינמאָל האָט מיך די אַלטע שילד
אין מיטן מיין גאַנג פאַרהאַלטן.
בין איך אַריין און האָב דערזען
אַ ייד אַ פאַרטריקנט־אַלטן,
נאָך שמאָלער און דאַרער ווי אַמאָל,
מיט ציטערדיקע וויעס.
ער האָט מיך דערקענט און האָט צו מיר
אַ רעד־געטאָן אָן שהיות:
שוין יאָרן אַז כ'זע ענק לויפן... עץ לויפט...
כ'פאַרשטיי ניש' באַ קיין שום אופן:
געוואַלד געשריגן, וואָס לויפט מען אַזוי?
ס'מאַלעיר**) וועט ניש' אַנטלויפן.
די קליינע ווערעריקלעך פון אַמאָל
זענען ציינד גאַנצע פאַנעס,
בלויז יאַך מיט'ן וואַב — מ'זיצ'מאַר נאָך אַלץ,
צוויי אָפגעקלאַפטע הושענאס.

אַ ליאַדע שנעקל — ערשט נאַכטן ביי מיר
געהאַנדלט אַ קאַרמעלקע —
צומאָרגנס טראָגט עס אַ טעקע שוין,
אַ יאַ־טעבע־דאַם, אַ שמעלקע.
און פרישע ווערעריקלעך קומען צוגיין,
עס שטייט ניש' דאָס פאַבריקל...
בלויז זי האָט פאַרגעסן צו האָבן אַ קינד,
מיין יידענע, מיין ריקל.
און ס'ביסל יאָרן איז באַלד פאַרביי,
באַלד גייט מען אויף ג ע נ ש ע שלאָפן —

*) שולהעפט. **) צרה, אומגליק.

און גו׳ניש׳... עלנט אַזוי ווי אַ שטיין...
זאָל גאָט פאַר די רייד ניש׳ שטראָפן...
וואָס־זשע איז ע נ ק ע ר טועכץ, האַ?
עץ שראַבט אויף די גאַזעטן?
או—וואַ, אַ קאָפּ מענטש! ריקל, דו הערסט?
ס׳איז אַלץ פון מיינע קאַיעטן,
פון מיינע סטאַלקעלעך *)... וואָס, עץ לאַכט?
געזונטערהייט! אָווע־טאָווע **),
ס׳זענען אַראָסגעקימען לאַט...
געלאַרנט... פּאָסטעמפּאָווע ***)...
און וואָס מער קנאַקער — גרעסער ס׳געלאַף.
ס׳פּאַבריקל גייט... אַ יעדער
דראַיט די מאַשין און דראַיט און פאַלט
אַרונטער אונטער די רעדער.
מ׳פאַרשפּילטביידע וועלטן! — — איז אפשר גוט
צו זיצן ווי איך מיט מיין ריקל.
נישטאָ קיין קדיש, ס׳איז אָבער שטיל —
מע זיצט מחוץ דעם פאַבריקל.

יאַך זע, עץ האָט ניש׳ קאַ׳ צייט. עץ בראָכט
שוין לויפן, לייגן קלאַפּטער.
וואָס לויפט עץ שוין ווידער, יונגערמאַן?
עץ ווילט זיך איינקויפן מפטיר?
צ׳וועט גו׳ניש׳ פאַרשפּעטיקן. דער סוף
איז סיי־ווי־סיי דערזעלבער.
דער מלאך־המוות קומט צוגיין
און שעכט אונדז אויס ווי די קעלבער.
נאָר אויב אויף יענער וועלט איז שטיל
אַזוי ווי אין מיין געוועלבל,
איז דער מלאך־המוות קאַ׳ שוחט נישט
און יאַך בין ניש׳ זיין קעלבל.

ער איז גאָר אפשר איינגאַנצן נישטאָ,
דער מלאך מיט טויזנט אויגן.
כ׳לעיבן, די גאַנצע געשיכטע מיט אים
איז אפשר גו׳ניש׳ געשטויגן.

---

*) שטאָלפּעדערס.
**) אַזוי צי אַזוי.
***) דאָ: היינטוועלטיקע (ווערטלעך: פּאָרגעשריטענע).

וואָס זאָגן ענקערע ביכלעך? אַז ס׳מענטש
צעגייט ווי פּאַרע? פון וואַנען
קאָן מען דאָס וויסן אויף זיכער, אַז ס׳מענטש
איז נאָכ׳ן שטאַרב ניש׳ פאַראַנען?
ס׳איז דאָך אַן עולם־השקר... מע מאַינט...
סע דאַכט זיך רק און סע דאַכט זיך...
מע ווייס דען אויף פּעוונע ווי־אַרום
די גאַנצע געשיכטע מאַכט זיך?

יאַך זיץ מיר אַזוי און קלער: קאָן זיין —
מע טוט אונדז אָפּ אַ שטיקל.
נפטר־פּיפּטער! אַ נאַכטיקער טאָג!
מ׳גייט נאָר אַדאָרך אַ בריקל...
אפשר דאָס אויך נישט... ס׳אַן אָפּענער וועג...
און שטיל וועל׳מיר איך און מיין ריקל
זיצן ביי גאָט... ער איז דאָך אויך
מחוץ דעם גאַנצן פאַבריקל.

## פון גראַבסקי׳ס צייטן, אָדער:
## די אויסטערלישע געשיכטע פון
## האַרפנמאַכער און לאַסקי

אַלעקסאַנדער האַרפנמאַכער, לערער פון לאַטיין
אין אַ יידישער גימנאַזיע,
אַ באַלייבטער, אַ ברייטפּלייציקער ברונעט,
פלעגט נוצן וואַזשנע ווערטער ווי אידיאָסינקראַזיע,
האָט ליב געהאַט העקזאַמעטערס און קאָרטן
און אַ הייס־געפּרעגלטן קאָטלעט.

גבריאל לאַסקי, ווידער, דער פּאָעט,
איז דאַר געווען ווי אַ סקעלעט, —
אַ קליין באַבערדלט מענטשל, וואָס אַמאָל
האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ בענדל לידער. אויף דעם סמך
האָט ער געלעבט, מעשה נישט־אָנערקענטער גאון,
אַ לעבן אָן אַ דאַך.
ער האָט אויסגעמיטן טראָטואַרן.
אַ טראָטואַר איז נאָר פאַר מענטשן סתם.
פלעגט ער לויפן צווישן דראָזשקעס און טראַמווייען
(געדורס׳ט ווערן? ס׳איז אים נישט אַרויף גאָר אויפן רעיון)
ווי אין געיעג נאָך אַן עקשנותדיקן גראַם.

פון צייט צו צייט בלויז פלעגט ער צוגיין צו אַ טראָטואַר
און פאָדערן — מיט שטאָלצער מינע פון אַ האַר —
אַ נדבה פון אַ מענטש, געגליכן צו אַ פּי,
אַ מענטש נישט קיין זשעני.

האַרפנמאַכער פלעגט אַרויסכאַפּן צו אים דעם טייסטער.
נישט נאָר דאָס. ער פלעגט אים רופן: מייסטער,
געהאַט מיט אים מחזקות שטילע,
און אַמאָל אפילו
געגאַנגען און געקויפט אים אַ קאָסטיום,
וואָס איז אין טעג אין עטליכע אַרום
געווען שוין קויטיק, צויטיק און צעריסן.
וואָס האָט דעם פּעטן, דעם ברונעטן לערער פון לאַטיין,
דעם רייכן זינדל, פול מיט ערדישן געגלוסט,
געצויגן צום סקעלעט, וואָס לויפט און רעדט צו זיך אַליין?
אויך האַרפנמאַכער האָט עס נישט געוואוסט.

דערווייל האָט האַרפנמאַכער מיט די מאַנספאַרשויינישע
געדיכטע וואָנצעס,
מיט די שיך, וואָס זיינען תמיד אָפּגעפּוצט אויף גלאַנץ,
חתונה געהאַט מיט גאָר אַ גרויסן לאָדזשער פאַבריקאַנט'ס
אַ טאָכטער, זיך באַזעצט אין לאָדזש און דאָרט
פאַרביטן כללים פון לאַטיינישער גראַמאַטיק,
אָווידיוס'ן און אַלדי וואַזשנע שמאָנצעס,
אויף טעקסטיל. ס'איז געווען זיין מזל מער ווי גלאַטיק.
פאַרגעסן האָט ער דאָרט,
אין לאָדזש, אָן לאַסקי'ן. יענער האָט געשנאָרט
ווי תמיד, צוגעלאָפן צו אַ טראָטואַר,
געפאָדערט אַ נדבה מעשה־האַר
ביי מענטשן נישט קיין געניאַלע, מענטשן סתם,
און זיך אויפסניי גענומען לויפן צווישן דראָזשקעס און
טראַמוואַיען
ווי אין געיעג נאָך אַן עקשנות'דיקן גראַם.
מעשה־נסים פלעגט אים קיינמאָל נישט צעניזק'ן
קיין דראָזשקע אָדער טראַם.

איז פאַרביי אַ צייט (גיך לויפן די פאַרביי'ען)
און כ'האָב אין וואַרשע אויפ'ן גאַס געטראָפן
האַרפנמאַכער'ן. איך האָב אים קוים דערקענט.
די אויגן מיט אַ פיבער־גלאַנץ, אַ הונגער־גלאַנץ פאַרלאָפן.

איך שטעל אים אָפּ אויפס כוח. פּונקט ווי לאַסקי לויפט ער
אַ ווילד־צעשרויפטער,
האַלט אַריינגעטאָן ווי לאַסקי אין די אַרבלביידע הענט,
כאָטש ס'איז דרויסן נישט קיין קרירה,
און אַ בערדל ווי ביי לאַסקי'ן, פול מיט דלות און מיט שמוץ,
איז אים אָנגעוואַקסן אויפן פנים. ס'איז די גאַס זיין דירה.
אויס ווייב, אויס לאָדזש און אויס פאַבריקן.
ס'פלעגט דעמלט, אין די גראַבסקי־צייטן, יידיש האָב־און־גוטס
צעגיין ווי וואַקס אונטער די פייערן
פון שנאה גויאישער און כפול־שמונה'דיקע שטייערן.
איז ער אַרויס פון אַלע גליקן
נקי. ווי אַזוי
ער האָט צוזאַמען מיט'ן געלט פאַרלוירן אויך די פרוי,
ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר: ווען דער ערשטער,
דער סאַמאָראָדנער לאַסקי, האָט דערזען זיך אין דעם שפּיגל
פון דעם צווייטן לאַסקי — איז־ער
אַוועק, פון שרעק, געמישט מיט מיגל,
אַ באַהערשטער.
געלעבט האָט ער ווי ביזהער,
נאָר איצטער האָט געשראָקן אים אַן איך אַ צווייטער:
האַרפנמאַכער דער צודרייטער,
וואָס פלעגט אַמאָל אים טיטולירן מייסטער.
ווי נאָר גבריאל לאַסקי האָט דערזען: אָט גייט ער —
פלעגט ער לויפן ווי מען לויפט פון גייסטער.
און ס'אייגענע פאַרקערט:
דעם ערשטן פלעגט כסדר אויסמיידן דער צווייטער.

האָב איך געקלערט, געקלערט,
ביז כ'האָב באַנומען:
פון דער צוקונפט איז צו האַרפנהאַכערן געקומען
יענע פריערדיקע נאָענטשאַפט צו לאַסקי'ן דעם פּאָעט,
וואָס איז דערנאָך געוואָרן אַ דערוויטערונג. און איידער
איך ענדיק — לאָמיך אייך פאַרטרויען אַ סעקרעט:
די צוקונפט רעדט צום איצט כסדר,
נאָר דער איצט פאַרשטייט נישט וואָס זי רעדט.

## דער זון פון רב יוקעוו, אָדער:
## דערציילונג וועגן דר. ליינוואַנדהענדלער

דר. אַמבראָזיוש ליינוואַנדהענדלער
האָט אין אַכטן קלאַס פון קאַנשטיינס גימנאַזיע
געלערנט לאָגיק.
אַ גרויסער קאָפּ אויף מאַריאָנעטקע־פּיסלעך,
אַ בערדל ווי אַ ליריש לידל — ווייך און קלאָגיק,
צוויי אויגן — שיקלדיקע פּאַראַדאָקסן,
און אַ קולעכל — צאַרט־שוואַלביש.

זיין מלבוש — אַרעמאַניש זויבער —
איז געווען אַ סילאָגיזם:
ליינוואַנהענדלער איז אַ מענטש,
אַ מענטש טראָגט אַ מלבוש,
טראָגט ליינוואַנדהענדלער אַ מלבוש.

פון צו־קורצע אַרבל
האָבן פאַרשעמט אַרויסגעשטעקט די הענט
און קליינע פינגער האָבן שנעל געקלאַפּט
מיט קרייד אויף קלאַסן־טאָוולען שוואַרצע:

$$A = B$$
$$B = C$$
$$A = C$$

און ער האָט געטייטשט:
אויב אַ איז בע און בע איז צע —
איז אַ און צע דאָסזעלבע.
אַזוי איז לאָגיש געדרונגען.
קאָנסט עס נישט מאַכן אַנדערש —
האָט ער געשפּאַסט —
כאָטש ווער צעשפּרונגען.

אָבער די שיקלדיקע פּאַראַדאָקסן, די אויגן,
האָבן זיך אָפּגערופן פון אַ זייט:
איך, ליינוואַנדהענדלער, זע נישט,
מיט וואָס דאָס איז אַזאַ אייזערנער אמת.
אויב אַ איז בע און בע איז צע —
איז גאָר אפשר אַ קיין אַ נישט,
בע קיין בע נישט, צע קיין צע נישט.

קאַיוס איז אַ מענטש, —
האָט ער געשוואַלבט אויף אַ מיידלשן פויליש, —
אַ מענטש איז שטערבלעך;
ערגאָ — איז דערפון געדרונגען,
אַז קאַיוס איז שטערבלעך.

אָבער די שיקלדיקע פּאַראַדאָקסן, די אויגן, —
האָבן זיך אָפּגערופן פון אַ זייט:
שטערבלעך — שמערבלעך.
איך, לײַנוואַנדהענדלער, זע נישט,
מיט וואָס דאָס איז אַזאַ אײַזערנער אמת.
פונוואַנען ווייס איך, אַז קאַיוס איז אַ מענטש,
און פונוואַנען ווייס איך, אַז קאַיוס מוז שטאַרבן?
ס'אַ בינטל פוסטע סכעמעס.
וואָס פאַר אַ לאָגיק איז דאָ אין לאָגיק,
אַז אָט בין איך אַ מענטש
און אַ לערער פון לאָגיק,
נאָר אַן אויסזען האָב איך פון אַ חלום מיט אַ בערדל?
און וואָס פאַר אַ לאָגיק איז דאָ אין לאָגיק,
אַז אָט האָב איך קיין ווייב נישט,
און פאָרט בין איך אַזאַ אָרעמאַן,
ווי כ'וואָלט געגאַנגען אין שפּאַן
פון אַ ווייב מיט דרייצן קינדער.
אָט איז קאַצנשטיין דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע —
נו, איז ער אַ דירעקטאָר?
איז עס אַ גימנאַזיע?
אַ באַלאַגאַן!
אַזיע!
און וואָס צאָלט ער? אַ קרענק...
לאָגיק!
מכלומרשט אייזן — האַ?
וואָגיק?
און ס'צערינט צווישן די פינגער!
וואָס פאַר אַ לאָגיק איז דאָ אין לאָגיק,
אַז אָט בין איך אַן עקס־בית־מדרשניק, אַ לערן־בחור
פון אָרום לוקעוו,
באַיניש דער זון פון רב יוקעוו,*)

*) פאַרצויגן פון יעקב.

און איך בין אַ פּאָליאַק פון משהס אמונה —
דר. אַמבראָזיוש ליינווענהענדלער.
און אָט בין איך אַ מאַנספּאַרשוין,
קאַיוס אַ מענטש,
נאָר מיין קול איז נישט קיין מאַסקולינער.
וואָלטן דאָך ווייבער געדאַרפט מיך אַריינגעמען
אין זייער חברה,

ערשט זיי לויפן פון מיר ווי דערשראָקענע הינער.
לאָגיק!

אַזוי האָבן די אויגן געשיקלט פון דער זייט,
און דאָס בערדל איז געהאַנגען ווייך און קלאָגיק,
און די קליינע פינגער האָבן שנעל געקלאַפּט
מיט קרייד אויף אומעטיקן טאָוול.

ביז איינמאָל (ס'איז געווען פּאַרנאַכטיק,
נאָר דער פּאַרנאַכט האָט געבלויט פּאַרטאָגיק)
האָט זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז
דער לערער פון לאָגיק.
און ס'איז געשטאַנען אויף אַ וואַרשעווער בלאַט,
אַז דר. אַמבראָזיוש ליינוואַנהענדלער,
וואָס האָט זיין לעבן טראַגיש פּאַרענדיגט,
האָט נאָכן קריגן זיין דאָקטאָראַט
געווידמעט זיך דער פּאַרשפּרייטונג פון לאָגיק
און אַז זיין טויט איז אַ קלאַפּ
פאַר דער פּעדאַגאָגיק.

דעם דאָזיקן נעקראָלאָג
האָט דר. אַמבראָזיוש ליינוואַנדהענדלער
געלייענט נאָכן טויט.
איך זע, —
האָט ער גערעדט צו זיך, —
אַז אַ איז טאַקע נישט אַ געווען
און בע נישט בע.
און איך זע,
אַז קאַיוס איז נישט געשטאָרבן.

און כאָטש ער איז געווען אויף יענער וועלט,
איז ער צוגלייך געווען אין לוקעוו,
און אַז ער האָט געוואָלט — איז ער צוריק געווען באַיניש

דער זון פון רב יוקעוו,
און אַז ער האָט געוואָלט — איז ער געפלויגן ווי אַ מלאך,
און אַז ער האָט געוואָלט — איז ער געוואָרן זיין געשטאַלט״ס
איבער־געשטאַלט... און ער האָט געזאָגט:
קאַיוס איז נישט קיין מענטש —
קאַיוס איז אַלץ.

## מיין וואַרשע בויט מען נישט ווידער

מיין וואַרשע בויט מען נישט ווידער.
מיין וואַרשע בלייבט אייביק צעשטערט.
איך קען זי נישט, — זאָגט די לאַנדקאַרט.
עס ווייס נישט פון איר די ערד.

אַ הויז איז געווען אויף שליסקע.
דאָס הויז אויף שליסקע איז אויס.
אַ הויז איז געווען אויף שיעננע.
וואו איז דאָס הויז?

אין אַ מער־נישט־פאַראַנענער וואַרשע,
צווישן מער־נישט־פאַראַנענע ווענט,
האָב איך געלעבט — און גאָרנישט.
אויס און פאַרברענט.

און דאָס איז אַלץ. עס קאָן
די קלאָג נישט ווערן געקלאָגט.
צו גוואַלדיק איז דער קדיש,
ער זאָל קאָנען ווערן געזאָגט.

דער שטומער קדיש וועט שטאַרבן
מיט אונדז צוזאַמען — און אַלץ
וועט, ווי אַ לידל אָן אַלטס,
ווערן פאַרגעסן.

1946

## צען גראָשן

גרויט ביי אַ טויער
אַ זקן — אַ שטיק טרויער,
קליין און פאַרלאָשן.
מיר ווייַנט ביז איצט אין אויער:

צען גראָשן — צען גראָשן — —
ס'ברויזן אַרום אים
נאַלעווקער זאַווערוכעס —
און ער שטייט, פאַרקויפט
צעגראָשנדיקע לוחות.
אַ לוחל, רב ייִד!
וואָס פליט איר ווי אַ רוח?
שטעלט זיך אָפּ און קויפט
אַ לוחל, אַ לוח.
אַז איר זאָלט אין גוואַלד,
אין מיטן דעם האַרמידער,
וויסן וואו איר האַלט — — —
איידער, חלילה
וחלילה, איר פאַלט
און איר ווערט צעדראָשן — — —

ער זאָגט דאָס נישט, דער זקן
מיט דעם קוואַרן גוף,
קליין און פאַרלאָשן.
איך הער דאָס אַלץ אַרויס
פון ווייִנענדיקן רוף:
צען גראָשן, צען גראָשן!

## פאַר אַ ווייסער וואַרשע

אין איר קלייד דעם שוואַרצן
זיצט מיין רויז די שוואַרצע
ביי דער שוואַרצער פּיאַנע
אין אַ ווייסער וואַרשע.

דעכער ליכטיק־ווייסע
זע איך פון איר גאָרן.
אירע שוואַרצע אויגן —
פול מיט פייער קלאָרן.

ווייסע דעכער לייכטן.
שוואַרצע אויגן ברענען.
טרוימישע עטיודן
שפּילט זי פון שאָפּענ'ען.

שפּעטער — פּאַדערעווסקי׳ס
מענועט דעם לייכטן...
שוואַרצע אויגן ברענען.
ווייסע דעכער לייכטן.

שנייען גייען טאַנצן,
און מיין רויז די שוואַרצע
שפּילט דעם מענועט אויס
פאַר אַ ווייסער וואַרשע.

און די ווייסע וואַרשע
און די שוואַרצע פּיאַנע
און די שוואַרצע אויגן —
אַלץ איז נאָך פאַראַנען.

אַלץ איז נאָך פאַראַנען
אין דער וועלט׳ס ג ע ד ו י ע ר —
נאָך אַזויפיל יאָרן,
נאָך אַזויפיל טרויער.

## פאַרבייגייענדיק דעם מיצקעוויטש-דענקמאָל

וואָס ביזטו זיי? אַ נאַציאָנאַלער גראַמער.
זיי האָבן דיר מיט שטאָלץ באַפוילן: שטיי —
און דו שטייסט. ווען פאַלסטו ווי אַ האַמער
אויף דעם האַרטן קאָפּ פון מנוולים?
ס׳טראָגט זיך צו דיין דענקמאָל מיין געשריי.
פּאָעט, פאַרקרעציקט האָבן זיי דיין חלום.
דיין יאַנקל׳ס צימבל ליגט שוין לאַנג צעבראָכן.
געפּייניקט ווערט ישראל פון זיין שכן.

## ה י נ ע ר פ ל ע ט

(דעם אָנדענק פון אַ וואַרשעווער שרייבער, אַ פּליט,
וואָס איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק)

אַ פּנים, צו ווייס און צו גרויס,
פאַרזינקט
כסדר אין קישן,
אין הינערפלעט,

אין מטושטש׳ע געמישן.
שווימט אַרויס ווידער,
האָרכט ווי ס׳קלינגט
אַ זומער־פליג אַ שמאָלע
אַרום לײדיקע פלעשלעך קאָקאַ־קאָלאַ
אויפן שטויביקן טיש.
אַ קול
גיט זיך אַ קרישל
אַלט, הינערפלעטיש־פאַרשוואומען:

— ווער איז דאָס?
אַ . . . איר? געקומען?
וואו בין איך?

— אין ניו־יאָרק.

— כ׳האָב דען געקראָגן אַ וויזע?
געפאָרן, געפאָרן.
פאַרגעסן די וואַליזע.
פאַרגעסן. ווידוי.
גרינדן אַ קאָמיטעט
פאַר ווידוי. אַוודאי.
טוט עפּעס אין דעם.
ס׳ווערט שפּעט.
אַ קאָמיטעט.

דאָ איז ניו־יאָרק?
ווי הייסט איר? פאַרגעסן...
פאַראַן אַזאַ אויסדרוק...
דרוק... אויסדרוק...
גענוג געדרוקט.
וואָס איז דער אויסדרוק?
פאַרגעסן.

דאָ איז ניו־יאָרק?
נישט וואַרשע?
שאַ... שאַ... נאַלעווקעס... „מאָמענט״...
אָט איז עס...
דערקענט.
סיי־ווי־סיי, גרינדן

אַ קאָמיטעט — דאָס מוז מען.
דער קאָמיטעט זאָל צינדן
ליכט...
נאָך אַ נשמה... נאָך אַ יידן... ליכטיק...
ס'איז וויכט —
וויכטיק...
ליכטיקן די נאַכט...
איר ווייסט וואו זי האַלט?
וואָס זי מאַכט?
— ווער?

— די נאַכט.

— איצט איז טאָג.
— טאָג? די נאַכט ברענט.
נאַלעווקעס. „מאָמענט".
עס ברענט.
דייטשן... פעסער סמאָלע...
הייס.
נעמט עפּעס.
נעמט קאָקאַ־קאָלאַ.

איר הערט?
אַ לאַנגער אַפּ... אַפּלאָדיסמענט.
כ'בין געווען אַ הומאָריסט.
יידן... אַפּלאָדירט... געלאַכט...
אַפּלאָדיסמענט...
די נאַכט
ברענט.

קאַרלינסקין האָט איר געזען?
פּראָפּוס. לאַטיין.*)
אין באָברויסק
בין איך געווען קליין.
איצט וועל איך נאָך קלענער ווערן.
קלענער, קלענער — און גאָרנישט.
וואָס איז גאָרנישט?

*) דער נאָמען פּראָפּוס — די ענדונג־וס — דערוועקט די לאַטיין־אַסאָציאַציע.

(דאָס פּנים פֿאַרזינקט.
ווידער שווימט עס אַרויס —
צו־ווייס, צו־גרויס.
די שיך ביים בעט
שטייען אויסגעשפּאַנט).

פֿאַראַן אַזאַ אויסדרוק...
דרוק... אויסדרוק...
פֿאַרגעסן...

פֿאַראַן אַזאַ וואָרט...
טור... ליטור... ליטעראַטור...
יידישע ליטעראַטור...
ווידוי...
יידיש הייסט איינזאַם.
איינזאַם הייסט תּפֿילה.
נאָר דאָ...
דאָ האָט מען אפֿילו
די איינזאַמקייט פֿאַרמיאוסט.

טעלעפֿאָנירט... געבעטן:
נעמט אַריין אַן אַלטן הומאָריסט,
אַ פֿאַרגעסענעם וויץ,
אין מושב־זקנים.
קיינער... קיינעם...
אַ יידישער שרייבער
האָט נישט קיינעם.
נישטאָ פֿאַר אים אַפֿילו
קיין מושב־זקנים.
קיינעם.

גיט אַ קוק:
די שיך וואַרטן אויף פֿיס.
דער וויץ שטאַרבט.
וואָס איז מיטן קאָמיטעט?
ס'איז שפּעט.
צינדן ליכט...
נאָך אַ יידן... נאָך וואַרשע...
ליכטיק...
ליכט...

ס'איז וויכט —
וויכטיק...

וואָס מאַכט טאָלסטאָי?
אַ גוי?
אַ גוי.
צינדן ליכט נאָך אַ יידן.

איך קען אייך. דערקענט.
איר הייסט דאָך אהרן.
נאַלעווקעס. „מאָמענט".
די נאַכט ברענט.
די פליג
איז שוין דאָ צוריק.
פאַראַן אַן אויסדרוק...
פאַרגעסן...
העלפט מיר אַרויס...
מיט אַ גימל...

— גאָט?
— אָט־אָט.
גאָט.
הימל.
וואָס מאַכט ער?
אַ מענטש לאַכט —
און גאָט טראַכט.
וואָס טראַכט ער?
אַז ס'איז געווען אומזיסט?
ער טראַכט.
ער לאַכט נישט.
גאָט איז נישט קיין הומאָריסט.

ער מישט זיך נישט?
ער וויל זיך נישט מישן?
פאַרוואָס?

שטיל.
דער קאָפּ ווערט ווידער פאַרזונקען אין קישן.

אויגוסט, 1951

## דערמאָנונג פון אַן איבערלעבונג אויף שיעננע 69

יאָ, איך קאָן
דערמאָנען זיך געגוי:
פאַרנאַכט, צווישן קושעטקע און באַלקאָן,
האָט זיך גענומען אויפוויקלען אַזוינס,
וואָס האָט געדאַרפט זיין פרוי
און האָט געוואָלט
באַ'פנימ'ט ווערן און באַ'קול'ט.

נאָר ווי אַ וואַסער האָט אַרומגענומען מיך אַ קילע,
פלאַטערדיקע שרעק —
און כ'בין אַוועק
אַ סעקונדע פאַרן גילוי.

גילוי — לייען: ג׳ילע.

## אַ הויף*)

בלוילעך בליט דער שינעל
אויף סאַשקע'ן דעם גימנאַזיסט.
וועלוול דעם שוסטערס טומלדיקע קינדער
ראַיען זיך אין מיסט.

אַראָנטשיק דעם דאָקטאָרס,
דער פון דעם הויז מיט די הויכע טרעפּ,
רופט צונויף חברים
און דונערט איבער קעפּ
פון דער אויבערשטער טרעפּ אַראָפּ.
זיי שטייען אונטן, שרייען —
עפּעס הער איך אַ וואָרט: רעוואָלוציע.

כסדר קומען פאָר אין הויף רעוויזיעס.
זשאַנדאַרמען זוכן באָמבעס.
ס'וויינען מאַמעס — זין ווערן אַוועקגעפירט.

*) הגם ס'איז אַ ווילנע־ליד און ממילא געהערט עס נישט צו וואַרשע־לידער, גיב איך עס אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג — ווי אַ שילדערונג פון אַ יידישער שטאָט (אין 1905-6): עפּעס, וואָס לעבט אין מיר דורך די יאָרן און וויל נישט פאַרלוירנגיין.

זשאַנדאַרמען טרעטן שטאָלץ,
אַזעלכע קאַלטע, שווערע, טרייפֿע.
דער הויף איז אויף אַ גאַנצע נאַכט
ווי בעת אַ שׂרפֿה.

אַ שוואַרץ־געלאָקטער בחור שטייט אַ גאַנצן טאָג
אויפֿן ברייטן גאַנעק פֿאַר אַ הויך געשטעל.
מ'זאָגט: ער איז געווען אין אַ שטאָט אַזאַ, פֿאַריז.
ער וויל פֿאָרן איז אַ לאַנד, וואָס מע רופֿט איטאַליע.
עפּעס מאָלט ער אַ פּרוי מיט שמאָלע פּיס.
אין מיטן דרינען ווערט ער בייז
און שרייט אויף זיך אַליין: קאַנאַליע!

אונדזער שכנה איז אַ בלייכע און אַ שטילע.
מ'רופֿט זי סאָפֿיאַ אַבראַמאָוונאַ דוואָרקין.
זי האָט מיר אַמאָל אין אַ ביכל
געוויזן אַ בילד פֿון איינעם אַ גאָרקין.
זי האָט זיך די אויגן געווישט מיט אַ טיכל
און געזונגען: סאָ'לנצע ווסכאָ'דיט אי זאַכאָ'דיט
אַ וו'טורמי'ע מאַי'עי טעמנ'אָ.
— סאָ'פֿיאַ אַבראַ'מאָוונאַ, אייער מאַן איז אין סיביר?
— ניטשעוואָ'.

דינסטן לערנען זיך שרייבן אַ בריוול.
אין פֿאַרנאַכטן
דרייען זיך פֿאַרן טויער יונגעלייט
מיט מעסערס אין די שטיוול.

דער הויף איז גרויס און טומלדיק און גראָ.
מיידלעך פֿון דער נאָענטער גימנאַזיע
קומען צו חבֿרטעס,
טראָגן זיך סטאַיעסוויז,
ווי טשאַטעס ווילדע פֿייגל.
הו־האַ! כאָ־כאָ!

ראָזעט, דער אַלטער משׂכּיל,
דרייט זיך אייביק אַרום אין פּאַלטאָ
און אין קאַלאָשן.
ער רעדט מיט מיר מכּוח לשון,
ווי כ'וואָלט געווען אַ גרויסער.
ווער האָט די אויגן אים פֿאַרלאָשן?

וואָס פאַלט פון זיי אין דער קאַלטער גלאָז טיי
אַ טרער אַזאַ גראָע ווי אַש?
איז עס דערפאַר
ווייל ער גלויבט אין גאָט נישט?
אָ, גאָט — ער וואוינט איבערן שול־הויף הויך און מאַכטיק,
מגידים זינגען וועגן אים,
און יידן וויינען, ווען עס זינגען די מגידים.

איך בין אַ דאַר דערשראָקן קינד.
דער הויף איז גרויס, די שטאָט איז גרעסער —
און איך בין קליין.
אַלץ איז אַזוי מאָדנע, גאָרנישט צום פאַרשטיין.
פאַרוואָס שטעקט מען אַריין אין די שטיוול אַ מעסער?
וואָס שרייט אַראָנטשיק אַזוי?
פאַרוואָס וויינען מאַמעס?
פאַרוואָס מאַכט מען באָמבעס?
פאַרוואָס ווערט דער מאָלער בייז
און פאַרוואָס וויל ער פאָרן אין דעם לאַנד איטאַליע?
און איך אַליין — פאַרוואָס וואָלט איך געוואָלט
מיט מיין לערערקע פון רוסיש,
וואָס האָט וואַרעמע ליפּן און הייסע נאַטאַליע
(מאָלט אייך, אַ כשרע יידישע טאָכטער) —
פאַרוואָס וואָלט איך געוואָלט מיט איר פאָרן
דורך אַ ווינטער־נאַכט אין גלעקלדיקן שליטן
און פלעמלדיקער שניי זאָל אונדז באַשיטן?
וואָס גליט אין אירע ליפּן
און פאַרוואָס איז מיר אומעטיק דערפון וואָס זי איז שיין?

און דער טאַטע — וואָס שפּאַנט ער און שפּאַנט און בלייבט שטיין

איינער אַליין, איינער אַליין,
האַלב מיט געזאַנג, האַלב מיט געוויין?
וואוהין רייסט זיך זיין קופּערנע באָרד,
וואוהין ווילן פליען די האָר אויפן קאָפּ,
וואָס ווייטיקן די בלויע אויגן ביי אים?
וואָס ווילן די אויגן דערגיין?
וואָס טוט ער איינער אַליין, אַזוי איינער אַליין,
אין דעם חלום ווילנע?

פון גאָרנישט קענען פאַרשטיין,
פון פאַרלוירנקייט און שווערן חידוש,
נעם איך אַ געווירעטן בויגן פאַפּיר
און שטעל מיר צוזאַמען
עפּעס אַזוינס ווי גראַמען
פון אַ שיר.

די טעג האָב איך געטראַכט,
אַז איצט, צו מיינע פינף און פערציק יאָר,
אין דעם חלום ניו־יאָרק,
טו איך דאָסזעלבע וואָס קינדווייז אין ווילנע:
פון גאָרנישט קענען פאַרשטיין,
פון פאַרלוירנקייט און שווערן חידוש,
נעם איך (פון געוויינטשאַפט אָפּנים) פאַפּיר
און שטעל צוזאַמען
גראַמען פון אַ שיר.

1943

## דריי

שלאָגט דער זייגער: דריי
(אליעזר שטיינבאַרג)

פון אַ מעלאַנכאָלישן ווינטער אַרויס
בליקט קיין ניו־יאָרק אַ פאַרוואונדערט־שטומער
וואַרשעווער אהרן: ביים אויוון בלייכט ער
אין אַ הויז אויף שיענגע, זעכציק ניין דער נומער.
אַ הויז אין עבר און מחוץ דעם טויט,
אין וואַרשע געבויט
דעם זעלביקן יאָר, ווען דער אהרן אין אים
איז ערגעץ אין רייסן אויף דער וועלט געקומען.
דאָס הויז האָט אויף אים אין וואַרשע געוואַרט —
איצט שטייט ער, אין הויז און אין עבר פאַרשפאַרט,
און בליקט ניו־יאָרק־צו מיט אויגן וואָס שטומען.

פון וואַרשע בליקט ער און פון דאָרטן זעט ער
אַ ניו־יאָרקער ווינטער — אַן אהרן פון שפּעטער —
אַ פענצטער אויף ריווערסאַיד דרייוו. אַ מאַטער
גרויט אהרן־פון־שפּעטער ביים ראַדיאַטער

און קוקט פון אונטער די ווייסע ברעמען
אַריבער דעם האָדסאָן ניו־דזשוירזי־צו.
דאָס הויז האָט אויף אים אין ניו־יאָרק געוואַרט —
און שטיין וועט ער דאָרטן, אין עבר פאַרשפּאַרט,
ווי דער וואָס אין וואַרשע.

און דער, וואָס אין וואַרשע געבליבן, זעט ווייטער:
אַן אַהרן אַ שפּעטערער נאָך, אַ באַנייטער,
דער זעלבער און פּאָרט אַזוי פול מיט פאַרענדער,
בליקט צום ניו־יאָרקער. פון וואָס פאַר אַ פענצטער?
פון וואָס פאַראַ וועלטן? ווי הייסן די לענדער,
פון וואַנען ער קוקט?...

ניו־יאָרק, ווינטער, 1966

## ערב אַ וועלט

איך זע אַן אָפּבילד פון וואַרשע דער שטאָט,
און אין דעם אָפּבילד, ווי אין אַ ראָם,
זע איך אַ מין אַסטראַל־גוף, ענלעך
צום איצטיקן אהרן ווי אַ גראָם.
ער זיצט אויף חורבות.

מיט שווערן טרויער און מיט פאַרוואונדער
קוקט יענער אהרן צו מיר אַהער,
צו דעם אינדזל, וואָס הייסט מאַנהעטן.
(זאָל ער זאָגן, אַז דאָס איז — ע ר ?
ס'איז מאָדנע, מאָדנע).

ער קוקט צו מיר און איך, דער צווייטער,
זיץ פאַרקלערט אין דער מיט פון רגע'ס,
וואָס כאַפּן אַ טאַנץ צווישן לעבן און טויט,
זיץ און קוק צו ניו־דזשוירזיס ברעגעס
פון אַ באַנק אויף ריווערסייד.

עס יאָגן אויטאָס, ווי יאָרן יונגע,
וואָס ווילן כאַפּן דעם אומעטום,
און אין אַ פאַרקערטער ריכטונג לויפן
אויטאָס ווי יאָרן, וואָס קערן זיך אום
פון די טויזנט דרויסנס.

עס ווערט פאַרנאַכט און איבערן האָדסאָן
גייט־אויף אַ נעפּל, פאַרציט די ברעגעס
פון ניו־דזשוירזי. מיט פלאַם אין אויגן
פליען די אויטאָס, נאָר אָן באַוועג איז
דער שטילער נעפּל.

מיין וועלט די ערשטע קוקט צו דער צווייטער.
ברעגעס פאַרשלייערטע זעט די צווייטע.
אַז אונטערשטער נעפּל וועט אַוועקגיין,
ווייזט זיך אַ וועלט, וואָס וואַרט שוין אַ גרייטע:
אַ וועלט אַ דריטע.

1951

פינפטער סוב־אָפּטייל

## צווייטער וועלט־קריג און די דיאַלאָג־פּאָעמע: די פאַרבאָרגענע אסיפה

## איידער די ערדקויל נעמט ווידער ברענען

איידער עס קראַכן די לעצטע זאַכן
און איידער עס פּלאַצן די לעצטע הילן,
די בערג צעפאַלן, די טאָלן בילן
און ברויט פון אונטערגאַנג מאָלן מילן; —

איידער די ערדקויל נעמט ווידער ברענען
און ס׳הויבן אָן יאָרן אויפסניי צו ברילן, —
שפּילט אייך אין ווערטער און שלאָפט מיט ווייבער,
און ווילט נישט וויסן, און ווילט נישט פילן.

איר קינדער אָדמס, איר זענט געוואָרן
די קרענק דער ערדס און אירע באַצילן.
גאָט טוט שוין תפילה צו נייע שטורעמס,
וואָס וועלן, צעשטערנדיק, טון זיין ווילן.

וואַרשע, 1931

## קבלה־ליד וועגן צווייטן וועלט־קריג

דער גרויסער תנין וועקט די אַלטע ניין תנינים.
רויט־געקליידטע דינים
זויפן וויין פון טומאה׳ס פעסער.

וואו איז גאָט?
דורך אַלע ספירות בליצט אַ מעסער.

מיט גרויס געוויין
איז מלכות אַוועק פון יסוד
און געפאַלן פאַר כתר.
ס׳האָט גלאָקיק זיך צעבילט
בל־אדון, הונט פון טיפסטן אונטן.

ווילדער ווי ווילד
טוט ער הונטן.
בונט איבער בונטן!
ס'ווערט זיין הינטישע גאווה אַלץ גרעסער.

די זיבן הבלים, וואָס אויף זיי טוט זיך האַלטן
די באַשאַפונג — ווילן ערגעץ זיך באַהאַלטן,
דעם אָטעם פאַרהאַלטן,
ווערן אַנטרינער, פאַררעטער, פאַרגעסער.

וואוווילט איר אַנטלויפן, הבלים?
וואָס פרייט איר זיך, שכורע דינים?
וועט אייערער זיין דער נצחון, תנינים?
איז, בל־אדון, דיין ביל נישט קיין חלום?

אפשר דאַרפן אויף די אַלטע טויערן פון תהום
אָנגעהאַנגען ווערן נייע שלעסער?
אפשר איז עס רעכט?
ס'מוז אַלץ אפשר ווערן נאָך שלעכטער ווי שלעכט,
כדי בייז זאָל זיך וואַנדלען אין בעסער.

ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1940

---

הבלים — לייען: האַוואָלים (די זיבן אָטעמס, זיבן היכלות).
בל־אדון (בלאדן) — דער אַקצענט אויפ'ן אלף.

# די פאַרבאָרגענע אַסיפה

## (פּאָעמע אין דיאַלאָג)

די ראָם פאַר דער דאָזיקער פּאָעמע האָב איך גענומען פון מיין פּאָטערס „כינוסם של נסתרים" (געדרוקט געווען אין „בדרך", אַ וואַרשעווער העברעאיש וואָכנבלאַט). — די פיגור פון דעם פשטן איז טיילווייז מאָדעלירט אויף דעם וואַרשעווער אַלעקסאַנדער פּאָליטור, אַ העכסט־מערקווירדיקן מענטש מיט שטאַרקע העל־זעערישע כוחות, אַ פריער פאַרפוילישטן, דערנאָך צוריקגעקערטן ייד.

### נאַראַטאָר

קהילות פלעגן אויסשטאַרבן אין דער פּראָווינץ פון פויזן.
יונגע — אויסגעוואַנדערט אָדער אויסגעשמדט; די זקנים —
אַוועק אויפן בית־עולם הויזן.

איבערלעבן פלעגט אַמאָל זיין קהילה
אַן אַלטער שמש און די שליסלען היטן
צו דער שול, וואָסליידיקט אָן אַ תפילה.

שטייט אַ שול אַזאַ פאַרשלאָסן און פאַרחתמעט
אין אַ נאַכט פון ווינטער. ווי אַ נאַכטיק־שפעטער מתמיד
איבער אַ גמרא,
שאָקלט זיך איבער דער שול אַ שטילער שניי.
אַ וואָרע און נישט־וואָרע
דעמערט זי אין שנייאיקן געוויי.

שניי און שול און שטילקייט. פלוצלינג — הער!
מע שליסט זי אויף, די שול. וואָס האָט דער אַלטער שמש
צו טאָן דאָרט אַזוי שפעט? עס איז נישט ער...
געקומען זיינען עס נסתרים.
אַ רוף האָט דערהערט יעדער איינער פון זיי:
נעם גיי
אַהין, אין דער שול אין דער ליידיקער, וואָרום
ס'וועט זיין דאָרט אַ כינוס.

און נון, אַהין איז
געקומען גאָטס וואַך
די צעשפרייטע —
פון דאָרף און פון שטאָט, פון וואַלד און פון שליאַך.
שטיל וויטען זיי איינע די צווייטע.
איינער דעם צווייטן
איז באַקאַנט פון עפעס אַ פּאַסירונג
אַ שותפ׳ישער, אַן ערגעצוואו־געהאַטער.

די אסיפה הויבט זיך אָן. די פירונג
נעמט איבער ס׳קול
פון אל־מסתתר.

**ס׳קול**

אויף אַ דין וחשבון
האָב איך אייך גערופן, קינדער!
קיין עין־הרע אַ געזעמל...
פון שטאָט און שטעטל,
פון האָמליע,
פון גריצע, פון זשעטל,

פון גראָדנע...
אפילו מיין טייער הייליק קוני־לעמל
פון וואַרשע, פון גאַס כלאָדנע...
פשטן, קום נענטער אַהער!
רייד מיר דיין לשון דאָס מאָדנע —
איך הער.

**נאַראַטאָר**

דער פשטן פון וואַרשע זעט אויס ווי אַ קינד מיט אַ באָרד.
אומגעלומפּערט און מלא־חן איז
אויף זיין קאָפּ דער קאַפּעליוש דער האַרטער
ווי חנעוודיק און אומגעלומפּערט ער אַליין איז.
פון יידן פאַרפּוילישטע שטאַמט ער.
געווען אַמאָל, אַסברא, אַ פאַרשייטער.
רעדט ער — אַזוי פלאַמט ער
ווי אַ פריילעך קנאַקעדיקער שייטער.
באַקן האָט ער — אויסגעבעטע קישעלעך.
קרישעלעך
כאַפּט ער פון גאָטס הויכן טיש,
קוויקט זיך מיט אַיעדן קריש
ווי מיט אַ קוילעטש.
זיין לשון איז געדיכט פאַרבראָקט מיט פּויליש,
מיט פאַנבוג און מיט פּראָשעפּאַנאַ.
נאָר ערגעצוואו געכאַפּט האָט ער אויך ווערטלעך חסידישע
און — גוט־יידישע,
ווער ווייס ווי אַרומער.

איז גרייט צו זינגען און צו טאַנצן
מיט קינדערלעך, וואָס שפּילן אין אַ ראָד־און־ראַנע.
און אין די אויגן — תמיד זומער.

**דער פשטן**

אַ כעשבן, פּראָשע פּאַנאַבאָגאַ?
וואָס בראָאָך מען עס?
דער עיקר איז דאָך כעיסעד...
מע׳זעמאָ׳דאָך קינדאָ׳...*)
די ניצויצעס,

*) מיר זע׳מיר דאָך קינדער.

פראַשע פּאַנאַבאַגאַ, די ניצויצעס
זיינען דאָך דאָ אין די קליפּעס יאַק זאַוושע,
ווי אַלעמאַל... די ברוכעס דיינע זיינען דאָ,
נאָר אין וואַרשע
פעלן אויס די מויצעס
צו מאַכען די ברוכעס...
און ביי די פּאַליאַקן
ברענען די יוכעס...
אַ ראַכענונג? וואָס איז מען מתקן
מיט ראַכענונגען? ס'טרעפט — אַ ייד האָט זיך ספּאָטיקעט...
לאָמיר ליבערש' כאַפּן
אַ פּאַזשאַנדנעם ריקוד...
וואָס טאָיגן מיר די אַלע זאַכן?
נעמטס ענק, חברה, ביי די הענט
און טאַנצט — און זאָל דער פּאַנבוג לאַכן!

## ס'קול

גלות־אַפריכטער, דו קרימסט זיך...
דיר געפעלט נישט... רעד זשע דו!
קום נענטער צו —
און רעד!

## נאַראַטאָר

אָט איז דער, וואָס ריכט־אָפּ גלות.
אַפילו אַז ער שטייט
דאַכט זיך, אַז ער שפּאַנט.
עס הויבן זיך, ווי אין ווינט, די פּאָלעס
פון זיין קאַפּאָטע. אין דער האַנט —
אַ דאָרפישער סענקעוואַטער שטעקן.
ער פּאָכעט מיט אים בשעת ער רעדט
ווי קליפּה־הינט צו שרעקן.
ער שפּאַנט, ער שפּאַנט —
און וועט אַריינשפּאַנען ווער ווייס וואוהין.
אָט וועט ער דורכברעכן אַ וואַנט —
ער שטייט — און שפּאַנט.

## דער גלות־אַפּריכטער

שטויב פון אַזויפיל מדינות אויף מיינע פיס...

מיט מיר גייט דיין שכינה אין גלות...
און דער חשבון —
דער חשבון איז:
פון גלות וועט זי נישט אַרויס
ווילאַנג עס וועט נישט דאָ אונטן
אַ וועלט אַן אַנדערע, אַ צווייטע...
די איצטיקע מוז פליטה גיין...
ערב פליטה
צי אַרויס דאָס ביסל גאָלד —
אויפ׳ס כוח צי אַרויס!
ס׳ביסל יידישע נשמות...
ווייל יידן זינגען: לא אָמות...
על שחל ופתן תדרוך...

צי די נשמות צוריק,
אויף צו שאַפן אַנדערע גופים,
לויטערע גופים...
וואָרן אַלץ איז געוואָרן קאַפּידרעך!
טו אַ רוף אים,
דעם משחית... גיב רשות אים...
חסד, זאָגט דער פשטן... שטותים!
אין דיר זיינען פייער מיט וואַסער באַהאָפטן —
זאָל די באַהעפטונג אַ רגע צעפאַלן!
זאָל איצט ס׳פייער אין דיר זיין
אויף באַזונדערקייט אַ בעלן...
גיב פייער, נישט חסד! חסד איז וואַסער —

**נאַראַטאָר**

דער גלות־אָפריכטער שפּאַנט אַוועק
צו זיין אָרט ביי דער טיר.
דאָרט שטייט ער — און שטייט נישט:
איז איינגאַנצן גאַנג און ריר —
טוט זיך באַוועגן
צו עפעס אַן אַנטקעגן,
וואָס האָט נישט קיין גבול.
עס שוויגן די נסתרים.
ס׳גייט אַ שוידער דורך דער שול.
עס הערן זיך בלויז ווידערקולות ווייטע
פון טיפע נישט־הי׳ען,

און ווידערקול צו ווידערקול גיט איבער
מיט אַ ווייט,
לאַנג־לאַנג
צעציען:
גיב פייער — נישט חסד — חסד איז וואַסער — — —

**ס׳קול**

מיין זון... מיין זון...
הימלען וויינען איבער דיינע רייד.
תהומות זיינען גרייט...
לאָמיך הערן וואָס דער בדחן זאָגט, דער שפּאַסער...

**נאַראַטאָר**

עס גיט זיך אַ שאַרל
פון דער זייט, פון שאָטן אַרויס,
אַ קיילעכיק בייכל — אַ סאַמאָוואַרל.
אַ יאַרמלקעלע, שוואַרץ, פּירקאַנטיק,
גלאַנצט פּראַנטיק.
אַ בערדל אַ פּריילעכס מיט אַ זשאַר פון רויטע קוילן.
אַ ליטוואַק אַ בדחן!
פאַרבראָקט מיט ליטוואַקישן רוסיש זיין יידיש,
כאָטש שוין יאָרן ווי זיין שטאָט געהערט צו פּוילן.
די ליפּן — פּעט און נאַסלעך —
שפּריצן קליינע שפּאַסלעך
און ברייטלעך־מגידיש
טוט ער זיי צעמאָלן און צעמוילן.
פונקען פליען פון די אויגן אים די שמאָלע
און איטלעך שפּאַסל איז אַן עולם מלא.

**דער בדחן**

ליבער גאָט!
דו ביסט דאָך באַלעבאָס,
קומט דיר ניעפרעמענע אַן אַטשאָט.
אַזויפיל צדיקים האָסטו, גאָט,
זאַמעטשאַטעלנע צדיקים...
אַ הייליקער נאַראָד:
רבנים, דיינים, פּרושים

אין קלויז ביי דער גמרא,
און אַלע קוילענען דעם יצר הרע —
הכל שוחטין *) —
און ס'הייבט זיך נישט אָנעט.
ס'איז אַזוי געקניפּט און אַזוי געפלאָכטן,
אַז וואָס מער מען קוילעט אים
איז מע מער בסכנה'ט.
דער יצר הרע איז אַ גרויסער פאַבריקאַנט
און עס דינען ביי אים אַלע
און ער גיט די סלו'זשאַשצעס
זשאַ'לאָוואַניע מיט דער פולער האַנט.

שטעלט זיך דאָך אַוועק אַ וואָפּראָס:
ס'טייטש, קאַקים אָבראַזאָם, פּאַרוואָס?
מע האַלט דיך אין איין קוילענען —
און דו ביסט גאָר דער גרויסער יאַ־טעביע־דאַם.
וואָס פאַר אַ חשבון איז דאָס?
ס'האָט דאָך עפּעס גאָרנישט קיין טעם.
נאָר וואָס דען? ס'איז דאָ אַ תירוץ.
די וועלט איז טאַקע פול
מיט תורה און דרך־ארץ,
מיט מוסר און מיט קדושה
און מיט יראה פאַר גאָט —
עפּעס אַ קליינינקייט דער טשעלאָוועטשעסקי ראָד,
דער מין האנושי?
מער ניט — איטלעכע קדושה
האָט זיך אַ פּיצעמאָנציקן יצר־הרע'לע,
טאַקע נאָר אַ האָרעלע,
אַ פרעג־מיך־בחרמ'ל, אַ דוך, אַן אָטעם אויף אַ שפּיגעלע.
ווי פלעגט זאָגן מיין באָבעלע,
די קאַסאָקע דאָבעלע?
אַ קדחת'ל אין אַ פּיצעלע קריגעלע.
איז פאַ־מאָיעמו
ווערט פון די אַלע יצר־הרע'לעך,
די פּיצעמאָנציקע כפרה'לעך,
די ברעק־ברעקעלעך, די האָר־האָרעלעך —
דער אמת'ער זאַמעטשאַטעלנער יצר־הרע'ץ!
וואָרום אַ ביסעלע מיט נאָך אַ ביסעלע

*) לייען: האַ'קל שאָ'כטן.

ווערט אַ פולע שיסעלע.
אָט דאָס איז דער תירוץ, ווי איך בין אַ לץ.
קומט דאָך שוין אויסעט,
אַז דער שטשאָט איז טאַקע אַ ריכטיקער שטשאָט.
איז וואָס זשע וויל איך?
וויל איך, זאָלסט אַ שמייכל טאָן, גאָט.
דו ווייסט דאָך, אַז כ׳בין נישט קיין קטלא־קניא.
אין בדחנישע גראַמען
האָב איך גרויס אָבראַזאָוואַניע.
היינט מיין יחוס? ביסט דאָך עפּעס גאָט,
איז דאָך פאַר דיר נישט קיין סוד,
אַז מיין זיידע איז געווען דער פרי־מגדים —
וואָס רייד איך? דער פרא־אָדם,
דער באַרימטער שומר־הבגדים
פון איישישאָקער באָד!
אַליין זרח דער בעדער האָט אים געגעבן סמיכות!
נאָר וואָס קומט מיר אַרויס פון מיינע גראַמען
און פון מיין יחוס?
איך סטאַרע זיך און סטאַרע,
חכמע זיך, אַזש עס גייט אַ פּאַרע,
און אין דיין קול, מיין ליבער גאָט,
זאָל דאָס אַ ציטער־טאָן אַ שמייכל...
גיכער נאָאָבאָראָט!
ווי איינער זאָגט: מ ע י ח ל ...
ס׳געפעלט דיר נישט אפילו מיין ר ו ש ע ס ...
נאָר אויב דו ווילסט אָפּטאָן פון זיך די כמאַרע,
גיב אויך דו זיך אַ סטאַרע —
און צי אַרויס די יצר־הרע׳לעך פון אַלע קדושהס...
אלא וואָס, דו ווילסט נישט? האָב־זשע נישט קיין טענות!
אַזו זאָגט פייוול פייגע־טריינעס.

**ס׳קול**

איצט קומט, נאָך מיין זון דעם בדחן,
וואָס רעדט און גראַמט אַזוי גערן,
דער מוזיקאַנט —
מיין זון, וואָס לאָזט זיך נישט הערן...
זיין מוזיק איז דער וועלט נישט באַקאַנט...
קום, שפּיל דיין חשבון מיר אויס!

**נאַראַטאָר**

שטייט אַ ייִד און שוויַיגט. וואָס מער סע ברענט
אין האַרצן — שטאַרקער פּילט זיך אים די קעלט
פון אָט דער וועלט.
אָ, אַ קעלט צום שטאַרבן,
צום פאַרשטאַרן...
די הענט זייַנע פאַרשטעקט ער אין די אַרבל —
עלעהיי פידלען אין פּוטליאַרן...
וואָלט ער געקאָנט, וואָלט ער פון קעלט פאַרבאָרגן אויך די נאָז
די פּילעוודיקע, דינע
ווי אַ סמיטשיקל... וואָס ווייס דען אין נגינה
אָט די וועלט? זי אַפּלאָדירט זיין זון, דעם ווירטואָז,
וואָס איז מיט געלט און כבוד בהמה'ש זאַט..
גלות השכינה, אוי, גלות השכינה!
גאָט'ס טענער און טומאה — געפאַנגען — געשמדט...

איצט גיט ער פון אָרט זיך אַ לאָז,
שמייכלט האַלב ווילד, האַלב מילד,
נעמט די הענט, די צוויי פידלען, אַרויס,
און רעדט ווי געשפּילט.

**דער בדחן**

ווילסט חשבון? איך ווייס
איין ציפער בלויז: אַכט...
בחודש השמיני...
גערעכנט פון אונטן אַרויפצו,
איז בינה
די ספירה די אַכטע...
מ'דאַרף על השמינית...
נישט די מוזיק פון דער מינות,
פון תאווה, פון קעצישע קינות — —
אויך מיר נגינה!
מע דאַרף
די נגינה פון בינה...
אָן דער מוזיק פון אָ ז ־ י ש י ר
ווי קאָן דער בן־אָדם זיין כשר?
און אָ ז איז דאָך אַכט...
ניי וועלן ווערן אָדם און חוה,

ניי זייער אהבה,
געבענטשט חוהס טראַכט,
ווען אַלץ וועט ווערן נייע אָקטאַווע...
אַכט
שלאָגט אין בראשית צוריק!
הייס צערייסן די איצטיקע נאָטן,
וועט אויפהערן פּראַווען שטיק
דער שלעכטער קלעזמער — דער שטן.
אַלע אומגליקן קומען פון פאַלשער מוזיק!

**ס׳קול**

נאָך דעם באַריכט פון די קלאַנגען
לאָמיך הערן אַ חשבון
פון די געריכן...
וואַלד־ייד, ביסט מוכן?

**נאַראַטאָר**

דער וואַלד־ייד שמעקט מיט ווינש און בוים. זיין פּנים
זילבערט ווי די כלה־ווייסע קאָרע
פון אַ בערעזע. אין זיין פּנים קוואַלן
צוויי אויגן ווי די קרעניצעס די קלאָרע.
אַ וואַלד־שרייבער כל ימיו, קאָן ער ווערליק
די ריחות, וואָס די ווינטן טראָגן, וויסן
די לעצטע נייס פון אומעטום. אַ כרוב אַ זיסן
צי גאָר, להבדיל, אַ שוואַרץ־ווײדלדיקן שד׳ליק
דערשפּירט ער לויטן ריח — און דערנאָך דערזעט ער.
יעדן פויגל, יעדן בוים איז ער אַ פעטער.
בטבע אַ פאַרגיינער און אַ מקיל,
האָט ער פון דופּטיקע ת י ק ו נ י ם אַן אַפּטייקל,
און דאַרף מען העלפן — טוט ער, לייגט נישט אָפּ
אויף שפּעטער.

**דער וואַלד־שרייבער**

אַ וואוילגערוך איז אַ נשמה אַ זיסע.
אַ בייזגערוך איז אַ נשמה,
וואָס איז טמא
און מטמא.

אַ שטאָט איז — ריחות פון בית־הכסא:
טומאה סאַמע,
נשמות פון אומצוכט... פון דאָרט אַלע פעסטן,
וואָס סמ׳ען
דעם קלענסטן ווי דעם גרעסטן.
סם איז געוואָרן דעם מענטשנס אָטעם.
עס הרגעט די שטאָט אים.
וואָס איז ער שולדיק?
שטאָט איז זיין אומגליק.
זאָלן אַריין אין דעם מענטשן, — אָנשטאָט
די אומצוכט־נשמות פון שטאָט, —
נשמות פון גוטע ריחות!
וועט אויפגיין זיין הילף,
וועט קומען זיין גנאָד...
וואָרום ריחות זיינען איכות...
צעשטערן מוז מען די שטאָט!

**ס׳קול**

און איצט זאָל חשבון מיר געבן אַ שטאָט־ייד.
ייד מיט דער ערלעכער וואָג!
וואָס איז די וואָג פון דעם מענטש איצט?
זון מיינער, זאָג!

**נאַראַטאָר**

אַ קרומס איז ס׳קרעמערל, אַ לאָמס.
איין פּלייצע אַראָפּ, די צווייטע אַרויף,
איין אויג גרעסער, ס׳צווייטע קלענער.
איז דען אַ חידוש
וואָס עס האָט אַזאַ פּנים דער קרעמער
מיט דער ערלעכער וואָג?

קלאָר ווי דער טאָג:
אויף אונדזער ערד
איז דאָס גלייכע קרום — און ס׳אייגענע פאַרקערט.

**ס׳קרעמערל**

די וואָג פון דעם מענטש?
געוואויגן, רבונו־של־עולם, געוואויגן,

געוואויגן אַהין, געוואויגן אַהער...
פינצטער איז געוואָרן פאַר די אויגן:
זיך געכאַפּט, אַז נישטאָ וואָס צו וועגן...
אַ סחורה נישט צום פאַרקויפן...
בזה האופן,
אַז ס׳איז זיך נישטאָ וואָס צו בייזערן...
דער גלות־אָפּריכטער —
ער פאָדערט דין: נעם דעם מענטש, גיב אַ טראַסק אים,
צעברעך — און אַ וועלט שאַף אַ נייע...
אַ וועלט — אַ דערלייזטע דערלייזערין...
און געהערט האָבן מיר, אַז די תהומות
זיינען גרייט... זיינען מסכים...
געו־עכט איז אָבער דער וואַלד־ייד:
דער מענטש איז נישט שולדיק.
די שולד איז אויך נישט אין די שטעט —
ווייס־איך־וואָס... עט...
דער מענטש איז נישט שולדיק דערפאַר,
וואָס ער האָט קיין וואָג נישט לחלוטין...
דער גאָרנישט איז אומשולדיק, גאָט!
מוזסט משפּטן גאָרנישט צום גוטן...
און ישראל, ישראל דיין פאָלק?
כ׳האָב דעם אמת צו זאָגן קיין מורא נישט.
ס׳מעג דיר אָנשטיין: ישראל דיין פאָלק
איז אויך שוין קיין סחורה נישט...
ובכן —
צאָרן נישט, רבונו־של־עולם! נישט שיין
חרוב צו מאַכן אַ וועלט איבער גאָרנישט...
ביסט, אדרבא, נישט קליין
רחמנות צו האָבן אויף גאָרנישט!
זאָג אַליין:
וואָס ווילסטו פון גאָרנישט מיט גאָרנישט?

## דער פּשטן

דאָס זאָג איך דאָך: כעיסעד!
נאָר כ׳בין נישט מסכים, אָ ניע,
אַז דער מענטש איז גאָרנישט.
כ׳האָב׳ן ניש׳ געוואויגן, —
וואָס קאָן עס מיר טויגן?

נאָר איך פרעג: אַ קינד איז גאָרנישט?
אַ קינד איז דער מענטש,
אַ קינד וועגט נישט קיין סך,
אָבער גאָרנישט?
האָסט נישט גוט דערזען, פּאַניע קרעמער שאַנאָווני.
די אויגן זיינען דיר שוואַך.
אַ קינד, פּראָשע פּאַנאַ באָגאַ,
אַז ער טוט עפּעס, זאַ פּשעפּראָשעניעם,
קומט די מאַמע און וואַשט׳ן —

## ס׳קול

ווער רעדט נאָך אַזוי האַרציק
ווי מיין זון דער פּשטן?
הלוואי זאָל איך קאָנען
טאָן אים צוליב...
— — — — — — — — — — — — — —
און דו — וואָס ברענט אויף דיין ליפּ,
בראַסלאַווער חסיד?

## נאַראַטאָר

אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער —
אויגן פּאַקלדיקע, תנועות רייסיקע —
לעבט מע ווייסט נישט פון וואָס —
זיין היים — דאָס בראַסלאַווער שטיבל!
באָרוועס טאַנצט די אמונה אין שטיבל —
וואָס חקירה, ווען געריבל?
אמונה! און די אַחוה, די אַחוה!
מע טאַנצט — ערשט ס׳גיט אַ ברען אונטער דער פּאַכווע
און פליגל נעמען שניידן זיך ווי ציינער ביי אַ קינד...
אָפט טרעפט: עס נעמט דער יונגערמאַן די פיס
אויף די הויכע פּלייצעס — און פאַרשווינדט.
קיינער ווייס נישט וואו ער איז.
ער קומט צוריק — און קיינער פרעגט נישט. טאַנצט
ווי ער וואָלט די סטעליע מיטן קאָפּ צעטראָגן,
ווי מיטן דאַך — מיט אַלע דעכער פון דער וועלט —
וואָלט ער געוואָלט אַרויפפליען צום רבין, זכותו יגן.

## דער בראַסלאַווער יונגערמאַן

ס'וואָלט אַזוי שמאָל נישט געהאַלטן
מיט אָט דעם אונטערשטן עולם,
ווען נישט די מפורסמים־של־שקר,
די געמאַכטע גדולים.
קלינגען דאַרף מען אין אַלע גלעקער
און וואָרענען קעגן איינס:
די מפורסמים־של־שקר.
געקענט האָט זיי דער צדיק האמת...
דאָס בלאָזט זיך גרויס — און איז פוסט!
אוי, האָט דער רבי געוואוסט!
מנהיגים! ליגנערס סאַמע!
ר ב י — האָט ר' נחמן געזאָגט —
איז: ראש בית ישראל, און אויך:
רשעים בחושך ידמו...
משפטן דאַרף מען די גרויסע, נאָר זיי,
די, וואָס פאַרפירן דעם עולם!
זיינען דען שולדיק די אַלע, וואָס ווייסן נישט
בין ימינם לשמאלם!
אַלע צרות, רבונו של עולם,
אַלע פורעניותן זיינען פון זיי,
פון די פאַלשע פני.
ווען זיי זאָלן די וועלט נישט פאַרטומאה'ן,
וואָלט ס'פייער פון רבין, דעם אמתן צדיק,
נישט געטליעט פאַרשטעלט־מן־הצד'יק,
און דער בעטלער דער זיבעטער וואָלט געווען געקומען,
און דער בעל־תפילה וואָלט געהאַט אַ פעולה
נישט נאָר אין רבינ'ס מעשה.

אָט דאָס איז מיין דין־וחשבון...
נעם־צו, רבונא דעלמא כולא,
די מפורסמים די פוסטע,
וועט נישט זיין קיין שפחה־תירש־גבירתה...
די פאַרפירער נעם צו —
וועלן נישט זיין קיין פאַרפירטע!
דער עיקר איז צו ווייסן,
אַז קיין בעסערע תרופה איז גאָרנישט פאַראַן
ווי אַ תורה אין ליקוטי־מוהר"ן.
די עצות זיינע, די עצות!

מע זאָל פּאָלגען זיינע עצות,
איז דאָך אַלץ פאַרענטפערט מיניה־וביה...
דער חבד'ניק, זע איך, שמייכלט.
אדוני חבדניק, טרינק טיי!
וואָס ווייסטו, וואָס פאַרשטייסטו?

**ס'קול**

וואָס ווערסטו זאָגן, חבד'ניק?

**נאַראַטאָר**

דער חבד'ניק, —
אַ ייד אַ קאָמערסאַנט
אין אַ שוואַרצן סיורטוק,
מיט גלאַנציקע מאַנזשעטן,
מיט אַ וואַזשנעם קוק, —
זיצט פוס פאַרלייגט אויף פוס;
טוט די באָרד די פיין־פאַרקעמטע גלעטן
און האָט אַן אָנבליק פון אַ גביר אַ משכיל,
און אַ משכיל איז ער טאַקע —
אין א ל ו ק ו ת.

ער שטעלט זיך אויף און רעדט פּאַוואָליע,
אָן אַ זכר פון דעם בראַסלאַווערס התעוררות.
רעדט מיושבדיק, ווי ביי אַ בוררות.
נאָר אין זיין שטים דער רואיקער טוט ערגעץ אַ וויבריר
עפּעס פון דעם ניגון פון דעם אַלטן ראַוו,*)
עפּעס פון דעם ניגון פון גאָרן באַשאַף,
דעם ניגון, וואָס קעגן די וועלטן די פיר...

**דער חבד'ניק**

איך בין זיך מודה ומתוודה.
איך ווייס נישט וואָס מע רעדט דאָ.
ס'איז דאָך דער זעלבער אין־עוד־מלבדו.
אני השם לא שניתי.
אוודאי, אוודאי,
די קליפּות זיינען גאָרנישט קיין זיסע,

*) הרב מליאַדי, דער בעל ה„תניא".

זיי ווערן אַלץ ביטערער,
כּדאיתא —
ווי עס שטייט טאַקע אין „תניא“,
אַז אויף אונדזער עולם זיינען קליפּות גובֿר,
נאָר מה־בכך?
ס'פּאַסט נישט פאַר אַ ייד צו זיין אַ ציטערער.
דער אין עוד מלבדו איז דאָך פאָרט דער עיקר.
זיינען דען די קליפּות קלאָר פאַראַנען?
מיר ווייסן דאָך: חוץ דיר
איז גאָרנישט קלאָר פאַראַנען.
דו רעדסט דאָך איצט בלשון בני־אדם,
איז בלשון בני־אָדם שייך
צו ריידן וועגן חשבון א ו כ ע ד י י מ ע.*)
אָבער אין תוך איז דאָך אַלץ נאָר דו.
מכלומרשט ווין איך, מכלומרשט שריי איך,
נאָר אין עצם איז דאָך נישט שייך
קיין פּחד און קיין אימה.
הייגט מה־רעש? וואָס קאָנען קליפּות אויפטאָן?
זייער גאַנצער פאַרנעם
איז דאָך נאָך אין חיצוניות...
פאַר וואָס פאַר אַ זאַך זאָל איך מורא האָבן?
פאַר קידוש־השם?
אדרבא! מע ווייס דאָך
וואָס עס האָט געזאָגט רבֿ עקיבא...
פון מיינעטוועגן מעגן די קליפּות
זיין פאַרשיווע שבפאַרשיווע —
אויף דעם זיינען זיי דאָך קליפּות.
און איך — איך טאָר נישט ווערן נתפּעל!
אויף דעם בין איך דאָך עפּעס אַ ייד,
אַ בן־ישראל...

### דער גלות־אָפּריכטער

אַי, חבד'ניק, חבד'ניק!
ביסט זיך, במחילה, אַ קאַפּעטשקע טועה.
ביי דיר איז אַלץ „ליקוטי אמרים“.
און וואָס איז דער טייטש: ק ל נ י מ ר א ש י,
ק ל נ י מ ז ר ו ע י?
און די טרערן אין מ ס ת ר י ם?

---

*) וכדומה.

### דער פשטן

טרערן־שמערן. בענדזשיע דאַבזשע.
איך ווייס ניש׳ וואָס דער פאַן חבדניק רעדט,
נאָר אויב ער זאָגט, אַז ס׳אי׳ גיט,
איז ער פון מיינע לייט.

### דער בדחן

פשטן, דו ביסט אַ זייד!
דיינע פעילישע ר אַ י ד
קאָן נישט פאַרטראָגן
מיין ליטווישער מאָגן,
נאָר דו ביסט אַ טייערער מענצל...
נותן בסמיציק והולך בטענצל!

### דער וואַלד־ייד

און איך זאָג נאָכאַמאָל: בייטן די ריחות!
ריחות, האָב איך געזאָגט, זיינען איכות.

### דער מנגן

בייטן די נגינות —
אַ סוף צו דער מוזיק פון מינות!
די פאַלשע מוזיק — זי פייניקט אַלץ מער — — —

### ס׳קרעמערל

דעם מענטשנס א ו מ ו ו אָ ג — דער גרעסטער שטער.

### דער בראַסלאַווער יונגערמאַן

די קשיות, וואָס קומען פון ח ל ל ה פ נ ו י,
זיינען זייער שווער — —
האָט דער רבי געזאָגט: איך פאַרווער
חקירה — אַלץ איינס פון וואָס פאַראַ סאָרט!

### ס׳קול

זאָל דער גמרא־ייד זאָגן זיין וואָרט —

**נאַראַטאָר**

אַ ייד אַ ראש־ישיבה
פון אַרום לאָמזשע: ברילן —
אַ תלמיד־חכמ׳דיקע באָרד אַ שיווע —
אַרום די הויכע שטערן־ווינקלען שפּילן
שטראַלן פון מחשבה —
אָמר אביי, אָבר רבא —
אויף אַלץ איז ביי אים דאָ
אַן ענטפער פּשוט און שאַרף,
קלאָרער באַשייד —
(אין יעדן מעת־לעת איז פאַראַן אַזאַ שעה,
ווען ער גנבעט זיך אַרויס און טוט וואָס מע דאַרף
פאַרבאָרגענערהייט).

**דער ראש־ישיבה**

דער חשבון איז,
אַז כל־זמן אַ ש״ס׳ל איז פאַראַן,
כל־זמן כאָטש איין־איינציקער ייד
זיצט אויף אַ נדרים מיט׳ן ר״ן,
זיינען אַלע מעשיות גאָרנישט ווערט.
די זאַך איז דאָך אַ קלאָרע:
אַלץ פאַרגייט אַחוץ אַ בלאַט גמרא.
זינט דער בית־המקדש איז צעשטערט
רוסטו, גאָט, אין די פיר איילן פון הלכה.
פרעג איך: וואָס איז דאָ די סומאַטאָכע?
נאָר איך פרעג דאָס על־פּי פּשט,
נישט על־פּי חב״ד.
וואָרים על־פּי שכל איז דאָך קשה:
וואָס האָסטו עפּעס, כביכול,
אונז גענומען אויספרעגן? ס׳איז עפּעס דאָ נישט גלאַט.
בפרט,
אַז דער גלות־גייער מיט זיין הייסער דרשה
האָט אַרויסגערופן מער ווי סתם אַ קאָכל —
ווידערקלאַנג נאָך ווידערקלאַנג... ס׳איז עפּעס דאָ פאַרדרייט
און — האָסטו אַ זאָג געטאָן — די תהומות זיינען גרייט..
איז דאָך — היכי־תמצי?
זאָל איך זאָגן, אַז ק ל נ י מ ר א ש י ,
ק ל נ י מ ז ר ו ע י איז מער ווי אַ משל

לשבר את האוזן!
אַז יסורים קאָנען טאַקע זיין אין דיר בנמצא
על־פּי פּשט! אַז נישט בדרך־משל
קאָנען טרערן אין דיר ברויזן!

**דער גלות־אַפּריכטער**

ווען דו זאָלסט וויסן, אַז אַ בלאַט גמרא
איז נישט אַלע חסרונות ממלא —
וואָלסטו פרעגן פאַרשפּאָרט.

**נאַראַטאָר**

איידער ס'רופט דער אל־מסתתר אויף צום וואָרט
דעם נסתר דעם פאַרבאָרגנסטן פון אַלע,
רופט ער אויף נסתרים אַלערליי,
נאָר איצט גייט עס שוין איינס־צוויי...
ווייל דער עיקר איז אָט דער, וואָס צו זיין שטופע
קומט נישט קיינער. פאַרבאַהאַלטן
איז ער אויך פון די נסתרים גופא:
צווישן זייערע געשטאַלטן
איז ער אָן געשטאַלט.
זיין דיבור
גייט אויף פון עפּעס אַ באַהאַלט,
אַ נאָענט־ווייטן קעגנאיבער.

**ס'קול פון פאַרבאָרגנסטן נסתר**

עס זאָל דיין ידיעה
דעם מענטשנס בחירה נישט שטערן,
ביסטו אין צמצום אַריין
גערן —
אַזוי איז דיין רצון געווען!
פון וועגן
דעם מענטשנס בחירה האָסטו געוואָלט
נישט וויסן אַלץ וואָס דו ווייסט —
און דערפאַר טוסטו פרעגן...
איז אָבער צו־קליין
דעם מענטשנס בחירה פון וועגן
זיין ידיעה דער צו־קליינער.
דאַרפסטו שאַפן אַן אַנדער מין מענטש

מיט מער ידיעה ווי ער האָט,
גרעסער, ריינער,
שענער!
אויך דיר אַליין
מער ידיעה נעם, גאָט:
דעם חלל־הפנוי פאַרקלענער!
זאָל ווערן לויזער!
זאָל י ע נ ע ר —
אָדם דער צווייטער —
געשאַפן ווערן ליכטיקער, ידיעה׳דיקער, ברייטער!
הויב אָן איבער אַ נייס... ווייל טעות — איז לעולם חוזר!
ווייסט דאָך, אַז איך ווייס... בין איך אין נאָמען
פון דער אייגענער ידיעה דיינער — גוזר!

**דער פשטן**

יענער...
וואָס טויג מיר י ע נ ע ר ?
ניע וויעם... כ׳בין ניש׳ אַזאַ קענער...
דער איצטיקער איז גו׳ ניש׳ אַזאָי שלאַכט...
צ׳וועט נאָך אָנמאַכן אַן אומגליק, פראָשע פאַנאַ...
ניש פאַר קיין שום ייד געדאַכט...

**ס׳קול פון פאַרבאָרגנסטן נסתר**

איצטיקער אָדם מוז פאַלן אין שלאַכט!

**דער גלות־אָפּריכטער**

דאָס זאָג איך דאָך. תיו!
אָמן, הלוואי!

**דער פשטן**

וואָס עץ באַידע רעדטס!
אָי־וואַי, אָי־וואַי — — — —

**דער פאַרבאָרגנסטער נסתר**

קץ —
און בראשית פונדאָסניי!

**נאַראַטאָר**

גערמורמל צווישן די נסתרים. מאַט און מאַטער
פאַלט אויף זיי אַ שטילקייט און זיי שווייגן. נאָך אַ ווײַלע
הערט זיך ס'קול פון אל מסתתר.

**ס'קול פון אל מסתתר**

פשטן, גאָלדן קינד מיינס, ס'אַ רחמנות אויף אונז ביידן...
דיין פרעגן טו איך, ראש־ישיבה, דיר באַשיידן:
ס'איז טאַקע ל א ש נ י ת י , ווי דער חבד'ניק זאָגט,
מיין אין־סוף איז רו, נאָר אַז איך גיב אַ שווים צום
ברעג פון צמצום —
הויבן זיך יסורים אין מיר אָן.
ווען דער גלות־גייער האָט געבעטן אַ באַשאַף אַ נייעם,
האָבן הימלען זיך צעוויינט אין מיר, און תהומות — טיפע
ברויזער —
זיך צעוויגט אין מיר... איך האָב זיי איינגעשטילט כהרף־עין...
אָבער ער, דער נסתר דער פאַרהווילנסטער, איז — גוזר...
און איך... איך בין... מקיים...

— — — — — — — — — — — — — — — —

**נאַראַטאָר**

נאַכט פאַרבאָרגענע ווי קברים.
שול פאַרשלאָסענע — און שניי.
איבער וועגן כלערליי
זיך צעגאַנגען די נסתרים.

און געקומען קורץ דערנאָך
איז די וועלט־מלחמה צוויי:
א מ ל ח מ ה — אַ ה ק ד מ ה
צ ו אָ ד ם ־ ד ע ם ־ א י צ ט י ק נ ס ' ס פ אַ ר ג י י —
א י ן ג אַ נ ג צ ו אָ ד ם מ ס פ ר צ ו ו י י.

1954

## צווייטער אָפּטייל

# נצח ישראל

# ש ט אָ ם

אין פּאָטערשטול איז־ער געזעסן,
גבויגן פון חכמה און יאָרן,
און ווערטער פּאַרקלערטע געשנירלט
(ס'איז אָוונט געקראָכן אויף ווענט):
וואָס ווייטער אין וואַלד פון די יאָרן —
אַלץ ווייניקער בלייבט דיר צו פאָרן;
צום אור־שטאָם דערפּאָרסטו אַלץ נענטער
און ווערסט פון נישט־היגע דערקענט.

וואָס ווייטער אין וואַלד פון די יאָרן —
אַלץ שוואַרצער, געדיכטער די ביימער,
וואָס ווייטער אין וואַלד פון די יאָרן —
אַלץ ווייניקער ערד פאַר די פיס.
דו ביסטו אויף דער ערד און דו ביסט נישט,
עס ווערט אַלץ געהיימער, געהיימער,
און ס'קומט פון דערווייטנס די קינדהייט
און פרעגט דיך פאַרזאָרגט, וואָס דיר איז.

וואָס ווייטער אין וואַלד פון די יאָרן —
אַלץ קירצער דער וועג צו די אבות.
מעגסט טענה'ן: איך וויל אייך נישט קענען —
זיי קומען, זיי נעמען דיך מיט.
פון הויכע, פון אייביקע שפּיצן
(דאָרט וואַרט שוין דער מלאך־המות)
גליטשט ווייס זיך אַקעגן אַ מחנה
און פרעגט דיך: וואָס טוט דאָ אַ י י ד ?

דו וואַרפסט זיך: נישט אייערער בין איך!
וואָס שאָרכט איר מיט ווייסע געוואַנטן?
די בערד — נעמט זיי צו... ס'איז אַ טעות...

כ'האָב בונט און פאַרשווערונג געשמידט!
זיי שמייכלען... זיי הויבן די בערד אויף
צו עפּעס אַ הויך־אומבאַקאַנטן —
און ענטפערן אָפּ: יעדער ייד איז,
רב פעטער, אַן א י י ב י ק ע ר ייד.

און שטיל ווערט אין וואַלד אין דעם שוואַרצן,
און ס'ווינקען די אייביקע שפּיצן,

און ס׳פּיפּסט נישט פון ערגעץ קיין פויגל —
און אָט איז די ערד נישט קיין ערד.
גרינג טראָגן דיך בערדיקע דורות
צום נעסט, וואו די אור־פּאָטערס זיצן,
און ביסט ווי אַ קינד, וואָס גייט שלאָפן
אין שאָטן פון זייערע בערד.

1934

## זיין אַ ייד

זיין אַ ייד הייסט אייביק לויפן צו גאָט,
אפילו אַז מ׳איז אַן אַנטלויפער;
דערוואַרטן צו הערן אַ ליאַדע טאָג
(אפילו אַז מ׳איז אַ כופר)
ס׳קול פון משיחס שופר.

זיין אַ ייד הייסט נישט קענען אַרויס פון גאָט
אפילו אַז מע וויל עס;
נישט קענען אויפהערן תפילה צו טאָן
אפילו נאָך אַלע תפילות,
אפילו נאָך אַלע אַפילו׳ס.

## חירם דער גאָט

(אַן אַלט־יידישע לעגענדע)

### א

זיבן הימלען טיף אין ים אוקינוס
האָט געלאָזט זיך מאַכן
חירם, האַר פון צור.
געזאָגט האָט חירם, האַר פון צור:
וואָס איז צור? די וועלט!
איך — פון צור דער גאָט!
נו, בין איך, חירם, נייער וועלט־גאָט.
ס׳האָט דער גאָט דער אַלטער
זיבן הימלען אויבן —
איך, נייער, האָב זיי אונטן,
און שענער זענען מ י י נ ע !
אָ, מיין גלאָז, מיין בליי, מיין אייזן!

אָ, מיין קופּער און מיין שטאָל!
אָ, מיין גאָלד און זילבער!
ז י י ן גאָלד קען איך דאָך:
וואָלקן־גאָלד, אויך־מיר־גאָלד,
ווען די זון גייט אונטער.
און לבנה־זילבער האָט ער
מיט אַביסל שטערן־זילבער.
בליצוואַרג, דונערוואַרג — אַ צוגאָב!
מ י י נ ע בליצן
בליצן בעסער,
מ י י נ ע דונערן
דונערן בעסער —
איך בין שטאַרקער, איך בין גרעסער!

מיין ערשטער הימל איז
פון צור׳ער גלאָז געגאָסן —
אַ ריזיקער גלעזערנער פיש!
גלאַנציקע גלעזערנע פלאָסן!

דער צווייטער הימל — אייזן!
אַ פויסט אַן אייזערנע, גרייט צום שלאָג!
ציטער, וועלט, און קלאָג!
אָט וועל איך דיר באַווייזן!

מיין דריטער הימל — שטאָל!
שטאָל איז ער אינגאַנצן!
ס׳אַראַ לענג און ס׳אַראַ ברייט!
כ׳פאַרבעט די שטורעמס טאַנצן.

אַ בלייערנער איז דער פערטער!
ער זינגט מיר אויס אַ ליד פון בליי,
אַ בלייערן ליד אָן ווערטער.

דער פינפטער איז אַ קופּערנער!
אַ הימל ווי אַ קופּער־שלאַנג!
קופּער־קלאַנג ווי גלעקער־קלאַנג —
ס׳הילכט פון אַלע זייטן.

דער זעקסטער איז פון זילבער.
איבער די וואַסערן הענגט ער
ווי אַ בילד פון בילדער.

דער זיבעטער איז דער שענסטער!
פון אַלע גאָלדן — גאָלדיקער!
און פון אַלע, און פון אַלע
גוואַלדיקייטן — גוואַלדיקער!
אויפ'ן זיבעטן ווער זיצט?
איך, חירם, גאָט פון צור,
איך, גאָט פון גאָר דער וועלט!
דאָ זיץ איך מיר אין גאָלד,
זעקס הימלען מיר צופוסנס,
מיין גאַרטל — דער אוקינוס.
טו איך וואָס איך וויל!
הייס איך קוילערן שטיינער
איבער מיין קופער־הימל, — דונערט!
פאַלן בוימער אויף דער טריקעניש,
טויט איך מענטש און פי!
און צינד איך אָן מיין גאָלד־הימל —
שלאָג איך אַלץ מיט בלענדעניש!
ווייס מען: חירם בליצט!
חירם הערשט פון איצט,
הערשט פון איצט ביז אייביק!

ב

אין הימל אין דעם זיבעטן,
דעם זיבעטן, דעם גאָלדענעם,
זיצט חירם מלך־צור.

אַרום זיין טראָן־שטול פלאַטערן
אין גאָלד־געווענדער וואונדערלעך
די אַלערשענסטע יונגפרויען,
די יונגפרויען פון צור.

זיי פעכערן דאָס פנים אים,
באַפאַלן אים מיט קושונגען
און זינגען אויס זיין רום.

און האַרף שפילט ווייט־אַרום
דער ברומיקער אוקינוס.
און ליכטיק ווי לבנות
פלאַטערן די יונגפרויען,
און יעדע נאַכט געהערט צו אים
אַן אַנדערע, אַן אַנדערע.

מען ברענגט זיי אים אין ים אַראָפּ,
מען פירט זיי אים פון צור אַראָפּ —
און חירם שרייט, אַ שכורער
פון ווייַנען און פון יונגפרויען:
„איך מענטש, דער נייער גאָט,
איך האַר, ביי וועמען פרעג איך?
אַלץ וויל איך און אַלץ מעג איך!״

ג

אָט דער הויכער ייד
מיט דער ווילדער באָרד,
ווי ים־געוויקס פאַרפלאָנטערט;
אָט דער הויכער ייד
מיט שרייענדיקע אויגן,
אָט דער הויכער ייד —
ווער האָט אים דאָ אַריינגעלאָזט?

און ס׳איז געווען, — הויבט אויף דער ייד
אַ האַנט אַ פּאָכיקע,
אַ לאַנגע און אַ קנאָכיקע, —
און ס׳איז געווען דער זאָג פון גאָט:
גיי אין ים, צום האַר פון צור,
און ריידן זאָלסטו
אין זיינע אויערן לאמור:
גרויסקייט האַסט מיין זעל
און אַ פרעד האַרץ איז מיר דערווידער.
צו חירמ׳ס הימלען נידער —
און זאָג אים אָן זיין בראָך!

— ווער האָט אַריינגעלאָזט? —
שרייט חירם מלך־צור. —
ווער האָט אַריינגעלאָזט?
וואו זענען מיינע וועכטער?

טרייסלט זיך דער גאָלד־הימל אינגאַנצן,
די יונגפרויען
הערן צו פלאַטערן אויף און צו פעכערן.

טוט דאָס קול זיך נאָכמער העכערן:
אַרויס, — זאָגט גאָט, מיין גאָט, —
פון די ריינע וואַסערן מיינע!

— ז י י נ ע ?
זאָג אים: חירם האָט קיין פּאַרכט נישט —
און געהאָרכט נישט!
שענער האָב איך דאָס געמאַכט —
פון איצט אָן בין א י ך דער האַר!
איך, דער מענטש, האָב אַלץ אין האַנט:
אַז איך דונער — טויט איך!
בליץ איך — מאַך איך בלינד!
כ'טויט אַ קינד
און זויף מיר ווייַן!
אַלע לעבנס, אַלע לייבער —
מייַן!
וואָס איז זינד?
אייטל שפּיל!
וויל איך, וואָס מען מעג נישט!
מעג איך, וואָס איך וויל!
און קיין חשבון — פרעג נישט!
זאָל זיך נישט דערוועגן
אַ חשבון ביי מיר פרעגן
דער גאָט דייַנער, דו נאַר!

דער הויכער
בלייבט אַ רגע שטאַר.
כיטרע קוקט אים חירם אָן.

— נביא דו פון אַלטן גאָט,
איך בין גאָט דער נייער —
און אַ נביא וויל איך ק ו י פ ן — — —
זאָג: ווי טייער?
וויפיל ווילסטו? זילבער קריגסטו!
גאָלד באַקומסטו! פון די יונגפרויען
אַרום מיר
קלייב איך דיר אַ ווייב אויס...

חירם צאָרנט שוין נישט מער.
חירם שמייכלט.
חירם וואַרט דעם ענטפער אָפּ.

שמייכלט חירמ'ס הימל —
כיטרע שמייכלט חירמ'ס הימל.
שמייכלען צאַרט די יונגפרויען
אין גאָלדענעם געוואַנד.

נאָר פינסטער ווי אַ וואָלקן הענגט דעם נביא'ס האַנט.
פון דער שרפה נאָר אין זיינע אויגן
גיסט זיך פייער
איבער חירמ'ס גאָלד.

— איך יחזקאל, זון פון בוזי,
וועל דעם קאָפּ פאַר דיר נישט בויגן!
הער דאָס וואָרט פון גאָט'ס געזעצן:
ווען דער מענטש וויל ווערן ג אָ ט —
ווערט ער ח י ה !
אין אַ שטייג וועל איך דיך זעצן!

— טויטן אים! — שפּרינגט חירם אויף,
מיט די פויסטן טוט ער זעצן.
— טויטן אים! — שרייט־נאָך
ס'גאָרע גאָלד פון גאָרן הימל.

זעקס הימלען אונטן טוען זיך אַ צינד,
וואַרפן זיך ווי הינט:
— טויטן!

די יונגפרויען אין גאָלד־געוואַנד
רופן הילפלאָז: טויטן!

נאָר דער נביא איז נישטאָ מער.
ווי אַריין — אַזוי אַרויס.
האָט געזאָגט — און איז נישטאָ מער.

ד

פון ים־אוקינוס שיקט שטאָפּעטן חירם,
זיי זאָלן אים דעם יידן־נביא זוכן,
ברענגען גיכער נאָך ווי גיך אים.
אויף אַלע וועגן זוכן אים די שליחים —
נישט מען הערט און נישט מען זעט!
ס'איז אים צ ב א ו ת שוץ און שירעם!

באַלד פלאַצט דיין מלכות, חירם.

ה

און ס'איז געווען נאָך אַלדי זאַכן
און צ ב א ו ת האָט געשיקט

פון פאַר זיין אָנגעזיכט אַ שטורעם —
און איינגעוואָרפן האָט דער שטורעם

די הימלען, וואָס צו חירמ׳ען.
און אויסגעשפּיגן האָט דער ים
דעם האַר פון צור מיט אַלדי זייניקע.

און נבוכדנאצר איז געקומען,
באַלאַגערט צור, די מלוכה־שטאָט,
פאַרטיליקט צור, די מלוכה־שטאָט,
און אין געפאַנגנשאַפט גענומען
דעם האַר פון צור, דעם מענטשן־גאָט,
און אויפ׳ן שטייגער פון די זיגער
אים אין אַ שטייג אַריינגעזעצט,
אין אַ גרויסער שטייג פון אייזן,
דעם בבל־פאָלק צו ווייזן.

טרייבט שפּאָט דאָס פאָלק און ס׳לאַכן קינדער:
„דיין טראָן, דיין הימלען־טראָן באַשטייג!״
ס׳האָט פון חירמ׳ס אַלע הימלען
זיך אויסגעלאָזט אַ שטייג.

1936

## דעם יידנ׳ס זייגער

### א

אַ געשיכטע פון אַלטע געשיכטן —
זי קומט צו מיר צוגיין
און קוקט מיך אָן מיט געוויין
און בעט מיך, איך זאָל זי דיכטן.

אַ מעשה פול טיפן באַשייד,
אַ מעשה מיט אַ ייד און אַ זייגער.
דער ייד איז אַוועק בלינדערהייט,
דער זייגער — געבליבן אַ פּגר.

און אָט אַזוי הער איך זאָגן
די מעשה מיט זייגער און ייד:
— פאַרוואַנדל מיך אין אַ ליד,
כ׳קאָן מער דעם צער נישט פאַרטראָגן.

ב

מיטלאַלטער. דייטשלאַנד.
עס הויבט זיך ביים רהיין אַ שטאָט.
דאָרט בויט מען אַ נייעם ראָטהויז
פאַר די הערן פון הויכן ראָט.

דאַרף מען צום טורעם אַ זייגער,
שטאָט זאָל וויסן די צייט.
נו, הויבט מען אָן, ווי דער שטייגער,
זוכן געניטע לייט.

קומט אָן פון ווייטע לענדער
אַ ייד, אַ פרעמדער ייד —
געזאַנג אין זיינע טריט,
שטויב אויף זיינע געווענדער.

און ער זאָגט: מיינע ליבע ריטער,
מיינע הויכוואוילגעבוירענע לייט!
אויב וויסן ווילט איר די צייט —
בין איך דער איינציק־געניטער.

אַ זייגער וועל איך אייך מאַכן —
אַ נס, פון נסים אַ נס!
ער וועט ווי אַ מלאך וואַכן
איבער אייער מעת־לעת.

ער וועט די צייט פאַרהאַלטן
אין מיטן איר לויף צום טויט;
די טעג וועלן ווערן צעבלויט,
יונג וועט ער מאַכן דעם אַלטן.

— דו ייד, דו מאַך דעם זייגער,
ביזט, זעען מיר, קלוג און אַלט;
אָט דאָס איז דער אמת׳ער זייגער,
וואָס כאַפּט די צייט — און פאַרהאַלט.

— איז וואויל, כ׳וועל מאַכן דעם זייגער,
איר הויכוואוילגעבוירענע לייט!
בלויז ד אָ ס איז דער אמת׳ער זייגער,
וואָס קאָן פאַרהאַלטן די צייט.

### ג

איך, יעקב בר׳ יהודה —
איך בוי, איך בוי, איך בוי.
בליק אַראָפּ, אדני,
און גיב אַ קוק, וואָס איך טו דאָ.

איך בוי דעם זייגער דעם רעכטן,
וואָס די וועלט באַדאַרף שוין פון לאַנג,
וואָס נעמט דעם היינט מיט׳ן נעכטן
און מאַכט פוןביידן געזאַנג.

שרייפּל און ווידער שרייפל —
און באַלד איז פאַרטיק ס׳געווערק.
ס׳וועט בלאָזן ווי אַ פּאַסטוכ׳ס פייפל
באַגיינען צווישן די בערג.

ס׳וועט זינגען ווי יונגע זונען,
אין דיין רייטוואָגן געשפּאַנט,
און רוישן פאַרנאַכט ווי אַ ברונען,
ווי אַ קוואַל אין טיפן זאַמד.

עס וועט מיין זייגער שפּילן,
אויסשפּילן יעדע מינוט,
און ס׳וועט דער מענטש נישט פילן
די פּיין פון דעם, וואָס ער טוט.

ווייל וואו ער טוט זיך אַ קער נאָר
און וואו ער טוט זיך אַ ווענד —
ערשט הער נאָר, הער נאָר, הער נאָר:
דער זייגער בענטשט זיינע הענט.

הייליק און פרום וועלן שפּילן
מינוטן און שעה׳ן און יאָרן,
זיין ווי קאַפּיטלעך תהלים
אין זכות פון זייגער דעם וואָרן.

ווי אין בית־מקדש אַ לוי
וועט זינגען מיין זייגער, אָ גאָט,
זיין קאַסטן — ווי נח׳ס תיבה,
און זיין בלאַט, און זיין בלאַט, אָ גאָט —
ווי די לוחות פון דיינע געבאָט.

ד

דו ייד, דיין זייגער איז וואונדער.
דו ייד, דיין זייגער איז וואויל.
ער איז דער מלאך דער היטער,
די פרייד, וואָס טויט יעדע גרויל.

זינט דיין זייגער הענגט אויבן —
לעבט גאָר אַנדערש די שטאָט.
די ראָטסלייט אויפן ראָטהויז
קלערן־אויס בעסער דעם ראָט.

שמחות טוען זיך מערן,
עס ווייַנט קיין קינד נישט אין וויג,
און וואָס מיר טוען און קלערן —
דאָס אַלץ איז פּורע מוזיק.

און די ווייבער האָבן אונדז ליבער,
און אַלץ איז געבענעדייט *),
און מיר האָבן פּאַר טויט קיין פּאַרכט נישט,
און די צייט איז אויסער דער צייט.

ה

אַזוי — די ערשטע פּאָר טעג.
נאָר שפּעטער ווערט זיי דערעסן
דער מלאך פון די מעת־לעת'ן,
וואָס באַגלייט זיי אויף יעדן וועג.

— ייד, דיין זייגער איז כישוף!
ייד, דיין זייגער איז שלעכט!
ער טרייבט אַוועק די תאווה
פון אונדזער בעט אין די נעכט.

ער מאַכט אונדז שוואַך, ווי די ווייבער,
ווייל אַלץ, וואָס מיר טוען, געראָט.
ווען מיר שלאָגן זיך קענען,
ווען פיינד באַפאַלן די שטאָט?

*) אַלט־יידישע, אויך אַלט־דייטשישע, פאָרם פאַר: געבענטשט (בענעדייען
(benedicere,

גערדאַנקען ווילן מיר האָבן,
וואָס גייען מיט דער הינטערשטער טיר;
דיין זייגער יאָגט פון דער שוועל זיי
דורך שעה'ן צוואַנציק און פיר.

תאוה וויל צו אונדז קומען,
פּאַרראַט, נקמה און מאָרד —
צעשפּילט זיך אין מיטן דיין זייגער,
טרייבט זיי מיט אַ זינגעדיק וואָרט.

ייד, דיין זייגער איז כישוף,
כישוף קלוג און געמיין.
האָסט דאָס געמאַכט מיט אַ כיוון,
האָסט דאָס געמאַכט מיט אַ מיין.

אַ סוף צום צוויבער דעם וויסטן!
נעם צו די פאַרשאָלטענע גאָב!
אַרויף צוריק אויפן טורעם!
שטעל־אָפּ דעם זייגער, שטעל־אָפּ!

ו

— בלייב שטיין אויף אייביק, זייגער.
זיי ווילן דיך נישט. טאָ שטיי.
שווייג, ווי טויטע אין קבר.
פאַרשטום אין האַרטן וויי.

מיינע אייגענע הענט צושטערן
דאָס, וואָס זיי האָבן געמאַכט.
איך נעם דיר צו דיין מאַכט.
דו זאָלסט זיי מער נישט שטערן.

דו טאָרסט מער, זייגער, נישט שפּילן.
זיי זאָגן: עס איז נישט גוט.
זיי מוזן פאָלגן דעם ווילן,
וואָס לעבט ביי זיי אין בלוט.

זאָגט יעקב בר' יהודה:
אַז לא — טאָ זאָל זיין לא...
אָ, בליק אַראָפּ, אדני,
און גיב אַ קוק, וואָס איך טו דאָ!

ז

— און איצט, דו ייד, אַז דו האָסט
דעם זייגער געמאַכט אויס שעדלעך,
עס שטייען שטיל זיינע רעדלעך
און ס׳געזאַנג האָט אים פאַרלאָזט —

דאַרף מען אַנדערע שטעט פאַרהיטן
פאַר דיין זייגערמאַכעריי,
דו זאָלסט נישט זען ווי צו מאַכן
דיין כישוף פונדאַסניי.

דרום וועלן מיר דיינע אויגן
אַרויסנעמען די צוויי.
וועסט מער צום כישוף נישט טויגן.
גיב די אויגן — און גיי!

ח

און זיי האָבן אים בלינד געמאַכט. שטיל איז
אַוועק דער בלינדער ייד.
מיט קללות — צי מיט תפילות?
מיט ציין־קריץ — צי מיט אַ ליד?

דער טאָג איז געווען פינסטער,
דער טאָג איז געווען בלינד.
ס׳האָט דעכער געריסן אַ ווינט —
און דער ייד איז אַוועק אויף אייביק.

זיין באָרד איז אַוועק מיט׳ן שטורעם;
ס׳האָט אים דער שטאָק ביי דער האַנט
געפירט און אַוועקגעפירט ערגעץ —
וואוהין? אין וועלכן לאַנד?

אַוועק איז דער ייד דער בלינדער.
זאָל שווייגן דער, וואָס פאַרשטייט.
עס שרייט די צייט, ווי פריער —
און דער זייגער, דער זייגער שטייט.

וואַרשע, ווינטער 1931

## אַ ייִד

און אַמאָל טוט מיר דאַכטן אַזוי:
גאָט האָט די וועלטן געשאַפן,
די אונטערשטע און אייבערשטע היכלות,
אין זכות פון אַן איינציקן ייִד,
וואָס זיין באָרד איז אַ פידל אַ שמאָלע
און זיין אויג — אַן אָפּגרונט פון גלות.

זיין פרנסה איז אַלטע שמאַטעס.
זיין ווייב האָט אַ לייב ווי אַ ברעט,
אַ קול ווי אַ זעג און רומאַטעס.
און יאַטלעך ווי ווערעם, —
גאָט, היט זייער לייב און באַשערעם, —
שוואַרצפלאַמיקע אייגלעך
און פּנימלעך בלייכע ווי שניי, גלייך
שטיקער שוואַרץ עברי אין סידור.
דער טאָג מיט זיין האַמער צעקלאַפּט אים די גלידער
און גיט אים אַ וואָרף ווי אַ זאַק
אויף אַ געלעגער אַ האַרטן ווי ס'יידישע מזל.
דאָרט חלומ'ט ער משיח'ס צייטן
(שופרות פון ווייסע מלאכים
לייגן איין יריחו),
און אַז דער באַגינען באַגינט
שטייט ער אין תפילין און ס'איז אים ניחא,
וואָס גאָט גיט אים אַזאַ ערלעכן דלות,
אַזאַ צעבראָכנקייט אַ וואָרע,
קינדערלעך אַזעלכע, קיין עין־הרע,
און אַזאַ צעריסענעם הייליקן טלית.

איז אָט:
אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אין זיין זכות האָט גאָט
געשאַפן די ימ'ען מיט די לויתנס,
די שיינע ווייבער און די פילם־אַקטיאָרן,
און די גרויסע שרייבער,
און די געניאַלע בלוטפאַרגיסער,
און ס'גאַנצע ביסל באַראָק,
ס'גאָרע גינגאָלד און ס'גאָרע טינופת.

אַזוי גורט אַ קינסטלער זיך אָן מיט גבורה

און בויט זיין ווערק אין פּילשטאָקיקע בענדער
(די אַקציע גייט איבער צייטן און לענדער) —
און דאָס אַלץ פון וועגן אַן איינציקער שורה,
וואָס האָט זיך אויף ערגעץ אַ זייטל באַהאַלטן,
ווי אין איר שפּינוועבס אַ שפּין,
און איז דער זין
פון אַלע מעשיות און אַלע געשטאַלטן.

1931

## יידישע שדים

שדין יהודאין...

כ'וויל דערציילן אַ סיפור מיט אַ תוכן אַ הויכן,
אָבער מיט גראַמען גרינגע.
ס'איז אויפן האַרצן נישט פריילעך —
מאַכט־זשע, גראַמען, הילולא וחינגא!

כ'לאָז אייך אַרויס אויפן דרך־המלך,
והנה — און אָט דערצייל איך.

### א

ימים נוראים. יידן יאָגן דעם שטן.
טראַכט ער:
וואָס מיינען זיי — כ'בין אַ חרש, שוטה וקטן?
מאַכט ער,
דער וואַסערטרעגער זישע
זאָל סאַמע אין שול,
וואָס איז מיט תפילות פיל און פול,
קריגן אַ הרהור מכח אַן אשה
אין עזרת־נשים.

דאַרף מען נישט קיין נייע חדשים:
באַלד אויפן אָרט —
ימים נוראים אין שול, אין אַ גאָטספאָרכטיק שטעטל —
געבוירט יענער הרהור אַ שרעטל.

פלאַטערט ס'שדל ווי אַ בלעטל.
דערלאַנגט אים דער שטן

אַ פּאָטעריש גלעטל
און לאַכט: זה הקטן
גדול יהיה! מעשים נישט קיין שיינע
וועט ער אָנפּלאָדיען כהנה וכהנה,
ווי איך האָב געבאָטן.
ס׳זיינען אויסגעוואַקסן ממזרדיקע אומות
דערפון, וואָס איך האָב אָנגערעדט די טעכטערלעך פון לוט׳ן,
און אַז זישע האָט דערלאַנגט אַ זייטיק קלערל —
וועלן ווערן דערפון מעשים
גאָלע פּערל.

## ב

אָמנ׳ס שניידן פון דעם שדל פּאַסן.
גיט ער מיטן אויג אַ פינטל,
וואָרטשעט ווי אַ הינטל,
דערזעט אַ שפּאַרע, קריכט אַרויס
און לאָזט זיך לויפן איבער גאַסן.

דאַוונט אויך דרויסען די לופט:
תפילות ברויזן, טרערן רינען,
קדושה שפּאַרט פון אַלע ווינקלען — —
אַנטרינען מוז מען, אַנטרינען
פון גורל דעם ביטערן!
נאַקעט, אָן אַ העמד,
די שפּיציקע אויערלעך ציטערן,
ביים לעפּעלע קלעמט,
פאַרשאַרצט דעם ווידל האָט עס, —
אַזוי לויפט עס, נעבעך, טשלאָפּעט
איבער בלאָטעס.
אויף אַ פעלד ערגערץ פאַלט עס פאַרסאַפּעט,
בלייבט ליגען ביי אַ מאָכעדיקן שטיין
און פלאַצט אַרויס אין אַ געוויין.
עפּעס אַ געלעכטער
אַ שד צו זיין אין די ימים־נוראים!
אַז פון אַלע זייטן
יאָגט מען די חטאים!

## ג

דער שטן־מקטרג איז אַלץ נאָך אין שול.
כאָטש יידישע תפילות מאַכן אים דול,

האָט ער נאָך אַלץ זיך נישט אָפּגעטאָן.
דער פּגע־רע, דער אייביקער בעל־סטירדע,
דער עומד־במירדו,*)
האָט נאָך עפּעס אָפּגעטאָן:
ער האָט געמאַכט, אַז די אשה,
וואָס געקלערט האָט פון איר זישע,
היינו: איטקע די שיינע,
זאָל פון איר זייט, לא־עלינו,
כאַפּן אַ קוק צו די מאַנסלייט,
בעיקר צו געצעלע באַס, דעם משורר.
היות אַ געדאַנק איז אַ געבוירער —
ווערט פון דער בלויזער טראַכטונג אירער,
פון דעם בלויזן הרהור,
אַ שדיכע געבוירן: אַ מעסערדיק אויג,
אויפן קאָפּ — אַ קאָלטן ווי אַ סטויג,
ברעמען — קשאַקעס.
דער מקטרג לאַכט:
חושך וחלקלקות!
ס'איז נאָר אַ שאָד,
וואָס כ'מוז שוין אָפּציען: די שמות הקדושים
מאַכן אויף מיר אַ רושם —
און ס'טרייבט מיך פון שטאָט.
זיי זיינען, די שמות, אַלטמאָדיש —
און האָבן נאָך אַלץ אַזאַ גבורה!
זיי קענען מיך נאָך מאַכן פאַר אַ קדוש
און קיינער זאָל נישט וויסן פון מיין קבורה.
כאָטש מ'קאָן נישט זאָגן: פאָרט עפּעס געלייזט.
דאָס שד'ל און די שדיכע
זיינען מיין טרייסט.

זיי וועלן אָנפּאַסקודיען נישט קיין ביסל,
נאָר אַ פולע שיסל.
ס'אַראַ חכם איך בין! לאַנג לעבן זאָל איך!

און ער ציט אָפּ — משה־מרדכי הלך.

*) בעל־סטירדע — להכעיס'ניק, מהומה־מאַכער.
עומד במירדו — לייען: אָימעד בעמירדע (דויערדיג אין זיין בונט קעגן גאָט).

ד

אַ שפּרונג אַהין, אַ שפּרונג אַהער
גיט די שדיכע. אַ פרומע טרער
פון אַ ייד
גיט אַ זיד
און יאָגט זי אַרויס.
דרייט זי זיך דרויסן אַרום ווי אַ מויז.

נאָר דער דרויסן ברענט אויך
מיט הייליקער תפילה, מיט יראת־שמים:
כתבנו לחיים,
מלך חפץ בחיים — —
החזירנו בתשובה שלמה — —

מיט אימה
לאָזט זי זיך אין וואַלד אַריין, פאַרקריכט אונטער אַ בוים
מיט צווייגן ווי די קאָלטנס,
ציטערט פאַר קעלט, —
אַזאַ קליינס, נעבאַך, אַ פאַרשאָלטנס, —
און צעווײנט זיך.
עפּעס אַ געלעכטער
אַ שדיכע צו זיין אין די ימים נוראים!
אַז פון אַלע זייטן
יאָגט מען די חטאים.

ה

ביים שטיין אויפן נאַקעטן פעלד
איז ס'שדל געלעגן.
מיט אַ בייזער בייטש
האָט אים געשמיסן אַ רעגן.

האָט ס'שדל געיאָמערט פון אונטער די שמיץ:
כ'טו, רבונו־של־עולם, דיך פרעגן —
ס'טייטש?
פאַרוואָס זאָל אַ רשע אַ רעגן
אויפן הוילן לייב מיך שמייסן מיט אַ בייטש?
באשר זישע האָט געהאַט אַ הרהור —
דאַרף איך זיין דער פאַרלירער?
ס'איז דאָך מיר אַ ווייטיק און אַ בושה.

גיב מיר אַ בגד און נעם פון מיר צו
דעם רעגן, דעם רשע מרושע.

האָט דער רעגן נאָך בייזער געשניטן:
וואָס פאַרמסרסטו מיך פאַרן אויבערשטן, האַ?
כ'בין אַ רעגן אַ כעסן,
מוז איך דאָך שמייסן.
אַזוי איז די גזרה — און פּתח־שין שאַ!

ו

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן צו דער שדיכע.
כדאי צו וויסן,
וואָס זי מאַכט אין וואַלד אונטערן בוים.
אויך זי ווערט געשמיסן!

עס שמייסט זי דער בוים,
מיט די פאַררעגנטע קאָלטנס שמייסט ער.
קלאָגט זי: דער, וואָס אַ ווערעמל שפּייזט ער,
זאָל נישט האָבן פאַר מיר אַ שטיקל קליידל?
כ'בין עפּעס שולדיק, וואָס איטקע בת פריידל
האָט געהאַט אַ הרהור־עבירה?
פאַרוואָס זאָל איך נאַקעט זיין, גאָט?
פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ גזירה?
און פאַרוואָס זאָל מיך קאַטעווען
דער אכזר, דער בוים?
טו מיך פון אים ראַטעווען,
טו מיך פון אים ראַטעווען!

הערט דער בוים די יאָמערנישן אירע
און זאָגט:
וואָס פאַרשטייסטו, שדיכע, אין חקירה?
אַז דער רעגן שמייסט מיך —
שמייס איך דיך:
ס'אַ גזירה אַזאַ.
ווער זשע געשמיסן — און פּתח־שין שאַ!

ז

ביידע שרייען גוואַלד:
אויפן פעלד דער שד, די שדיכע אין וואַלד.

נאָר איינס פון צווייטן ווייס נישט, כאָטש די פּיין איז
גלייך: דערזעלבער גורל און די זעלבע טענות.
דאָ זאָגט דער רעגן צו זיין בייטשל: האַלט!
דעם אָטעם ציען אָפּ
דער שד אין פעלד, די שדיכע אין וואַלד.
דאָס שדל, פון גרויס צרות,
שלאָפט אַ שלאָף אַ שווערן
(אַז ס'פּוסט־און־פּאַסעווען די יצר־הרעס!),
און ס'זעלבע פון דער שדיכע צו הערן:
אויף אַ בינטל מאָך
שלאָפט זי טעג אָפּ אויף איין זייט.
פון צייט צו צייט
רייסט זיך איר פון שלאָף אַן „אָך".

שאַ, ווינטן פון צפון!
שלאָפן לאָזט אַ שד,
לאָזט אַן אָרעמע שדיכע שלאָפן.

## ח

אַריבער די ימים נוראים.
פּאַוואָלינקע, לייכטע און דינע
ווי פּאַוועטינע,
פאַרציען זיך חטאים —
דערנאָך קומען אָן
מיט ווינטערדיק גראָבע שטיוואַלעס
פשעים מיט עוונות.
(מחמת גלות, מחמת דלות,
מחמת מזונות).
ווי נאָך אַ כישוף
קומט דאָס שדל אויף פון שלאָף —
און לאָזט זיך צו אַ ישוב.

לאָמיר קודם באַגלייטן דעם שד:
ער גייט קיין צישעוו.

## ט

ס'קרעכצט אויפן וועג דער שד:
וואָס קאָן איך טאָן, אַז נישט אַ שד זיין?
אַז איך ש ט אַ ם פון חטא —

ווי קאָן איך אויסגעהיט פון חטא זיין?
אַז זיין אַ שד איז מיין מערכה
די האַרטע —
קאָן איך דען טאָן אַן אַנדער מלאכה?
ס'איז דאָך לכך נוצרת!

אין אַ גרויען אָוונט אינדערוואָכן
קומט דאָס שדל אָן קיין צישעוו.
פאַוואָלינקע, מיט ישוב,
איז עס פאַרקראָכן
אין הקדש הינטער דער הרובע.
גוואַלד, — האָט ער געזאָגט, — ווען קריג איך שוין אַ מלבוש?
כ'בעט דאָך נישט, רבונו של עולם, קיין שובע —
פשוט אַ מלבוש צו פאַרשטעקן דעם וויידל,
ס'זאָל לייטיש זיין און איידל.
מ'זאָל נישט ווערן פאַרשעמט,
וואָס מ'גייט, במחילה, אָן אַ העמד,
גאָרנישט מעשה לייט.

אַזוי האָט ער אין מויל שטילע ווערטער געקייט,
אַביסל זיך געקראַצט, אַביסעלע געגאַוועט,
און — כ'בעט אייך איבער וואָס כ'רייד נישט געבלימלט —
גע'אַווירט,
צום סוף אַ קאַפּעטשקע געדרימלט.
דערווייל נוערט נאַכט.
גיט פון הינטער דער הרובע דער שד זיך אַ רוק,
אַ צאַפּ, אַ לאַפּ, אַ קוק,
אַ טענצל דאָ, אַ טענצל דאָרט,
איין ייד — אין אויער אַ רוים,
יענעם — ביים אויער אַ צופּ,
אַ דריטן — אַ שטופּ.
ווערט צווישן די הקדש־לייט אַ רעש,
מחלוקת אַ פולע שטוב.
קיינער זעט נישט: ווי אַן עקדיש
צאַפּלט און וואַרפט זיך
אַ שד'ל אין הקדש.

סטוסאַקעס, פעטש ווי די שפּענער,
מע באַלייגט זיך מיט שטעקנס,
מע רייסט זיך ווי די הענער.

אין רעכטן מיטן טומל קריגט יענער, —
דער שד הייסט עס, — אַ מלבוש:
ס'האָט די עבירה פון שנאת־חינם
צווישן די מאמינים־בני מאמינים
אים אויף דער שטעל דאָס מלבוש גענייט —
און אים באַקליידט,
געמאַכט פון אים אַ פיינס און אַ פאַרשטעלטס,
אַ צדיק'ל אין פעלץ.

איז ער שוין באַקליידט מעשה לייטישע שרעטלעך.
מאַכט ער: צישעוו איז אַ העק —
און לאָזט זיך אַוועק
איבער גרעסערע און חשובערע שטעטלעך.

ער פאַרדינט זיין אויסקומעניש ערלעך:
לעשט ביי חדר־יינגלעך די לאַמטערלעך,
מאַכט קעצישע מוזיק,
פראַוועט לצישע שטיק,
סיגעס, קאָזשעליקעס, יעלות.
אים שטעלט נישט אָפּ אפילו
איבער אַ קימפעטאָרינס בעט דער שיר־המעלות.
וואָס מיר סיני, וועט סנסיני,
ער לאַכט זיך אויס פון סמנגלף,
קריכט צום רך הנולד מיט אַן אויג פול שנאה —
גיי, לאָד אים צום רבי!

אַ ייד אַ מקובל
מאַכט צירופי־אותיות, רעכנט אות צו אות,
וויל אַראָפּנעמען דעם שלאָס,
וואָס פאַרריגלט דעם קץ, —
גיט ער זיך, דער לץ,
הינטנאַרום אַ רוקעלע,
צעמישט די יוצרות מיטן בלויזן קוקעלע,
און ס'באַקומט זיך — פרעגט שוין גאָרנישט.

ער שטעלט זיך ביינאַכט הינטער יאָסעלע מתמיד
און טרייבט אים אַוועק פון דער גמרא.
אַן אַנדערש מאָל נעמט ער און וואַרפט אַרויף
אויף אַ חלוש אַ ייד — אַ פּוד יצר־הרע.
און אַז ער צעקריגט צווישן זיך אנשים כשרים,
ווייסט איר מיט וואָס ס'לאָזט זיך אויס?
מיט חרם.

אין אַ ייִד אַ למדן, וואָס זיצט איבער אַ רמב״ם
צי איז מעיין אין אַ ראב״ע,
מיט אַ פּאַרטראַכטן בימבאַם־באַמבאַם,
גיט ער אַריין אַזאַ מין תאווה,
אַז יענער, נעבאך, ווערט אַ הלעיטייניק —
וויפיל ער עסט און ער טרינקט איז אים ווייניק.
צום סוף רוקט ער אים אונטער אַזעלכע מאכלים,
אַז יענער ווערט דערפון — עליו השלום.

אין טישעוויץ האָט־ער פון דעם אַלטן חזן
געמאַכט אַ ווייס־איך־וואָס, אַ בלאַזן:
יענער, שוין אַ זיידע, האָט זיך אויף דער עלטער
פאַרליאַפּעט אין אַ מויד
מיט אַ רויטן נאַקן, דיקע באַקן
און סמאָלעדיקע לאָקן.
ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט מיט טויט:
מ׳האָט אים געפונען הענגען אויף אַ האָקן.

אַזוי טוט ער רק צו שלעכטס נאַראַיען,
נאָר עפּעס האָט ער קיין נחת נישט
פון זיינע שד׳ערייען.
איז נע־ונד ווי קין,
און דערשמעקט ער וואו אַ מצוה —
ברענט עס אים און בראָט אים.
וואָלט אויך געוואָלט אַ מצוה טאָן —
ס׳פאַרכאַפּט אים אַזש דעם אָטעם.
זישע, —
פאָרט אַ ייִד, כאָטש אַ פאַרגרעבטער, —
טוט אַמאָל מצוות,
וואָס אין זכות זייערן לעבט ער.
און — היות אַלץ איז געקניפּט און געקייט —
רופט זיך אָפּ אויפן שד׳ל נישט־געוואוסטערהייט
זישעס איטלעכע מצוה,
לאָזט אים אויפצאַפּלען ביטער און שווער;
אָבער צאַפּל אַהין, צאַפּל אַהער —
אַזוי איז דער באַשער:
ביסטו אַ שד — גיי אין שדישן שפּאַן.

גייט ער אין שפּאַן,
נאָר פינצטער איז אים זייער.

ס'איז אים אָך־און־וויי,
וואָס ווייטער — אָך־און־וויייער.

ביז איינמאָל שטעלט ער זיך אַנידער
און רעדט צום רבונו של עולם אַ מידער:
נישט מיט מיין רצון
בין איך אויף דער וועלט געקומען
און נישט מיט מיין רצון
פּראַווע איך וויסטן לצון.
ווי איז מיר און ווינד! אַ מזיק בין בין איך,
שד'ישקייטן טו איך.
ווען קום איך צו זיך? ווען רו איך?
ווער טוט מיך לייטערן,
פון זינד דערווייטערן,
מיך, בידנעם רוח?
אַ שד בין איך אַ יידישער —
ווער גיט מיר תיקון?
ווען הער איך אויף עוסק צו זיין
אין שמד־שטיק, אין הלכות־נזיקין?
איידער אַזוי צו לעבן, איז שטאַרבן כדאי'ער.
שיק דיין ישועה מיר, טאַטע געטרייער!

י

לאָזן מיר דעם שד אין זיין געבעט
און טוען אַ קוק צו דער שדיכע.

ס'פליט די שדיכע
איבער הייזער, ברייזער, פּלויטן,
קלייבט ווייבערשע עבירות,
און פון די עבירות
וואַקסט אָן אַ מלבוש אַרום איר
ווי אַ כמאַרע מיט צויטן.

האָט זי שוין אַ בגד.
קומט זי, די שדיכע,
צו דוואָשע דער סעדעכע,
רוימט איר איין בסוד גדול
אַזוינס־און־אַזעלעכס
מכוח דער כלה־מויד הבתולה האָדל, —
גיט דוואָשע שטילרהייט אַ מסר;

שיקט יאָנטל, דער חתן, די תּנאים אָפּ,
און האָדל לויפט — און וואַרפט זיך אין וואַסער.
רעדט אָן די שדיכע צו שמד
די טאָכטער פון קאָפּל אַרענדאַר,
גרינטשע מיטן רויטן קאָפּ.
אין קלויסטער שטייט זי פאַרן אַלטאַר,
אין קלויסטער שטייט זי מיט איר כלאָפּ,
גרינטשע מיטן רויטן קאָפּ.

זי טשעפּעט זיך צו צו אַן אשה צנועה
און צעוואַרעמט איר כוח־המדמה.
טרעפט וואו? טאַקע סאַמע
אין דער מקוה, צי גאָר — ביי דער צאינה וראינה.
נו, און יענע —
יענטע די פרומע, מיט די ליפּעלעך די שמאָלע?
איז זי דען צוליב איר נישט אַנטלאָפן
פון איר מאַן דעם דיין מיטן יונג, דעם בעל־עגלה?

טוט זי נאָך אַזעלכע מעשים טובים,
נאָר — עפּעס נישט דאָס:
עפּעס האָט זי חרטה.
גרין ווי אַ גראָז,
פאַריאַכמערט, פאַרצאָגט,
אַראָפּגעלאָזט די נאָז,
וואו גענעכטיקט — נישט געטאָגט.

איינמאָל שטעלט זי זיך אַנידער
און מיט אַ שטים אַן אָנגעשפּאָלטענער, אַ מידער,
רעדט זי צו גאָט:
נישט מיט מיין רצון
בין איך אויף דער וועלט געקומען
און נישט מיט מיין רצון
טוען די עבירות מיינע שפּראָצן.
אַ שדיכע בין איך געבוירן,
שדישקייטן טו איך.
און נע־ונד ווי אין ווינט אַ בלאַט —
ווען קום איך צו זיך? ווען רו איך?
נמאס ומאוס איז מיר די שיינע מלאכה.
די כשרע נשים בין איך מקנא —
פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שדישע מערכה?
ווי קאָנען מיך די מעשים מיינע קוויקן?

כ'בין דאָך אַ שדיכע אַ יידישע —
ווער גיט מיר תיקון!
איידער אַזוי צו לעבן, איז שטאַרבן כדאיער.
שיק דיין ישועה מיר, טאַטע געטרייער!

יא

אַ הרהור! אַ פליג!
מאַלע אַ פליגעלע גיט דאָרט אַ זשומע!
נאָר — פון אַ פליגעלע פיקן זיך וועלטן אויס
אין קדושה ווי אין טומאה.

אַ רעדל נאָך אַ רעדל — אַ רעדל בתוך רעדל —
און אַלץ איבער דעם, וואָס פון הרהורים צוויי
זיינען קאַפּוירגעקומען שדיכע און שדל.

שד און שדיכע וויינען,
נאָר בדרך הטבע
מוזן ביידע טאָן
וואָס ס'ליגט זיי אין דער טבע:
ווי דער וואָרצל — אַזוי די פּרי.
נישטאָ קיין ברירה.

יב

נשמות אויף בוידעמס,
אין קעלערס, אין בלאָטעס,
אויף שוועלן פון קרעטשמעס,
אויף דעכער פון קלויזן.

אויף אַלע יאַרידן —
נשמות, נשמות.
ביי ליידיקע פּאַליצעס,
אויסגעשפּאַנטע בוידן.

נשמות פון מוסרים,
נשמות פון מוכסים,
פון שכורע קלעזמער,
פון זינדיקע מוידן.

נשמות, נשמות — — —

תחנונים פון באַלקנס,
תחנונים פון גריבער,

תחנונים פון וואַלקנס,
תחנונים פון שטיבער.

תיקון! גיב תיקון!

נשמות פאַרקרימטע,
צעקרענקטע און לאָמע,
און איטלעכע נשמה
ווייס: דער בעל־שם איז
דער צדיק־האמת.

ביינאַכט און באַגינען
גייען די תפילות;
אין מיטן דערינען —
ישראל, פאַרנעם:
אַ שד און אַ שדיכע
זיינען מתפלל.
ש ד י ם גיב תיקון,
ישראל בעל־שם!

## יג

זאָגט דער בעל־שם: איך וועל אָפּשטעלן ס'ראָד
פון עבירה גוררת עבירה —
ס'איז יאָ דאָ אַ ברירה!
אַלץ, וואָס דערווייטערט זיך פ ו ן אים,
וויל צוריק צ ו ' ן־אים:
די וועלט געבוירט קליפות —
און איך מאַך תיקונים.

## יד

שפּאַנט ער פערד און וואָגן.
מיט דער בייטש אַ שמיץ,
מיט'ן אויג אַ בליץ —
פערד און וואָגן יאָגן.
ערד און הימל פליען נאָך,
קענען נישט דעריאָגן.

צייט און שטח ווערן קליין און לויפן,
אַנטלויפן.
ווי עס שטייט: כלבוש

תחליפם — ויחלופו.
וויאָ!
ענני במרחב יה — — — —

העי!
טפררו —
שטיי —

## טו

אַראָפּ איז דער בעל־שם אין בראָד.

דעם שד איז גראָד
נישט שלעכט געגאַנגען אין דער קהילה בראָד:
פאַרקאָכט אַ מחלוקת אין שול,
צעאַמפּערט יידן אין באָד —
אויפגערודערט שטאָט.
נאָר מחמת ס׳האָט אים שטאַרק דערעסן
זיין ביטערע ראַליע, זיין פינצטערע דאַליע,
איז אים נישט איינגעגאַנגען בראָד.
וואָס טויג אים בראָד־שמאָד,
וואָס טויגן אים יידן אין באָד,
אַז ס׳לעבן איז נישט ניחא?
מוחל אַלע גליקן:
גיט אים תיקון.
אַ ישועה דאַרף ער — און אַ גיכע!

דרייט ער זיך אַרום — משטיינסגעזאָגט אַ הולך:
שוואַרץ ווי ערב־פּסחדיקע בלאָטעס,
אָפּגעחומרט, קוואַר,
ווי ער זאָל, אַ שטייגער, האָבן די סוכאָטעס,
און פון אַן אויגל רינט אים, און אַביסל
הינקט ער אויף אַ פיסל.

מיט צער האָט דער בעל־שם
אָנגעקוקט דעם שד.
אויפן פליענדיקן וואָגן וואָגן אים אַ נעם —
און אַ יאָג העט־העט.

וויאָ!
ענני במרחב יה — — — —

וואוהין?
קיין גריצע.

## טז

אין גריצע ביי דער יאַטקע —
די שדיכע!
האָט אָנגערעדט צו זינד
די געשטופּלטע זלאַטקע,
און ס'איז אַוועק אַ גאַנג
(אַז מ'שמועסט אַ שדיכע — אַ כוואַטקע), —
נאָר ס'גייט איר נישט איין די מחיה:
וואָס טויגן איר עבירות
פון אַ זלאַטע שתחיה,
וואָס האָט זי פון די שאַלאַמויזן,
אַז טמא איז זי ווי טומאת הנידה?
אַ פּינצטערע, אַ מידע,
שטייט זי אַזוי ביי דער יאַטקע.
וואָס טויג איר די געשטופּלטע זלאַטקע?
זלאַטקע איז אַ בהמה און אַ שמויגער —
און זי, די שדיכע, וואָס טויג עס איר? וואָס טויג איר
אַזאַ דאָליע, במחילה?
וואָס איז עס פאַר אַ תכלית? ווען ווערט זי שוין געהאָלפן?
ווער פאַרנעמט איר תפילה?

— איך! — טוט אַ זאָג דער בעל שם.
ער גיט די שדיכע אַ נעם
אויפן פליענדיקן וואָגן, זעצט זי צו צום שד:
איצט קוקט זיך אָן! איצט רעדט!
קוקן זיי דאָס ערשטע מאָל זיך אָן —
און ווערן ביידע רויט ווי מאָן.

מיט די לייצעס הויך אַ פאָך —
געפלויגן!
יאָגן טוט דער וואָגן.
ערד און הימל פליען נאָך,
קענען נישט דעריאָגן.

וויאָ!
ענני במרחב יה — — —
וואוהין?
צום באַגין,
וואָס פאַרנעמט זיך גרין
איבער די קאַרפּאַטן.

### יז

זאָל דער וואָגן פליען! מיר'ן
זיך דערווייל פאַרנעמען
מיט די פּאַסאַזשירן.

דער שד — אין שמאָל געפּאַסטע הייזלעך,
ווי אַ קונצנמאַכער אויף יאַרידן,
שקאַציש און בייזלעך
און ס'איז אַלץ אויף אים ענגלעך.
צווישען די ציין ביי אים שיפען און זידן
ווערטלעך ווי שלענגלעך,
און ס'דאַכט זיך, אָט נעמט ער, דער שאַלאָפּיי,
און גיט אַ שפּיי
אשר לא שפייאו אבותינו
אויף אַלע בערג, אַלע טאָלן, אויף גרויסע און קליינע,
אויף גאָר דער וועלט.
נאָר אַז ער קוקט אַזוי אויף דער שדיכע דערנעבן,
ווערט אים ס'פּרצוף צעהעלט,
ס'איז אים נישט ענגלעך, ס'ווערט אים אדרבא ברייטלעך,
ס'ווערט אים אונטערן לעפּעלע זיסלעך,
ער זיצט גאָר וואוילעריש־צעשפּרייטלעך.
ער איז אויפגעלייגט און צוגלייך סטאַטעטשנע,
האָפּערדיק און געזעצט,
ווי ער וואָלט קיינמאָל קיינעם נישט געשאָדנט
און קיינמאָל נישט געלצ'ט.

און זי, די שדיכע — אַ מויד
האַלב שפּאַס, האַלב משוגעת,
אַ קול ווי פון אַ פּאַס,
ברוסטן ווי די הענגלעך,
נעגל שוואַרץ און היפּש לענגלעך
אויף פינגער קלעפּיק און נאַס, —
נאָר וואַרפט זי אויפן שד אַ בליקל,
אַזוי גיט זיך אַרום מויל אַ וויקל
אַ שמייכל ווי אַ זילבערנע רויז,
פון ערגעצוואו גיט זיך אַ יאַווע
און פאַלט אויפן שטערן אַ קרויז,
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ חוה,
די אויגן גיבן זיך ווי דימענטן אַ מיניע —
אַ קייסעריניע!

## יח

אַ לעצטער פּלי,
אַ פליק דעם נעפל דעם מאַטן —
ס'איז גרין. ס'איז פרי.
אָט שטייען די קאַרפּאַטן.

צווישן די גרעזער
שטעלט זיך אָפּ דער וואָגן.
זאָגט אַזוי צו זאָגן
ישראל ברב אליעזר:

שדין יהודאין,
כ'רייניק אייך פון שלאַקן.
כ'בין אייך מזווג
און בין אייך מתקן.
ווינט, זיי מוחל, לויף נאָך די מלבושים!

לויפט דער ווינט און ברענגט.
וואַרפט דער שד זיין שדיש מלבוש,
טוט זיך איבער — אויס מגושם!
(סוד פון די לבושים).
נאָר וואָס דען? לעת־עתה
איז ער פאָרט קיין מענטש נישט — אַלץ נאָך שדעוואַטע.
טוט זיך איבער אויך די שדיכע און ווערט נתעלה
די אותו־רגע:
נישט קיין שדישע מעגעגע —
אַ כלה.
נאָר וואָס דען? לעת־עתה
איז זי פאָרט קיין מענטש נישט — אַלץ נאָך שדעוואַטע.

זאָגט דער בעש"ט: איר האָט געהאַט יסורים
און גאָרנישט געקאָנט מאַכן,
ווייל אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים.
נעם איך און איך גיב אייך בחירה!
איר דאַרפט נאָר ביישטיין איין נסיון —
ווערט איר פאַרמענטשט, איר ביידע א י ר ע.
אויף בחירה שטייט די יצירה,
דערפאַר קאָן אַ הרהורה־עבירה דער מינדסטער,
ער מעג אויסזען ווי קליין און ווי נאַריש,
מאַכן וועלטן גאַנצע פינצטער,
און פאַרקערט, די מינדסטע מצוה

איז די וועלטן מרעיש.
הכלל, באם איר וועט נאָר דעם נסיון ביישטיין,
וועט דער זכות אייך ביישטיין
און איר וועט ווערן מענשנקינדער שטילע און זיסע —
לא ירעו ולא ישחיתו.
אַי, באַשערט?
באַשערט איז גאָרנישט ווערט.
**דער מוז — מוז נישט**: נעם דעם גזר און צעררייס אים
מיט דיינע מעשים.

**יט**

ס'האָבן די שדים אויפן בעש"ט געקוקט
ווי אויף אַ פלא:
אַ געוויקסיקער בוים,
און זיין באָרד די פריילעכע, די העלע —
אַ צייטיקע פרי.
ווי גוט איז צו זיין אַזאַ מענטש,
אַ מענטש איבער גורל און גזירה!

און ס'האָט רב ישראל געשריבן פאַר זיי
תנאים אייגנס פאַרפאַסטע,
און האָט דעם זמן החתונה באַשטימט,
און דערוויייל מיט די פאַרקנסטע
געקנעלט:
לא תנאף, לא תגנב, לא תרצח —
אַזוי־אָ פירט זיך,
וועט אייך גוט זיין אויף דער וועלט.

**כ**

פירביימער אַלטע, באַלעבאַטישע,
האַלטן־צו אַ בלעטערדיקע חופה
אַ גרין־קאַרפּאַטישע.

אַ קליפּה שוואַרץ ווי פעך
ליגט דעם חתן צופוסן.
מאַכט רב ישראל: צעברעך!

אונטער דער חופה
גיט מיטן פוס אַ טופּע
דער חתן.
ס'גיט די קליפּה ווי אַ שלאַנג אַ שיפּע —

אויס! צעטראַסקעט די קליפּה!
שמחה וששון!

די קאַרפּאַטן טאַנצן
פּאַרצייטישע קאָנטראַדאַנצן.

## כא

אויף סטרונעס בלאַנקע שפּילט אַ קוואַל.
אַן אויסלענדישער אויסטערלישער פויגל
העלפט מיט אַ שאַל פון מעטאַל.
אַ ווינט, וואָס איז אויסגעוועון אַלע וועלטן
(אַזאַ אָקאַזיע מאַכט זיך זעלטן),
קומט און בלאָזט לעילא ולעילא
אויף אַ נישט־ערדישער כלי.

ס'קומען און פרייען זיך אַ גרויס געפריי
באַשעפענישן אַלערליי
פון די מעשיות רבה־בר־בר־חנא'ס.
אַ פּיקהאָלץ זאָגט בדחנות.

מיר'ן טאַקע ברענגען דאָ אַ מוסטער,
ווי פּיקהאָלץ, דער בדחן דער באַוואוסטער,
האָט מיט גרויס טאַראַראַם
געמאַכט ס'געגראַם:
כלה'שע, כלה'שי, לאַך!
רב ישראלטשע האָט געטאָן אַ וואוילע זאַך.
ער איז געוואָרן אַ מחותן
פון לאַפּיטוטן —
גאַנצע צוויי שטיק.
פּיק־פּיק!
מיט מזל, מיט גליק,
מיט יואל־קעצעלעס מוזיק.
אַ חתן אַ בחיר, אַ כלה אַן אַנטיק.
גאָט זאָל באַגליקן
און די צוויי אַנטיקן
זאָלן זיך נישט פּיקן —
ונאמר: פּיק־פּיק!
ס'אַ מצוה צו דערפרייען
חתן־כלה אין צווייען.
ס'אַ מצוה לשמח,

אפילו אַז דער גראָם
האָט נישט קיין טעם
און האָט נישט קיין ריח.
איידער אַרומגיין זויער,
ווי אַ ליטוואַק אַ בעזדעטניק,
איז גלייכער אָנפילן אַן אויער
מיט גראַם און שטראַם און מאַך מיר אַ לעטניק.
עצבות איז פון די מתנגדישע מעשיות!
קום איך
דאַרומעך
און זאָג: שור בור ומפליא לעשות.

ס'איז געווען אַזוינס און אַזעלעכס!
ער וואָלט אַזוי אָפּגעגראַמט מתושלחס
ימים־ושנים,
ווען נישט דער בעל־שם וואָלט זיך צעשבח'ט
מיט אַ לאַכעדיק פנים:
כ'לעבן, האָסט דאָס וואויל געמאַכט.

האָט פּיקהאָלץ דערפון גרויס הנאה געהאַט
און ס'האָט אים דער עולם געמאַכט אַ וויוואַט.

## כב

די חתונה־געהאַטע פאַרשוינען
האָבן געטאָן ביי דעם וואַסערקוואַל וואוינען.
מאַכט זיך אַ מעשה און אין די בערג
פאַרבלאָנדזשעט אַ ייד אַ סוחר.
אַ לעצטן פלאַקער גיט דער מערב
און עפעס ווי אַ בלויען רויכער —
נאַכט אין די קאַרפּאַטן.
טאַפּט דער ייד דעם טייסטער מיט דוקאַטן.
ער טראַכט פון ווייב און קינדער
און האָפט צום בורא, אַז אם ירצה־השם באַגינען
וועט ער דעם וועג צו אַ ישוב געפינען.
אָפּגעדאַוונט מעריב, זעצט ער זיך אַוועק
אונטער אַ בוים נישט ווייט פונעם קוואַל,
טראַכט פון סכנת־דרכים
און ס'פאַלט אים איין אַ טייערער מאמר חז"ל
(מחמת דער ייד איז אַ תלמיד חכם).

הכלל,
ווי ס׳פּאַר־פֿאַלק דערזעט אים —
ווערט ביי זיי אין בלוט אַ זאַווערוכע.
שוין לאַנג נישט געניזקט, לאַנג געהאַט מנוחה, —
צעברענט זיך אין זיי מער נאָך ווי אַמאָל
די שדישע יוכע.
וואָס דער בעל־שם האָט געלערנט — פֿאַרגעסן!
צוריק אין רשות פֿון נישט־גוטן!
ווי הינט אויף אַ יאַריד
שנאַפּן אַרום דעם ייִד
די לאַפּיטוטן.
די חברה׳מאַנטע רוימט אים אויפֿן אויער טויזנט זאַכענישן,
אַזעלכע מיני גלוסטיקייטן, פּוסטיקייטן, לאַכענישן,
רעדט אים אָן צו אַן עבירה,
ווי אַמאָל פּוטיפֿר׳ס ווייבל דאָס שיינע.
המפּיל, — פֿרואוּוט ער מורמלען, — חבלי שינה...
עס העלפֿט נישט — עס ברענט מיט נקבה.
דער שד, ווידער, רוקט זיך צום טייסטער —
עס שמעקט מיט גנבה.
ער דאַרף געלט אויף כּפּרות, נאָר ס׳פֿאַרשאַפֿט אים נחת,
וואָס יענער וועט בלייבן אַ בעטלער אין לאַכעס.
שרייט דער ייִד: געוואַלד! איז עס דעם שד נישט ניחא,
מאַכט ער צום ווייב:
לאָמיר באַגיין איבער אים אַ רציחה.

רציחה גאָר? די שדיכע דערלאַנגט זיך אַ דערמאָן —
און זאָגט: רציחה? חס ושלום!
אויך דער שד דערלאַנגט זיך אַ דערמאָן
און טרייסלט זיך אָפּ ווי פֿון אַ בייזן חלום.
חס וחלילה, חס וחלילה!
זיי פֿאַלן דעם ייִד צו די פֿיס,
גיסן ביטערע טרערן און בעטן מחילה:
רב ייִד, זייט מוחל! שיר נישט עובר־געווען
אויף לא תנאף, לא תגנב, לא תרצח.
איר ט׳זיך
נעבאַך דערשראָקן, נאָר — אַבי גובר־געווען
דעם ביטערן נסיון,
אַבי נישט געקומען צו קיין בזיון...

כ׳בין מוחל, — מאַכט דער ייִד, און אין שלעפֿעריקן קאָפּ
באָמבלט זיך דער מאמר וועגן שדין יהודאין.

ס׳באַפּאַלט אים אַ שמייכל מיט אַ שלאָף אינאיינעם.
די שדיכע פּאַרוויגט אים ווי אַ מאַמע אַ געטרייע,
דער שד איז זיך מחיה,
און אַ שלאָף מיט אַ שמייכל אַ רואיק־ריינעם
באַפּאַלט אויך זיי אַ רגע שפּעטער.
די לבנה גיט הויך אין די וואָלקנס אַ קלעטער
און שמייכלט צו זיך לאַנגע נאַכטיקע שעהן:
וואויל ווי די וועלט —
בייגעשטאַנען אַ נסיון.

## כג

דער ייד כאַפּט זיך אויף פאַרטאָג.
אַ ווינט אַ געווירציקער טוט אַ יאָג,
איבער די קאַרפּאַטן צעגיסט זיך אַ גלאַנץ.
גאַנץ דער טייסטער, די אברים גאַנץ...
גאָרנישט געדענקט ער! אין פרישן פאַרפרי
גיסט ער די נעגל אָפּ מיט קוואַל־וואַסער
און מורמלט די ברכות. אַן ער מיט אַ זי
שטייען אויף פון דער ערד דער קילער, דער טוי־וויסער,
און גיבן אים שמייכלענדיק אַ צי
ביי דער פאָלע: הערט אויס, רב ייד!
איר וועט אָן אונדז פאַרקריכן קיין ריגע.
וועלן מיר ווייזן אייך דעם וועג.
מיר וויסן; מיר זיינען היגע.

קוק זיי נאָר אָן!
עפּעס קאָן זיך דער ייד נישט געבן קיין רעכטן
דערמאָן:
זיינען, דאַכט זיך, שדים געווען ערשט נעכטן.
אַצינד זעען ביידע ווי מענטשן אויס —
און אַזעלכע לייטישע דערצו!

נו,
ס׳איז מן־הסתם געווען אַ חלום...

און ער גייט מיט זיי אַוועק לחיים ולשלום.

## כד

פון מעזביזש קומט צוגאַסט
דער בעל־שם — אַ לייכטנדיקער, אַ צעלאַכטער:

קינדער, וואָס מאַכט איר?
נעמען זיי דערציילן: דאָ איז אַ סוחר געווען — —
מאַכט ער:
כ׳ווייס אַלץ... צווישן גוטס און שלעכטס בוחר געווען —
און איר זייט בזכות זה געוואָרן פאַרמענטשט.

און ער נעמט און ער בענטשט:
לעבן זאָלט איר, קינדער, אין גרויס אהבה.
דיך וועל איך רופן אדם
און זי זאָל הייסן חוה.
איר זאָלט זיך רואיק יערן,
מיט קרייטעכצער זיך שפּייזן,
און אַז איינער וועט פאַרבלאָנדזשען
זאָלט איר דעם וועג אים ווייזן.
די, וואָס בלאָנדזשען, גיט אַ שאָטן,
זייט ווי ביים קוואַל דער בוים!
און נאָר נישט עצבות, נאָר נישט עצבות —
ברוך השם יום־יום.

## כה

כך הוה.
די פאַרמענטשטע שדים, אדם און חוה,
האָבן געלעבט ווי דער בעש״ט האָט געבאָטן.
אַרויסגעריסן דעם ביסן ביים שטן!

און ימים־נוראים, יאָר ביי יאָר,
פלעגט תפילה־טאָן די פאַרמענטשטע פּאָר:
גאָט, פאַרהיט געדאַנקען,
זיי זאָלן נישט פאַרקראַנקען,
קיין שדים נישט געבוירן —
און ברעך דעם גזר פון גורל!

און איך אַ ייד פון ישראלס רעשט,
וואָס אין גראַם און לויפנדיקע ציילן
טו איך דאָס דערציילן,
מקנא בין־איך יענער צייט,
ווען ס׳האָבן שדים נאָך געהאַט אַ בעש״ט.

אַצינד — ווער קאָן די שדים־מחנות ציילן?
און וואו נעמט מען אַזאַ בעש״ט,
וואָס זאָל די שדים היילן?

# דער צאַר און דער „תניא״

## א

אין פעטער־פּאַוועל־פעסטונג, אין דער תפיסה פון די צאַרן,
רויכערט זיך אַ פינסטער לעמפּל אויף אַ נאַסער וואַנט.
שאָטנס קוקן קרום מיט שפּיצל־אויגן פון זשאַנדאַרן.
אויף דער הוילער ערד — אַ ייד אַן אַרעסטאַנט.

מסירה האָט אין קייטן אים געשמידט.
מתנגדות האָט אַהער אַריינגעוואָרפן אים, דעם תלמיד פון
דעם מגיד *).
אָט בליצט עס נאָך אין ווינקל דאָרט, דאָס אויג פון פּינסקער
מסור, דעם מתנגד.
נאָר גאָרנישט שטערט די גאָט־פאַרהאָרכטע רו פון זיין געמיט.

פאַרטיפן טוט ער זיך אין גאָט, אָט ווי די פעלדער פון דעם
ווייסן,
שטיל־וואָלקנדיקן, שטרענג־פאַרטראַכטן רייסן.
זאָל פילדערן דער שטן און זאָל עשו זיין אַ כעסן...
וואויל דעם, וואָס האָט קיין צאָרן און קיין עצבות נישט
געהאַט!
וואויל דעם וואָס לעבט אין חכמה־דעת־בינה!**)
דער עיקר איז מחשבה ווייסע, דינע,
דער עיקר איז חב״ד.

## ב

עס רעדט צו זיך, רעדט צו זיך פּאַוועל דער צאַר
און ס׳טאַנצט אים אַ שד אין דעם פינצטערן אויג.
עס רעדט צו זיך, רעדט צו זיך פּאַוועל דער צאַר:
מיין מאַמע די זונה... מיין מאַמע די צויג...
כ׳האָב פיינט געהאַט יעקאַטערינע די צויג
און אומברענגען האָט־זי געוואָלט מיך דערפאַר.
איך האָב־מיך געשראָקן און ס׳וויל דער קאָשמאַר —
די שרעק — נישט אַוועק. כ׳בין געוואָרן דער צאַר,
נאָר איבער דער שרעק בין איך אַלץ נישט קיין האַר.
איך זיץ אויפן טראָן און זי מאַכט מיך צו נאַר.

---

*) ר׳ בער פון מעזעריטש.

**) דער ריכטיקער סדר איז, פאַרשטייט זיך, חכמה־בינה־דעת.

אַ צויג איז מיין מאַמע געווען, ס'איז אַ ציג
מיין ווייב, און די שרעק? מיין געשריי — איר מוזיק.
העי, שכרות, דו שכרות, קום שלאָף מיט'ן צאַר!
און ברעך איר, דער שרעק מיינער, האַלדז און גניק!

ג

ווער, צום טייוול, קאָן דען אויסהאַלטן אַ נאַכט ווי די?
אַ וויסטע וואָכע שכרות... טשאָרט וואָזמי!
ער וואָלט אַ נאַכט אַזאַ אַ הינטישע געכאַפּט,
צעקלאַפּט,
צעשמיסן,
און פאַרשיקט זי, די קאַנאַליע, קיין סיביר —
און זאָל זי וויסן!

מען זאָגט: אין פעסטונג זיצט אַ רב.
אַ כישוף־מאַכער מוז ער זיין אַ גרויסער —
זיין אַרבעט מוז עס זיין — יעי באָהו!
שטר — ראָף!
גענומען און געבראַכט
אויף זיין קאָפּ דעם צאַרישן אַזאַ מין נאַכט.
הם... קרעציג פּי!
ער וועט אים שוין! ער וועט־אים! טשאָרט וואָזמי!

ד

און אפשר זיך נישט אָנהויבן מיט אים? ווער ווייס אים?
יידן!
שרעקלעכער ווי שדים! פאָרכטיקער ווי מתים!
דאָך... פאָרט...
ס'ציט...
עפּעס ווילט זיך אָנקוקן דעם ייד...
עך, טי!
טשאָרט!

ה

אַ שלאָף באַפאַלט צום סוף דעם צאַר:
אַ זעץ אין קאָפּ ווי מיט אַ האַק,
אַ וואָרף אַריין צו זיך אין זאַק,
און אַ פאַרשלעפּ, און אַ פאַרטראָג.

און צומאָרגנס ערשט בייטאָג,
יאָ, בייטאָג אַ זייגער צוויי
שטייט ער אויף און קוקט זיך אום.
— אַלץ זיין כישוף! כישוף... הומ...
אָ, דער רב... דער ייד... איך גיי...

ו

— זעלמאַן ברוכאָוויטש... — רעדט דער צאַר ווי אָן אַ זייט. —
אין די פּאַפּירן שטייט, אַז דיינע לייט
האַלטן פֿאַר אַ מאַן אַ געטלעכן דיך, זעלמאַן...
ווייס איך: ביזט אַ שווינדלער און אַ כישוף־מאַכער! וואָט!
נאָר ביזטו יאָ אַ מאַן פון גאָט —
זאָג מיר דו, אַ שטייגער, אָן אַ זייגער,
זאָג אַקאָרשט, ווי שפּעט ס׳איז... דאַרפסט דאָך וויסן...
ווייסטו נישט, דו הונט, — דו ווערט געשמיסן
און אָפּגעגעבן פֿאַר סאָלדאַט!

שניאור־זלמן קוקט אָן פּאָרכט. נאָר רוסלאַנד׳ס צאַר
קוקט מיט טויט־אַנגסט און מיט חשד.

ז

— דאָ איז נאַכט, — זאָגט שניאור־זלמן. — נאָר איך ווייס:
ס׳איז טאָג.

און ער זאָגט דעם צאַר די שעה און די מינוטן...
— פאַרשווערער איינער... זעלמאַן... האָסט ביי זיך אַ זייגער!
כ׳וועל שמייסן... בלוט וועט גיין! גיב אָפּ מיט גוטן!
— מיין זייגער איז אין מיר... פון אינעווייניק ווייס איך...
— ליגנער איינער! זעלמאַן! דו פאַרפירער!
דעם זייגער ווייזן, סוואָלאָטש! הענגען הייס איך!

— ס׳איז אין מיר מיין זייגער... ס׳איז אין מ י ר ער...
— — — — — — — — — — — — — — — —
אַז כ׳וועל דיר זאָגן — וועסט דען פאַרשטיין?
צירופים פון דעם שם הוויה*) לייכטן מיר בייטאָג,
און ס׳לייכטן מיר צירופים נאַכטיקע פון אַדוישעם,
און ווענדליג די צירופים ווייס איך און איך זאָג

*) שם הוויה — לייען: שעם האַוואַיע (יוד־קעי וואָו־קיי).

די צייט... צי ווייסטו, אַז איך זע די צייט —
טאָג, שעה, מינוטן — ווען עס ענדיקט זיך מיין קלעם
די איצטיקע?... איך ווער גאָר גיך באַפרייט...
— דיין זייגער איז אַ ליגנערוק... פונוואַנען ווייס ער?

— ער ווייס שוין איצט וואָס ס׳ווייס נאָך נישט דעם קייסער.

— ווי קען דאָס זיין? אַנו,
דו טו אַ קוק און זאָג מיר, אויב אַזוי,
ווי לאַנג איך וועל רעגירן... יאָ, דו טו
אַ קוק און זאָג... נאָר זאָג מיר נישט געְנוי...
כ׳האָב מורא... זאָג בלויז — לאַנג אָדער נישט לאַנג...

— שוין גאָרנישט לאַנג... צו־קורץ...
עס גיט אַ זעץ

פון פאַוועל׳ס מויל אַן אָפּגעהאַקט געשריי.
נאָכדעם רעדט אַ נכנע׳דיקע שטים: וואָט מאַלאַדיעץ...
מיט דעם אמת מיר געגעבן אַ דערלאַנג
אין קאָפּ... מע וועט מיך טויטן, האַ? כ׳פאַרשטיי...

דער קאָפּ פון צאַר,
ווי צוגעקוועטשט מיט בלייערנע געוויכטער,
לאָזט זיך אַראָפּ: פאַר שרעק פאַרקריכט ער
צווישן די אַקסלען.
פאַוועל גייט אַרויס. דער גזר
באַגלייט אים שטום. עס שאָקלט מיט׳ן קאָפּ נאָך אים
דער רב *).
אין רשות פון גורל איז דער צאַר.
ער, דער רב, וויל לכתחילה דאָס אַליין,
וואָס דער בורא וויל — איז ער אַ שותף צו גאָט׳ס מיין
און צו זיין פּלאַן: ער איז ביים גורל נישט קיין שקלאַף.

## ח

עס ווייס דער רב: ס׳וועט פאַוועל אים באַפרייען
יוד חית כסלו פון תיו קוף נון זיין.
נאָר ווידער וועט ער ווערן אַרעסטירט. מסירה
נעמט אים ווידער אין די קלעשטשעס אירע,
ביז — — זע, ס׳לייגט זיך ליכטיק אויס און גלאַט

*) לייען: דער ר אַ ו ו.

אַ צירוף. דער רב לייענט: יוד טית כסלו,
יאָר תקנ״ט.

וואָס קומט אין יענעם טאָג? דער סוף־כל־סופיקער באַפריי.
ער ווייס, ער ווייס. און זיין ווערט דאָס ווען אויפ׳ן כסא
המלוכה וועט זיך זעצן פּאַוועל׳ס זון
נאָך זיין טאַטנ׳ס בייזער מיתה.

*) כסא — לייען: כיסע; מיתה — לייען: מיסע.

## דער „תניא" ווערט נסתלק

ווינטער רוסישער — אַ פוילער ווייסער בער.
ערגעץ אין אַ העק, אין מיטן וואַנדער־וועג, אין גלות,
אַן אַנטלאָפענער פון באָנאַפּאַרט׳ס חיילות,
ליגט מסוכן קראַנק ר׳ שניאור זלמן.
די לעצטע שעה׳ן זיינע! קום אַהער, —
זאָגט ער צום אייניקל. — דו זעסט דעם באַלקן אָט־אָ־דעם?
איך זע בפירוש, ווי עס האַלט אים אויף השם.
דער, וואָס מיט זיין ליכט איז ער ממלא
די וועלטן אַלע, —
דו פאַרשטייסט? כל עלמין, —
איז אין באַלקן ממש! אויך אַרום־אים —
אין דער בחינה פון אַ סובב! הער, מנחם־מענדל:
נישט קיין נפקא־מינה, צי אין אורים־ותומים
איז מתלבש זיך דאָס ליכט צי אין אַ שפּענדל.
מנחם מענדל! הערסט, מנחם־מענדל?
אָט דער באַלקן — ער איז רוחניות. נישט סתם אַ בליץ איז
וואָס איך זע — איך זע דאָס ליכט אַליין, אָן ש ו ם מחיצות.
אַלץ איז איינס אין אים, דעם איינציק איינעם.
ס׳הערן אויף די שקרים — די חסדים!
מע דאַרף נישט מער קיין חסדים, קיין נ ד ב ו ת !
אויסער אים איז נישט צו זען שוין קיינעם.
בלויז אמת, אמת. און נישטאָ קיין מלאך־המוות.

# דער וכוח אויפן בוידעס־שטיבל

## א

אַ בוידעס־שטיבל. אַן איינציק פענסטער —
גרויס און ווייס,
געשמידט אין אייז.
אברהם דער מלאך, דער בעל־תעניתים,
און לייב שרה׳ס זיין חבר —
ביידע יונג.
ביידע אין טליתים.
מיט איין שפרונג
ווילן ביידע דאָס העכסטע דערגרייכן.
ביידע וואַרטן
אויפ׳ן לעצטן צייכן.

אין זיין ווינקל שטייט אברהם דער מלאך.
מע רופט אים מלאך
פון וועגן זיין יראת־השם.
אַ הויכער ליכטיקער בוים
שטייט ער פאַר גאָט ברוך הוא.
וואָס קאָן אים טאָן דער סמך־מם?
אין אַ צווייט ווינקל — לייב שרה׳ס.
ס׳פנים ברענט פון אהבה און פון יראה.
וויל ער — ווערט ער אַ רואה ואינו נראה.
ס׳פענסטער פאַרשטעלט די וועלט,
נאָר ער זעט.
וואָס זעט ער? גאָלע ליכט.
סע לייכט אָן אויפהער.
סע לייכט אויף די מדרגות, וואָס פירן אַרויפצו,
סע לייכט אין די הערצער פון צדיקים.
ווער האָט מורא פאַר מזיקים?

## ב

ווי סע שטראַלט!
אָט באַלד —
און ער איז שוין, לייב שרה׳ס,
סאַמע אויבנאָן.

ער הויבט זיך.
און אָט — אַ צייכן:
מע קאָן!
ער איז שוין העט אויבנאָן —
און וואָס זעט ער?
דעם חושך אונטן,
אַ חושך פול מיט תפילות און מיט טרערן.
מיר קענען נאָר זינגען, —
לאָזן די הויכע ווייסקייטן הערן, —
מיר קאָנען נישט וויינען,
און רק מיר בייַנקען, און רק מיר באַגערן
צום אונטן און צו זיינע טרערן.
וואָס ביסטו געקומען אַהער פון דער נידער?
צו די טרערן קער דיך אום —
צוריק צו די ברידער!

פון פינסטערן אונטן
הויבן זיך הענט צו אים,
הענט, הענט, פאַרחלשטע יידישע הענט,
פול מיט בקשות און תחנונים.
צוריק! —
באַפעלט מיט אַ פלאַמיקן בליק
די אויבערשטע זון אים.

קולות פון טאָל:
וואָס האָסטו זיך אַרויפגעדראַפּעט אַזוי הויך?
מיר ווילן אויך!
מיר ווילן, נאָר מיר קענען נישט.
און אַז דו, לייב, קענסט יאָ —
איז וואָס? ביסטו אַ בריה.
אָבער דיין קדושה וואו איז?
צו אונדז קום אַרונטער —
דאָ, אין טאָל, זיי הייליק!

ג

רופט אַזוי דער טאָל.
און אויפאַמאָל:
— אברהם!
אברהם דער מלאך הערט נישט.
אַ צווייטער רוף.

ער הערט נישט.
אַ דריטער רוף.
איצט דערהערט ער.

וואָס וויל ער, לייב שרה׳ס? וואָס שטערט ער?

אברהם, — מאַכט לייב, — ס׳איז חושך!
אתא בוקר —
ס׳איז שוין טאָג געווען,
וגם לילה —
ס׳האָט זיך געמאַכט,
אַז דער טאָג בעצמו ובכבודו
שיקט מיך צוריק צו דער נאַכט.
דער סדר פון דער עבודה
דאַרף זיין פאַרקערט.
אם תבעיון בעיו — אויב איר פרעגט,
איז דער ענטפער: שובו אתיו —
קערט זיך אום צוריק אויף דער ערד.

אברהם דער מלאך — קוים וואָס ער הערט.
ער גיט אַ מאַך מיט דער בלאַסער האַנט,
ווי איינער זאָגט: דברים בטלים,
און שטייט שוין ווידער מיט׳ן פנים צו דער וואַנט.
ער האָט זיך אומגעקערט צו זיינע אורות און כלים —
ער שטייגט!

לייב שרה׳ס שווייגט.
ס׳איינציקע פענסטער
שטייט געשמידט אין אייז,
גרויס און ווייס.
און שטיל איז.

ער הויבט זיך. אברהם הויבט זיך.
שאַ.
מיטאַמאָל — אַ געשריי.
וויי!
לייב שרה׳ס לויפט צו.
אברהם דער מלאך ליגט.
לייב הויבט אים אויפ׳ס כוח.
וואָס איז?
געפאַלן פון די פיס?
אָפּגעשוואַכט פון תענית, האַ?

שאַ, שאַ.
ס׳ווערט אים שוין אַביסל בעסער.
אַ בלאַסער זיצט ער אויף דער באַנק,
אין די אויגן — אַ ווייטער צאַנק,
אַ ליפּ ציטערט נאָך,
די באָרד ציטערט מיט.
ס׳געוויטער ציט פאַרביי,
נאָר וואו נישט וואו געוויטערט נאָך.

פרעגט לייב שרה׳ס: ווער?
ע ר ?

— ניין, — מאַכט ער, — ז י . . .
סמך־ממ׳ס פּילגש...
לילית...

שטיל איז.
ער אָטעמט שווער.
אויף דער ברעם אַ טרער.
ער דערציילט:
מיט פלאַקערדיקע קני
מיך געטאָן אַ ברי,
אַזאַ מאָדנעם ברי געטאָן,
מיך אַ צי־געטאָן,
און —
מיך, דעם מגיד׳ס זון —
פרעג נישט — — — נוקבא דתהומא רבא — — —
צוערשט — מלא חן,
מיטאַמאָל — אַ זשאַבע — — —
נפילה!
ס׳קומט מיר סקילה —

— חלילה, —
גלעט אים לייב שרה׳ס און טרייסט. —
פאַרשטייסט,
מיר האָ׳מיר אַ טעות געהאַט מעיקרא...
כ׳האָב גערעדט — האָסט נישט געהערט...
אָט בין איך, לייב בן שרה,
אַקאָרשט געווען אין דער הויך,
האָבן מיך די הויכקייטן אַליין
צוריקגעשיקט אויף דער ערד.

איצט פאַרשטיי איך:
אש תמיד תוקד על המזבח —
די ערד איז דער מזבח.
קדושה גייט נישט אַליין —
אַפילו נישט אין צווייען, ווי איך מיט דיר.
אָן כל־ישראל גייט זי נישט, ניין!
גערעכט איז דיין טאַטע, דער מגיד, נישט מיר.
איך זע שוין דעם טעות, אברהם. איך ווייס.
אָן כל ישראל איז קדושה — גאוה!
ס'בוידעם־שטיבל איז גאוה!
דערפאַר איז לילית געקומען, די תאוה — —
דערפאַר איז געוואָרען גיהנמדיק הייס —
איך ווייס!

ד

שפרינגט אויף ביי די ווערטער אברהם דער מלאך,
לויפט צום פענסטער, פון פענסטער צוריק,
ווי אַ ווינט לויפט דער טלית אים נאָך,
אויגן און ליפן ברענען:
להד"ם, לייב שרה'ס, להד"ם!
מאַלע וואָס סע גיט זיך אַ צעשפּיל
דער כח הדם...
איך גיב זיך נישט אונטער!
איך גיי נישט אַרונטער!
נ אָ ך אַ גלגול־שלג —
און מ'גייט אויפסניי איבער דער לייטער!
שמייכלט לייב שרה'ס ביטער:
ביז סע מאַכט זיך אַ מכשול אַ צווייטער?
און דערנאָך — אַ דריטער?

פאַרפאַלן, — שלאָגט איבער אברהם. — פאַרפאַלן!
ווער ס'איז אויף הויבן זיך אַ בעלן —
מוז קענען פאַלן.
הן שמים לא זכו בעיניו...
ס'ריינסטע אפילו ווערט פלעקיק.
נו, איז דעריבער?
אַ גבור דאַרף מען זיין!
כ'וועל זיין אַ גבור.
נאָר נישט שרעקיק!

שבע יפּול — געפאַלן אַ מאָל זיבן,<br>וקם — און אויפגעשטאַנען,<br>געקלעטערט ווייטער.<br>לייטער זיך, בן אדם, לייטער!<br>ווער נישט נתפּעל!

מאַכט לייב שרה'ס: די אמת'ע קדושה נעמט מיט<br>דעם פּשוטסטן ייד,<br>דעם סאַמע פּשוטסטן ישראל —<br>יאָנטלען דעם בעדער,<br>פאַנטלען דעם סעדער.<br>אַליין איז גאָרנישט!

פאַרקרימט זיך אברהם:<br>נישטאָ וואָס צו ריידן —<br>לייכט ווי אַ פעדער!<br>גיי שלעפּ צום רבונו־של־עולם<br>יאָנטלען דעם בעדער,<br>פאַנטלען דעם סעדער —<br>גיי שלעפּ!

ניין, איינער אַליין מוז מען גיין<br>איבער די טרעפּ<br>פון די מדרגות,<br>ביז אַלע קליפּות פאַרקריכן אין לעכער,<br>ביז סע ווערט דער בן־אדם<br>פון הויכקייטן העכער.<br>מלך ווערט ער אין דעם אויבערשטן ירושלים!<br>ער באַפעלט —<br>און גאָט ברוך הוא איז מקיים.

מאַכט לייב שרה'ס: ווילסט בלייבן! איך גיי!

— גייסט צו מענטשן! ווערסט ווערן ווי זיי! —<br>כאַפּט אברהם ביים אָרעם אים אָן. —<br>איבערלייג עס!<br>דאָ, אין בוידעם־שטיבל, לייב,<br>שלאָגט מען זיך איבער מדרגות:<br>איז לילית גובר היינט —<br>בין א י ך גובר מאָרגן.<br>אָבער דאָרט, אויף יענער זייט פענסטער —

דאָרט ווערט מען אין בלאָטע דערוואָרגן,
אין בלאָטע!

און אַז בלאָטע? וואָס זיינען מיר? שררות? —
הויבט די אַקסלען לייב שרה׳ס. —
אויב דעם רבונו של עולם שטייט אָן
צו זוכן אין דער בלאָטע דעם מענטש, זיין זון,
מעגסטו אויפהערן זיך דראַפּען
צו די שערים די נון,
מעג דיר אָנשטיין צו קריכן אין בלאָטע.
צוליב׳ן מענטש איז דאָך אַלץ, צוליב אים!
ס׳גלויבט אין גאָט נישט, ווער ס׳גלויבט נישט אין אים!
ותחסרהו מעט מאלהים!

— אָט דער מעט, לייב שרה׳ס,
אָט דער מעט מאַכט אַלץ קאַליע!
דער ותחסרהו איז דער גרעסטער חסרון!
ליכט איז די אתכסיא — מיסט איז די אתגליא...
ווער ס׳גלויבט אין מענטש — דער קען אין גאָט נישט גלויבן!
ס׳איז דער וועג צום אויבן — דורכ׳ן אויבן!
מע מוז די נשמה האַלטן אין גרויסן —
רק זיך העכערן, העכערן!
איז וואָס, אַז לילית? שלאָגט מען זיך.
אַבי נישט די בלאָטע דאָרט דרויסן!
אַי, דו זאָגסט: צו דעם חסר, דעם מענטש,
בּיינקט אַליין די אויבערשטע פמליא?
זאָג איך דיר: ווען מ׳איז אויף אַן אמת זוכה —
איז מען העכער פון די הויכע שבהויכע,
און — מען פאַרשפּאָרט צו בענקען,
מע הויבט נישט אָן צו געדענקען,
ס׳איז נישט שייך אפילו דער עצם געדאַנק פון ירידה!
מע גייט נאָך איר, דער י ח י ד ה ,
מע ווערט איבער לעבן און מיתה —
מע שטייט ביים סאַמע כיסא!

ה

ניין, — מאַכט לייב שרה׳ס, —
איך שטיי ביי דער טיר, נישט ביים כסא.
צו גאָט דאַרף מען גיין נישט אַרויף, נאָר אַרונטער!

איך גיי, אברהם, איך גיי
צו זיי —
צו הקדש־לייט, זקנים, נשרפים, עקרות,
אָרעמע בוגרות'ן,
אַרענדאַרן, געפייניקט פון שררות,
יתומים, אלמנות —
איך גיי צו די יידישע צרות!

און ס'האָט פאַרלאָזט די בוידעם־שטוב לייב שרה'ס.

## עזאָטערישע פּאָעמע

(דאָס ליד פון דעם בוים און דעם נסתר)

י. באַשעוויס'ן

### א

אויף אַ באַרג שטייט אַ בוים,
אויפן בוים שטייט אַ זון,
אַרום איז אַ גרינקייט
און די ווייטקייט איז אָפן.

פאַרביי באַרג פאָרט אַ ייד
אין אַ ליידיקן וואָגן,
ס'קאַשקעטל אַראָפּגערוקט;
אין די הענט זיינע לויפן
די לייצעס.

אויף אַ באַרג שטייט אַ בוים,
אויפן בוים שטייט אַ זון,
אַרום איז אַ גרינקייט אַ גרויסע,
פאַרביי פאָרט אַ ייד.

הויך זיינען אַלע פיר:
דער באַרג און דער בוים,
די זון און דער ייד.
באַרג און בוים שטייען,
בוים און זון שטייען,
די גרינקייט ליגט — דער ייד פאָרט:
פאָראויס פאָרט די באָרד,
נאָך איר — דער וואָגן.

הויבט אָן זיך פון ערגעץ צו טראָגן
אַ ווינט,
שלעפּט אונטער׳ן אָרעם
וואָלקנס אַ זילבערנעם פּעקל
און זוכט אַן אָרט,
עס אַרונטערצואוואַרפן.

דערזעט ער דעם פּאָרער,
פֿאַרשליידערט ער ס׳פּעקל וואו ס׳מאַכט זיך —
ערגעץ עק וועלט,
כאַפּט אָן דעם ייד ביי דער באָרד,
גיט אים אַ טאַנץ אויף די פּלייצעס,
אים די לייצעס —
אַ טאָרע,
די ברעמען — אַ הויב,
דעם בוים קעגנאיבער —
אַ צעשויבער,
ווי אַ פּאַסטוך אַ פּייף,
ווי אַ רעגנוואָרם אַ פֿאַרקריך,
און אויף גיך, אויף גיך
אַ פֿאַרקוילער זיך — פּיו!

שטייט שוין דער בוים אויפ׳ן באַרג צעשויבערט,
דערלאַנגט די זון זיך אַ הוידע
אין איר הוידלקע דער פלעמלדיקער,
ציטערן אויף
די לאַנגע גרינע פּיס דעם באַרג׳ס —
איינס צום אַנדערן גענענט און רוקט זיך.
דער ייד פֿאַרקוקט זיך.
ס׳בלייבט אים שטיין די באָרד,
ווי איינער זאָגט: אַז מען פּאָרט —
דערפּאָרט מען.

אויף דער קעלניע זיצט ער,
דעם בוים באַגריסט ער.

דער בוים גיט אַ פּליעסק מיט אַ צווייג:
— וואָס מאַכט אַ נסתר?

— אָט! וואָס זאָל מען מאַכן?

מע לעבט. מע יערט זיך *).
געוויינטלעכע זאַכן.
און ביי דיר וואָס הערט זיך?

— ביי מיר? — מאַכט דער בוים. —
גאָרנישט. מע שטייט און מע קלערט זיך.
— האָסט עפּעס אויסגעקלערט?
— יאָ, כ'האָב מחדש געווען.

— אַז וואָס?

— אַז בוים און פויגל זענען דאָסזעלבע!

אַזוי זאָגט דער בוים, גיט אַ קוק צו די אייגענע פיס,
און — אַז ער גיט זיך דאָס נישט אַ בויג־איין,
ווי הויך ער איז!
די צווייגן ווערן אים פליגל,
דער שפּיץ — אַ פויגלשער קאָפּ!

אויפ'ן באַרג איז געשטאַנען אַ בוים.
וואו איז ער? נישטאָ.

אויפ'ן באַרג שטייט אַ גרינער פויגל.
דער פויגל האָט גרינע פליגל,
גרינע פליגל, אַ גרינעם שנאָבל.
קעגנאיבער דעם ייד אויף דער קעלניע
שטייט ער, שפּרייט ער די פליגל פונאַנדער
ווי אַ שמאַראַגדענעם פעכער,
און זיין קאָפּ וואַקסט הויך, וואַקסט העכער,
וויל וואַקסן צום העכסטן,
און ס'ציטערן טראָפּנס טוי ווי קרישטאָלן
אין די פולע שאָלן
פון זיינע אויגן.
ער עפנט דעם גרינעם שנאָבל
און זאָגט דעם מענטש זיין זאָג:
אין מיר איז פאַראַן דער בוים,
ווי מאַמע איז דאָ אינעם קינד,
און ווי דאָס קינד אין דער מאַמען
איז אין מיר די נעסט פאַראַנען.

*) יערן זיך — עלטערן זיך.
[פאָלקס־וויץ: — וואָס הערט זיך? — די באָבע יערט זיך!].

ס׳קומט איינס צום צווייטן און געסט!
בוים איז פויגל, פויגל איז נעסט.

ב

אויפ׳ן באַרג אַ פויגל,
איבער׳ן פויגל אַ זון,
און אַרום, איבער גאָרן לאַנד,
ווי גאָלד אַ טון,
שטייט טיפער רייפער זומער.
פון זיין באַהעלטעניש אַפויר,
ווי אַ רוח פון שאול־תחתית,
קריכט אויפסניי דער ווינט קאַפּויר,
שטעלט זיך ווי אַ קונצנמאַכער
מיטן קאָפּ אויף קאָלירטע פלאַכטעס
פון לאָנקעס —
און פאַרוואַרפט די פיס איבער זיך:

— איך בין נישט איך —
און אַ ל ץ איז איך!

צו אַ וואַלד, וואָס הויבט זיך
ווי דעם הימל׳ס פוסנבענקל,
רעדט מיט הענט אַן אַלטע ווינטמיל,
גיסט אויס דאָס האַרץ אין טענות.
וואָס זי טענה׳ט הערט ער נישט,
דער הויכער ייד,
נאָר וואָס זי וויל — פאַרשטייט ער.
וואָס דען זאָל זי וועלן, אַז נישט
צום הימל אַ לייטער!

און דער פויגל אויפ׳ן באַרג
וואַקסט דערווייל און ווערט צום ריז,
ביז —
ביז ער גיט זיך דאָס נישט אַ בויג־איין,
ווי הויך ער איז:
דער גוף שרומפּט־איין, שרומפּט־איין,
אָט — און ס׳צערינען די פיס!
אַרומגעקלעפּט ווערט דער קאָפּ
מיט פעדערן, ליים און שטרוי,
און זע: אַזוי

ווערט דער פויגל צו אַ נעסט,
אַ נעסט אויף אַ שטאַנג אַרויפגעשטעקט,
ווי אַ שאַרבן אויף אַ פּיקע.

מיט שטוינענדיקער שתיקה
קוקט זיך צו דער זומער.

ג

אויפן באַרג אַ שטאַנג,
אויפן שטאַנג אַ נעסט.

זינגט די נעסט אַזוי:
— נסתר, זעסט?
בין געווען אַ בוים,
בין געווען אַ פויגל,
איצטער בין איך וואָס איך בין —
און בין עס נישט, און בין עס נישט!

פון אַין איז די וועלט געמאַכט,
פון אַין איז די וועלט געמאַכט,
און אין יעדן הרף־עין
ווערט זי ווידער אַין.

ס'אַראַ זיס געזאַנג!
ס'אַראַ זיס געזאַנג!
האַלט דער הויכער ייד נישט אויס,
טאַנצט אַרונטער פון דער קעלניע,
לאָזט זיך לויפן אויפן באַרג,
גיט אַ שאָקל שטאַרק די שטאַנג,
שטאַרק די שטאַנג,
ווי אַ גבר אַן אדיר,
גיט די נעסט אַ כאַפּ־אַראָפּ —
ערשט נאַ דיר:
ס'ליגט אין נעסט אַן איי,
ווי אַן עופעלע אַ קליינס.

און די נעסט — זי זינגט: ס'איז איינס!
נעסט און איי —
אייביק איז עס איינס, נישט צוויי,
איינס, נישט צוויי!

בלוילעד־שוואַרץ איז זי, די נעסט, און וואַרעם.
זי ציטערט אין זיין האַנט, זי צאַפּלט,
ווי אַ לעבעדיקע הון.
זי וואַרפט זיך, זי צערינט!
און דאָס איי — אַ קליינע זון —
בלייבט אים ליגן אויף דער דלאָניע,
ווי אַן ערשטגעבוירנס.

— עפן מיך! — זינגט ס'איי. —
שפּאַלט מיך, מענטש, אויף צוויי,
געפינסטו אין מיר דעם אחד;
נעם־זשע אים דיר און גיי!

עפנט ער דאָס איי אויף
און טוט עס אַ צענעם —
זעט ער דאָרט ליגן דעם שם,
אַליין דעם שם־המפורש,
וואָס האָט שוין קיין געשטאַלט נישט,
איז אַלץ — און קיין־שום־זאַך נישט:
מ'קען עס נישט צענעמען,
ס'איז דרויסן און ס'איז דרינען,
מ'קען עס נישט באַנעמען —
מ'קען עס בלויז ג ע פ י נ ע ן.

ד

אויפן באַרג — אַ בוים,
און פון בוים — אַ פויגל,
און אַ נעסט — פון פויגל,
און פון נעסט — אַן איי,
און פון איי — די וועלט.

דער נסתר פאָרט צוריק.
זיין וואָגן איז מער נישט ליידיק.

וואָס טוט דער וואָגן פירן,
וואָס טוט דער וואָגן טראָגן?
די וועלט זי ליגט אין וואָגן,
די גאַנצע וועלט אין וואָגן.

וואַרשע, 1932

# דער רבי רב נחמן

## א

אין אומאַן, פאַר׳ן פענסטער פון זיין שטוב,
וואָס גייט אַרויס צום בית־הקברות,
שטייט אַ יונגער הויכער ייד
מיט אַ בערדל אַ שאַרפס, אַ שמאָלס, אַ שוואַרצס,
און אַ הויך־געוועלבטן שטערן —
אַ הימל
מיט צוויי צאַנקענדיקע שטערן.

נחמן בראַסלעווער איז געקומען
און באַזעצט זיך קעגנאיבער׳ן בית־עולם דאָ אין אומאַן,
כדי מתקן זיין נשמות.
ער קוקט אַרויס און מורמלט:
לא אמות כי אחיה — לא אחיה כי אמות.
ס׳איז דיזעלבע זאַך.
טויט און לעבן — הייינו־הך.

איבער די מצבות
שוועבן ציטערדיקע שיינען.
אַלע מיתות לעבן.
דורות טענה׳ן.
פון הינטער די מצבה־שטיינער
ציען זיך הענט:
צדיק האמת,
אונדזער געבעט — פאַרנעם עס,
לייז אויס!

איבער׳ן בית־עולם־גראָז דעם גלאַנציקן, דעם הויכן,
קוילערן זיך אויגן.
זיי זוכן אַ קאָפּ.
ס׳וויינט דער ווייסער צאָפּ
פון אַ בתולה אַ פאַרגעסענער, אַ פאַרזעסענער.
בוגרות׳ן אין איין העמד
לויפן מיט נאַקעטע הענט,
טרינקען דעם ווינט׳ס אָטעם דעם ווייניקן —
נעבעך!
הרהורי־עבירה פייניקן,

תאוות שטיקן —
די בוגרות'ן דאַרפן תיקון.*)

בעטלער לויפן באַרוועס
מיט געלע גרויסע פאַרלאַטעטע טאָרבעס,
שטעלן הענט אויס נאָך נדבות —
ס'האָט נישט געקאָנט זיי מאַכן פאַר אויס אָרעמעלייט
דער מלאך־המות.
שנאָרן זיי — פרעג ביי וועמען —
מחמת רגילות.

אַ ייד אַ חזן
זינגט אויס ימים־נוראים'דיקע תפילות.
ער קוקט זיך אום:
וואו זיינען די משוררימלעך?
וואו די שול?
מיט טרערן ווערט דער האַלז אים פול —
ס'געזאַנג ווערט פאַרשניטן
אין מיט'ן.
דערמאָנט זיך אַ שוסטערל,
וואָס קלאַפּט טשוועקעס אין זויל,
און נעמט זינגען מיט אַן אומעטיק מויל:
„חטאינו הוא ימ־חול —
זרענו וכספנו
ירבה כ — חול" —
און האַקט פלוצלינג אָפּ,
ווען אַ מלמד'ל זעצט זיך אויף אַ שטיין
מיט אַ געוויין:
ס'האָט זיך אויסגעלאָזט דער זמן —
און קיין געלט איז נישט פאַראַן —
מיט וואָס פאָרט אַהיים צו ווייב און קינד
אַ ייד אַן אביון, אַן אָרעמאַן?

ער ווישט זיך די טרערן מיט אַ רויטער פאַטשיילע.
אַ מגיד קומט אָן, שטעלט אַוועק אַ קערה.
אָט שטייט ער אויף אַ שאָטנדיקער בימה,
שטעלט אָן די אויגן די שטאַרע,

*) בוגרות'ן — לייען: באָגרעסן; תיקון — לייען: טיקן.

עפּעס איז אים קשה —
האָט פאַרגעסן די דרשה.*)

אַ ליכטל ברענט אין מיטן טאָג.
ס׳שאָקלט זיך אַ מתמיד׳ל ביים שטענדער.
קליין און בלאַס זיין געזיכטל.
דערשראָקן דאָס ליכטל.
פון ווייטע לענדער
קומט אַ שד״ר,
אַ הויכער, אַ ברוינער, אַ ייד אַ גבר —
רעדט לשון־קודש — —
אַ וואַרע מאַכט! עס גייט דער פּרנס־חודש —
דער שד״ר האָט פאַרגעסן ווער ס׳האָט אים געשיקט.
דער פּרנס־חודש וויל גיין אין קהל־שטוב —
נישטאָ די קהל־שטוב.

שאַט!
ס׳רירן מיט פאַרבלוטיקטע גלידער
קדושים,
גיבן זיך אַ שליידער ביז עק פעלד
צעשניטענערהייט,
אַלטע, יונגע, קינד און קייט —
מצבות וואַרפן זיך פון זייט אויף זייט —
די זון — אַ לאָגל מיט בלוט,
דערווינט שרייט.

דער מענטש ביים פענסטער
איז מיחד יחודים און מכוון כוונות.
די אויגן ביי אים — לבנות.
די ווינקלען ליפּן
פלאַטערן פון רחמנות.

ב

די בעטלער די זעקס,
פון דער מעשה מיט די זיבן,
שוואַרצן די גרענעץ פון וועלטן:
די שטעקנס לויפן, די בערד —
רויטע בלעטער, פון ווינט געטריבן.

---

*) לייען: אַ קאַרע; בימע; קאָשע; דראָשע.

זיי שניידן זיך אַריין צווישן מצבות,
שטעלן זיך אָפּ מיטאַמאָל,
קאָפּ און טאָרבע — אויף אַהינטער פאַרוואָרפן,
און פרעגן זעקס מאָל
אויף לשון־יידיש'דיקן לשון־קודש:

את הבעטלער השביעי —
דעם זיבעטן אָרעמאַן —
ווי נעמט מען אים אַהער?
איך לוקחים אותו בכאן?
הבעטלער האַחרון —
דער בעטלער דער לעצטער —
ווען מאַכט ער, אַז דער קץ
זאָל זיין אַ געקצ'טער?
ר' נחמנ'קע, דו ווייסט!
טרייסט אונדז אַ טרייסט!

ביים בית־עולמ'שן פלויט
וואַלגערט זיך דער חכם,
באַוויינט זיינע קלוגע דרכים —
און ס'גייט אים נישט איין דער טויט.
קומט אָן דער תם
אין בגדים פון אַ מיניסטער,
שרייט דער חכם דער וויסטער
צום תם דעם מיניסטער:
הויב אויף, ברודער־לעב, האָב רחמנות —
איך קען מיך נישט אויפהויבן פון גרויס חכמ'עריי —
כ'וואַלגער מיך אַרום סכנות.
אַ חכם צו זיין איז נישט כדאי.
אַ חכם צו זיין איז אַ גרויס געפאַר,
דער נאַר איז אַ חכם, דער חכם אַ נאַר.

דער תם, דער מיניסטער,
אַ טרער איבער'ן חכם פאַרגיסט ער,
און ער זאָגט: כ'קען דיר געבן די האַנט,
נאָר אסור, אויב ס'וועט העלפן, חכם!
זיך אַליין מוזסטו געבן די האַנט,
מוזסט גלויבן אין דעם מלך מלכי המלכים.
אָך און וויי צו די חכמי אתונא!
צוערשט מוז מען האָבן אמונה,

ווערט מען אַ כלי —
און די חכמה קומט שוין ממילא.

שטרעקט דער אָרעמער חכם
צו רב נחמנ׳ען די הענט:
כ׳האָב דיך דערקענט.
ביזט דאָך דער צדיק רב נחמן,
דער גרויסער רחמן.
אמונה קומט דורך אמונה,
ס׳איז צבת בצבת עשויה —
גיב זשע מיר אַ ישועה,
שטעל אונטער אַ פּלייצע!
כ׳קאָן מיר נישט געבן קיין עצה.
אויב נישט די הילף דיינע,
צדיק יסוד עולם,
וועל איך אייביק זיך וואַלגערן
ביים פּלויט פון בית עולם.

ג

די אויגן מינוטנלאַנג פאַרגלייזט
איז רב נחמן אַריין און אַרויס,
איז רב נחמן אַראָפּ און אַרויף
(דער סוד פון רבוא ושוב!) —
און אַלעמען האָט ער געטרייסט.

מיט געזאַנגען
איז זיך צעגאַנגען
דער מתימשער עולם.

זע, די זון אויפ׳ן בית־עולם —
אַ ליכטיקער גלגל.
אין גלגל גייט אויף
ס׳פּנים פון דעם עלטער־זיידן, דעם בעל־שם.
נחמנ׳קע, — רעדט דער בעש״ט, — פאַרנעם!
כ׳בין געקומען אָנזאָגן אַ בשורה,
אַז דיינע מעשיות האָבן גבורה —
פליגלען האָבן זיי באַקומען
און רוישן דאָ אין די עליונים.
ס׳האָט זיך דאָ קיינער נישט געריכט
אויף אַ כח אַזוינעם.

היכלות פרייען זיך אַ פרייד.
וואו מען גייט און וואו מע שטייט —
רוישט מיין נחמנ׳קעס אַ מעשה!
זאָג איך דיר אַ יישר כח
פאַר׳ן כח!
לך בכוחך זה —
קלאַפּ אָן אין דער העכסטער טיר!
גיי אַלץ העכער, מיין קינד, און דערפיר
מיין אַרבעט ביז צום סוף.

דעם עלטער־זיידנ׳ס פּנים
איז אינגאַנצן גנאָד.
דעם עלטער־זיידנ׳ס פּנים
גייט שמייכלענדיק צוריק אַריין אין ראָד.

דער מענטש טרעט אָפּ פון פענסטער.
אין מיטן חדר שטייט ער
אַ הויכער, אַ צעשטראַלטער,
און רעדט אַ דערפרייטער:
ער אַליין, דער אַלטער,
ער, זכותו יגן,*)
איז מיר געקומען זאָגן,
אַז מיינע מעשיות טוען זיך
אין אַלע עולמות טראָגן.*)

ס׳ווייסן אַלע שרים
ווער עס איז רב נחמן.
דער שומר פון די שליסלען איז־ער
און דעם הימל׳ס וואַכמאַן.
די תפילות זיינע גליען.
די מעשיות זיינע פליען.
דאָס פייער זיינס וועט טליען
ביז משיח׳ס קומען.

## ד

פלוצלינג ווערט ער שטיל,
ווערט שוואַרץ־מראה׳דיק,

*) יגן — לייען: יאָגן; עולמות — לייען: אוי׳לעמעס — מיט׳ן אַקצענט אויפ׳ן ערשטן טראַף.

מרה־שחורה׳דיק־כמאַרעדיק.
ער הויקערט זיך, ווערט נידעריק,
און טענהט מיט די הענט מיט ביידע:
אויף וועמען קריגסטו, שפּאָלער זיידע?
אויף וועמען קריגט איר אַלע?
אויף אַ מענטש, וואָס איז נישט איך!
ווער איז אייך מיך מגלה?
איר קענט מיך נישט, איר ווייסט נישט —
סתם זיך אויסגעטראַכט אַ מענטש,
און מיט דעם אויסגעטראַכטן מענטש
פירט איר מחלוקת,
דערגייט אים די יאָרן.
וואָס ווייסט איר פון די לוחות,
וואָס ליגן אין מיין אָרון?

נאָך נידריקער בויגט ער זיך,
גייט ביי־דער־ערדיק,
וויל פון זיך גופא אַנטגיין.
ס׳זיינען ביטערער ווי די מחלוקת׳ן פון דרויסן
די מחלוקת׳ן אין אים אַליין.
עס ברענען אין אים סתירות.
מחמת ער האָט זוכה געווען צו שמחה,
אַ שמחה, וואָס רירט אַזש אָן די ספירות,
מוז ער דורך די נעכט און דורך די טעג
מיט די קליפּות פון עצבות
פירן אַ געשלעג.
מחמת ער איז דער גרעסטער,
מוז ער זיין דער קלענסטער.
ער מוז זיין דער מיאוסטער
מחמת ער איז דער שענסטער.
די מעשיות זיינע —
פליגלען האָבן זיי באַקומען!
נאָר די פליגלען קאָסטן אים
טויזנט באַהאַלטענע מומ׳ען.
יאָ, ער איז דער טייך,
וואָס שווענקט אַרונטער אַלע פּגמ׳ען,
נאָר כדי דער טייך צו זיין, וואָס פליצט
אַלעמענ׳ס פלעקן אַוועק,
מוז ער אויף זיין דעק

טראָגן יעדן פּגם און יעדן פלעק.
יאָ, ער איז דער קלוגער תם,
וואָס איז געפּאַנצערט אין אמונה,
נאָר כדי דער תם צו זיין —
מוז איטלעכע מידה־מגונה
פון דעם נאַרישן חכם
אויסזויגן דעם דם־התמצית זיין.*)
ער מוז כסדר דער נאַרישער חכם זיין,
כדי דער קלוגער תם צו זיין.
כדי גאָט׳ס פלאַם צו זיין,
מוז ער נאַכט־ווערן כסדר.
שאָטנדיק שאַרט ער זיך איבער׳ן חדר.
ביטער, ביטער.
די חכמה ברילט אין אים ווי אַ געוויטער,

און ס׳הערט דער חכם זיך נישט אויף צו מישן
אין דעם תמ׳ס עסקים.

ער, וואָס איז געווען אָט־ערשט
אַ תו׳מך בגאו׳תו שח׳קים —
איינער, וואָס האַלט די הימלען אונטער;
ער, וואָס האָט אָט ערשט געוואוסט,
מיט איטליכן טראָפּן בלוט געוואוסט,
אַז אין אַלע וועלטן זונט ער, —
מיט צוקנדיקע אַקסלען
פאַלט ער אַנידער אויף דער ערד,
און נישט ער זעט און נישט ער הערט,
ווען ר׳ נתן, זיין תלמיד,
לענט־אויף מיט אַ פאַרזיכטיקער האַנט
די טיר צום רבינ׳ס חדר,
וואָס זיין איינציק פענסטער שטייט אין וואַנט
ווי פון אויבערשטן אויג דער אָפּגלאַנץ.
ר׳ נתן זעט:
דער רבי וואַלגערט זיך אין שטויב,
דער רבי רייסט זיך די האָר פון קאָפּ.

---

*) דעם דם־התמצית זיין — זיין דם־התמצית. מידה מגונה — לייען: מידע מעגונע, גראַם צו אֱמונה (לייען: עמונע).

ס'בית־הקברות קעגנאיבער
ציט זיך מיט אַן איבערדעק אַ שוואַרצן איבער,
זעט אויס ווי אַן עגלה.
די עגלה
באַגלייטן ווינטן מיט אַ יללה.
שרים אויבן ציטערן.
תיקונים באַהאַלטן זיך.
יחודים שפּאַלטן זיך.
קללות
דונערן דורך די היכלות.

רוקט זיך ר' נתן אַרויס אויף שפּיץ פינגער
און מיט צעטרייסלטע באָרד־און־פּיאות
פּאַלט ער אַריין אין בית־מדרש,
פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל,
כאַפּט אַרויס אַ פּאַפּיר מיט אַ בלייער
און פאַרשרייבט:

„סע ברענט אַ פייער!
דער רבי ליגט אויף דר'ערד און וויינט.
מיט זיינע בכיות איז ער מטהר
דעם פינסטערן אַ'ויר פון דער וועלט,
און אויפשטיין וועט ער, אם ירצה השם,
מיט אַ מעשה גאָר אַ נייער.
קען זיין, דער דור וועט זוכה זיין
צו אַ תיקון גאָר אַ הויכן
און דער רבי וועט זיך אויפהויבן
מיט אַזאַ מין גדלות־דמוחין,*)
אַז ממש אַלע קליפּות
וועלן ווערן צעריבן,
און אין אונדזערע יאָרן — בימינו,
מיט די אייגענע אויערן — באָזנינו,
הערן מיר דעם סוף פון דער מעשה מיט די זיבן,
וואָס איך האָב זי עד־גמירא נישט פאַרשריבן.
דענסטמאָל וועל אויך איך,
הקטן נתן מנעמיראָוו,
אפשר משיג זיין אויף אַן אמת —
און נישט בדרך רמז —

*) לייען: גאַדלעס דעמויחן.

ווי מע האָט זיך געפרייט
אויף יענער חתונה דער שיינער,
וואָס פון די לעבעדיקע
איז געווען דאָרט איינער:
מורנו ורבנו רב נחמן.
אפשר וועלן מיר, אין זכות פון דעם סוף,
אַליין אויף יענער חתונה ווערן די שושבינים.
טאַנצן וועלן מיר מיט ליכט אין די הענט,

ווען ס'וועלן חסדים ברעכן די דינים,
און דער נמשל פון דעם רבינ'ס הייליקע מעשיות
וועט אונדז בפועל ממש פאַר די אויגן שטיין,
און אפשר וועלן טאַקע מיר אַליין
זוכה זיין דער נמשל צו ווערן!
ווער קאָן וויסן ס'אַראַ תיקונים עס גרייטן זיך,
ווען דער רבי רב נחמן אַליין
ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד
און ווײנט אַ געוויין?״...

## ה

צומאָרגנס. אָט זון, אָט כמאַרע.
אָט ווײנט מען אין דער הויך, אָט לאַכט מען:
רב נחמן ווי דער טאָג,
דער טאָג ווי רב נחמן.

דאָס עסק פון דעם עלנטן בן־אדם, —
זאָגט רב נחמן מיט אַ זיפץ, —
דאָס עסק פון דעם מענטש, דעם בידנעם פרא־אדם,
אויף אָט דעם עולם — איז אַ טיפּס, אַ טיפּס.

עפּעס וויינט ער אָן טרערן; נאָכדעם טראַכט ער,
און פלוצלינג לאַכט ער:
נתן, הייס דעם עולם גיין, — דו בלייב!
מיר'ן זיך נאַריש מאַכן ביידע.
דורך מעשי־נערות,
היינו, דורך דעם, וואָס אַ מענטש מאַכט זיך נאַריש,
געפינט ער זיין נשמה, די אבדה.
נשמה, זאָלסטו וויסן, איז אַ זאַך,
וואָס מע האַלט אין איין געפינען און פאַרלירן,

און אַז מע פאַרלירט — קומט דער חומר צו־נוץ:
ער ווערט אַ מגלה־טמירין.*)

מע צעטרייסלט אים, דעם חומר, מיט שטיק אַלערליי,
מע גיט זיך אַ יאָג און אַ טראָג און אַ דריי,
מע גיט זיך אַ פאַרשטעל — אַ דאגה וואָס —
לונג־און־לעבער אויף דער נאָז —
כ'בין נישט איך — כ'בין כדרלעומר — —
און דורך פאַרשטעלעניש און אויף־צו־כלומרשט,
דורך די תנועות און העויות פון דעם חומר,
דערשלאָגט מען זיך צום ביסל וואָרע שמחה,
און ס'ביסל וואָרע שמחה איז מגלה
ס'אָרט, וואו דיין נשמה האָט געטאָן זיך אַ פאַרשפּאַר,
דיין פאַרלוירענע בת־מלכה, די ברוגזדיקע כלה,
וואָס איז בייז אויף איר חתן דערפאַר און דערפאַר — —

נישט געבאַלעמוטשעט, נתן! מאַכן זיך צום נאַר!
יאָגעלעך... באַהעלטערלעך...
זייפנבלאָזן, זייפנבלאָזן לאָזן...
לאָז זיך מיר דאַכטן, עלעהיי,
איך בין אין דער טערקיי,
טאַקע דאָרט, אין סטאַמבול... ביז איבער'ן גבול
איז די עיר־הבירה דאָך געווען פול
מיט מיינע מעשי־נערות, פאַרשטעלענישן, שפּאַסן.
אויפ'ן וועג צו דער ארץ־הבחירה
האָב איך געשפּילט מיט קינדער אויף די גאַסן.
מיין הלבשה איז געווען: קינדערישע הויזן,
אַ שפּענצער מיט שליפעס, אַ מיצל מיט טראָלדן,
און מיר האָבן, פאַרשטייסטו, געשפּילט אין פראַנצויזן,
און דער ים האָט געפינקלט מיט גאָלדן,
און ס'טערקל מיט'ן פעסקעלע דעם רויטן ווי בלוט —
דער סמך־מם —
האָט אַרומגעשמאַיעט ווי משוגע, נישט גערוט:
געוואָלט אַריינכאַפּן דעם נכד פון בעל־שם.
נאָר ס'האָט טערקעלע־מזיק נישט געקאָנט דערלאַנגען...
ער האָט נעבעך איינגענומען אַ מיתה משונה:
דורך די משוגעתן בין איך מיר געגאַנגען

---

*) לייען: מעגאַלע טמירן.

צו נייע מוחין אין אמונה.*)
און כ'בין, ברוך־השם, דערגאַנגען... מחמת קלעם
איז זי אַזש בלייך געוואָרן,
די דינים־רויטע פעסקע פון דעם סמך־מם.
כ'בין אַריין אין סאַמע־סאַמע פנימיות פון דער שמחה.
ביי וואָס זשע האָבן מיר געהאַלטן, האַ?
ביי זייפנבלאָזן? ניין, מע וועט זיך דאָסמאָל ראַטעווען
מיט סאָלדאַטעווען.
ראַז, דוואַ! ראַז, דוואַ!
פאַרדריי דאָס היטל! אָט אַזוי!
שאַ'גאָם מאַרש! מיט יונ'שע געזאַנגען!
הוראַ!
ראַז־דוואַ!
געגאַנגען!

## ו

און אַז דער רבי רב נחמן האָט צעטרייסלט דעם חומר
מיט כלערליי שטיק,
איז ער דורך די הינטער־טירן פון דעם כ ל ו מ ר ש ט
אַריין צוריק
צו דער נשמה, דער בת־מלכה.

רב נתן האָט אים לאַנג געהערט זינגען ניגונים:
ער האָט זיי ממשיך געווען
פון עולם־התיקונים.
דערנאָך האָט ער געזאָגט רב נתנ'ען אַזוי:
רוף אַריין דעם עולם! כ'האָב אַ סיפור גאָר אַ נייעם.
כ'הויב אים אָן אין אומאַן, נאָר מסיים
וועט אים זיין דער גואל־צדק
אין ירושלים.

רב נתן האָט געציטערט
און האָט נאָכגעזאָגט: מסיים
וועט אים זיין דער גואל־צדק
אין ירושלים.

און אויף משיח'ס סיום
וואַרטן מיר עד־היום.**)

*) מוחין — לייען: מויחן (השגות).
**) „היום" אין עד־היום — לייען: האַ'יעם (אַקצענטיר דעם ערשטן טראַף).

# רב נחמנ׳ס חלום

זאָגט רב נחמן: הערט אַ חלום.
איך זיץ און לערן,
ערשט די שטוב ווערט פול מיט רעדלעך יידן.
ס׳לאָזן זיך הערן
טענות־מענות: סטייטש!
אָט דער נחמנ׳קע נעמט
און טוט אָפּ אַזאַ מין מעשה,
וואָס דער געמיינסטער אַפּיקורס־יונג, דער ערגסטער ד י י ט ש,
וועט נישט אָפּטאָן בשום אופן.
און דאָס זיצט מ׳שטיינס געזאָגט און לערנט,
גלייך ס׳וואָלט דעם בורא נישט דערצערנט —
עולם־הבא וויל דאָס קויפן!

מע מאָלט מיט די צינגער,
מע טייטלט מיט די פינגער:
אַזאַ מעשה, אַזאַ מעשה!
טאַקע ער, אָט דער מורנו,
האָט עס אָפּגעטאָן די שיינע
מעשה...

כ׳ווייס נישט וואָס און ווייס נישט ווען,
נאָר אין שטוב צו זיצן איז נישט שייך — כ׳ברען!
לויף איך אויף דער גאַס אַרויס ווי פון אַ שרפה.
ערשט די גאַס איז פול מיט רעדלעך יידן
און מע טייטלט: דאָס האָט ער דאָך אָפּגעטאָן די טרייפע
מעשה די געמיינע,
אָט דער נחמן דער מורנו,
טאַקע ער בעצמו ובכבודו...
און ער איז זיך גאָרנישט מודה —
הפקר!

נעם איך לויפן ווייטער.
לויפט מיר נאָך ס׳גערייידעריי:
וואָס זאָגט איר נישט צו זיין בהלה?
פּיס אויף שרויפן!
אָפּגעטאָן אַזאַ נבלה —
און ער מיינט, מע קאָן אַנטלויפן!
לויפן קאָן מען, נאָר אַנטלויפן? לאָ!

לויפנדיק אַזוי,
פאַל איך אַריין אין וואַלד.
שטייען רעדלעך חיות,
און זיי ברומען מיט אַ קפידה*):
קוקט אים אָן, אָט דעם מורנו —
דער בעל־שם איז דאָך זיין מאַמעס זיידע,
נעמט ער, טוט אַזאַ מין מעשה,
און ער מיינט: דער וואַלד באַהאַלט!
גוואַלד,
אַזאַ רשע, וואָס די וועלט האָט נישט געהאַט,
און דערצו אַ שוטה גמור!
פאַר השם יתברך וועט ער זיך באַהאַלטן!
אַז סך־הכל איז דער לויפער גאָר אַ לאָ מ ע ר.

און אַ גרויסע חיה, ווי אַ בייזע יידענע, להבדיל,
האַלט זיך ביי די באָקעס: אַזאַ מעשה!
ווי געפעלט אייך, חיות!
ער איז דאָך נישט קיין בור דאורייתא,
דאַרף דאָך אים נישט זיין קיין נייעס,
וואָס סע שטייט: אם אסק — אַז איך טו מיך הויבן,
שמים — צו די הימלען, ביסטו אויבן,
ואציעה שאול —
און אַז איך ליג שוין אין אַ קנויל
סאַמע אויפן דנאָ,
הנך — ביסטו דאָרטן אויכעט דאָ.
היינט ווי שייך זיך באַהאַלטן, האַ!
אַן עכברוש אַזאַ!

לויף איך פון די חיות
און פאַל אַריין, ווי אַ פאַר'סמ'טע מויז,
אין אַ פוסטער קלויז.
נעם איך פון אַ פאָליצע אַ ספר,
ערשט די אותיות קוקן פרעמד און בייז.
כ'האָב פאַרגעסן וואָס איז אַלף, וואָס איז בית.
בלעטער שאָרכן: האָט געהאַט אַזאַ נשמה,
נעמט ער און פאַרטאַכלעוועט אַזאַ נשמה,
און ער מיינט נאָך, אַז די אותיות וועלן דינען
אים, אַזאַ מין טמא...

*) לייען: קפיידע. אַזוי אַרויסגערעדט צווישן חסידים.

דורכן פענצער פאַרט
אַווינט אַריין, אַ ווילדער רוח,
און ס'רייסט דער ווינט מיך ביי דער באָרד:
שוטה, רשע וגס רוח!
אפילו אַן אַפטייקער אַ גלוח
וואָלט אַזוינס נישט אָפּגעטאָן
פאַר קיין שום הון דעלמא.
וועלכער מענטש, בצלמו
ובדמותו,
וואָלט ביי זיך גע'פועל'ט אַזאַ זאַך?
און די רבותא —
ס'האָט דער מענטש געהאַט
אַזאַ נשמה! ובפרט:
אַזעלכע אבות!
עפּעס אַ קאַטאָוועס?

דאָ שפּאַנט אַריין אַ הויכער זקן:
ווייס די לאָקן, ווייס די זאָקן,
אויגן — שבת'דיקע ליכט.
ער שאָקלט מיטן קאָפּ:
וואָלט זיך עמיצער געריכט
אויף אַזאַ־מין מעשה?

רבי, — שריי איך, — ס'אַראַ מעשה?
זאָגט מיר: ס'אַראַ מעשה?

לאָקן ווייסע, זאָקן ווייסע,
אויגן — שבת'דיקע ליכט...

ער טענה'ט אַלץ: אַזאַ מין מעשה!
ווער וואָלט זיך עס געריכט?

אָפּגעזאָגט, און אויס — איננו.

וויל איך וויינען,
מחמת וואָס איז, אַחוץ וויינען, מיר געבליבן?
פאַריאָגט, פאַרטריבן,
אַלע זיינען מיך מבזה,
אפילו אַלף־בית פאַרגעסן —
נישט עולם־הבא און נישט עולם־הזה!

דאָ דערזע איך: מיינע טרערן
הענגען קעגנאיבער ווי די צעפּלעך אייז.

פֿאַרלאָזט האָבן די טרערן מיינע אויגן.
אַ טרער איינע, משונה קאַלט און ווייס,
מאַכט בזה הלשון: אַ פֿאַרשווין ווי דו
ווילן מיר נישט דינען;
אונדז שטייט נישט אָן צו רינען
פֿון דיינע אויגן... נו,
טו אונדז עפּעס... אדרבא, טו!

בלייב איך זיצן אָן אַ טרער און זאָג אַזוי:
אַלץ איז מיך מבזה.
פֿאַרשפּילט דעם עולם־הבא מיטן עולם־הזה.
אפֿילו טרערן ווילן מיך נישט קענען,
אותיות זיינען מיט מיר ברוגז.
די סיבה ווייס איך נישט, נאָר גאָרנישט:
מסתמא דאַרף מען עס, מסתמא טויג עס.
און אַז מען זאָל מיך לייגן איצט, ווי יצחקן, אויפֿ'ן מזבח —
נו, איז וואָס? עס וואָלט געפּאַסט ווי אַלץ פֿאַרשטיי איך,
בלויז דאָס פֿאַרשטיי איך נישט...
פֿון ווען איז עס אַ וואָרעם אַזאַ חכם,
ער זאָל זיין אַ מבין אויף דעם הימלס דרכים?
אַבי דער בורא מיינער ווייס —
בין איך שוין געטרייסט:
מען דאַרף נאָר וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ ווייסער.

ביי די ווערטער עפֿנט זיך אין מיר אַ קוואַל פֿון שמחה.
הייס און הייסער
קוואַלט ער.

קומט צוריק דער אַלטער,
מיט אים קומען אַנדערע זקנים,
און אַלע אינאיינעם,
ליכטיקע פֿאַרשווינען,
טייטלען אויף מיר, שאָקלען מיט די קעפּ
ווי מיט קרוינען:
ער איז שוין צוריק אויף די אויבערשטע טרעפּ...
אַז וואויל אים!

דער זקן, — העכער, ווייסער ווי דער גאַנצער עולם, —
נעמט פֿון פּאָליצע דאָס ספֿר
און מאַכט בנעימות: קוק אַריין.
קוק איך — ערשט די אותיות

גיסן זיך אין מיר ווי ווײַן.
עס דינען מיר די אותיות; גערן
דינען מיר די טרערן,
און סודות אַנטפּלעקן זיך,
ווי פֿייגל וואָס וועקן זיך
פֿאַרטאָג אויפֿן בוים.

וואָס אַ רגע ווערט מיר העלער,
ווי עס שטייט געשריבן:
הולך ואור עד נכון היום.

לסוף ווערט טאָג אין מיר.
שטיי איך אויף — ערשט דער חלום
גייט מיר אַקעגן און זאָגט: — נישט פֿאַרשעם!
למען השם —
נעם און דערצייל מיך.
אַ חלום איז אַ בריוו,
דאַרף מען אים עפֿענען,
און זאָלן יידן וויסן, אַז ס'איז טיף".

1948

## ר׳ נחמן אין קאַמעניץ

און ס'איז קיין קאַמעניץ בסוד
געקומען דער זון פֿון פֿייגע־בת־האָדל,
און שפּעט בײַנאַכט איז ער אַריין
אַהין, וואו ס'פּלעגן פֿראַנקיסטן
צונויפֿקומען זיך בסוד גדול.

ער שטייט אויף דער שוועל און ער ווערט נישט געזען.
נקבות נאַקעטע, נאַקעטע זכרים
טאַנצן ווילד בײַ דעם שײַן פֿון ליכט
אַרום אַ בילד פֿון אַוואַטשאַ'ן,
אָרעם פֿאַרוואָרפֿן אויף אָרעם.

און ס'רופֿט זייער עלטסטער (ר' נחמן זעט —
עס זיצט אויפֿן אַקסל אַ שד אים):
'אדום איז אָדם און אָדם איז דם!
צעבראָכן ליגן די לאו'ן...
אָדם איז דם און איז אדום!"

עס טשאַדעט מיט ניאוף. עס ברענען די ליכט.
מיט שדים אומגעזעענע איז פול די הוליאַנקע.
טייל שדים טאַנצן מיט, טייל זיצן ביים טיש,
לאַכן און גיסן זיך וויין אָן,
פילן אָן די כוסות די בלאַנקע.

נאָר גיין לאָזט ר׳ נחמן פון דאָרט, פון דער שוועל,
איבער׳ן הויז אויפאַמאָל אַזאַ שטילקייט,
און אין דער שטילקייט שפּרייט זיך אַ קרעכץ —
אַ קרעכץ איבער יעקב׳ס זוימען,
וואָס פוילט אין אדום׳שער ווילדקייט.

ליימט זיי דער קרעכץ! זיי דערזעען דעם ייד...
זוכן די קליידער... דער וויין אין די כוסות
גליט אַ פאַרשעמטער... עס פליען אין שרעק
די שדים אַרויס דורכן קוימען...
די קליפּה — פראַנק׳ס קליפּה — איז גוסס...
די קליפּה איז גוסס
צוליב דעם קרעכץ איבער יעקב׳ס זוימען.

## רב נחמן צווישן קרייטער

און אַז זיי זענען אויפן פעלד געגאַנגען
און אויף קרייטער האָט געטאַנצט דער טוי,
האָט צו זיינע באַגלייטער
רב נחמן געזאָגט אַזוי:
„פאַרוואָס רופט מען אים משיח?
משיח איז מלשון שיח,
שיח השדה... אין דער צייט פון רצון
וועט ער אין סוד פון קרייטער,
אין סוד פון פעלד, אין סוד פון שפּראָצן,
אונדז אויסלייזן, לעשן דעם שייטער
פון די זיבעציק שטערן,
בויגן דער סיטרא אחרא׳ס קופּערנעם שטערן,
און בליצן וועלן דער שכינה׳ס, דער כלה׳ס
קישוטין, אָט פונקט ווי אַצינדער דער טוי,
און ס׳וועט זיין ווי סע שטייט: אָז יעלוז
שדי וכל אשר בו״.

און קרייטעכץ נאָך קרייטעכץ, געוויגט אין ווינט,
האָט איבערגעחזרט די תורה
מיט חשק און התמדה,
און ס'האָט זיך די תורה צעכוואַליעט, צעלויכטן, צעגרינט:
„פאַרוואָס רופט מען אים משיח?
זאָגט רב נחמן: ס'איז מלשון שיח,
שיח השדה".

און מיט אַ גלוסט,
וואָס איז געטלעך,
האָבן בלימל און קוסט,
גרעזלעך און בלעטלעך,
גענומען זיך בעטן: ביני לביני,
ביז סע וועט קומען משיח צדקנו,
נעם אונדז אַריין אין דיין תפילה,
אונדז די נידעריקע, אונדז די קליינע,
אונדז דעם שיח השדה.
נעם אונדז אַריין אין דיין תפילה,
זון פון פייגע בת האָדע!

און רב נחמן האָט זיך געשטעלט
ביי אַ בוים אין פעלד
און האָט תפילה געטאָן. און ווי מע פאַרקאָוועט אַ קאַסטן,
האָט ער די תפילה מיט שטאַרקע יחודים פאַרקאָוועט —
און געשיקט זי מיט אירע פאַרבאָרגענע לאַסטן
צום כסא־הכבוד.
און אַז מ'האָט אויבן די תפילה געעפנט,
האָט דאָרט פאַרשמעקט
מיטן גרינוואַרג, וואָס ס'פעלד האָט געכאָוועט.

## נ ע נ ט ע ר

שלאָגט אויס דער וואַנט־זייגער זיין צוועלף.
דער טונקל אָכצט, דער טונקל אוי'ט:
נענטער מיט נאָך אַ טאָג צום טויט,
נענטער צום טויט.

שטייט אויף דער זיידע צו תיקון חצות.
טוט ס'ליכטל אין זיין האַנט אַ זאָג:
נענטער מיט אַ טאָג צו משיח'ס קומען,
נענטער מיט אַ טאָג.

## דאָס עסק פון דעם עלנטן בן-אדם

— וואָס טוט דער עלנטער אָדם
אויף אָט דעם עלנטן עולם?
אַזוי האָט רב נחמן געפרעגט און מיט פחדים
געזיפצט צום אַרומיקן עולם.

און ווידער האָט דער רבי אַ זיפץ־געטאָן צום עולם
(דאָסמאָל — אַ זיפץ פון פאַרהוילענע גנאָדן):
— אויף אָט דעם עלנטן עולם
איז דאָס עסק פון עלנטן אָדם
זייער, זייער אַ טיפס...

און אַ שמייכל האָט געטאָן דער רבי רב נחמן —
און ס'איז געווען ווי אַ שיפס
פאַראַנקער
נאָר אַ שטורעמניש אַ וויסטער,
נאָך אַ וואַרפעניש אַ קראַנקער.

## פון נישט צייטיקער פרוכט און
## פון מלאכים, וואָס זוכן אבידות

ס'אַ ביטערע עבירה, —
האָט דער רבי ר' נחמן געזאָגט, —
צו רייסן פאַר דער צייט אַ פרי.
ווער רעדט נאָך — עסן אַזאַ פרי!
ס'איז ממש אַ סכנה.
זי האָט נאָך, די נישט־צייטיקע, איר כח־המושך,
ציט נאָך יניקה פון זון און פון רעגן, פון ערד און לבנה,
פון ליכט און פון חושך.
איז, אַז דו נעמסט זי, די נישט־צייטיקע, אין מויל,
קאָן זי גאָר־דיין חיות *)
אַריינציען אין זיך — און אַלץ ווערט הויל.
ס'נידערט פינצטערניש אויף דיינע וויעס:
די פרי איז זיך נוקם... רחמנא
ליצלן! פאַרמיידען
די בייזע סכנה
קאָנסטו נאָר סיידן

---

*) לייען חיות מיט אַ חיריק אונטער'ן חית.

דו ביסט ביי דער ברכה מכוון
אַ גאָר באַזונדערע כוונה,
וואָס גיט אַ דערהויבונג די לאַו'ן.
מיטן כח פון אַזאַ כוונה
גיט מען דער פּרי אַ תיקון.
מע טוט זי דערקוויקן
און מען זויגט פון איר אַרויס — א ב י ד ו ת!
נישט איין פאַרלוירענע פרייד איז
פאַרהוילן אין אַ פּרי אַ נישט־צייטיקער.
אַרויסבאַקומען קאָן־עס
נאָר דער, וואָס קען די כוונות.
וויי, ווען עס טוט דאָס אַ זייטיקער!

און נאָך האָט דער רבי רב נחמן געזאָגט:
וויבאַלד די רייד איז
מכוח אבידות,
טאָ ווייסט, אַז ס'איז דאָ אויף אבידות אַ שר
מיט אַ סך ממונים.

אבידות צו אַנטדעקן,
גראָבן זיי ברונים נאָך ברונים,
נישטערן אין אַלע זאַמדן, אַלע היילן, אַלע העקן.
ס'האָט דען אַ שיעור
וויפל מע פאַרלירט, אַשטייגער, צוליב תאוות!
אפילו צדיקים, וואָס זיי גופא העלפן זוכן,
פאַרלירן — מחמת צופיל דביקות און התלהבות.*)
זוכט מען! און אַז מע געפינט —
בלאָזן די מלאכים, די געפינער, שופר.
ווינט נאָך ווינט
לאָזט זיך אָנזאָגן די בשורה מעשה קיניגליכער לויפער.
ס'לאַכן זונען:
„געפונען, געפונען!
מיר האָבן געזען, מיר זיינען די עדות". — —

אַנטשוויגן געוואָרן רב נחמן.
און אויסגעזען האָבן די אויגן ביי אים
ווי יענע מלאכים, וואָס זוכן אבידות.

---

*) התלהבות — לייען: היסלאַיוועס (גראַם צו: תאוות — טייוועס).

# ס׳פּראַנצויזל

(אויף אַ מאָטיוו פון ר׳ נחמנ׳ס מעשה מיטן בעל־תפילה)

אַ קלייניקייט — דיבור!
דיבור איז מלכות...
תורה שבעל פה...
דאָס, וואָס אַנטפּלעקט...
איצט קום און זע:
אין די קליפּות
ווערט דיבור אַ זאַך, וואָס פאַרדעקט...
רייד כלומרשט שיינע,
רייד אָן באַשייד,
רייד און רייד איבער רייד —
השם יצילנו!

איז געווען אַ מדינה פון רייד!
אַ מדינה פון דיבור סתם־אַזוי,
אַ מדינה פון צינגער אויף שרויפן.
די ווערטער
האָבן נישט אויפגעהערט לויפן,
און מחמת דעם רעש פון רייד
איז דאָרט מכלומרשט פריילעך געווען
(אָך־און־ווי צו אַ שמחה־של־פלוידער!) —
און ווער איז דאָרט מלך געווען?
אַ פראַנצויז, — ס׳כאַפּט אָן אַ שוידער, —
וואָס צו זיין פלוידער איז קיין עק נישט געווען.

און די מעשה מיטן פראַנצויז איז אַזוי געווען:
די וואָס האָבן געוואָלט אַ מדינה פון רייד,
זיינען אַרויס אַ רייד־מייסטער זוכן,
ער זאָל ווערן דער מדינה׳ס יסוד —
און איר גאָט.
האָבן זיי געזוכט אין טאָלן און אויף בערג,
אויף גאַסן און אויף מערק,
ביז זיי זיינען געקומען אויף אַן אָרט,
וואָס נישט דאָ און נישט דאָרט.
זעען זיי: ס׳גייט זיך אַ גענגל
אַ פאַרשווינדל, אַ פראַנצויז פון די פראַנצויזן.
אַ קאָמענדיאַנטסקע בערדל,

רויטע ליאַמפּאַסן אויף גרינע הויזן,
אַ מיצל מיט אַ שפּיצל און מיט גלעקלעך,
היינט אַ שטעקל — מעשה פראַנט־שבפראַנט,
ממש — למהדרין,
אַ כּפּרה אַלע שטעקלעך.
און ווי ער גענגלט אַזוי — רעדט ער צו דער וואַנט,
איך מיין — צום שטעקל אין זיין האַנט.
שייך ריידן! אַ וואָלקנבראָך פון דיבורים!
רעדט מיט אַלץ גרעסערן חשק —
שורים־בורים, שורים־בורים —
גיך־גיך־גיך,
מי־יודע וויפיל ווערטער אַ מינוט.
און אַלץ אויף ריין פראַנצויז.
קאָם־סי, קאָם־סאַ, טראַ־לאַ־לאַ,
אָ־לאַ־לאַ,
פּאַרלעי פראַנסע,
בע־מע, קעסקעסע,
לאָקשן, בוידעם,
שאַלאַמויז.

אַז די לייט דערהערן דאָס,
פאַלן זיי כורעים, משתחווים ומודים,
פאַר דעם פראַנצויז פון די פראַנצויזן,
וואָס דבר׳ט לאָקשן, בוידעם,
שאַלאַמויזן,
און זאָגן כהאי לישנא: זיי אַ מלך איבער אונדז,
מחמת מיר ווילן אַ מלכות פון רייד,
און ווער עס דבר׳ט מער פון אַלעמען —
אים וועלן מיר אַכפּערן,
קעכלען און באַלעווען,
קיין כבוד נישט זשאַלעווען.

האָט געענטפערט דאָס פראַנצויזל: טראַ־לאַ־לאַ,
קאָם־סי, קאָם־סאַ,
קעסקעסע, קעסקעסאַ.
פיף — פאַף,
האָלדער־ באָלדער,
עמפּעדאָקל...
און מיט די אייגעלעך אַ בליצל,
אַ קלונג מיט׳ן מיצל,
מיטן בערדל אַ שאָקל.

האָבן די לייט אים ס׳מיצל
אַרונטערגעוואָרפן פון קעפל,
אויפן קעפל אַרויפגעזעצט אַ קרוינדל,
וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך גרייט,
און אַוועק מיטן פאַרשווינדל
און געמאַכט אַ מלכות פון גאָלע רייד.

און ס׳איז דאָרט אַוועק אַן עבודה —
אַן עבודת־הפלוידער:
רויש־פּלויש, הוידע־בוידע,
גאָגל־מאָגל, גאָנער־גוידער,
בים־בום, ברום...
ווער ס׳האָט מער געפּלוידערט איז געווען מער גדול,
נאָר אַלע צוזאַמען
זיינען געווען כקליפּת־השום
אַקעגן דעם ירום־הודו, דעם פּראַנצויז.
יענער איז געזעסן מיטן קרוינדל אויפן קעפּל
און ס׳איז קיין סוף נישט געווען צום געפּרעפּל.
נישט געטרונקען, נישט געגעסן, ביינאַכט נישט געשלאָפן,
נייערט ס׳מויל געהאַלטן אָפן
און רק געצינגלט: קאָם־סי,
קאָם־סאַ,
מערסי
באָקו,
טראַלאַ־לאַ, אָ־לאַ־לאַ,
קוקורעקו,
און ווער ווייס וואָס נאָך.

אַזוי אַ וואָך נאָך אַ וואָך,
אַ חודש נאָך אַ חודש, אַ יאָר נאָך אַ יאָר — —
אַז מען שמועסט — אַ בריה אַ פאַרשווינדל!
די גלעקלעך, פריער אויף זיין מיצל,
האָבן איצט געקלימפּערט אויף זיין קרוינדל,
און ס׳בערדל איז באַפּוצט געווען מיט סטענגעלעך,
און מיט פינגערלעך ווי צווענגעלעך
האָט ער געהאַלטען זיין שרביט — דאָס לצישע שטעקל,
און אַ שר, אַ ממונה אויפן פּודערן,
האָט אים געפּודערט ס׳בעקל,
און אַ צווייטער האָט אים צוגעהאַלטן די פליודערן,
און אַ דריטער, אַ ממונה אויפן קיצל,

איז געשטאַנען און אים געקיצלט די פּיאַטע,
נאָר ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו לאַכן,
ווייל טאָמער וואָלט ער מפסיק געווען אַ מינוט —
איז קאַפּוט,
אויס מלך!

און די שענסטע פּלוידערזעק פון דער מדינה,
וואָס פון ווערטער מאַכן זיי
אַ וואַזשנע מישעניִנע,
זיינען דריי מאָל אַ טאָג
געפאַלן פאַר אים כורעים
און געפּלוידערט זיינע שבחים,
דהיינו, אַז ער איז דער גרעסטער חכם,
אַ גאָט איבער גאָטן,
מורא'דיק געראָטן,
און אַז זיי זיינען קעגן אים חמורים,
מחמת ער רעדט מער און רעדט גיכער
ווי זיי אַלע צוזאַמענגענומען.

און דריי מאָל אַ וואָך
איז אויך דאָס פּראָסטע פאָלק —
די פּלוידערזעק אָן אַ טיטל —
זיך צוזאַמענגעקומען,
צו הערן דאָס געקלינגל,
וואָס גייט פון מלכ'ס צינגל
גיך־גיך־גיך, לאָקשן־בוידעם־שאַלאַמויז,
און אַלץ אויף פראַנצויז.
אין לאַנד פון געפּלויש,
וואו ס'האָט געקיניגט דאָס פראַנצויזל,
וואָלטן זיי אַלע געפּלוידערט ביז איצט, —
האָלדער־באָלדער, אַ־וואָרט־אַ־מגילה, —
ווען נישט דער בעל־תפילה, דער האַר פון תיקונים.
ער האָט איר געגעבן תיקון,
יענער מלכות־הגאָוואָרילע.

אין דער מעשה איז שוין געווען אַזוי,
אויף דער וועלט דאַרף ערשט זיין אַזוי.
גאָט זאָל אונדז נאָר שיקן
במהרה דעם אמת'ן בעל־תפילה!

# בראַסלאַווער מאָטיוון

### א) דביקות־געזאַנג

קעגן גאָר דיין גלוסטקייט
זיינען נישט און פוסטיקייט
אַלע מיני גיהנם,
יעדער מין געפייניק.
וועמען אַרן פייניקער?
ס'איז דיין תענוג תענוג'ער
פון אַ יעדן תענוג,
פריילעכער פון פריילעך,
שייניקער פון שייניק!

### ב) חשבון־הנפש־ליד

מע האָט מיך פאַרמשפט צום טויט.
מע פאָרט מיט מיר צו דער תליה.
די פערדלעך בייט מען: אָט ווייס,
אָט שוואַרץ. אַ גוואַלד ווי זיי פליען!

ווייסע פערד — טעג. שוואַרצע פערד — נעכט.
שוין איינמאָל פערדלעך פאָטשטאָווע!
אַלץ קירצער דער וועג. סע וואַרט
די תליה — אַ שטילע סאָווע.

אָפשאַפן קאָן מיין טויט־שטראָף
דער קייסער, דער יושב־בסתר...
וואָס זשע בעט איך נישט רחמים?
וואָס בעט איך נישט ביים קייסער?
וואָס בעט איך נישט, וואָס בעט איך נישט
ביים קייסער?...

## די זעאונג פון יענטע דער נביאה

(אַ חסידישע מעשה)

ס'איז שטיין געבליבן יענטע, אין איר האַנט דער בעזעם.
ווי אַ גרויסער טויער
האָט דער הימל זיך געעפנט דעם קיכל קעגנאיבער,
אַ בלויער שבבלויער.

טוט שטראַלן די מרכבה און גאָט'ס כבוד זינגען
מיט פריידיקייט צעברויזטער
די שרפים, די אופנים און די חיות־קודש
אין דער בלוי דער בלויסטער.

טוט שטראַלן די מרכבה און אַלץ העכער, העכער
טראָגן זיך די לויבן,
און זי — אין קיכל שטייט זי, אָנגעלענט אָן בעזעם,
און זינגט מיט די פון אויבן.

זי זינגט מיט די פון אויבן און לויבט מיט זיי און אַכפּערט,
און ס'זינגען־מיט אַ זמר
אין קיכל אין דעם קליינעם די פּאָליצעס, דאָס טישטוך,
אַ שטול, אַ טאָפּ, אַן עמער.

און ס'מאַכט זיך צו דער הימל און שטיל ווערט אינ'ם קיכל,
און ליכט איז אויף איר וויע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און געווען איז דאָס די באָבע פון הייליקן ר' מיכל —
יענטע די נביאה.

## דער צאָן און דער ייד הקדוש

און ס'פלעגט דעם ייד בשעת דער תפילה
באַפאַלן אַזאַ יראה פאַר השם יתברך,
אַז אָט־אָט — און פון זיין גוף ווערט אַש־און־פאַרעך.
זיינע ציינער האָבן איינס אָן ס'אַנדערע געקלאַפּט,
ביז ער האָט ביסלעכוויז פאַרלוירן זיינע ציינער.
געבליבן איז בלויז איינער.
מאַכט דער ייד הקדוש: צאָן, דו צאָן,
דו איינער שטייסט דיר פעסט און יוסט,
ווי דו וואָלסט דיין בורא נישט געוואוסט.

רופט זיך אָן דער צאָן: איך בין אַ בעל־ביטחון.

ענטפערט אים דער ייד: דו צאָן,
דיך האָט די יראה נישט צעבראָכן.
האָסט דיך אַרויסגענומען פון דעם כלל
און פילסט עס נישט. ס'איז דיר אַ האָר נישט קשה.

פון דעמאָלט אָן
האָט דער ייד גערופן יענעם צאָן
דעם לעצטן, איינציקן: מיין רשע.

## דאַוועניען

אין שוואַרצן גאָרטן זיצן מיר באַהאַלטן.
ס'צאַנקט אין אַ וואָלקן דער לבנה'ס קנויט.
ווי אַ שפּירהונט זוכט־אַרום דער טויט
אונדזערע פאַרטאַיעטע געשטאַלטן.

משפחות גאַנצע זיצן מיר אויף פּעק.
עס ציטערן לייבער ווען אַ בלעטל פאַלט.
עס הילכט נאָך אין אונז אָפּ דעם טאָג'ס געוואַלד.
נאָך טאַנצן פאַר די אויגן עשו'ס העק.

נאָר ווען איבער די שוואַרצע ביימער גליט
דעם מזרח'ס שטילע טונקל־רויטע רויז,
הייבט זיך אויף פון צווישן אונדז אַ ייד,
פון די ותיקין, און לאָזט זיך גיין אין קלויז.
פאַגראַמען, נישט פאָגראָמען —
עס וואַרט די קלויז, און זאָל געלויבט ווערן גאָט'ס נאָמען.

## תורה

ס'האָט געזאָגט מיר אַ ייד פון דער שארית הפליטה,
אַ פּוילישער ייד:
אַלץ נאָך גלויבן אין גאָט — דאָס קאָנט איר דאָך נאָר... וואָרן
איר זייט ד אָ ר ט נישט געווען... איר וואָלט אַנדערש געוואָרן
ווען איר מאַכט דאָס אַלץ מיט.

כ'האָב געפרעגט יענעם ייד: אויב אַזוי, וואָס־זשע טראָגט איר
באָרד און פיאות? וואָס בלייבט אייך אָן גאָט? שטילערהייט
האָט געענטפערט דער ייד: ס'בלייבט די תורה, די תורה...
חוץ דער תורה איז אַלץ אויף דער וועלט מרה־שחורה...
תורה איז — עולם הזה... די איינציקע פרייד...

און דער יאוש, וואָס האָט זיינע ווערטער באַגלייט,
איז געוואָרן אַ שטראַליקער יאוש.

## פּאַרקערטער גילוי אליהו

אין קאָך פון יאַריד זאָגט צום תלמיד דער בעש"ט:
זעסט דאָרט דעם זקן, וואָס וואַרט אויף אַ רעשט?
ער וואַרט נישט אויף רעשט און עס האָט אים דער מוכר
קיין זאַך נישט פאַרקויפט. יענער זקן דער הויכער
מיט לאָקן מיט גראָע — דאָס איז אליהו,
אליהו הגלעדי, אליהו התשבי.
און דער־דאָרט, פאַרלוירן ווי אַ תינוק־שנישבה,
דער קליינטשיקער, עלנטער, חושכ׳דיק־דאַרער,
וואָס איז ביי דעם ליידיקן וואָגן מהרהר,
פאַרקויפט נישט קיין זאַך און קוקט שטום, אָן אַ דיבור,
צום זקן דעם הויכן, וואָס שטייט קעגנאיבער, —
וואָס טראַכסטו פון אים?
מאַכט דער תלמיד בדחילו:*)
דער ייד האָט אַ גילוי אליהו... אַ גילוי
אינמיטן דעם מאַרק...

גאָרנישט ענטפערט דער בעש"ט.
נאָך טאָג און יאַריד, ווען דער הימל פאַרלעשט
די לעצטע שטורקאַצן אין מערב־אַש גראָען,
דערלאַנגט ער אַ זאָג, ווי דערמאָנט זיך: פּ אַ ר ק ע ר ט!
דאָס קליינטשיקע נסתּר׳ל, שוואַרץ ווי די ערד,
האָט אים זיך נתגלה געווען... אליהו׳ן...

## ח ד  ג ד י א

### א

זאָגט דער רבי: איינס ווייס איך.
חד גדיא, חד גדיא — דאָס ציגעלע דאָס ווייסע!
און ער דערציילט לכבוד פּסח
די חסידים אַ מעשה.

### ב

האָט אַ פאַסטעך אַ ציגעלע.
שוין איינמאָל אַ ציגעלע!
ווייס ווי אַ פליגעלע
פון אַ כרוב׳ל.

---

*) בדחילו — לייען: בידחי׳לע; גילוי — לייען: גילע.

פאָרט פאַרביי אַ פּריץ,
אַ שטיק מנוול,
געשטופּלט ווי אַ זיפּ,
מיט אַ גראָבער ליפּ
פון אַ זולל־וסובא,
מיט אַ הויכן כובע,
מיט דראָטענע וואָנצעס.
ער שפּרינגט אַראָפּ פון קאָטש,
נעמט אַרויס אַ פּאָר קאַרבאָנצעס
און ברומט: אַהער דעם הונט!
כ׳האָב געוואָרפן אויף אים אַן אויג.
ער טויג
צו גיין מיט מיר אויף פּאָלעוואַניע.

מאַכט דער פּאַסטעך: „יאַשניע פּאַניע,
פון ווען אָן איז אַ ציגעלע אַ כלב?
דאָס ערשטנס. והשנית —
שיין איז
מיין ציגעלע־קרוין!
זאָלסט באַדאַי געבן אלף
אלפי אלפים גילדוין,
קריגסטו עס נישט בשום אופן.
ס׳איז נישט צו פאַרקויפן.
אַ הירט דאַרף אַ ציגעלע — און ס׳אייגענע צוריק;
מיר זיינען ווי אַ שטייגער אַ פידל מיט אַ סמיק.

ווערט דער פּריץ רויט ווי אַ צוויק,
נעמט שרייען אומגעהאַריש
און גיט פון כעס אַ פּליק
די אייגענע וואָנצעס:
דערצייל נישט קיין שמאָנצעס
און מאַך דיך נישט נאַריש!
איז מיין נאָמען נישט פּריץ, באם איך קריג נישט
אָט דעם הונט, וואָס איז קיין ציג נישט.
וועלכער כלב וועט קומען צו זיינע קנעכל?
פּאַכאָלעק איינער, איך באַשיץ אים
און איך היט אים און איך קעכל,
ווי ס׳איז דער פּיר ביי פּריצים.
אין די טעג,
ווען ער באַגלייט מיך נישט אויף געיעג,

זיצט ער ביי מיר אויבנאָן
גאָרנישט ווי קיין הונט,
נאָר מעשה גאַלאַגאַנער האָן,
און מע דערלאַנגט אים גאָלע מאַרצעפּאַנעס,
און טאָמער ניסט ער
מוזן ביי מיר שרייען אַלע פּאַנעס:
צום געזונט, יאַשניע פּאַניע מיניסטער,
צום געזונט!
ער דאַרף נאָר ביי זיך פּועל'ן,
אַז ער איז דעם פּריץ'ס הונט,
נישט אַ פּאַסטעכ'ס ציגל־מיגל־מע.

מאַכט דער פּאַסטעך: און אַז נישט?

שרייט דער פּריץ: טאָמער נ י ע —
איז נישטאָ קיין נסים!
נעם איך און איך שיס אים!
ער ווערט ביי מיר אַ מת,
אָט דער פּאַסקודנער שוואַרצער פּיעס,
וואָס דו זאָגסט, ער איז אַ ציגעלע אַ ווייס.

מאַכט דער פּאַסטעך: כ'זאָג איבעראַנייס,
אַז ווייס איז נישט שוואַרץ און שוואַרץ איז נישט ווייס.
דאָס ציגעלע איז נישט קיין כלב בשום אופן,
און כ'קאָן עס נישט פאַרקויפן,
ווייל ס'האָט נישט קיין פּרייז.

זאָגט דער פּריץ: ווייסטו וואָס?
זאָל עס, פּאַסטעך, זיין אַ גאַנדז.
וויפיל ווילסטו פאַר דער גאַנדז?
לאַכט דער פּאַסטעך: טאַנץ,
פּריץ־לעב, פון היינט ביז מאָרגן —
איז אַ ציגעלע נישט קיין גאַנדז.
וואָס טויגן מיר די מאַניפאָרגן?

שפּרינגט אַזש דער פּריץ פון גרויס חרון־אף:
וואו איז מיין ביקס? אָט מאַך איך פּיף־פּאַף!
אַז איך, דער פּריץ, זאָג
אויף שוואַרץ ווייס, אויף נאַכט טאָג,
ווער אַ קנעכט זיך דערוועגן
צו ריידן אַקעגן?
וויפיל ווילסטו פאַרן פּיפּערנאָטער, כאַם?

זאָגט דער פּאַסטעך: נאָר אָן טאַראַראַם!
יאַשניע פּאַניע, ס'איז נישט קיין נאָטער.
גוואַלדעוועט דער פּריץ: וויפיל ווילסטו פאַרן קאָטער?
כ'דאַרף אים אַ מתנה פּאַר מיין שיקסל.
כ'וואָלט שוין לאַנג געוואָרן דיינער פּטור,
האָב איך גראָד נישט ס'ביקסל.

אמר הרועה — האָט געזאָגט
דער פּאַסטעך: פּאַניע, ווייס בלייבט ווייס,
ס'ווייסע ציגעלע האָט נישט קיין פּרייז,
און פון היינט ביז מאָרגן טאַנץ —
איז עס פּאָרט נישט קיין נאַרישע גאַנדז,
נישט קיין בייזער הונט, קיין גיפטיקער נאָטער
און נישט קיין גע'פגר'טער קאָטער.
דיין יעדער זאָג
איז קרום ווי אַ האָקן,
און טאָג איז נישט נאַכט, און נאַכט איז נישט טאָג,
און מע דאַרף דיך הענגען אויף אַ פלאָקן.

ברילט דער פּריץ: אָט גיי איך, אָט פאָר איך
נעמען די ביקס — און איך מאַך פון דיר פּאָרעך!
דיינס וועט זיין מיינס, פּאַסקודנער פּאַכאָלעק!

שפּרינגט ער אַריין אין זיין קאָטש, דער עמלק,
און דער פּאַסטעך נעמט ס'ציגעלע,
האַלט עס אין שויס
ווי אַ קינד אין אַ וויגעלע —
און פּאַרציט אַ ניגעלע:
חד גדיא, חד גדיא!
ווי קאָן איך דיך פּאַרקויפן,
אַז אונדזער בעל־הבית
האָט געטאָן דיך קויפן
בתרי זוזי, זוזי תרי —
מיט לוחות צוויי!

טרויערט ס'ציגעלע: מיין אויג
טוט זיך אין טרערן באָדן.
וואָס דאַרף דער בייזער פּריץ?
וואָס וויל פון מיר דער אָדון?
זאָגט דער פּאַסטעך: סוף כל סוף
וועט מען אים באַגראָבן,

נאָר בעוונותינו דאַרף אים
דער בעל־הבית נאָך האָבן.
מיט כל הסאָרטן ליגן,
מיט פאַרטלען כל המינים
וויל ער דיך קריגן,
נאָר ס'איז אַלץ בחינם.

און ער קושט דאָס ציגעלע ווי אַ מזוזה
און זינגט באהבה רבה:
חד גדיא דזבין אבא
בתרי זוזי, בתרי זוזי!

ג

ווערט דער פריץ שלאַף מסוכן.
מחמת וואָס?
מחמת רשעות און קאַפּויער.
מלא טרויער
ליגט ער אויפן רוקן
און וואָס ווייטער ווערט ער שוואַכער.
ס'העלפן נישט קיין טאָטער און קיין זנאַכער.

פלוצלינג הייסט ער שיקן נאָכן הירט פון הערט.*)
איר הערט?
ס'איז חוץ דעם פאַסטעך קיינער נישט פאַראַן,
וואָס קאָן ראַטעווען דעם יאַשניע פאַן.
קומט דער פאַסטעך. זאָגט דער פריץ:
הירט פון ציגעלע דעם ווייסן,
כ'וויל, דו זאָלסט מיך שמייסן
און מיר געבן אַ פאַרטייטש
מיט דיין בייטש,
אַז וואָס ווייס איז טאַקע ווייס,
און אַז דאָס ציגעלע האָט נישט קיין פרייז;
און אַז נאַכט איז נישט טאָג און אום איז נישט גראָד,
און אַז אַלץ וואָס איך זאָג איז קרום ווי אַ האָקן,
און אַז ברעכן דאַרף מען מיך אויף אַ ראָד.
זאָלסט מיך האַקן, זאָלסט מיך בראָקן,
ווייל ד אָ ס איז מיין מחלה, הירט פון דעם הערט,
וואָס ביי מיר איז אַלץ פאַרקערט.

*) הערט — סטאַדע.

איז אַז דו וועסט מיט שמיץ מיך נויטן
צו זאָגן פאַרקערט פון דעם פאַרקערט,
וועלן מיך, חלילה, די שמיץ נישט טויטן,
נאָר אדרבא, פונקט פאַרקערט:
ס'וועט איז זכות פונעם ביסל אמת

אָפּטאָן זיך פון מיר די מחלה
און ווידער וועל איך זיין
אַ פּריץ אויף מיין נחלה,
און, ווי מיין טבע, איבעראַנייס
אויף טאָג זאָגן נאַכט
און אויף שוואַרץ זאָגן ווייס.

— אַהאַ, — רופט אויס דער פאַסטעך, איך פאַרשטיי דעם פּלאַן!
כ'באַנעם עס!
ביסט אַ כיטרער יאַשניע־פּאַן.
ווי נאָר אַ קרענק — איז אַביסל אמת!
דו טראַכסט זיך: כ'נעם עס,
דאָס ביסעלע אמת, און איך מיש עס
אַריין אין מיין קרענק יעדעס מאָל פונסנייַ —
און ווידער שקר, ווידער רשעות.
טאַקע אמת, נאָר מיט אַ תנאי!
אחטא ואָשוב!
ביסטו לעת־עתה טאַקע חשוב,
ווייל בעוונותינו הרבים
דאַרף מען דיך נאָך האָבן,
נאָר גלויב מיר: ווערסט סוף־כל־סוף באַגראָבן
טיף, גאָר טיף אין די מעמקים.
טאָ ווער געשוונדן
(ער איז מיט דער בייטש מקיים פסק אים)
און זאָג טאַקע אין געהאַקטע וואונדן:
ווייס איז ווייס,
און ציגעלע־מיגעלע האָט נישט קיין פּרייז,
און נאַכט איז נישט טאָג און אום איז נישט גראָד,
און ברעכן דאַרף מען מיך אויף אַ ראָד,
און ווען נישט ס'ביסל אמת פון צייט צו צייט
וואָלט שקר שוין לאַנג די ערד געקייט,
און דער סוף וועט זיין, אַז שקר קראַפּירט —
און דו מיט אים, און ס'וועט לאַכן דער הירט
און טאַנצן וועט ס'ציגעלע דאָס העלע,
אָמן סלה.

ד

פון די געבראָטענע שמיץ די געברענטע
איז דער פּאַרריסענער גויעץ
פאַרגאַנגען אין יאָמער ווי אַ יענטע
(צי ווי, להבדיל, אַ סטאַדע קעץ)
און קוויטשיק־דין
אויסגעיאָמערט זיין הודאת בעל דין —
און געבליבן לעבן.

גייט די מעשה אַרויס, גייט די מעשה אַריין,
טוט זי זיך מעשה'נען אָבער און ווידער;
אַ פּאַרצע אמת־קלעפּ נעמען איין
דעם פּריצ'ס שקר'דיקע גלידער —
און אַזוי טוט דער פּריץ לעבן און לייבן.
נאָר וואָס דען? נאָכן לעצטן יום הדין
וועט שוין קיין דעך פון אים נישט בלייבן,
נישט פון אים און נישט פון זיין מין.

און יענער פּריץ איז סמאל,
דער בייזער ביטערער עמלק,
דער פאַסטעך איז דער צדיק, דער הירט פון ישראל,
און ס'ציגעלע (כמובן מאליו) ישראליק,
אַ גדיא'לע אַ קליינס,
איינס שבאיינס,
חד גדיא, חד גדיא,
גאָט'ס נחלה און אחוזה,
געקויפט בתרי זוזי,
בזוזי תרי —
מיט לוחות צוויי!

## דאָס יאָר 1492: אַ היסטאָרישע פאַנטאַזיע

דאָן יצחק אַברבנאל:

שפּאַניע פאַרטרייבט אונדז. ס'וואַרטן שוין די שיפן.
דער צלם טאַנצט אין טאָרקוועמאַדאַ'ס האַנט.
פרום קניט די צביעות'דיקע איזאַבעלאַ.
ס'פאַרמעגן אונדזערס רויבט אַוועק דער קלויסטער.
מיר לייגען דיך אין חרם אַריין, שפּאַניע!

בלייב אייביק טמא, טאָרקוועמאַדאַ׳ס לאַנד!
מיר שווערן אַלע, אַז פון איצט ביז אייביק
איז הונדערטמאָל פאַרשאָלטן און פאַרוועט —
פאַר גאָר דעם שטאַם דעם יידישן — דיין ערד.
וועסט בלייבן אַן אלמנה צווישן פעלקער
פון וועגן אונדזער אומגליק. דיין געניק
וועט ברעכן גאָט. און פייניקט דיך חרטה
און רופסטו אונדז — מיר קומען נישט צוריק.

לואיס דע־טאָרעס (צום עולם):

איר האָט געהערט. הויבט אויף די הענט און שווערט.

שטימען:

מיר אַלע שווערן, אַז פון איצט ביז אייביק
איז הונדערטמאָל פאַרשאָלטן און פאַרווערט
פאַר קינדער פון ישראל שפּאַניע׳ס ערד.

אברבנאל:

אָמן! פון קינד צו קינד, פון דור צו דור,
פון לאַנד צו לאַנד זאָל פלאַטערן די שבועה.
געדענק, ישראל! ווי, אויב דו פאַרגעסט!
מיר זיינען דאָ נאָר געסט געווען, נאָר געסט.
געבויט האָבן די אבות שפּאַניע׳ס הויז,
ווי ס׳וואָלט דאָס לאַנד געווען דאָס נייע ציון.
און פּלוצלינג — אויס! זיי יאָגן אונדז אַרויס.
די קלויסטער־גלאָקן יובלען איבער שפּאַניע.
איר הערט די שמחה? יעדער גלאָק זאָגט איינס:
ס׳איז נישט קיין היים געווען, נאָר אַן אַכסניא.

שטימען:

פאַרוואָס, דאָן יצחק, קומט עס אונדז? פאַרוואָס?

אברבנאל:

עס קומט אונדז, ברידער. שפּאַניע בלייבט פאַרשאָלטן
פאַר רשעות, נאָר — גאָט׳ס משפט איז גערעכט.
גערעכט איז גאָט אין אַלע וועגן זיינע.
וואָס שמייכלסטו, דע־טאָרעס?

דע־טאָרעס:

ס׳איז געוויין!
מיין שמייכל איז אַ שטום געוויין, דאָן יצחק.

פֿאַרוואָס זאָל הבל מיינען, אַז עס קומט אים
צו זיין דער קרבן פון זיין ברודער קין?

אברבנאל:

פֿאַרשטיי: מיר זיינען קינדער פון דעם מזרח,
און אונדזער זינד די שווערסטע איז געווען
דעם מזרח אויפ'ן מערב צו פֿאַרבייטן.
וואָס האָבן מיר דערגרייכט אין אדומ'ס לענדער?
האָב און גוטס — פֿאַר וועמען? הויז און היים —
פֿאַר וועמען? וויינגערטנער געפֿלאַנצט — פֿאַר וועמען?
נישט מיר וועלן דעם וויין טרינקען, נישט מיר.
די קברים פון די טייערסטע — אויך זיי
פֿאַרלאָזן מיר אין שפּאַניע'ס ערד אויף אייביק.
אויף פרעמדער ערד גאָט'ס ליד צו וועלען זינגען,
איז זינד, דע טאָרעס. און איצט קומט די שטראָף.

דע־טאָרעס:

ווען איך בין גאָט, פֿאַראַכט וואָלט איך די קנעכט,
וואָס טענה'ן אייביק, אַז איך בין גערעכט.

אברבנאל:

וואָס לעסטערסטו? צום מזרח לאָמיר גיין,
צוריק צום מזרח. איך וועל זיין דאָס אויג,
און דו, דער שפּראַך־קענער, וועסט זיין די צונג.

דע־טאָרעס:

עס איז די צונג נישט מסכים מיט'ן אויג.
נישט דאָס, דאָן יצחק, איז דער וועג. די שונאים
באַגערן פון דער וועלט אונדז צו פֿאַרטרייבן.
פֿאַרוואָס־זשע זאָלן מענטשן פֿאָלגן שלאַנגען?
צום מזרח גיין הייסט טאָן וואָס זיי פֿאַרלאַנגען.

אברבנאל:

ניין, אָן ירושלים איז, דע־טאָרעס,
נישטאָ קיין וועלט. אַהינצו גייט דער וועג.
ירושלים איז די וועלט, דע־טאָרעס.

אַ שטים:

דער וועג צום מזרח — דורכ'ן מערב פירט ער.

אברבנאל:

ווער רעדט עס? איז אַ פרעמדער צווישן אונדז?

קריסטאָפער קאָלומבוס:

איך, אַדמיראַל קאָלומבוס,
צום מזרח וויל איך גרייכן דורכ'ן מערב.
אויף אָפּפאָר וואַרטן מיינע שיפן דריי
אין זעלבן האַפן, וואו עס וואַרטן שיפן
צו פירן אייך אין אומבאַקאַנטער פרעמד.
פאַרנעמט:
עס ליגט אַ וועלט אַ נייע, אַ צעשטראַלטע,
הינטער'ן רוקן פון דער וועלט דער אַלטער.
מיר וועלן אויפדעקן אַ נייעם מערב
העט ווייט, הינטער דעם מאַרע טענעבראַרום —

אברבנאל:

און וואָס דערנאָך?

קאָלומבוס:

דערנאָך וועלן מיר קומען
מיט מערב־גאָלד, מיט מערב־אוצרות נייע,
צום אַלטן מזרח. ס'איז די ערד אַ קרייז,
און ס'מוז דעם מענטשנ'ס גייסט, ווי זי, די ערד,
אַ קרייז טאָן און דעם קרייז דעם גרויסן שליסן.
ערשט דענסטמאָל, דענסטמאָל קומט דאָס גרויסע וויסן.

דע־טאָרעס:

אַ נייע וועלט — אויף דעם האָב איך געוואַרט.
אויב אונדז פאַרטרייבט די מערבדיקע שפּאַניע,
לאָמיר זשע נאָך מערב'דיקער פאָרן.
געגריסט זיי, אַדמיראַל מיינער, געגריסט!

אברבנאל:

אומזיסט איז, אַדמיראַל, דיין מי — אומזיסט!
עס האָבען דיינע הערשער, אַדמיראַל,
פאַרווערט אונדז מיטצופאָרן. האָסט פאַרגעסן?
מיר זיינען יידן.

קאָלומבוס:

יידן טאָרן נישט;
דאָך די, וואָס נעמען אָן אונדזער אמונה,
זיי מעגן יאָ. צו קריגן מער מאַטראָסן,
האָבן פערדינאַנד און איזאַבעלאַ
באַוויליקט: ווער ס'ווערט קריסט — דער פאָרט מיט מיר.

אברבנאל:

האָט טאָרקוועמאַדאַ דיך געשיקט? מיט וואַסער,
מיט טויף־וואַסער פאַרמעסטו זיך צו לעשן
די פייערן פון סיני?

קאָלומבוס:

ניין, ס'וועט סיני
אין אייביקייטן גליען. ס'קענען ים'ען
נישט אויסלעשן די ליבע צווישן גאָט
און אייך. נאָר איצט — דערווייל — מוז גיין דער וועג
צום מזרח דורכ'ן מערב. שמע ישׂראל!
פאַרנעם די רייד קאָלומבוס'עס — און קום!

אברבנאל:

ביסטו קיין קריסט נישט, אַדמיראַל?

קאָלומבוס:

וואָס רעדסטו?
געוויס בין איך אַ קריסט. און אויך סאַנטאַנכעל,
דער קאַנצלער, איז אַ קריסט, כאָטש שטאַמען שטאַמט ער
פון ברידער, — ניין, פון אייך, פון יידן מיין איך.
און דער, וואָס פאָרט מיט מיר, וועט מוזן ווערן
אַ קריסט אַזאַ ווי איך און ווי סאַנטאַנכעל.

דע־טאָרעס:

אַהאַ, איך האָב דאָס רעטעניש געטראָפן.

אברבנאל:

מיר בלייבן יידן. ס'איז גאָט'ס בכור ישׂראל —
דעם פאָטער זיינעם וועט ער נישט פאַרראַטן.

דע־טאָרעס:

איך פאָר! כ'וועל זיין דער דאָלמעטשער. כ'קען שפּראַכן.

נאָר כ׳בין אויך גרייט אַ וועכטער זיין, קאָלומבוס, —
דיך און דיין גרויסן חלום צו באַוואַכן.
איך פאָר!

קאָלומבוס:

דיין האַנט גיב, ברודער מיינער ליבער!
ווער וויל דעם ביישפּיל נאָכטאָן פון דע־טאָרעס?
עס וואַרט אַ נייע וועלט! יבשות וואַרטן
ווי יונגפרויען העל־אויגיקע און ווינקען
פון ווייטקייטן אַפער. עס ווילן זונען
אייך אָנטאָן קרוינען אויף די קעפּ. נישטאָ קיין קייטן —
עס שמידט זיי דאָרט נישט איינער פאַר׳ן צווייטן —
נישטאָ קיין קייטן און נישטאָ קיין טרערן.
עס וואַרט אַ וועלט.

דע־טאָרעס:

אָ, פיר אונדז, אַדמיראַל!
ווער — מיט׳ן כח פון אַ וועלט אַ נייער —
פון אַלטע קאָנטינענטן דער באַפרייער!
באַפריי אונדז, אַדמיראַל!

אברבנאל:

ירושלים
איז די באַפרייאונג. און די וועלט די נייע
איז די, וואָס ווערט נישט אַלט, ווייל זי איז אייביק.
ווי צו די אויערן, וואָס הערן דיך, דע־טאָרעס!
אַ גוי צו ווערן — דאַרפסטו דאָך נישט פאָרן
אויף ימ׳ען. קענסט אַ געצנדינער זיין
אין טאָרקוועמאַדאַ׳ס לאַנד.

דע־טאָרעס:

איך בלייב דערזעלבער וואָס איך בין, דאָן יצחק.
איך וויל נאָר אויסטרעטן אַ נייעם וועג.

אברבנאל:

ביזט אונדזער צונג נישט מער. געהערסט צו זיי.

(פויזע)

די תורה רעדט די שפּראַך פון אַלע שפּראַכן
און זאָל זי אונדזער צונג זיין צווישן פעלקער.

כי היא חכמתכם ובינתכם, שטייט.
די תורה וועט שוין ריידן!

(גלאָקן־קלאַנג)

פריי זיך, שפּאַניע!
דאַנק טאָרקוועמאַדאַ׳ס גאָט פאַר אונדזער בראָך!

(צום עולם)

דעם זיג פון שקר שאַלן־אויס די גלעקער.
די גויים פרייען זיך מיט זייער רשעות.
לאָמיר זשע, מיר קינדער פון אברהם,
זיך פרייען, וואָס מיר האָבן נישט פאַרלאָזט
דעם גאָט דעם איינציקן, דעם גאָט דעם וואָרן;
וואָס ריין פון רויב און מאָרד איז אונדזער האַנט;
וואָס נישט די שלעגער זיינען מיר און יעגער,
נאָר די געשלאָגענע און די געיאָגטע.
דורך טרערן, טויט און טרויער לאָמיר גרייט זיין
קיין ירושלים גיין — און דאָס,
יאָ, דאָס אַליין זאָל אונדזער פרייד זיין.
אויב פאַלן איז באַשערט אונדז אויפ׳ן וועג —
קומען מאָרגן אָן אַהין די זין,
און פאַלן אויפ׳ן וועג אונדזערע קינדער,
קומען אָן די קינדס־קינדער אַהין.
גאָט הייליקט זיך דורך אונדז און מיר דורך אים.
ברוך אתה, אדני,
מקדש ישראל — — —

שטימען:

ברוך אתה, אדני,
מקדש ישראל — — —

קאָלומבוס:

אָמן.

אברבנאל:

האָסט דעם אָמן
געזאָגט ווי אונדזער איינער, אַדמיראַל.

קאָלומבוס:

אַן אַנדערער אין מיר האָט אים געזאָגט,
אַן אוראַלטער אין מיר. איר ווילט נישט מיטגיין,

טאָ נעמט כאָטש מיט די טרערן מיינע, כ'בעט אייך!

אברבנאל:

מיר דאַרפן קיינעמ'ס טרערן נישט, קאָלומבוס.

קאָלומבוס:

דאָס זיינען אָבער טרערן נישט קיין פּראָסטע.
זיי זיינען פון דעם סאַמע עלטסטן יחוס.
פאַרגאָסן האָט מען זיי אויף בבל'ס טייכן.

אברבנאל:

אויף בבל'ס טייכן נאָך? אַצינד פאַרשטיי איך.

קאָלומבוס:

ווער עס פאַרשטייט איז קלוג. און ווער ס'איז קלוג —
דער שווייגט.

אברבנאל:

כ'וועל שווייגן, אַדמיראַל, כ'וועל שווייגן.
נאָר אין דער שטילסטער טיפקייט פון מיין האַרץ
וועל איך זיך אומקערן צו דיינע רייד נישט איינמאָל.

קאָלומבוס:

קיין ירושלים פירן אַלע וועגן.
נאָר א י ך וויל גיין אַהין אַרום דער וועלט,
און דו — גייסט גלייך.

אברבנאל:

דער בעסטער וועג, קאָלומבוס,
איז אַלעמאָל דער גלייכער.

קאָלומבוס:

אַ וועג אַ גוטער, אָבער נישט קיין רייכער.

אברבנאל:

וואָס גוט, איז רייך. דער וועג צו גאָט איז פשוט.

קאָלומבוס:

צענויפברענגען דעם מערב מיט'ן מזרח,
עק וועלט צענויפבאַהעפטן מיט עק וועלט —
אָט דאָס באַגער איך.

אברבנאל:

פרעמד איז מיר דיין דרך.
וואָס גאָט צעשיידט, זאָל נישט צענויפברענגען דער מענטש.
נאָר בענטשן וויל איך דיך: זאָל גאָט דיר העלפן
אויף דיין גאַנג צום מערב.

קאָלומבוס:

דיר זאָל העלפן גאָט
אויף דיין גאַנג צום מזרח.

דע־טאָרעס (חלומ'דיק):

ס'קומט אַ צייט —
און וויסן וועט מען, אַז דער ייד דע־טאָרעס
איז פון זיין אַלטער אומה נישט אַנטלאָפן.
אויך דאָרט, אין ווייטן מערב פון דער וועלט,
אויך דאָרט, דאָן־יצחק, וועלן לעבן יידן.

קאָלומבוס:

אַ טאָג וועט זיין — און ס'טרעפן זיך די וועגן.
ס'גיט מערב זיך מיט מזרח אַ באַגעגן.
דע־טאָרעס, לאָמיר גיין.

# אַרמילוס

## א

איך בין אַרמילוס.
כ'וויל אונטערצינדן שטעט און טויטן תפילות.

איך בין די טומאה.
כ'ברעך אויס ווי ערד־טרייסלונג, באַפאַל ווי דזשומע.

איך בין אַרמילוס —
די פרוכט פון גאַנצע דורות קראַנקע צביעות
און פינסטערע רגילות,
קונסט סיפיליטישע און בלעמ'שע נביאות.

---

סאַנטאַנכעל — אַקצענט אויף צווייטער זילב; דע־טאָרעס — לייען טארעס מיט אַקצענט אויף ערשטער זילב.

איך בין די פייער־קויל, די לעצטע פון די קוילן,
וואָס האָט בסוד געברענט אין אייער אַש.
וואָס איר האָט אין ווערטער־מענטעלעך פאַרהוילן
רייס איך אַראָפּ ווי אַ באַנדאַזש.

איך בין דער גייסט, וואָס האָט גענאַרט די ניצשעס:
נישט זאַראַטוסטראַ, נאָר אַרמילוס הייס איך.
אַמאָל האָב איך באַדאַרפט זיך אָנטאָן אין מליצות,
היינט זאָג איך אָפן: בלוט — און מאָרדן הייס איך,
פאַרניכטונג — מיין באַפעל! עס איז מיין וואָרט,
מיין וואָרט דאָס איינציקע, דאָס קאַרגע:
הרגע!
כ'רוף אויס צושטערונג! ס'איז מיין יום־טוב — מאָרד!

איך בין די לעצטע פינסטערע אַנטפּלעקונג:
אַלץ הויבט זיך אָן אין בלוט —
אַלץ מוז זיך ענדיקן אין בלוט!
באַוועגונג וויל איך! און דעם סוף אַנטקעגן
קום איך אייך באַוועגן!
בלוט פליסט און קערפּער רוט —
טויט דעם קערפּער! גיט מיר בלוט!

## ב

איך בין אַרמילוס.
איך זאָג נישט צו נישט ברויט, נישט פרייהייט,
כ'זאָג־צו נאָר טויט — און מענטש ווי פאָלק
הערט מיך אויס און שאַלט: אָ, פריער דו, אַרמילוס,
פיר נאָך זיך — איך פאָלג!

מיין זאָג איז וואָגיק און איז שלאָגיק.
אין שלאַכטן שיק איך אייך מיט פייער־פרייד אין אויג,
אויף דעם מלחמה־פעלד פון גוג
און מגוג.

און — איר גייט!
איך בין די שווערד, וואָס איז אַרויס פון אַ באַגילטער שייד,
דער אמת, וואָס האָט געלויערט אויפן דנאָ פון רייד.
אַזוי לאַנג האָט אייער גלויבן
געלעסטערט אַלע געטער,
אַזוי לאַנג האָט אייער קונסט געפּראַוועט זנות

מיטן טייוול מיין פעטער,
אַזוי לאַנג האָט ער אויף זיך אַליין
גערעדט משוגענע רכילות,
ביז איך בין אין גאָרער גרויס אַרויס,
איך, אַרמילוס!

אייער טויט — איך דאַרף אים!
אייער בלוט — איך וויל עס!
איך האָב צעריסן אַלע הילעס,
איך בין דער גילוי איבער גילוי'ס, —
איך, אייער לעצטער האַר, אַרמילוס!

ג

ווער שטייט דאָרט אין ווינקל און וואַגט נאָך צו פּרעפּלען
אַ תפילה?
ווער איז דער נאַר, און וואָס שפּרייט ער די נאַקעטע הענט
צו הימלען, וואָס ווילן נישט וויסן שוין מער פון מחילה?
נאַר איינער, גאָט וועט שוין סיי־ווי נישט ענטפערן!
סדום מוז ווערן פאַרברענט,
סדום מוז פאַרלענדט ווערן!

טויט
ליגט די געפּלאַצטע געדולד.
רויט
האָט געצייטיקט די שולד,
הענגט
צוקאָפּנס פון סדום,
בענקט
נאָך אַ האַנט, וואָס פליקט
און וואַרפט זי אין תהום.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און די האַנט — בין איך!
איך, אַרמילוס, בין די האַנט!

ד

— מיין נאָמען איז בן־יוסף;
איך בין די זילבערנע לאַם.
— און איך, דו נאַר, בין אַרמילוס!
איך, דו נאַר, בין דער פלאַם!

— איך ווייס דו ביזט אַרמילוס.
עס דינען דיר גרויס און קליין.
איך ווייס, דיין נאָמען איז: אַ ל ע,
און איך — איך בין אַ ל י י ן.

— טאָג גיי מיט מיר ווי זיי אַלע,
גיי מיט מיר צום סוף!
איך בין די לעצטע אַנטפּלעקונג,
נישט דאַוון און נישט האָף!

— דו ווילסט, כ'זאָל דיר העלפן טויטן?
איך הרגע נישט קיינעם. גיי!
איך וועל מיט דיר נישט מיטגיין,
איך קאָן נישט זיין ווי זיי.

איך זע: דו ווילסט מיך שטעכן.
דו הויבסט אויף מיר דיין שפּיז.
ווי קאָן איך מיך שטעלן אַקעגן?
דו ביזט דער אייזערנער ריז.

איך קאָן נישט ראַטעווען קיינעם,
אפילו נישט זיך אַליין.
איינס נאָר קאָן איך באַווייזן:
מיט דיר און מיט זיי נישט גיין.

דו קענסט מיך צו זינד נישט נויטן.
כ'טראָג זון אין מיין געביין.
און אַז דו וועסט מיך טויטן —
וועט קומען ב ן ־ ד ו ד צוגיין.

בן־דוד'ן קאָנסטו נישט טויטן.
נישטאָ קעגן אים קיין געווער.
נישט דו ביסט די לעצטע אַנטפּלעקונג —
די לעצטע אַנטפּלעקונג איז ע ר !

## ה

דו לאַכסט, אַרמילוס? דו גלויבסט נישט?
דו שטשירעסט די ציינער פרעך?
טאָ הער, וואָס איך, בן־יוסף,
זאָג דיר, און נאָכדעם — שטעך!

אַז איך, די לאַם, וועל שטאַרבן,
וועט גייסט זיך אַנטאָן אין מאַכט.
אין ליכט איז בן־דוד דאַסזעלבע,
וואָס דו — אין בלוט און אין נאַכט.

בן־דוד קומט פון דער מיט
פון מיין, בן־יוסף'ס, אומה.
זיין געטלעכער דינאַמיט
רייסט אויף דיין טיפסטע טומאה.

ער, דער רשע מרושע
פון דער לעצטער קדושה,
דער הייליקער באַנדיט,
ער שניידט מיט מאַכט זיין שניט —
און מאָנט אויף די לעצטע ירושה.

וואַרשע, 1931

## נצחיאל

כי עת צרה היא ליעקב
וממנה יושע.

אין שפעטער נאַכט פון טיפןווינטער
בין איך שטיל איבער אַ בוך געזעסן,
געלייענט פאַרצייטישע געשיכטעס —
ערשט מיטאַמאָל האָב איך דערזען פאַר זיך
אַ הויכן זקן אין אַ טלית,
מיט אַ באָרד אין דער קרים, ווי פון שטורעם געשמיסן.
טרערן האָבן געבלוטיקט אין זיין לינק אויג,
זון איז געווען אין זיין רעכט אויג,
זיין טלית איז געווען צעריסן,
און גערעדט האָט ער אַזויערנאָך:

„פאַר גויים בין איך אַן אַהאַסווער,
בין אַ סאַדיסטישע לעגענדע זייערע.
מיין נאָמען דער אמתער איז ניצחיאל;
איך בין אַן אײביקער און אַ געבענטשטער
מיט אומגליקן, וואָס זיינען גליקליכער ווי גליק.

---

אַרמילוס — לייען: אַרמי'לעס; גראַמט זיך מיט:
רגילות — רעגי'לעס, גילוי'ס — גי'לעס.

מיך שטראָפט נישט גאָט פאַר זינד;
ער שטראָפט דערפאַר, ווייל ער האָט ליב
מיך, זיין אייביק קינד״ —

די ווערטער, וואָס ער רעדט צו מיר, הערנדיק
און גאַליק שמייכלענדיק,
האָב איך מיך אָנגערופן און געזאָגט אַזוי:
„ווען אויפ׳ס טויט צעבייסן דיך אדומס הינט,
קומט תמיד דיין גאָט און היילט דיך אויס.
ווי צו דיר און ווינד, זיין אייביק קינד!
פרעג ביי דיין שטראָפער, ווי אַזוי מע ווערט לויז
פון דער שטראָף מיט דער היילונג צוזאַמען.
ס׳האָט דיין טלית אין בלוט זיך געוואַלגערט
טויזנטערמאָל
און דיין קאָפּ איז אונטער עשו׳ס העק געלעגן
מאָלן אָן אַ צאָל.
פרעג זשע ביי דיין שטראָפער, פאַרוואָס — אַז דו שטאַרבסט —
מוזטו אויפלעבן ווידער?
פאַרוואָס לעבט יעדער איינמאָל און שטאַרבט נאָר איינמאָל
און דו לעבסט אייביק און מוזסט שטאַרבן אייביק?
פאַרוואָס קען דאָס אומגליק דיך קיין רגע נישט פאַרגעסן?
פאַרוואָס פליסט אַלעמענס בלוט אין די געפעסן,
נאָר נישט דיין בלוט, וואָס איז געוואָרן זייער יין־נסך?
אָ, פון דעם בלוט דיינעם טוען זיי שעפּן
דעם ויין פאַר זייערע הוליאַנקעס.
אויף די אַקסלען טראָגסטו זייערע חטאים,
און דורות, דורות, אַז זיי שלעפּן
פאַר באָרד און פיאות דיך אין אָבגרונט,
און רק דו קריכסט אַרויס צוריק, כדי די פראים
זאָלן ווידער דיך אין אָבגרונט שלעפּן,
און וויפל אַלץ זיי זאָלן דיך נישט קעפּן —
דיין קאָפּ איז ווידער דאָ, הויבט אויף
צו גאָט די אויגן צוויי: כ׳בין אַלץ אויף זיך מקבל!
דיינע טרערן — וואָס שווענקען זיי די וועלט נישט אַראָפּ,
וואָס ווערן זיי נישט קיין מבול?

„אייביק טרעפן אויפן וועג דיך דיינע טרייסטער,
באַרעמהאַרציקע לייט מיט געשליפענע צינגער,
דערציילן דיר אויפסניי די מעשה מיט משיחן —
און ס׳ווערט דיר גרינגער.

נאָר וואָס דערציילט מען דיר, אַז אין קן־צפּור וואַרט ער
און אַז במהרה בימינו קומט ער, דער פֿאַרשפּאַרטער?
וואָלט ער ערגעץ־וואו געווען —
וואָלט זיין קרוין דאָך רויט געוואָרן פון דיין בלוט,
זיין פויסט וואָלט נישט גערוט,
און צובראָכן וואָלט ער דאָס, וואָס ד י ך צובריכט,
אייביקער קנעכט!"

„אַמאָל, אַמאָל
האָט משה געפירט דיך, דער געטלעכער מאַן.
ביסט געגאַנגען קיין כנען.
און ס'איז פרילינג געגאַנגען מיט דיר.
טרוקן איז געלעגן דער געשפּאָלטענער ים
און ס'האָט משה געזונגען מיט דיר.
און ווידער און אָבעראַמאָל גייסטו,
דורך אַ ים פון ימען, דעם ים פון דיין בלוט,
און נישט דער ים — דו אַליין ווערסט געשפּאָלטן,
און ווערסטו גאַנץ — איז עס נאָר
כדי ווידער צו ווערן געשפּאָלטן.
זאָג, אפשר ווייסטו
ווער ס'האָט דיך פאַרשאָלטן" —

די רייד, וואָס איך רייד צו אים, הערנדיק,
האָט געענטפערט ניצחיאל, דער אייביקער ייד,
מיט אַ קול, וואָס איז געוואָרן ליד.
ס'לינקע אויג, וואָס האָט געבלוטיקט טרערנדיק,
האָט נישט געבלוטיקט מער און נישט געטרערט,
און ווי אַ גרויסער פליגל האָט זיין טלית
זיך אַ הויב געטאָן איבער דער ערד,
און געזאָגט האָט ער אַזויערנאָך:

„ביסטו ביי מיין וויג געשטאַנען?
ווייסטו, ווער ס'האָט מיך געוויגט אין איר, מענטש?
קענסטו נישט דעם אָנהייב פון מיין זיין,
קענסטו נישט מיין בראשית־ליבע צו מיין גאָט
און די בראשית־ליבע פון מיין גאָט צו מיר —
ווי זשע וואַגסטו צו ריידן אַקעגן
דער שטראָף, וואָס ער שטראָפט מיך אויס ליבשאַפט?

„הערסטו, וואָס די נאַכט זאָגט?
זעסטו אין די טיפענישן אירע

די אויגן פון אַן אויסלייזער?
קענסטו דאָס פּנים, וואָס די פינצטערנישן שניידט עס
ווי אַ בליץ — די כמאַרעס?
דאָס בליצט דורך די שפּאַרעס אריה דבי עלאה.
קענסטו דעם דונער, וואָס וועט די מתים וועקן?
די מלוכה די לעצטע, וואָס ווערט נישט פאַרשקלאַפּט?
דער, וואָס באַשאַפט,
האָט מיך באַשאַפן צוליב מיין משיח
און האָט באַשאַפן מיין משיח צוליב מיר.
וואָס מער איך לייד — מער וואַקסט מיין גואל׳ס קראַפט.
אָט די צייטן די צעשטורעמטע, די דולע —
ס׳איז דאָ אַ סוד אין זייער שטורעם:
ווי ס׳איז נישטאָ גאולה אָן יסורים,
אַזוי זיינען נישטאָ יסורים אָן גאולה.
באַנעם־זשע וואָס די אבות דיינע האָבן וואויל באַנומען
און זאָל צום גואל זיין דיין דאָרשט:
שטיי אויף און פאָרש
די סימנים פון זיין קומען.״

ערשטע ווערסיע — וואַרשע, 1916

# קאָצק

## א

### די התבודדות

ווען דער דעקאַדענט דער גאונישער פון חסידות
האָט ביז׳ן סוף באַנומען וואָס דער סוד פון ייד איז,
האָט ער לאַנגע יאָרן אָפּגעלעבט ביחידות.

ייד איז איינזאַמקייט. זיין איינציקער ידיד איז
דער וועלטן־איינזאַמער, דער בורא. ווער
קאָן באַנעמען זייער ביידנ׳ס בדידות?

## ב

### דעם קאָצקער׳ס תפילה

כ׳האָב מיינע חסידים ווי עופות צעיאָגט.
געניג זיך ביי מיר געהאָצקעט!

פאַריאָג איצט, גאָט, דעם רבי'ן פון מיר
און מאַך פון מיר אויס קאָצקער.

פאַריאָג, פאַריאָג דעם רבי'ן פון מיר,
ווי כ'האָב פאַריאָגט די חסידים.
אַ גרויסער, אַ פשוטער גאָט ווי דו —
דאַרף ליבן אַ פשוטער ייִד אים.

מיין חכמה און מיין זשופיצע —
טו זיי ביידע צעפּליקן.
אַז זיי וועלן ביידע זיין צעפּליקט,
וועט דאָס זיין מיין תיקון.

מאַך מיך פשוט ווי אלף־בית.
מאַך מיך פשוט ווי ברויט.
זאָל זיין מיין גאַרטל אַ שטריק פון שטרוי,
מיין שטריימל אַ הייפּטל קרויט.

## זאָגט דער רבי ר׳ בונם

זאָגט דער רבי רב בונם: אַ הויז —
די קלענסטע מדרגה איז הויז.
זונדערסט זיך אָפּ: עס איז בלויז
דו און ס'בני־בית.
געטריי איז
די שטוב און דיין היטערין איז־זי,
באַוואַנט און באַפּענצטערט, באַטירט און באַשוועלט.
נאָר וואָס קומט אַרויס? זי נעמט צו די אחיזה
אין וועלט.

אַ מדרגה אַ העכערע — פעלד.
מיט זאַנגען צעוועלט,
מיט קרייטער באַגראָזט,
אַ ווינט אַ געווירציקער בלאָזט,
גייסט — און פריי איז דיין שפּאַן.
נאָר אַ צוים
שטעלט זיך און פסקנט: עד כאן.

די דריטע מדרגה — באַרג.
צום הימל גייט ער, צום אונטן רעדט ער:
נאַ דיר אַ האַנט — קום קלעטער.

כ'באַגער זיך צו הויבן אָן אויפהער.
קום אַרויף —
וועט מען גייט אַלץ אַרויפער.

און איך בין אַ באַרג, — זאָגט דער רבי רב בונם, —
און כ'פיר
צו תיקונים.

## ווען אדם האָט פון עץ־הדעת געגעסן

זיי גייען מיט טלומעקלעך איבער דער וועלט,
זיי פראַוווען זינט יאָרן גלות.
זייערע תפילות הויבן זיך אויף
ביז צו די העכסטע היכלות.
זייערע טרערן רודערן אויף
דעם שטנ'ס נידערסטע נידער.
באָרוועס גייען זיי איבער דער וועלט,
די צוויי געטרייע ברידער.

זיי גייען. עס טאַנצן איבער'ן וועג
זומערדיק־זוניקע שטויבן.
גאַנצע קאַפעליעס טוען אין גראָז
השם־יתברך לויבן.
און ווי זיי גייען אַזוי אויפן וועג,
די ברידער מלך און זושא,
רופט זיך מלך צו זושא'ן אָן:
איך שטאַרב אַוועק פון בושה!
ס'זיינען דאָך אַלע נשמות געווען
נכלל אין אדם הראשון.
איך און דו זיינען אויך דאָרט געווען
און — נישט געוואָלט זיך מישן!
ס'טייטש, ווי האָבן מיר עס דערלאָזט?
האָ'מיר, חלילה, פאַרגעסן,
אַז גאָט האָט אָנגעזאָגט, אדם זאָל
פון עץ־הדעת נישט עסן?
איך בין עס נישט תופס, ברודער־לעב!
די וואונד איז אַלץ נאָך אַ פרישע.
ווי האָבן מיר אדמ'ען געלאָזט
פאָלגן דער שלאַנג און דער אשה?

זיי גייען. עס טאַנצן איבער'ן וועג
די זומערדיק־זוניקע שטויבן.
גאַנצע קאַפּעליעס טוען אין גראָז
השם־יתברך לויבן.
און זושא שווייגט. די פּליאה איז גרויס.
געּרעכט איז דאָך טאַקע מלך.
ווי האָבן זיי אַזאַ זאַך דערלאָזט!
די מעשה איז גאָרנישט פּריילעך.
דערמאָנען וויל זיך זושא די צייט
פון אדמ'ען דעם זיידן,
בשעת עס האָט דער בכור פון גאָט
געטראָגן אין זיך זיי ביידן.
מיט חדוה רופט ער זיך פּלוצלינג אָן:
איך האָב זיך דערמאָנט די מעשה!
מיר האָבן אים מתרה זיין געוואָלט,
אַזוי ווי ס'איז מדאורייתא.
נאָר מיר האָבן דערנאָך זיך מיישב געווען,
אַז ס'וועט, לעולם, נישט טויגן.
ס'איז גלייכער, ער זאָל טאַקע טועם זיין
און אויפעפענען די אויגן.
אַזיסט וועט ער אייביק טראַכטן ביי זיך:
ווער ווייס, וואָס מ'האָט אים פאַרבאָטן!
ווער ווייס, וואָס ער האָט פאַרלוירן אַזוינס!
באַדאַרפט צו פאָלגן דעם שטן!
האָ'מיר די מעשה מיט אַ כיוון פאַרקוקט
נאָך יענעם שיקול־הדעת,
און אַריינגעשטעקט האָט אדם די ציין
אין דער פרוכט פון עץ־הדעת.
און ס'האָט זיך אדם טאַקע דערוואוסט, —
און גאָרנישט אויף קאַטאָוועס, —
אַז ס'איז אַ בייזע ביטערע פרוכט,
דער אמת'ער סם־המות.
אַזוי איז די מעשה, מלך־לעבּ!
וואָס, אַ ליגן דערצייל איך?
— אַזוי איז געווען — כ'האָב זיך אויך דערמאָנט, —
ענטפערט פאַמעלעך מלך.

און זיי גייען און ס'טאַנצן איבערן וועג
די זומערדיק־זוניקע שטויבן.
גאַנצע קאַפּעליעס טוען אין גראָז

השם־יתברך לויבן.
מיט טלומעקלעך גייען זיי איבער דער וועלט,
די ברידער די געטרייע.
באַרוועס גייען זיי איבער דער וועלט,
באַגלייט פון דעם שם־הויה.

## אלעזר בן-פדת

(באַלאַדע אין טערצינען, נאָכגעזונגען יעזשי זשולאַווסקי׳ן)

געפאַלן איז, מיד פון געוויין, דער אמורא...
און אָט קומט דער שלאָף אויף שפּיץ פינגער צו טאַנצן,
מאַכט בלומען אים אויפגיין פון זיין מרה־שחורה

און קילט אים די שלייפן. עס פּראַלט זיך אינגאַנצן
דער הימל אויף, עפנט אַ לאָד נאָך אַ לאָד אים
פון אויבערשטע פענסטער... אין גאָלדיקע גלאַנצן

גייט אויף דער באַשעפער, געגורט אין חסדים.
ס׳טרעט־צו מיט דעם גנאָדפולן בליק פון אַ טאַטן
דער מלך מלכים צום עבד־עבדים.

ער נעמט, דער רבונו־של־עולם, אַ מאַטן
און מאַטערן אָנבליק אָן, נישט צו פאַרבלענדן,
און זאָגט: „פלאָגט דיך ווידער דער קאַט איבער קאַטן,*)

דער טרויער? אָ, פּרוכט דו פון מענטשלעכע לענדן,
צי ווייסטו דען נישט, אַז דאָס אַלץ, וואָס באַשאַפן,
מוז דערנער דאָ זען, וואו עס זאָל זיך נישט ווענדן?"

„גערעכט, — קרעכצט אלעזר בן־פדת. — נאָר פון שקלאַפן
בין א י ך דער פאַרשקלאַפּסטער! נישטאָ נאָך אַ צווייטער,
וואָס רייטן זאָל אומגליק אויף אים, אויף דעם שלאַפן,

מיט שווערקייט אַזוינער! אַ וואונד פול מיט אייטער —
אָט דאָס איז מיין לעבן. און ס׳קוועלט נאָך דער שונא:
ווען ס׳פּלאַצט מיר דאָס האַרץ — אין געלעכטער פאַרגייט ער.

און בין איך נישט אפשר געטריי צו דיר, קונה?
פּאַר פלעקן פון זינד האָב איך אייביק געהיט זיך —
פאַרוואָס־זשע, זאָג, קומען יסורים אַזוינע?

*) קאַט — תלין.

מיט וואָס בין איך ערגער פון שטיר־אָקס, וואָס מיט זיך,
וואָס האָרעוועט שווער און דעם יאָך אויף זיך טראָגט ער,
נאָר אָונט־צייט רוט ער, ווען שטילקייט צעבליט זיך?

צי האָב איך ביים טיש, וואו איך קיי אַ פאַרצאָגטער
מיין ביטער שטיק ברויט און טרינק וואַסער מיט טרערן,
דיר ברכות געקאַרגט און דיין לויב נישט דערזאָגט דיר?

נישט שוין זיינען ווייניק געווען מיינע טרערן?
צי האָב איך נאָך קנאַפּ זיך געוואַלגערט אין שטויבן?
פאַרהאָפט האָב איך אַלץ, אַז דו וועסט מיך דערהערן.

פאַרוואָס, זאָג מיר, שטראָפסטו? פאַר טריישאַפט, פאַר גלויבן?"
און ווידער געוויינט האָט ער... גאָט האָט מיט פייער
פון ליבשאַפט געקוקט, ווי צום בענטשן געהויבן

די האַנט איבער אים און געזאָגט: „ס'איז מיר טייער
דיין טרער, ווייל איך ווייס: ס'האָט פאַר בייזע געדאַנקען
געהיט זיך דיין האַרץ, ווי אַ טויב פאַר אַ גאַיער.

און אויב ס'זיינען גאַל דיר דעם לעבנ'ס געטראַנקען,
איז גרייט פאַר מיין קנעכט, דעם געטרייען און ריינעם,
אַלץ בייטן מיין האַנט, ער זאָל קענען מיר דאַנקען

מיט פריידיקע אויגן. נאָר ווייס, אַז נאָר איינעם,
איין רצון פאַרמאָג איך, וואָס לאָזט זיך נישט בייטן
און פירט אייביק אָן מיט דעם גרויסן און קליינעם.

איך האָב נישט מיין הימל פאַרשפּרייט נאָך, דעם ווייטן,
ווי כ'האָב שוין באַשטימט פאַר מיין מלוכה געזעצן:
זיי טרייבן דאָס ראָד פון די ערדישע צייטן.

לויט זיי מוז אַרויסגיין די זון און זיך זעצן,
דער מזרח — פאַרמאַכן און עפענען טירן,
די שטערן — זיך וואַרפן ווי פיש אין די נעצן.

געזאָגט: זאָל אַ וועלט זיין — און כ'מוז מיט איר פירן!
ס'מוז בלענדן אַ בליץ און אַ דונער מוז שרייען,
אַ שטיין מוז זיין שטאַר און אַ ווינט מוז זיך רירן.

דאָס וואַסער מוז פליסן, די ערד — האָבן מאַיען
און ווינטערס, דער מענטש מוז אי וויינען, אי לאַכן,
און פונקט אַזוי מוזסטו דיין בעטל־ברויט קייען.

נאָר ס'טוט מיר דאָס האַרץ אויף דיר וויי. וועל איך מאַכן
אַ פונק־נייע וועלט; כ'וועל די אַלטע צושטערן,
אויב ווערסט עס באַגערן. כ'באַשאַף נייע זאַכן,

שאַף אַנדערע, נייע געזעצן... ס'וועט ווערן
דיין גורל אַ לייכטער אין יענער באַפרייטער,
געענדערטער וועלט, וואו עס וועט זיך נישט מערן

קיין פיין מער, קיין טרערן... זאָג: יאָ — און ס'וועט ווייטער
דאָס אַלץ מער נישט זיין!" און טיף טראַכט דער אמורא,
צי שטאַרבן זאָל אַלץ צוליב אים, אָדערליידט ער —

טאָ זאָל ער שוין ליידן, און בליען אָן מורא
זאָל ס'לעבן דער וועלט'ס... קנייטשן שניידן זיין שטערן —
און ס'וואַרט אויף זיין ענטפער געדולדיק דער בורא.

און אָט לאָזט דאָס קויל רב אלעזר'ס זיך הערן:
„איך וויל, אַז די זון זאָל ווי תמיד דיין ציר זיין,
דיין נאַכט — זיין באַקליידט מיט די זעלביקע שטערן!

זאָל לייכטן דיין זומער דער מלכות'דיק־גרינער!
דיין וועלט איז צו שיין, אַז זי זאָל צוליב מ י ר זיין
פאַרטיליקט... ניין, ליבערשט זאָל ליידן דיין דינער!"

1921

## יידישע תנועות

(זוהר־מאָטיוו)

פאַרוואָס שאָקלען זיך יידן ביים לערנען?
פאַרוואָס וויסן נישט יידן וואָס רו איז?
די גויים טוט עס דערצערנען:
זיי שפעטן פון אונזערע תנועות.

— תא חזי, מיין קינד, תא חזי:
די אומות דינען צום חומר.
זיי זיינען רואיקע בוימער:
טיף אין דער ערד טוט זיך פיטערן
דער פעסטער גוישער שורש.
אָבער יידן, ווען ס'איז אין גאָט'ס וואָרט זייער מי,
צינדן דעם הימל'ס מנורות,
און אַז די פלאַמען די אויבערשטע ציטערן —
שאָקלען זיך אונטן די קינדער דער תורה'ס.

## אַ שטעטלשע חופּה

אין דער לופטן איבערן שול־הויף,
ווי אַן ערשט־געבוירנס אין פרישן קישן,
ליגט אַ קינד:
דער נאָכנישט איז שוין פאַראַניק.

אַ פלוצלינגער ווינט.
אין פליסטערדיקער פּאַניק
צאַפּלען די שושבין־ליכט: דורות
קומען פון עלמא דקשוט*),
טראָגן באַהאַלטענע גאָבן.

אַ פעטער אַן אפּיקורס
(מע האָט אים באַגראָבן
ערגעץ הינטערן פלויט)
איז אויך דאָ. חידושלעך
קוקט ער דורך די ברילן,
און היימיש־יידישלעך
שאָטנט זיין בערדל.

מיט בליציק געוויין
קומען צוגיין
דער מאַמעס אויגן פון יענער־וועלט.
זיי טאַנצן צווישן די שושבין־ליכט
אַרום דער טאָכטערס חופּה.
זיי וויינען, זיי טאַנצן — און טאַנצן אַרויף
צום אייניקל איבערן הויף.

## קאַרמענסיטאַ, אָדער די דורות־קייט

די שוואַרצע קאַרמענסיטאַ,
די שלאַנקע סעניאָריטע,
זינגט אין קאַבאַרעט.
קעלערדיק־מאַראַניש
ציטערט אין איר שפּאַניש
אַן אַלטער על־חטא.

*) עולם האמת (יענעוועלט).

האָרץ, זי איז פאַרגאַנגען
אין קלאַנגען איבער קלאַנגען,
ווי געדרייטע טרעפ.

פון צווישן אירע קלאַנגען
שטעקן־אַרויס קעפ
מעלאַנכאָלישע שלאַנגען,
פאַרכישופטע הידרעס,
און אומגעריכטערהייט —
פאַרצייטישע כל־נדרי׳ס.

וואָס ווייס אַ קאַרמענסיטאַ!
איך איינער ווייס,
וואָס אַזוינס עס וויינט
דורות׳דיק און הייס
אויף ליפן צעגליטע
פון דער סעניאָריטע.
מיט ליפן צעגליטע
ווי רויטע קוילן,
געשטרעקט ווי צו שחיטה
דעם האַלדז דעם הוילן,
זינגט אויס קאַרמענסיטאַ
אַן אומה׳ס גרוילן —
פון שפּאַניע ביז פּוילן.

## דער גלח שלאָגט זיין גאָט

אין טונקל פון דאָרפישן קלויסטער
קניט איינער אַליין פאַר׳ן יויז*)
אַ גלח אַן אַלטער, שוואַרץ און גרויס
ווי אַ גרויסער ראָב.
די אָקסלען ציטערן
אונטער דעם שווערן שטיינערנעם קאָפּ,
די ווערטער געוויטערן:
האַר און געביטער! דאָמינע, דאָמינע!

*) יעזוס (פּויליש־יידיש).

נעמט זיך ביי יעזוס'ן שאָקלען דאָס בערדל.
ער הויבט די פיס און לאָזט זיך גיין
צום אַרויסגאַנג. דער אַלטער גלח
לויפט אים נאָך מיט אַ געוויין.
קוואָ וואַדיס, דאָמינע? קוואָ וואַדיס?

ערשט ער זעט: ס'איז אַ דאָרפישער ייד.
וואוהין ער גייט? אויף אַ יאַריד.
ס'איז — זאָגט ער — נישקשה פון אַ מהלך!
מען דאַרף פרנסה, אדוני גלח,
פאַר ווייב און קינד... וואָס וועל איך שטיין
אַ פאַריויזטער
ביי דיר אין קלויסטער?

צעשרייט זיך דער גלח: צוריק אין שטיין!
צוריק אין שטיין!
אָט וועל איך דיר ווייזן! דו גאָט, דו ייד!

ער שלאָגט זיין גאָט און שלעפט אים צוריק.
אין טונקל זידט
אַ פרעכע פליג.
דער יויז שטאַרט ווידער. דער גלח קניט.

## קדיש

געגרויסט און געהייליקט זאָל ווערן זיין נאָמען
אויף דער וועלט, וואָס ער האָט לויט זיין רצון געשאַפן,
און איינפירן זאָל ער זיין מלכות דאָ אונטן
ביי אייער לעבן, אין אייערע טעג.
אין אַ נאָענטער צייט
זאָל ער זיין אויסלייזונג שיקן, אַ תיקון
צו געבן דעם לעבן דאָ אויף דער ערד,
און גאַנץ זאָלן ווערן זיין טראָן און זיין נאָמען.
זאָגט אָמן.

געבענעדייט און געלויבט און געפראַכטיקט,
געהויבן, דערהויבן און איבער־פאַרהערלעכט,
געהויכט און געאַכפערט זאָל ווערן דער נאָמען
פון קודשא־בריך־הוא דאָ אויף דער וועלט:
דערהויבן אַריבער איטלעכער בענטשונג,

דערהויבן אַריבער יעדן געזאַנג
און יעטוועדער לויבונג און יעדער נחמה,
וואָס מיר בענטשן און זינגען און לויבן און טרייסטן
אויף דער אונטערשטער וועלט.
וואָס איז די טרייסט וואָס מע טרייט דאָ אַן אבל?
איינציק איז נאָר די טרייסט פון זיין נאָמען.
זאָגט אָמן.

גרויס פרידן זאָל קומען פון הימל אַראָפּ,
פרידן און לעבן אויף גאַנץ ישראל,
און זיין זאָל אַ ווייטער־גאַנג דאָ אויף דער ערד
צום לעבן פון די, וואָס זיינען נישט־הי,
וואָס זיינען אַוועק צו דעם ליכט פון זיין נאָמען.
זאָגט אמן.

דער, וואָס שאַפט פרידן אין זיינע הייכן,
וועט ברענגען שלום דאָ, אין דער אונטנקייט,
און זאָלן די אותיות פון זיין נאָמען
האַלטן אונדז, אונטערשטע, אין פאַרבונדנקייט
מיט ד ע ם ישראל, וואָס לעבט אויף יענער־זייט,
שפּראָצט ווי אַ בוים איבער אייביקע שטראָמען.
און ענטפערט: אמן.

## ד ע ר ס ו ד פ ו ן י י ד י ש

לשון־קודש איז די אייביקייט — ווי ס'איז ירושלים:*)
ס'איז די שפּראַך פון הייליקע גילויים,
פון נבואה אמת'ער וואָס ווערט מקויים,
פון שיר־השירים און פון תהלים,
די שפּראַך פון גאָט אַליין, אל חי־וקיים.

און יידיש? די קבלה
זאָגט: ישראל איז עמלק דער פאַרקערטער,
עמלק, ווידער, איז ישראל אויף פאַרקערט.
שטעקט אין דעם אַן עולם־מלא.
אויב דאָס האַרץ דיינס ה ע ר ט —
זאָל־זשע עס באַנעמען מיינע ווערטער.

---

*) „ירושלים — זו הנצח".

כ'וויל אויפטאָן דיר אַ חידוש
מכוח דעם קבלה־סוד, וואָס שטעקט אין יידיש.

איך טייטש
יידיש קבלה'יק!
ס'לשון פון ישראל דעם פאַרקערטן, עמלק,
האָ'מיר מהפך־געווען אויף פאַרקערט,
עס פאַרוואַנדלט
אין יידישן קרעכץ און אין יידישער טרער,
אין יידישן טרויער אויף גלות השכינה,
פאַרראָזשינקעט עס און פאַרמאַנדלט
אין יידישער פיקחות, אין חסידישער מעשה,
אין האַרציקער תחינה.

תחינה'דיק־מאַמיש און טאַטעדיק־חסידיש
האָ'מיר איבערגעקערט דאָס פאַרקערטע
דורך יידיש.

## ר ע אַ ל י ז ם  פ ו ן  אַ  י י ד

אויך איך האָב פיינט די בונטע מליצות,
איך בין, ווי דו, אַ רעאַליסט,
נאָר מ י י נ ע  ווירקלעכקייטן זיינען
נישט אויסגעוואַקסן אויף דיין מיסט.

כ'פאַראַכט פאָעטאַכץ, נאָר וואָסדען זשע?
פאַר מיר איז גאָט רעאַליטעט,
נשמה איז פאַר מיר ממשות,
קאָנקרעט דער טייוול און דער חטא.

אין מיר — אַן עלטער־זיידנס תפילות
און זיין כל־נדרי'דיקע נאַכט,
און דילה־רינה און די לילית —
ס'ווערט זייער שלאַכט אין מיר געשלאַכט.

דאָס אַלץ, וואָס איז פאַר דיר מליצה,
איז וואָר פאַר מיר און איז נאַטור,
נישט ווערטער סתם, אַ ליד צו פוצן,
נישט טעמע, נישט ליטעראַטור.

עס האָט מיין וואָר אַן אַנדער פּנים —
עס האָבן דורות זי געשמידט,
און אַנדערש איז מיין רעאַליזם:
ס'איז רעאַליזם פון אַ ייד.

## דאָס תיקון-ליד

**אָדער: דאָס ליד פון דעם ברונעם**

עס וואַרט דער ברונעם אין הייליקן פעלד,
אין חקל תפוחין קדישין.
וואָס וויל דער ברונעם? דער ברונעם באַגערט
די סטאַדעס צו דערפרישן.
די סטאַדעס קרעכצן,
די סטאַדעס לעכצן
צום גוטן געטראַנק.

נאָר דעם ברונעמ'ס מויל האַלט פאַר'חתמ'עט אַ שטיין
אַ שוואַרצער, אַ שווערער, אַ פוילער.
קומט זשע, איר הירטן העלע, צוגיין,
דעם שוואַרצן שטיין גיט אַ קוילער,
דעם ברונעם — אַן עפן:
זיין שפע וויל שפע'ן
מיט גוטן געטראַנק.

דער ברונעם, דער ברונעם איז איבערפול.
טרינקט איר די סטאַדעס אָן פון־אים —
פאַרגעסט־זשע נישט, הירטן, צוריק מיט'ן שטיין
אים צו פאַר'חתמ'ען, דעם ברונעם!
ס'איז צייט לאָזן פליסן
און צייט צו פאַרשליסן
ס'גוטע געטראַנק.

מע דאַרף דעם ברונעם, מע דאַרף דעם שטיין,
מע דאַרף זיי האָבן ביידע.
דער ברונעם גיט; דער שטיין אויף אים — היט:
מע דאַרף זיי האָבן ביידע.
פון אויבן — דינים!
אין ברונעם דאָך — א י ן אים —
ס'גוטע געטראַנק.

## דריטער אָפּטייל

# צווישן תוהו און תיקון

## נאַקעט

נאַקעטער מענטש,
נאַקעטער ייד,
נאַקעט ווי אַ בוים אין שבט!

דיין נאַקעטער קאָפּ
מאָנט אַ של־ראש,
דיין אָרעם מאָנט אַ של־יד.

אַ פּקדון געהאַט
און אים נישט געהיט,
געהאַט און אים נישט געהיט.

וויינט אין דיר שולד,
ציטערט דיין שולד,
ייד, דו נאַקעטער ייד.

ציטערט דיין שולד,
וויינט אין דיר שולד,
וויינט ווי פאַרנאַכטצייט אַ פּראָש...

דיין לינקער אָרעם
מאָנט אַ של־יד
און ס'מאָנט דיין קאָפּ אַ של־ראש.

## מיר, יידן היינטיקע

מיר זיינען די סתירה אין גאָט'ס יצירה,
מיר זיינען די לוחות און דער פּלאַקאַט.
עס האָט אונדז איטליכע ערד באַגראָבן
און יעדע הויכקייט האָט אונדז געהאַט.

און ס'וואַרט די שכינה ביים כותל־מערבי,
נאָר מיר זיצן ביים קריסט און עסן זיין מיסט.
און טאָמער ווערט אונדז געבוירן אַ נביא —
גייט ער און ווערט אַ זשורנאַליסט.

וואַרשע, 1929

## תטהרו

ווי פון דער חופּה טרעט אָפּער דער חתן
מיט לייטזעליקער שטראַלונג אין די אויגן,
און ווי פון כמאַרעס גייט אַרויס דער בויגן,
דעם הימל'ס ענטפער אויף דער ערד'ס פאַרוואָסן, —
פלעגט כהן־גדול צו זיין פאָלק פאַרצייטן
אַרויס אין טאָג פון הייליקן פאַרגעבן,
ווען ס'האָט זיין תפילה אויסגעבעטן לעבן
און שלום פאַר דעם נאָענטן און ווייטן.
און ס'איז אין האַרץ דעם פינסטערן און פוילן
אַריין זיין וואָרט און גבורה'דיק באַפוילן:

תטהרו!

און, ווי מיט קלאָרע וואַסערן אַ ברונען,
איז זיין געזיכט געפילט געווען מיט גייסט,
און ס'איז געווען ווי ס'שוועבט זיין האַנט און ווייזט
דעם וועג צום הימל און צו זיינע זונען.
דאָס גאַנצע פאָלק, וויביימער אין אַ וואַלד,
פלעגט טאָן אַ ציטער, בויגן זיך און לויבן,
און פון דעם כהן־גדול דאָס געשטאַלט
האָט ווי דער בוים דער העכסטער זיך געהויבן.
און האַרץ מיט האַרץ פלעגט תשובה'דיק פאַרקניפּן
דאָס וואָרט, וואָס פלעגט אַרויס פון זיינע ליפּן:

תטהרו!

און מיר, אַ דור אַ לאָמער און אַ קרומער,
וואָס האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זיין פאַרמעגן,
וואָס פרעגט און קען צו גאָרנישט זיך דערפרעגן
און ס'לעשט זיך אים די זון אין מיטן זומער;
אַ דור, וואָס שלאָגט זיין גאָט און ווערט געשלאָגן,
וואָס קען זיין אייגן פּנים נישט דערקענען —
מיר האָבן נישט קיין כהן, וואָס זאָל קענען
מתפּלל זיין און וידוי פאַר אונדז זאָגן,
וואָס ווי אַ דונער אין פאַרמאַכטע טירן
זאָל אונדז זיין וואָרט אַ קלאַפּ־טאָן אין געהירן:

תטהרו!

## געזאַנג צו דער שכינה אין גלות

דיך זוכן אַלע לידער,
דיך זוכט די זעל און זוכט.
ווען בליט דיין גאָרטן ווידער,
גיט ווידער אונדז זיין שמוכט?
צו מאַכטיק איז דער צ פ ו ן,
בלויז דינים און בלויז שטראָפן,
און ווי איז אונדז און וויסט —
מיר זוכן דיך אומזיסט.

פלעגסט זאַלבן די תתאין
פאַרצייטנס מיט דיין אייל.
דו ביסט מיט בר־יוחאי'ן
געזעסן אין זיין הייל:
האָסט אָנגעטאָן דיין קרוין אים,
פאַרקניפּט אים מיט עליונים,
מיט מוטערדיקע הענט
צום חשמל אים דערנענט.

ווי שטיל און שטום דיין ליפּ איז!
דיין ד י ב ו ר איז פאַרשטילט
פון זינט עס האָבן קליפּות
צעוואָיעט זיך צו ווילד.
זיי האָבן דיך, אַ שטומע,
געטאָן מיט אַ מהומה
אַ טראָג און אַ דערלאַנג
דעם נחש צום געשאַנק.

און נחש עקלתון
האָט איינגעשמידט דיין גאַנג,
אין חשכות דיך פאַרשלאָסן,
געמאַכט דיך צו זיין פאַנג.
באַצווינגען דיך באַגערט ער
און ווייט איז דיין באַשערטער —
ווילאַנג נאָך איז־ער ווייט?
איז אַלץ נאָך נישט די צייט?

ווען פעלט זיך שוין דיין גלות,
ווען לאָזט זיך אויס זיין מאַכט?
פון קליפּות די חיילות —

ווען ווערן זיי פֿאַרשוואַכט?
ווען קומט דער מאַן דער רעכטער,
וואָס מיט זיין אָרעם ברעכט ער
דעם נחש און צעבלאָזט
אין רויך־און־שטויב זיין באָסט?

---

שמוכט (עברי־טייטש) — ריח, דופט; תתאין (לייען: טאַטאָ׳אין) — אונטערשטע; נחש עקלתון — לייען: נאָ׳כאָש אַקאַלאָ׳סן; פון קליפּות די חיילות — לייען: פון קליפּעס די חאַיאָ׳לעס; באָסט — בייזקייט, רישעות.

## דער ייד אין מיר וויינט

דער ייד אין מיר וויינט, דער ייד אין מיר טרערנט:
„האָסט, אהרן בן־אסתר, דיין בורא דערצערנט.
מיט וואָס וועסטו, זאָג, אויף יענער וועלט קומען?
וויפל מצוות האָסטו במזומן?

וואָס וועסטו ברענגען מיט זיך? די שירים?
ווען זיי זיין דיין שוץ און דיין שירעם?
מעגסט זיין באַדאַי דער משורר דער גרעסטער —
איז דאָס דיין תיקון, אהרן בן־אסתר?

צי האָט צוליב דעם געשיקט דיך דיין שיקער?
איז דאָס דער עיקר, איז דאָס דער עיקר?

וויפל אומגליקן האָסטו געמינדערט?
וויפל ווייטיקן האָסטו געלינדערט?

וויפל חושך האָסטו באַשטערנט?...״
דער ייד אין מיר וויינט. דער ייד אין מיר טרערנט.

## זינד און טויט פון דע־האַן, דעם קראַנקן ייד.

### א

איך בין פון יענעם שטאַם, מיין האָ׳לענדיש קאַלט ווייב,
וואָס טראָגט פאַרקויפן פייערן גע׳גנב׳עטע פון סיני.
דערפאַר האָב איך דיך פיינט מיט עפעס גאָר אַן אַנדער שנאה,
ווי יענע לוסט־שנאה פון מאַן צום ווייבערישן לייב.
כ׳האָב פיינט די רואיקייט אין דיר און די פּאַטאַלקייט די
אור־אַרישע

פון ערד, וואָס גייט צו ערד שיקזאַליק און האַרמאָניש־גריכיש,
אָן גוואַלד־געשריי צו גאָט, אָן לוחות און אָן שליחות.
ביזט קעזיק און שטומפּנעזיק — און פאַרשווינדיק.
ביזט A גלייך A. ביזט ברויט מיט ברויט. עמלק.
איך אָבער בין אַ ייד. בין באַרגיק, תהומות׳דיק און טאָליק.

און כ׳לויף פון דיר צו ייִנגלעך — און איך זינדיק.

ב

דו קושסט אומזיסט מיין ליפּ. דו רופסט אומזיסט מיך:
טייערער.
כ׳האָב פיינט די רואיקייט אין אייך און די פּאַטאַלקייט די
אור־אַרישע.
און אַנדערש איז מיין גאַנג צום טייוול איידער אייערער.

ס׳איז אייער טייוול קאַלט און שיין, מיט אויגן פון אַן אַלטן
גריך.
איך — צו אַ הייסן טייוול קריך איך, הויב מיך אויף און פאַל
און קריך.
ווייל ערגעץ וואָגלט אין מיין בלוט אַ הייליק־מאָנענדיקער
זיידע
און זוכן מוז איך אַן עבירה גרויס און הייס ווי מיין אבדה.

אָ, זינט איר האָט אונדז אויפגעפּראַלט די געטאָס און גענומען
צו זיך אין פּאָדערהויז און אָנגעשטעקט מיט לו׳עס —
האָבן מיר אַ גאָט פאַרלוירן, הייס ווי מדבר׳שע סאַמומען,
אַ גאָט פון איוב און פון סנה, פון קאַטאַסטראָפעס און נבואות.

ג

נישטאָ קיין זינד־עקסצעס, וואָס זאָל נישט קלעפּן זיך צו מיר,
דעם קראַנקן ייד.
כ׳בין קראַנק און קיין שום קראַנקס איז מיר נישט פרעמד,
דו האָלענדערין לענדיקע.
און מיינע לידער זיינען נאָר אַן אויסצוג פון די קרענק מיינע
די טויזנטבענדיקע.
אָ, ווי רעצעפּטלעך קורצע שרייב איך זיי — צוויי ציילן אין
אַ ליד.

דו האָסט נישט איינמאָל מיך געפרעגט, נאָך וואָס איך בין
געפאָרן

קיין רוסלאַנד זען די תפיסה־שטייגן, וואו געהאַלטן האָט דער צאַר
פאַרשפאַרט די רויטע פייגל פון דער רעוואָלוציע. יענע יאָרן
האָב איך געלעבט אין תהומות פון סאַדיזם — און דערפאַר
געוואָלט די אויגן די פאַרזינדיקטע מנוולדיק דערקוויקן
מיט תפיסה־פּיין פון קעמפער, וואָס ס'שטאַרבט די זון זיי אין די בליקן,
באַשטעטיקן פאַר זיך אַליין, אַז אַלץ איז אומגליק און רציחה.

אָ, פרעג נישט! איך בין גרייט צו ווערן נעראָ, צינדן רוים —
און קוקן אויף אַ וועלט־שרפה ווי אויף אַ בלענדנדיקן טרוים.
ברען, וועלט הינטישע! ביזט מיר אָן גאָט נישט ניחא.

ד

איך האָב מיך נישט געוואונדערט, ווען איר זענט
אַרויס אין פעלד און אָפּגעשפּילט אַ פלאַמענרויטע שפּיל.
איר האָט זיך אָפּגעצאַפּט דאָס בלוט מיט אַן אַזאַרטיש בלינד געפיל,
אָן איוב־שטורעם יידישן, אינגאַנצן מוז און עלעמענט.

ס'איז נישט געווען קיין בונט — בלויז פּאַטום און נישט מער!
און אָפּגעשפּילט — גאַלאַנט זענט איר געזעסן אין ווערסאַל,
פּאַרפּירט אַ שפּיל אויף טרוקן נאָכ'ן נאַסן באַל
און אָנגעטון אַ שלום־פראַק דעם בער.

געשפּילט — און מיטאַמאָל געשטעלט אַ נסים־קאָרט אין קאָן.
מיין קראַנקער טייוול קוקט דערשטוינט אייך אָן.
עס טוט אַ בלאָז מיט גאָט, מיט וואונדער מיט אַלט־נייעם.
איר זאָגט: דו ייד, גיי נעם דיר ניי־ירושלים.
האַ, וואָס! איר גיט אונדז גאָט צוריק! דאָס ווערט אינטערעסאַנט.
אַנו, מ'עט פּרוואון.

ווייב, איך גיי אין יענעם לאַנד,
וואו ס'האָט אַמאָל געטון מיין שבט הויזן —
און איז פון דאָרט אַוועק צו האַנדלען מיט טאַלאַנט,
מיט סיני־בראָכוואַרג און מיט אַלטע הויזן.

ה

אַ גאַנצע נאַכט געקראָכן אויפ'ן דעק אַנטקעגן שטערן.

אַ כוואַליע, ווי דער נחש מיט'ן קרוינדל אויפ'ן קאָפּ,
האָט מיך אָנגעקוקט פאַרליבט אַ מינוט פאַר'ן נישט־ווערן
און אויסגעזמר'ט זינד — דע־האַן, די אויערן פאַרשטאָפּ!

פאַרמאַך די אויגן! אויך אויף ימען קומט פּערוּורסיע
ווי אַ פרוי
מיט לייב הייס־שלאַנגיקן, פאַרלאַנגיקן, — גיי קיל אים!
ניין. שווינד, דו זינד. אָט זע — איך נעם אַרויס אַ תהלים.
ברכי! ברכי, נפשי, את אדני!

ו

און אָט איז ס'לאַנד. אַהאַ! דו קוק עס אָן. פון דאַנען
איז עס אַוועק און זיך אַוועקגעצויגן שווער
דורך דורות, וועלטן, לענדער — ביז דע־האַנ'ען.
אָט איז דאָס לאַנד. איך זע. ס'איז דאָ פאַראַנען
אַזוינס, וואָס מוז מיר ענטפערן אויף עפּעס,
וואָס איז צו מיר דורכ'ן קאַנאַל דעם טונקעלן פון בלוטן
פאַרקראָכן איבער דורות — און איך שלעפּ עס.

ז

ס'איז האָ'לענדיש קיין וועלט־שפּראַך נישט, געוויס,
אייראָפּע איז נישט אַמסטערדאַם, אייראָפּע איז פּאַריז,
נאָר ווען עס שרייבט אויף האָלאַנד־שפּראַך אַ ייד —
דער וועלט'ס פרימאָרגן־חלום, וואָס איז געוואָרן אַ
קאָשמאַר —
ווערט אויך די שפּראַך די דאָרפישסטע אַ וועלט־שפּראַך,
ווייל ייד איז צער און וועלט איז צער.
גוט־מאָרגן, לאַנד. אָט בין איך. כ'שטעל מיך פאָר.
איך קום פון אייראָפּעאישן שוואַרציאָר
און בין פּערווערס
ווי אַ ראַפינירטער פּערז:
עס דאַוונט אין מיר מוטער רחל — און ס'קלאָגט אין מיר
אַ צויג.
איך בין די סתירה, וואָס עפנט־אויף אַן אויג
צווישן יאָ און ניין —
און קוקט־אָן, — אַ בראָך איר, — זיך אַליין.

## ח

כ'האָב פאַר'ן כותל היינט געוויינט אַ גרויס געוויין.
(נאָטאַ־בענע: מוהאַמעד איז שמוציק, אָבער שיין).
גאָט, דאָ פילט מען דיך. דאָ איז דיין וואוין. ס'איז וואָר.
(מוהאַמעד איז אומפּלייטיק ביז גאָר).
און אפשר ביזטו נישט פאַראַן? מ'דאַרף נאָך טון אַ קלער.
(מיר שרייבט דאָס ווייב: איך בענק... ווער דאַרף זי, ווער?)

דאָ זיינען נעכט ווי מרימ'ס,
וואָס פויקן אין די פויקן פון דער שטילקייט.
שאַקאַלן וויינען דאָ אַן אַלט געוויין.
משיח זיצט דאָ אין לבנה־ליכט אויף שוואַרצן שטיין.
(מוהאַמעד, דער אייזל־יונג, איז שיין).

## ט

איך האָב געטראָפן אַ מקובל. זיין באָרד — אַ קרומער ווייסער שטראַל.
ס'ברענט אַ מזבח אין זיין אויג. דאָרט ווערט די וועלט געבראַכט אַ קרבן.
געהיימסטע חכמה טרינקט ער פון זיין אַלטן קוואַל,
ווי קעמלען שעפּן נאַרונג פון די האָרבן.
אַלט איז ער און ווי אַ חלום — אַזוי דין.
ער האָט געזאָגט: די וואַסערן פון חסד שווענקען
די פעלזן די שוואַרצפינסטערע פון דין.
געאיינציקט ווערן מלכות און יסוד.
נישט ווייט איז שוין, נישט ווייט דער טאָג פון גאָט.
אדם ווערט פאַרגעטלעכט, און מט״ט — צוריק פאַרמענטשלעכט.*)

באַלד וועט ווערן שבת און ס'וועט צינדן בענטשליכט,
ס'וועט אין אַלע וועלטען בענטשליכט צינדן רות.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
כ'וועל ריין ווערן. כ'דאַרף ריין ווערן. איך מוז!

## י

נאָר כ'קאָן נישט. ס'קומען נעכט אין זילבערנע וואואַלן
ווי זינדיקע אלמנות.

---

*) מט״ט (מעטאַט) — פאַרקירצונג פון: מטטרון (פגל. אין אַ ווייטערדיקן באַנד די פּאָעמע אונטער דעם נאָמען).

און שאַקאַלן
יאָמערן ביז פאַרטאָג דעם יאָמער פון פ אַ ר פ אַ ל ן.

איך קאָן נישט. כ'ווער דערדריקט. גאָט לייגט זיך ווי אַ משא
אויף מיינע פלייצעס דאָ. און ברעמען האָב איך נאָסע
פון טרערן. נאַכט און גאָט... געהיימניש... ראַסע...

יא

איך האָב אַ בריוו געשריבן צו מַיין גוט און קעזיק ווייב:
דאָ בלייב איך שוין. פאַרשטייסט? איך ווייס נישט ווי, נאָר
כ'בלייב.
קאָן איך נישט הייליק זיין אפילו דאָ, אפילו איצט —
מוז איך דאָ און איצט מיין זינד אַזוי פאַרטיפן,
אַז ווי אַ מעסער, אין אַ מערדערהאַנט צעבליצט,
זאָל זיך מיין שולד צעבליצן — און מיין בלוט זאָל טריפן.

יב

ביזטו אין דער אמת'ן פאַראַן?
איז דאָס דיין פלאַן,
ווידער צו ווערן אַ גאָט
צו אַ פאָלק, וואָס האָט
דיך אויסגעביטן אויף אינטערנאַציאָנאַלע אַקציעס
און דיך פאַרשלעפּט
איבער האָטעלן, באָרדעלן, רעדאַקציעס — ?
אָדער — —
אָדער דאָס האָט ווייצמאַן בלויז גענומען אַ פּאַפּיר
ביי אַן אַלטן לאָרד
און עס געגעבן אַ רעקלאַמיר
לויט אַלע געזעצן פון פּאָליטישן ספּאָרט
און — דאָס אַלץ?!

(האַ, אויב אַזוי — וועל איך אויך גיין צו אַ לאָרד —
אויף מיין ערנוואָרט —
צו נאָרטקליפ'ן, אַ שטייגער) — — —

ווי דערגייט מען אויף זיכער, אַז דו ביזט פאַראַן?
איך, אַ מויז אויף דער שיף פונעם אומזין, דע־האַן,
מוז דיך פּראָוואָצירן,
דיך — זשורנאַליסטיש גערעדט —
צווינגען צו רעאַגירן.

פאַרשטייסט? איך בין גרייט צו באַצאָלן
מיט אייגן בלוט
פאַר א י י ן מינוט —
זי מעג זיין אַ לעצטע —
וואָס זאָל מיך איבערצייגן,
אַז דו ביזט דאָ
און אַז דו קאָנסט צו לאַנג נישט שווייגן.

כ'בין היינט לאַנג געזעסן ביים רב פון אַלט־ירושלים,
ביי ר' חיים.
פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן
מיתה בידי שמים.
אַזאַ מיתה קומט מיר.
איך מיין, איך בין זי ווערט.
אויב דו ביזט דאָ און דיר איז הייליק אָט די ערד —
טויט מיט דער אייגענער האַנט!
אין בראַנד
שטיי אויף,
גיב אַ ריס,
פאַרוואונד —
און לייג ווי אַ הונט
צו דיינע גוואַלדיקע ביבלישע פיס.

## יג

אוודאי בין איך מסור און פאַררעטער.
נאָר כ'מסר נישט בלויז אייך — איך מסר גאָט אַליין.
אַן אמת אַ לעצטן — אים מוז איך דערגיין.
דער חשבון — אויב ער קומט — וועט קומען שפּעטער.

אַ מסור בין איך — און כ'וועל אייך מסר'ן כסדר
פאַר אַלע, וואָס איר זענט פון זיי געלאָפן,
נאָר נישט גענוג אַנטלאָפן! אָ, איר האָט געלאָזט
צו זיי אַזויפיל טירן אָפן!

## יד

ניין, איר געפעלט מיר נישט. עס זעט נישט אויס,
אַז איר זאָלט בויען גאָט אַ הויז.

איר הערט שוין טריט? ניין, כ'הער נאָך נישט קיין טריט.
איך הער נאָר זעלנער־טריט פון פאַלשן בריט.

דער'עיקר'שט אָבער וויל איך וויסן: דער,
וואָס האָט דעם בונד דעם בלוטיקן פאַרשניטן
מיט ווייטע אבות — קומט ער נאָך אַהער,
אויף אָט די חורבות? טוט ער זיי נאָך היטן?
זעט ער נישט, ווי איך פאַרזינדיק זיך פאַר אים?
ווערט ער שווייגן, אָדער, ווי עס פאַסט
פאַר דעם אַלטן אלהים,
מיך, זיין ערדס מזוהמ'דיקן גאַסט,
טויטן אין זיין גרים? —

## טו

כ'האָב געזען אייער שיינדל, כ'האָב געזען אייער ב י אַ ל י ק.
מיר קומט ער פאָר פאַרדעכטיק.
ווער קאָן וויסן, ווי גאַליק,
ווי גאַליק ער לאַכט
אין איינער אַ נאַכט,
ווען אַלץ אין אַ מענטשן ווערט האַרב,
נכפה'דיק־פאַליק,
טרויעריק און גערעכטיק,
און עמיץ זאָגט אים: שטאַרב!!

יאָ, אייער ביאַליק —
ער איז מיר פאַרדעכטיק.

## טז

פיינט האָב איך אייער טעל־אַוויוול
מיט דעם איווריטישן געשטאַמל.
עס ווערט דאָ דער ים אַליין אַ ימ'ל —
פיינט האָב איך אייער טעל־אַוויוול.

ערשט נעכטן ביינאַכט האָב איך אייך פאַר'מסר'ט,
אַ גאַנצע נאַכט געטינטלט אַ בריוול,
אַ קאָרעספּאָנדענץ אַזאַ געוואַסערט —
פאַר'מסר'ט אייער טעל־אַוויוול.

אַזוינער בין איך. און איר מעגט —
איר דאַרפט מיך טרעטן מיט די שטיוול.
נאָר פיינט האָב איך אייער טעל־אַוויוול,
פיינט האָב איך אייער טעל־אַוויוול.

### יז

נו, יאָ. איר ווייסט דאָך. כ'בין געקראָכן
צו נאָרטקליפן, דעם קאַלטן לאָרד.
אַ שאָד צו פאַרלירן דאָ אַ וואָרט.
אוודאי אַ מסור — און נאָך וואָסער!

דער שטן אַליין — ווען ער זאָל קומען
אַהער צופאָרן, — איך, קראַנקער ייד,
וואָלט גערן אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט
און אים געבעטן, ער זאָל פאַר'טומאה'ן

אייך אַלע, אַלע — וויבאַלד איר קענט
נישט ווערן הייליק אַזוי, אַז ס'זאָלן
אויפגיין איבער אייך אָרעאָלן
און גאָט זאָל אייך ליגן אויף ביידע הענט.

### יח

מיך דערמאָנט תל־אביב אָן אַלץ, וואָס דערפאַר
בין איך אַנטלאָפן ווי פאַר אַ געפאַר
און וואָס לאָזט מיך נישט אָפּ אויף אין דעם לאַנד פון מיין אַנטלויפן.

איבער מאה־שערים*) וועל איך גיין און מיר קויפן
פאַרשימלטן טרויער פון טונקעלע שטיינער,
ערלעך געוויין פון טויזנטיעריקע ווינער,
קנייטשן פון דורות, בלאָטעס פאַר דער טיר
און אַ גע'כתיבה'טן „אסור להשתין על הקיר".

עס בלאָנדזשען אַזויפיל שאָטנס איבער מאה־שערים,
דאָרט רעגנט דלות, דאָרט אָטעמט אַ גאָט, וואָס איז אָרעם.

מיין געשריי נאָך פאָרם פון אַן אייראָפּייער און דיכטער
ווערט דאָרט שטום ביים אָנבליק פון פאַר'גלות'טע געזיכטער.

עס מאַכט פון מיר אַ וואָרעם
דער פאָרמלאָזער טרויער פון מאה־שערים.

איך ווער אַ נכנע, אַן אָרעמאַן, איך ווער אויס שטנ'דיק,
אוראַלט ווער איך דאָרט — און טלית־קטנ'דיק.

*) אַ קוואַרטאַל אין ירושלים.

## יט

זיי ווייסן נישט, די פרומע, וואָס איך בין און ווער.
כ'בין פאַר זיי אַ בעל־תשובה אַזאַ — און גאָרנישט מער.

אַ בעל־תשובה, אַ בעל־תשובה — און וואָס דאַרף מען מער?
איך בין דאָך אַזוי פרום — נאָך פרימער ווי אַ גר.

צו זאָנענפעלד'ן גיי איך, צו דעם אַלטן רב.
מיך קוויקט זיין בלויזער אָנבליק ווי תשובה און ווי שטראָף.

דערנאָך, ווען כ'גיי אַהיים דורך געסלעך טונקל־קרומע,
טונקלט אין מיר ווידער — און ס'שטעלט מיך אָפּ די טומאה

מיט ליפּן פון אַ זונה און פליסטער פון אַ שד — —
(נאָך היינט וועל איך מיך זען מיט דעם אַראַבער־יונג מאַכמעד).

## כ

ווייב, דאָ בלייב איך. און דו — בלייב אין דיין האָלאַנד, גויע.
קאָרעספּאָנדענצן? גוט. איך שיק זיי אייך. איך ליפּער.

מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים פון אַן אידיאָט
גיי איך דאָ אַרום — און פּלאָנטער מיך אַלץ טיפער.

## כא

כ'וועל ווידער גיין צום כותל. אָ, איך בין אַ בעלן
צו וויינען דאָרט אין איינזאַמקייט אַ וויינען פון שאַקאַלן.

דערנאָך וועל איך אַהיימגיין און וועל שרייבן אַ געשריפטס
מכח אייער קוואַטש דעם נאַציאָנאַלן.

## כב

איך בין אַ פּאַסקודניאַק. דאָך איר גייט אומשולדיק אַרום
אויף דער ערד, וואו ס'איז געגאַנגען אליהו.
איר טרינקט גאַזאַז און באָדט זיך אינ'עם ים
און שרייבט קאָרעספּאָנדענצן
מיט ווערטער פאַלשלעך־פלאַכע און ווייס־בלאָע.

איר שרייבט: דאָס פאָלק לעבט אויף, ברוך־השם,
און שיקן זאָלט איר געלט, למען־השם;
מיר שווערן אייך ביי די ראַזירטע בערד,
אַז מיר האָבן שוין מוסקולן (וואָס איר הערט!);

אַט גיט מען נאָר דעם ירדן אַן עלעקטריפיציר —
שטייט די גאולה שוין אין טיר.

פאַרוואָס, אַ שטייגער, זאָל גאָט אייך שטראָפן?
איר עסט און טרינקט און באָדט זיך און גייט שלאָפן.
פאַרוואָס, אַ שטייגער, זאָל גאָט אייך שטראָפן,
אליהו'ס גאָט? איר זענט דאָך לעמלדיק אַזוי,
זענט ווערט אַ קניפּ אין באַק.

איך בין נישט אומשולדיק. איך בין אַ פּאַסקודניאַק.

## כג

איך זיץ און חלום אויף דער וואַד:
דאָס וואָלט געווען אַ וואוילע זאַך.

עס איז נאָך אַלץ אליהו'ס ערד.
פאַר זינד איז דונער־שטראָף באַשערט.

אַחוץ אוסישקינ'ען, דע־האַן,
איז דאָ נאָך אויך אַ גאָט פאַראַן,
אַ גאָט פון קראַכיקן תנ"ך —
(דאָס וואָלט געווען אַ שטאַרקע זאַך).

נאָר ווי, אַ שטייגער, אַז עס נעמט
אָן מיר נקמה אַ מענטש'ס פאַר הענט?

ווי שונדיש אַזאַ סוף און שוואַך!
(אַן אַלטע זאַך, אַ בלינדע זאַך).

## כד

עס לויערן, לויערן עמיצנ'ס אויגן.
עס לויערן, לויערן עמיצנ'ס טריט.
איך גיי — און מען היט מיך. איך שטיי — און מען היט.

ווער איז־עס? נישט גאָט... נישט אפילו אַ שד...
אַ ייד, וואָס גייט טויטן? כאַ־כאַ... אָט דאָס איז עס...
עס איז כל־הגויימ'דיק... אָט — און ס'געשעט...

און איז עס אַ חלוץ מיט אויגן פון שטאָל?
אַ שאָד, וואָס איך הער נאָר... אַ שאָד, וואָס איך זע נישט...
ווי שמאָל מוז זיין ליפּ זיין, נקמה'דיק שמאָל!

כ׳זע גאָרנישט... כ׳הער טריט בלויז... ס׳געשעט באַלד —
און דאַן — — —
פון מענטשן־האַנט שטאַרבן — הייסט שטאַרבן אָן וואונדער.
פון מענטשן־האַנט שטאַרבן איז טרויריק, דע־האַן!

## כה

מיך האָט דער לויערער געטראָפן.
מיך האָט דער לויערער געטויט.
אַ מענטש... נישט גאָט... אויך נאָכ׳ן טויט
איז ס׳אויג מיינס אָפן — פרעגיק אָפן.

איך קום נאָך אויפ׳ן אָרט פון מאָרד
און שטיי און וואַרט — אויף ווען...ס וואָרט?

מיין האַנט הענגט שטאַר, מיין פנים בלויט,
כ׳גיי־אויף — אַ ליד אָן קלאַנג, אָן סטראָפן.
עס האָט מיך מענטשן־האַנט געטראָפן.
עס האָט מיך יידן־האַנט געטויט.

## כח

כ׳בין נישט סתם אַ דע־האַן. איך בין אייער פאַמיליען־סקאַנדאַל.
כ׳בין — דער סקאַנדאַל.
פיגורן זוכט איר נאַציאָנאַלע? שוטים!
מיט וואָס בין איך, דע־האַן, נישט נאַציאָנאַל?

ווער ס׳וואַרפט פון אייך אַ שטיין פון עקל אין דע׳האַנ׳ען,
דער האָט נאָך נישט זיין אייגענעם ווייטיק פאַרשטאַנען.

ס׳איז אפשר נישט נאָר מיינע, נאָר אויך אייער סתירה:
צייטונג מיט תנ״ך און גאָט מיט מסירה.

אַ פּאָעט וועט אפשר קומען זיין בליק צו פאַרטיפן
אין שפּאַלט פון מיין צעריסנקייט, וואָס איר האָט נישט באַגריפן.

און פון פינסטערן שפּאַלט וועט ער אַפּערציען מיין שאָטן,
דעם אומהיימלעכן אַפּאָקריפיש־נאַציאָנאַלן שאָטן
פון אַ פּעדעראַסט אין טלית־קטן.

און מיט׳ן שאָטן דעמאָנסטראַטיוו
איבער די קעפּ אייך טון אַ פּאָך,

פונסניי דאָס בלוט מיינס לאָזן טריפן,
און זיין קלער וועגן מיר, אַ קלער אַזוי טיף
ווי די בראַנדיקע יידישע בראָד,
וועט אַריין אין אייערע אַפּאָקריפן.

ווינטער, 1932

## ליד צו מיין פאָטער הלל צייטלין

כ'בין דיין זון.
האָסט אויף דער וועלט מיך געבראַכט.
פאַרגייט אין מיר עמיצנ'ס זון?
בין איך נאַכט?
אָדער בין איך אַ טיר
פון דיר
צום ו ו י י ט ע ר?

זאָג מיר, ווער איך בין.
זאָג מיר, ווער מיר זענען —
מיר, די זין.

בין איך אָנזאָג? בין איך קבר?
בין איך אפשר זייער תפילה
צו אַ תפילה,
וואָס איז נישטאָ,
און מיר איז ענג,
ווייל איך, די תפילה צו אַ תפילה, הענג
האַרט אונטער'ן באַלקן
פון זייער שענק,
אין רויך?

בין איך אפשר אַן איבערגעשראָקענע פלייט
אויף דער חתונה פון זייער טויט,
און אין אַ ווינקל, וואו עס גרויט
אַ שפּין אַ גע'פגר'טע,
שפּיל איך, פון קיינעם נישט געבעטן,
לכבוד סקעלעטן,
און מאַך מיר האַרץ און באַגלייט
אַ לציש־בר־מיננ'שע חתונה,

וואו עס פראַזענען,
וואו עס בלאַזענען
לאַפּיטוטן ליטעראַטורענע,
טינט־שרעטלעך שפּאַסענע?

זאָג מיר, ווער איך בין,
זאָג מיר, ווער מיר זענען —
מיר, די זין.

ס'האָט אונדזער האַנט
אַראָפּגעריסן פון דער וואַנט
דעם לוח —
אפשר קאָנסטו
אויף אויסנווייניק זאָגן, וואו עס האַלט?

געבוירער זענען מיר פון עפּעס —
צי באַגרעבער? צי אַליין די גרוב?
שרעק איז אַראָפּ אויף אונדז.
מיר, קינדער,
מיר ווייסן נישט, וואָס טוט זיך
אין דער פינצטערער יאָרטוויזנטיקער שטוב
פון די טאַטעס.

זאָג: וואָס פילן
זייער נאַקעטקייט אַזוי
אונדזערע קעפּ?
איז עס דערפאַר, ווייל זיי ווילן
של־ראש'ן?
וואָס ציטערן אונדזערע הענט —
איז עס באַגער צו פאַרלוירנגעגאַנגענע תפילין?
פאַרלאָשן
שטייען מיר ווי פאַרטאָג אַ לאַמטערן.
מיר דאַרפן זיין נביאים און ווערן רעפּאָרטערן.
מיר מאַכן און מאַכן די ליטעראַטור,
מיר מאַכן די קולטור מיט דער מאַקולאַטור,
קונסט היינט, קונסט מאָרגן, טאַלאַנט־שמאַלאַנט —
און ס'שלאָפט אונדזער גאָט ווי אַן אַלטער מוזיקאַנט
מיט אַן אָפּגעפליקטן סמיטשיק אין דער קאַלטער האַנט,
דער פאַרגליווערטער האַנט.

וואַרשע, 1931

# דאָס בלוט פון מיין זיידן

כ׳האָב דאָס בלוט פון מיין זיידן,
נאָר אָן ז י י נ ע יום־טובים,
זיינע מצוות און פריידן
און מעשים טובים.

און נעמט אין מיר ריידן
דאָס בלוט פון מיין זיידן,
נשמתו עדן, —
אַזוי מוז איך קלערן
פון די אייביקע שטערן
און ענטפערס באַגערן
און זוכן באַשיידן.

הויבט אָן זיין בלוט אין מיר
ברעגעס צו רייסן —
לאָזן זיך גיין אויף מיר
פעלדער פון רייסן,
און פאַרנט, און פאַרנט
גייט צאַרניק און וואַרנט
מיין זיידע אין ווייסן:
אַי, וועט מען שמייסן,
אַי, וועט מען אויף יענער וועלט שמייסן.

ציטערן מוז איך
ווי אַ בלעטל אַ לעצטס
אויף אַ בוים אויף אַ הוילן,
ווען מיט טריט פון אייזן
לאָזט ער זיך שפרייזן
פון רייסן קיין פוילן.

מיט טריט פון אייזן
קומט ער צושפרייזן
און טרעט מיין לעצטקייט
מיט אייזערנע זוילן.

## נסיעה אין אַ פאַרקערטער ריכטונג

ס'איז איינס בייגאַכט. איך שרייב אויף אַ וואָקזאַל
דאָס דאָזיקע געדיכט.
וואָס פאַר אַ שייכות האָט וואָקזאַל מיט דיכטונג?
איך בין אַהער געקומען נישט־געריכט,
ווייל כ'בין געפאָרן אין אַ פאַלשער ריכטונג.
אויסזאָגן אַזוינס איז ריזיקאַליש:
פון לאָדז האָב איך געדאַרפט קיין וואַרשע פאָרן —
בין איך אַריין אין צוג, וואָס גייט קיין קאַליש.
זיץ איך איצט אויף קאַלישער וואָקזאַל
(קיין וואַרשע גייט אַ צוג ערשט פיר פאַרטאָג)
בייז און אויפגערייצט, כאָטש נעם און שלאָג
זיך גופא.

צוערשט
(איך האָב מיך קוים באַהערשט)
האָב איך אַרויפגעקוקט צום זייגער
איבער'ן בופעט,
געציילט מינוטן צו מינוטן —
און גע'חלומ'ט פון אַ בעט.

דערנאָך
האָב איך אַריינגעשטעקט די נאָז אין צייטונג
און געזאָגט צו זיך: אין תוך
איז עס דאָך אַן עפּיזאָד אָן אַ באַדייטונג
און ס'לוינט זיך נישט צו מאַכן
פון אַזעלכע מיני זאַכן
אַזאַ וועזן
(פונדעסטוועגן האָט זיך עפּעס נישט געלעזן).
דערנאָך האָב איך פאַרטיפט די בליקן
אין די שוואַרצע שויבן פון וואָקזאַל
און געזוכט געהיימע בריקן
צווישן מיר און אָט דעם נישט־געשמאַקן פאַל.
און ס'איז כמעט געקומען ווי התגלות:
אויב איך בין
געפאָרן אין אַ פאַלשער ריכטונג
און געקומען גראָד קיין קאַליש,
איז אין אָט דער זינלאָזער געשיכטע —
ווי אין יעדן אומזין — דאָ אַ זין.

אויב איך בין
נישט דאָרט, וואו כ'וואָלט באַדאַרפט צו זיין,
איז עס אפשר נאָר אַ וואונק פון שטערנדיקער ווייט:
פריינט דו מיין,
קער דיך אום, ווילאַנג ס'איז צייט!
אַ וואונק אַזאַ פון איבער דר'ערד:
נישטאָ פאַר דיר קיין טרייסט,
ווייל דו גייסט
פ אַ ר ק ע ר ט !

יאָ, מען דאַרף נאָר אויפנעמען דעם וואונק,
מען דאַרף נאָר וואַך זיין צום סיגנאַל —
און קלאָר ווערט מיטאַמאָל דער שפרונג
אַהער, אויף קאַלישער וואָקזאַל.

כ'האָב שוין אויסגעטרונקען לאַנג מיין גלעזל טיי,
דער זייגער גייט צו צוויי,
עס דרעמלט די בופעט־גויע,
עלעקטרע ברענט אַלץ מידער.
דורך מיין געהירן גאַלאָפּירן
פיבערדיקע לידער,
גאַלאָפּירן־דורך און ווערן נעלם
אויפ'ן נאַכט־שאָסיי צום נישט־באַקאַנטן.

קלער איך ווידער:
פאַקטן זענען סימולאַנטן.
זיי סימולירן פלאַכקייט,
נאָר ווי טיף זיי טוען זיך פאַרקייטלען:
פאַרבלאָנדזשעט האָט מיט אהרן צייטלין
אַ גאַנצער דור, וואָס גייט פאַרקערט.
ניין, נישט איין דור, נאָר אַלע דורות,
וואָס האָבן ביז צו אים געפירט
און אים געשאַפן,
אָט דעם, וואָס זיצט ביים טישל פון בופעט
און טוט דורך שוואַרצע שויבן גאַפן.
זיי אַלע האָבן דאַך פאַרבלאָנדזשעט גלייך מיט אים,
ווייל איז ער דען נישט זייער
נישט געראָטענער עקסטראַקט?
(סימבאָל איז יעדער פאַקט).

איז קיינער דען נישטאָ דאָ אַחוץ מיר,

דעם פּאַסאַזשיר,
וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט?
אַלע זענען דאָך מיט מיר — און אַלץ.
אַלץ, וואָס שטעלט מיך, מענטש, צונויף:
וואַלד און גאָט,
וויטאָקן און ווינטן,
חלום און געבייזער,
מדבר־סיני,
וואַרשע,
דער זיידע ר׳ אברהם,
דער זיידע אָרליק־לייזער.

נאָר פֿון וואַנען ווייס איך, אַז איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט?
באשר, ס׳לאַכט מיך אויס
דער שכל מיינער, דער מלמד,
און ווייזט מיר אויף,
אַז כ׳האָב די מינדסטע שייכות נישט מיט קאַליש?
מסתמא מוז איך זיין דאָ אָט די נאַכט,
ווייל ס׳האָט אַזוי געטראַכט
דער קאָפּ דער טיף פֿאַרבאָרגענער,
פֿון אַלע קעפּ דער קאָפּ,
וואָס אַ מענטש׳ס מחשבות
זענען אָפּשפּיגלונגען טעלעפּאַטישע
פֿון די געדאַנקען זיינע
די הימליש־מאַטעמאַטישע.

נאָר ווי קיינמאָל גאָרנישט
פֿרעגט אויפֿס־ניי דער שכל שפּאָטיש־אידיאָטיש:
וואָס טוסטו דאָ אויף קאַלישער וואָקזאַל?
ענטפֿער איך צוריק אים מיט אַ קשיא:
און וואָס טו איך אויף דער וועלט בכלל?
אַ טיפֿע זאַך האָט מיך אַהערגעבראַכט,
אַ טיפֿע זאַך וועט מיך צוריקנעמען.
דיזעלבע זאַך, וואָס האָט אַהערגעבראַכט,
וועט צוריקפֿירן, צוריקפֿירן — — —

און אגב, שכל חשוב׳ער,
טו איך דאָס זעלבע גראָד,
וואָס איך טו זינט יאָרן אויף דער וועלט:
איך מאַך אַ ליד

און וואַרט —
איך מאַך אַ ליד און וואַרט אויף יענעם צוג,
וואָס קערט מיך אום אין יענער שטאָט,
פון וואַנען כ'בין געקומען.

טענ'ע איך אַזוי צום שכל מיינעם,
און אַז די בופעט־גויע די אַלטע וועקט זיך איבער,
באַשטעל איך ביי איר ווידער
אַ גלעזל טיי,
נישט אַזוי, ווייל ס'ווילט זיך טרינקען,
ווי דערפאַר,
ווייל די טיי וויל זיין באַשטעלט.
און איך זאָג צו מיר אַזוי:
עס קומט צו דיר די וועלט
מיט דעם זעלבן מוז,
ווי דו — צו איר.
ביסטו ממילא מיט איר קוויט,
מיין ליבער ייד,
און וואָס ווילסטו נאָך?

רופט זיך אָן אַן אַנדערער אין מיר און זאָגט:
דאָס אַלץ איז, כ'לעבן, קלוג.
נאָר די מעשה איז, וואָס איך בין מיד
און איך האָב עס אַלץ גענוג.
דער צוג — ווען קומט דער צוג?
ווען נעמט ער מיך שוין צו?
ווען האָב איך שוין אַביסל רו?

שטות! —
מישט זיך דאָ אַריין דער זייגער אונטער'ן סופיט
און טייטלט מיט אַ ווייזער מיט אַ האַרטן —
וואָס אַ שוטה רעדט!
וואָס הייסט, ער קאָן שוין מער ניט וואַרטן?
ס'איז דאָך אַ מוז!
און דער צוג — ער מוז דאָך קומען, מוז!
אַ מינוט נישט פריער, אַ מינוט נישט שפּעטער!
וואָס־זשע רעדט ער?
זעט דער אַנדערער אין מיר, דער מידער, דער בעל־טענה,
אַז דער זייגער איז גערעכט,
וואַרט ער שוין געהאָרכזאַם ווי אַ קנעכט
מיט די איבעריקע וואַרטנדיקע איכ'ן מיינע.

גענעצט די עלעקטרע,
גענעצט די בופעט־גויע
(נישט זייער מוזיקאַליש
גענעצט אַ בופעט־גויע אין קאַליש),
און אָנגעשריבן ליגט
אויפ'ן טישל מיין געדיכט —
דער באַריכט
פון מיין פּאָר אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג.

קאַליש, 1936

## נישט גע'צדיק'ט, נישט גע'רשע'ט

נישט גע'צדיק'ט, נישט גע'רשע'ט —
וואָס־זשע לעבט מען אויף דער וועלט?
אוי, די מעשה איז נישט פּשוט,
אָט די מעשה איז נישט פּשוט.

שווער גע'צדיק'ט האָבן זיידעס
און געמיט זיך און געמיט —
מיר די פּוילערס, מיר די ריידערס
ריידן ביז מיר ווערן מיד.

אויסגעווערטערט אַלע ווערטער,
זיך דערוועדט ביז גאָט אַליין,
און געבליבן אַזוי קליין,
און געבליבן ביי די ווערטער.

נישט גע'צדיק'ט, נישט גע'רשע'ט,
נישט געגנאַכטיקט, נישט געהעלט —
אוי, די מעשה איז נישט פּשוט.
אָט די מעשה איז נישט פּשוט.

זיך ווי קראַנקע ציין געוואַקלט —
וואָס־זשע לעבט מען אויף דער וועלט?
נישט געריכערט, נישט געפּאַקלט —
וואָס־זשע טוט מען אויף דער וועלט?

1933

## די תליה

געשטאָרבן זיינען וואָלקנס אין מיטן לייכטן,
געוואָרן אַש. ס'איז איבער'ן פעלד דעם פייכטן
די לבנה געשטאַנען נאַקעט.
אַ פראָש האָט געקוואַקעט.

ווייטע פאַבריק־קוימענס זיינען געזעסן
און געבעטלט רחמנות
ביי בייזע פאַרבייגייער — די מעת־לעת'ן.

אין גראָז האָט דאָס אינזעקטן־פאָלק געקאָכט,
ווי ס'וואָלט דער גיהנם דאָרט געזאָטן
און ס'וואָלט זינדיקע געבראָטן
דער שטן.

זיי האָבן שווער געטראָטן.
זי האָט געזאָגט: איך זע אַ תליה.
ס'באָמבלען זיך אויף איר די קעפּ פון קינדער.
די קעפּ פון מיינע נישט־געבוירענע,
מיינע נישט־געוואָלטע קינדער.
ס'האָט ליכט געבענטשט מיין מאַמע
און געבעטן גאָט פאַר אירע קינדער —
די יורשים, די פאַרבינדער.
נישטאָ אין מיר קיין שבת, כ'צינד נישט
קיין ליכט און האָב קיין קינד נישט.
מיט שטומער תביעה
באַגלייטן מיך נאָר קעפּ, נאָר קעפּ —
קעפּ פון קינדער אויף אַ תליה.

## אַ מאַלאַריע-נאַכט

### א

אַזויפל יאָרן שוין — און כ'זע נאָך
די נאַכט ביז איצט און הער איר רעגן.
אין יענער נאַכט, אין זכרון־יעקב,
בין איך מאַלאַריע־קראַנק געלעגן.

עס ממית'ן מיט קלעפּ דעם שאַרבן
קאָשמאַרן, אכזר'דיקע שלעגער.

מיט הענט מיט רויטע צינדט קדחת
פון אַלע זייטן דאָס געלעגער.

דאָס האַרטע ברעטערנע געלעגער —
אין פלאַם צעגייען זיינע ברעטער.
די שרפה יענע שפירט דאָס לייב מיינס
נאָך איצט, נאָך איצט, מיט יאָרן שפּעטער.

איך רייד פון היץ. מיך הערט אַ שאָטן —
אַזאַ מין שטילער, לאַנגער, דינער.
און רעגן פליט אין שוואַרצן דרויסן
ווי אויף זיין פערד אַ בעדואינער.

ב

ווען אַ ייד ליגט קראַנק
און איז איינער אַליין
און ס'בלייבט אים גליען אין געדאַנק
דער עיקר אַליין —
טאָ צו וועמען זאָל ער ריידן,
אַז נישט צו גאָט אַליין?

שכור פונ'עם עיקר, ליג איך ברענענדיקערהייט
און האַלט צו גאָט אַ פייערדיקע דרשה,
פאַרפיר מיט אים אַ טענה, פאַרטומל אים מיט רייד
און וואַרף זיך ווי אויף יענער־וועלט אַ רשע.

— דו פּאַשעסט אונדז מיט צרות, דו פּאַשעסט אונדז מיט מחלות —
וואָס־זשע איז דער תכלית? וואו־זשע איז דער תכלית?

אַ טענה נאָך אַ טענה און אַ שאלה נאָך אַ שאלה.
נאָר קיין ענטפער איז נישטאָ, נישטאָ.
בלייב איך ליגן שטיל און גאַף אַ לאַנגע ווײַלע
און בין פאַרוואונדערט, וואָס קיין ענטפער איז נישטאָ.

ג

דער זיידע קומט צוגיין און קאָן נישט פאַרשטיין:
איז אָט דער גלוח זיין אייניקל?
ס'פאַרקרימט זיך אים אַ באָרד אַ האַלבע צום געוויין.
ער געדענקט מיך נאָך אַ קליינינקן.

דאָ, אין גאָט'ס לאַנד, ליגט זיין אייניקל קראַנק,
און ס'וואַרפט דאָס קדחת נישט בלויז מיט זיין חומר, —
זיין נשמה איז קראַנק און זיין נאַכט איז לאַנג,
און זיין נאַכט און זיין נשמה באַדאַרפן אַ שומר.

אין גאָט'ס לאַנד איז ער קראַנק, אין גאָט'ס לאַנד איז ער
קראַנק.
ווי קומט ער אַהער, דער גלוח?
וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט גאָט?
אַ קל ווי ער
דאַרף גלויבן אין אַ קאָרט אָדער גאָר אין אַ רוח.

ווער קאָן פאַרשטיין וואָס מיט'ן אייניקל קומט פאָר?
הינטער די שפּאַקולן הויבט אַ טרער אָן ברויזן.
אַ חבד'ער ניגון קומט פון אַלטע קלויזן —
און פירט אים צוריק צו זיין דור.

ד

האָט אַ שטעטל אַ גאַנץ זיך צעהוליעט אין טאַנץ.
צאן־קדשים... רבונו של עולם, הוראַ...
ש מ ח ת ־ ת ו ר ה !
(הינטער דער וואַנט
האָבן חלוצים אַ הוירע*) געטאַנצט,
אַ הוירע).

פון הר־זיתים אַ שופר! משיח קומט אָן!
הויך זינגען נשמות! דאָס לויב־געזאַנג פלאַמט
אַרויף צו דעם בורא — — —
(הינטער דער וואַנט —
קולות וברקים! עס שטורעמט און ימ'ט
די הוירע).

ס'רוישט די הוירע דעם רעגן אַריבער. איך שווים
צווישן רעגן און הוירע אויף אַן איינצלנער ברעט — —
מאַמע, כ'האָב מורא — — —
(הינטער דער וואַנט

---

*) אַ הוראַ (אָדער הוירע) — אַזוי האָבן מיר די ערשטע צייטן געגרופן אין פוילן די ה אָ ר אַ . אפשר האָט זיך עס גענומען פון דעם העברייאישן אויסלייג פונ'עם וואָרט — מיט'ן וואָו נאָך דעם ערשטן הא. — א. צ.

האָט אָפּגעטאַנצט חברה; אין מידקייט גייט אויס
די הוירע).

ה

פון בערג אַהינטער דער קאָלאָניע
גייט אויף שאַקאַל־געוויין. איך הער
דעם חורבנ׳ס נאַכטיקע סימפּאָניע
פון ירמיהו ביז אַהער.

אַ קלאָג אַזאַ איז נישט צו הערן
אין קיין שום נאַכט פון קיין שום לאַנד.
ס׳רירט אָן מיין בריענדיקן שטערן
אַן אַלטן נביא׳ס דאַרע האַנט.

ווי לאַנג עס קייטלט זיך דער יאָמער!
נאָר אָט ווערט שטיל... אַ קול ווי טוי
טריפט פון תנ״ך אַרויס: כה אמר...
פאַרנעם! כה אמר אדני...

ו

דאָס קול פאַרזינקט. שטום ליגט ס׳תנכ׳ל:
פאַרשלאָסן ליגט אין אים משיח.
זע, תהום־צו קראַך איך קאָפּ־אַרונטער —
ווי גיך, ווי אָן אַן אָפּהאַלט פלי איך!

דער תהום פליט אויך: ער פליט אַנטקעגן.
אַ רגע — טרעפן מיר זיךביידע.
נאָר פלוצלינג גייט דער תהום פאַרלוירן:
מיין קאָפּ גייט זוכן די אבדה.

ז

עס נידערט פון הויכן באַרג־וואוין
אַ מלך פון דעם לאַנד.
זיין גוף דער שלאַנקער טורעמט,
זיין באָרד די שוואַרצע שטורעמט,
עס הויבט אַ כוס וויין זיין האַנט.

אַז ער דערזעט מיך ליגן,
רופט ער זיך אָן מיט פאַראַכט:

— וואָס טוסטו דאָ, דו וואָרעם?
פון וועלכע פוילע קברים
שלעפּט דיך אַהער די נאַכט?

— איך בין פון דעם שטאַם דעם זעלבן,
וואָס דו, מיין ליבער האַר!
נאָר עפּעס גאָרנישט פריילעך
איז מיר, אדוני מלך —
מיין וויין איז ביטערער צער.

דער שלאַנקער מלך פון שומרון —
ער שטייגט צוריק אין זיין נעסט.
אַ געשפּענסט האָט ער געטראָפן!
זאָל גאָט אים מער נישט שטראָפן
מיט אַזעלכע געסט.

ח

שולמית, שוועסטער מיין, וואו ביסטו?
צי ווייסטו, אַז כ'בין קראַנק, שולמית?
עס דאַרף מיין קאָפּ אַ האַנט אַ שוועסטער'ס,
מיין בליק — אַן ענטפער־בליק אַ מאַמע'ס.

ווען שטייסטו, יידישע תפארת,
צוקאָפּנס מיר אין פּראַכט אין בלאָער?
אַלץ קדיש־יתומ'דיקער ווער איך,
און דו — נישטאָ און אַלץ נישטאָ'ער.

און אפשר טאַנצסטו איצט מיט שקצים?...
מיין שאַרבן גליט ווי ערד אין תמוז...
אָ, שובי, שובי! קער דיך אום שוין
פון דיינע ווייטקייטן, שולמית!

ט

דער פיבער שמייסט דאָס האַרץ. עס גאַלאָפּירן שעה'ן
שנעלער ווי מחשבות אין געהירן פון אַ גאון.

ווי פון טינטערדיקע אלול־בלאָטעס אין אַ שטעטל
קריכן שדים יידישע — אַ שרעטל נאָך אַ שרעטל.

איינער מישט די בלעטלעך פון אַן אַלטן מעבר־יבוק,
קרעכצט און שמעקט מיט הקדש, טויט און טאַבאַק.

אַ צווייטער קוקט מיך אָן מיט פּקחות און פּאַרדראָסיק,
ווי אַ לויטער־קילער קוהלת'דיקער פּסוק.

אַ דריטער, מעשה נגיד'ל, וואָס גייט צופוס דורך דער מדינה,
מוסר'ט מיך מיט רויטע אויגן און מיט לעפּצן גרינע.

אַ פערטער לאָזט זיך גיין גאָר פרום נאָך מיין עגלה.
אַ פינפטער איז מיך מספּיד מיט אַ שפּיציקער יללה.

אַ זעקסטער און אַ זיבעטער — צוויי האַסטיקע קברנים —
שיטן שטיקער זאַמד מיר אויפ'ן פּנים.

מיט אימפּעט שאָטענדיקן הויבן זיי די רידלען.
און זייטיק זאָגט אַ שד: איצט וועט ער שוין נישט לידלען.

י

מיין קבר היטן שדים
מיט אומעטיקע בערד.
איינער מאַכט אַ „מלא" —
און זאָגט: אַן עולם־מלא
ליגט אונטן אין דער ערד.

מיין קבר היטן שדים
מיט אומעטיקע בערד.

יא

ביי איז דער אויבערשטער בית־דין.
אָט דעם, געבוירן אין רייסן —
ווי רופט מען אים —
שמייסן!

אַ מלאך אַ ווייסער
לויפט־צו צום שמייסער:
וואַרט — —

נאָר בית־דין איז האַרט:
פאַר תורות אָן גאָט, פאַר ווערטער אָן מעשים —
שמייס אים!

יב

שטעלט זיך דרויסן אָפּ אַ וואָגן.
ס'איז דער דאָקטאָר.
גיב אַ קוק: עס טוט שוין טאָגן.

ס'גייט דער טאָג. ס'קוקט אָן מיט פרייד אים
ס'פיבער־מידע אויג. עס לייכטן
פאַר'ן פענסטער ווייסע שקדים.

און אין שרעק אַנטלויפן שדים — — —
ווי זיי לויפן, ווי זיי פרייכן!
דאָקטאָר, זעט: אַזויפיל שדים!

1933

## געשריבן אין יאַנואַר 1932

גאָט, אין זכות פון מיין ווילן
צו נייע טלית־און־תפילין,
די פיינען מיינע צו שטילן,
די נאַקעט מיינע צו הילן;
אין זכות פון מיין בלאָנדזשען צו דיר
אַליין צווישן קליפות וואָס בילן;
אין זכות פון מיין זיידנ'ס אַ טרער
אויף אַ דף אַ פאַרהוילן־שטילן
פון אַן אַלטן ספר, וואָס וועלקט
צווישן הייליק פאַרשטויבטע גווילין;
און אין זכות פון דער אייביקער רות,
וואָס טוט וואונדן בראַנדיקע קילן, —
זיי מוחל, ווען איך טו אָן
די אינטעליגענטישע ברילן.

און נעם פאַרליב און פאַרגיב
בשעת דו זעסט מיך שפילן
אין פראַזן צוזאַמען מיט זיי,
מיט די ליטעראַרישע לייט
פון אַ דור אַ פאַרשאַלאַטאַנטן,
די פוסטע מגידים אָן בערד,
וואָס צווישן הימל און ערד
הענגען זיי און מעסטן
איינער דעם צווייטנס טאַלאַנטן.

אָטוואָצק.

# שמואל ראש-מדינה

## א

זעקס יאָר האָט נע־ונד'עוועט אַוורעמל,
אַן אָרעם־בחור פון מדינת פוילן,
געוואָגלט פון איין קהילה צו דער צווייטער,
גענעכטיקט אין פאַרוואָרלאָזטע הקדשים,
בייטאָג אַ בעטל־האַנט געשטרעקט, און פלוצעם, —
אין הקדש, אויפ'ן גאַס, צי אויפ'ן וועג גאָר,
בייטאָג, ביינאַכט, וואו־ווען עס זאָל נישט טרעפן, —
אויף דער ערד אַ וואָרף־זיך מיט'ן פנים,
ווי אַ שטיין, וואָס עמיץ האָט געשליידערט;
באַלד דערנאָך, אין קראַמפּעניש צעכוואַליעט,
ווערט דער שטיין, דער גוף זיינער, אַ שלאַנג —
און עס רעדט אַרויס פון אים אַ רוח.
דער רוח שרייט און לאַכט און פראַוועט חוזק,
רעדט גראָבע רייד און שפּעט פון אַלץ וואָס הייליק.
ער רופט־אָן נעמען, שעלט מיט טויטע קללות
די, וואָס ער רופט אָן, און נאָר איין נאָמען
צערטלט ער און ווערט דערביי פאַרטראַכט,
שווייגט אַ מינוט — און ווידער: חנה... חנה...
ער צערטלט ווי אַ קינד דעם נאָמען חנה,
ער קושט אים, ער האַלובעט אים. נאָר ס'דויערט
נישט לאַנג און ווידער רעדט ער גראָבע רייד
און לאַכט און שרייט און שפּעט פון אַלץ וואָס הייליק.

אַזוי זיינען אַריבער אַ יאָר זעקס.
אַוורעמל'ען האָט פון אָרט צו אָרט דער רוח
געטריבן, ווי אַ ווינט אַ כמאַרע. עפּעס
האָט ער געהאַט אין זינען מיט זיין טרייבן.
ווען סוף־כל־סוף געבראַכט האָט ער אַוורעמל'ען
קיין ניקלסבורג, אין מערן דער מדינה,
האָט הויך אַ לאַך געטאָן דער רוח: 'איצטער
וועל־איך בפני עם ועדה האַלטן
מלחמה מיט דעם טרייבער פון דיבוקים,
דעם שמייליקן מקובל מוישקע פּרעגער.
מ י ך וועט נישט אַרויסטרייבן דער חכם!
איך וועל אים ווייזן, אָט דעם הויכן פלאָקן

מיט די באַרשטן־ברעמען, אָט דעם קנאַקער
מיט דער פורים־באָרד, דעם זאַק מיט פסוקים
אָט־אָ־דעם, דעם כניאָק מיט די השבעות —
איך וועל אים ווייזן! פּלאַצן וועט ער, מוישקע,
און אַ קרענק וועט ער פאַרטרייבן מיך פון דיר,
אַוורעמל־שוועמל, וורעמל־לעקיש־בערל!״

ווען אַוורעמל איז קיין ניקלסבורג געקומען
און איז אַוועקגעפאַלן אויפ׳ן מיטן מאַרק
און ס׳איז צונויפגעלאָפן זיך אַן עולם
אויפ׳ן בייז וואונדער — איז ר׳ משה פרעגער
גראָד פאַרבייגעגאַנגען. שטעלט ער אָפּ זיין גאַנג,
גייט צו און הערט די ווערטער פון דעם רוח.

הויבט אָן דער רוח זידלען אים, ר׳ משה׳ן,
מיט רייד געמיינע און מבולבל׳ע. שטיי אויף, —
רופט אויס ר׳ משה צו אַוורעמל׳ען. — ליג! —
איז הויך דער רוח גוזר.

— כ׳וועל דיר העלפן
זיך אויפצושטעלן, — זאָגט ר׳ משה, בויגט זיך
פון זיין הויכעניש אַרונטער (ס׳איז ר׳ משה
אַ משכמו־ומעלה׳דיקער ייד)
און שטעלט אַוורעמל׳ען אויף. דער רוח צאָרנט.

צוויי אויגן שוימיק־גרינע האָט אַוורעמל,
ווי ים־כוואַליעס, און ליפּן זאַפּטיק־פולע
ווי ביי אַ מיידל (ס׳רופט אים טאַקע בתולה
דער בייזער רוח).

נעמט ר׳ משה פרעגער
דעם בחור אויספרעגן. דערציילט ער ווי ער הייסט,
און אַז פון פוילן קומט ער, וואַנדערט שוין זעקס יאָר
(זעקס יאָר שוין נישט געלייגט קיין תפילין — וויינט ער —
זינט ס׳האָט מיין לייב פאַראומרייניקט דער רוח),
און אַז ער וואָגלט, ווייל דער רוח יאָגט אים,
און אַז דאָס חיות עקט זיך אים. עד מתי?
ראַטעוועט מיך, רבי! — רופט אַוורעמל,
און ר׳ משה נעמט אים קוקן אין די אויגן
ווי מען קוקט פון דרויסן אין אַ פענסטער.
ער בליקט, דער רוח שווייגט — און אַלע שווייגן.

ער גיט דערנאָך אַ שאָקל מיט'ן קופּער
פון זיין שטאַרקער באָרד, ווי ער וואָלט עפּעס
אַראָפּגעטרייסלט, און דערלאַנגט אַ זאָג
האַלב צו זיך און האַלב צום עולם יידן:
צוויי וועלטן דאַרף מען ראַטעווען — אַן עולם מלא,
וואָס האָט אַ גוף, און נאָך אַ וועלט, וואָס האָט נישט
קיין גוף קיין אייגענעם און האָט באַזעצט זיך
אין אָט דעם בחור נעבעך.

נעבעך־שמעבעך, —
האָט אויפגעלאַכט דער רוח, אויף אַורעמל'ען
זיך אַ וואָרף געטאָן מיט ווילדן כוח,
און ווידער ליגט אַורעמל אויף דער ערד
און ס'רעדט פון אים און ס'ניבול־פּה'ט פון אים. ר' משה
הייסט אים דערווייל אַוועקטראָגן אין הקדש
און זאָגט: איך וועל צונויפרופן אַ בית־דין.

ב

אין ניקלסבורג אין הקדש הינטער'ן אויוון
איז געלעגן, אַ פאַרפייניקטער, אַורעמל.
דער רוח האָט אים אָנגעטאָן יסורים
נאָך מער ווי תמיד, אים געצופּט, געריסן,
זיך איינגעשרויפט אין אים, גענאָלט, געעגבערט —
און נאָדלדיק געכיכיקעט: „רעבע... שמעבע...
מיין לעקיש וויל, דער שמעבע זאָל אים העלפן...
ס'איז דיר נישט גוט מיט מיר, דו לעקיש־בער?
כ'האָב דאָך דיך ליב סכנות..."

טעג און נעכט
האָט אָפּגעמוטשעט זיך אַזוי אַורעמל,
ערשט זע נאָר, זע, ווער ס'גייט אַלץ: ס'איז אין הקדש
אַריינגעקומען — פון אַן עולם יידן
באַגלייט — דאָס בית־דין, וואָס ר' משה פּרעגער
האָט צונויפגעשטעלט, געטריי זיין צוזאָג.
ר' משה פּרעגער, דער יודע ח"ן,
שפּאַנט בראש. אָן שהיות גייט ער צו
צום הינטערנאָויוון, וואו עס ליגט אַורעמל,
און אינ'עם נאָמען פון דעם בית־דין איז־ער
דעם בייזן רוח מתרה: על פּי דין
באַדאַרף מען וואָרענען. טאָ גיי מיט גוטן

אַרויס פון אָט דעם בחור כמר אברהם,
און זיי נישט מזיק קיינעם ביים אַרויסגיין,
נישט ייד, נישט גוי, נישט זכר, נישט נקבה.
באַקלער זיך און פאַרשטיי, אַז אָט דער גוף
געהער נישט דיר. דו טאָרסט אין אים נישט וואוינען.
און מיין נישט, אַז מיר זיינען דיינע שונאים.
פאַרקערט: איך, משה פרעגער, בין אין נאָמען
פון בית־דין דיר מודיע, אַז כ'בין גרייט
דיר טובות טאָן, באם דו טוסט געהאָרכן.
אַז נישט — וועט מען פאַריאָגן דיך מיט שופרות!
גלויב מיר, איך מיין דיין טובה. די התראה
איז אויסן נאָר דיין גוטס. דו דאַרפסט נאָר זאָגן
דיין נאָמען און דעם נאָמען פון דיין מאַמען —
און כ'בין מבטיח: זאָגן וועל איך קדיש
נאָך דיר און טאָן פונדיינעטוועגן תפילה
און לערנען תורה אויך פון וועגן דיר
און פאַסטן צוליב דיר אַ יאָר אַ גאַנץ —
חוץ טעג ווען ס'ווערט קיין תחנון נישט געזאָגט —
און טאָן וואָס נאָר אין מיין רשות, כדי
דיר העלפן נאָכדעם ווי דו וועסט אַרויסגיין.
ווייל גרויס איז דאָס רחמנות אויפ'ן בחור —
דו האָסט פאַרכאַפּט זיין גוף — און אויך אויף דיר איז
ס'רחמנות גרויס. איצט ענטפער: נעמסטו אָן
די התראה?

אויפגעשפרונגען איז
דער רוח. שטייט אַוורעמל אויף די פיס
און ס'חוזק'ט הויך אַרויס פון אים: „דו מוישל,
איך בין דיך מתרה, דיך און דיינע יידן,
דו זאָלסט מיט גוטן אָפּלאָזן אונדזביידן.
אדוני כניאָק, זיי וויסן: כ'בין געקומען
נישט כדי צו הערן דיינע שטותים,
נאָר דיר צו זאָגן וואָס דו ווייסט נישט. הער־זשע:
ס'האַלט שמאָל מיט דיין רב גאָט! מע קאָן נישט זאָגן —
ער איז פאַראַן, נאָר ס'איז ווי נישט געווען.
וויבאַלד עס זיינען דאָ אַזעלכע טמאים
ווי איך — איז ער, דיין גאָט, נישטאָ ממילא.
פאַראַן און פאָרט נישטאָ. פאַרשטייסט, ר' צאָן?
פון מיין פאַראַן־זיין איז געדרונגען זיין

יאָ־נישט־פֿאַראַן־זײַן. ווען מען גייט דאָס אָן
וואָס ער איז דאָ, אַז ס'איז אַזאַ מין דאָכץ,
וואָס לאָזט פֿאַראַן־זײַן מיך און אַל מײַנסגלײַכן?
באַנעמסטו וואָס איך האָב דיר דאָ געזאָגט,
צעשמאָלצענע יום־כּיפּור־ליכט דו אײנע?״

אַ שוידער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס בית־דין,
געשוידערט האָט דער עולם. נאָר ר׳ משה
האָט אויסגערופן הויך אין בית־דינ׳ס נאָמען:
מיר האָבן דיר געגעבן אַ התראה.
און איצט זײַ וויסן, אַז אם ירצה השם,
דאָנערשטאָג, ב׳ שבט, וועט אין דער ניי־שול
אַ השבעה פֿאָרקומען.

ווי הויך
ס'איז נישט געווען ר׳ משה, איז־ער דאָסמאָל
געוואָרן, דאַכט זיך, העכער נאָך ווי תּמיד.
ס'איז אַרויסגעלאָפֿן עפּעס ווי אַ בליץ
פֿון הינטער זײַנע ווײַס די געדיכטע
און ס'האָט געגליט דאָס קופּער פֿון זײַן באָרד.
מיט שנעלע פֿעסטע טריט איז ער אַרויס
פֿון הקדש, און נאָך אים דאָס בית־דין; צווישן
די דיינים האָט זיך אָנגעזען באַזונדערס
דער מופלא ר׳ צבי סג״ל (ס'איז דער רב פֿון שטאָט,
ר׳ דוד אָפּענהיים, דער גרויסער גאון,
וואָס מצודתו פּרושה אויף גאַנץ מערן,
געווען אין פּראָג גראָד, אין דער עיר־הבירה,
פֿון צרכי־ציבור וועגן). נאָכגעגאַנגען זײַנען
הקצין ר׳ יצחק־זעקל, און ר׳ יהודה לייב
ב״ר משה, און ר׳ וואָלף ב״ר זלמן פּישהויף,
און ר׳ דוד ב״ר אליקום, און ר׳ יצחק העלשויער,
און ר׳ יששכר־בער ב״ר שלמה פֿאַלק,
און נאָך פֿון די חשובים און נכבדים.
נאָך די ראשים איז אַרויס דער עולם
יראה'דיק און שטיל. עס האָט דער רוח
זײַ נאָכגעשיקט אַ נאָדלדיק געלעכטער,
אַ וואָרף געטאָן אַווערעמל'ען אויף דער ערד:
אַווערעמל־שוועמל, פּיפּערנאָטער, לייג דיך — —
און לאַנג נאָך, לאַנג נישט אויפֿגעהערט צו לאַכן.

ג

דערווייל האָט ס'בית־דין זיך גענומען וואַקלען.
מיט אַ טענה איז אַרויס דער דיין,
דער מופלא ר' צבי־הירש המכונה סגל.
וויבאַלד דער רוח איז אַזאַ עז־פנים,
אַזאַ מחרף־ומגדף, אַזאַ מויל,
וואָס רעדט געמיינהייט, אַזאַ ווילדער כופר,
אַזאַ מין טרייפער שם־רשעים־ירקב —
קאָן טרעפן, אַז עס זאָל קיין זאַך נישט העלפן,
נו, ווער דאַך אַרויסקומען אַ חילול.
דערגיין וועלן ערלים די געשיכטע —
און לאַכן פון אחינו בני ישראל:
ס'האָט זיי אין זאַק אַריינגענאַרט אַ רוח,
געזידלט און געשנידלט און גע'כפירה'ט
אויף וואָס די וועלט שטייט — און די יידן זיינען
געבליבן מיט אַ נאָז, אומזיסט געשמייעט...
היינט וואָס־זשע דאַרף מען עס אינגאַנצן? מילא,
וואָלט דאָס געווען אַ רוח סתם — איז אַנדערש.
ס'איז אָבער נישט אַזוי. געהערט דיבורים?
געזען אַ מינות? איז נישט גלייכער לאָזן
דעם בחור ווייטער גיין און זיך נישט מישן?...
וואָס קאָן מען טאָן? אויב גאָט, דער רופא חולים,
וועט אים נישט אויסהיילן — איז דאָך מסתמא
אַזוי באַשערט. מע דאַרף נישט קיין התראות,
אויך קיין נידויים נישט. מע דאַרף דעם בחור
אַוועקשיקן פון ניקלסבורג... דאָס בית־דין
איז גרייט געווען צו געבן זיין הסכמה
אויף ר' הירש דיינ'ס רייד און ס'האָט געהאַלטן,
אַז בית־דין זאָל אויס בית־דין ווערן. אָבער
ר' משה פרעגער האָט זיך אויפגעשטעלט אין גאָר
דער הויכקייט זיינער און געזאָגט אַזוי:
מורי ורבותי, ס'איז דער בחור
אַ טייער קינד — וואָס איז ער נעבעך שולדיק?
איך האָב אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן,
ווייס איך: ער איז ריין. ער וועט נאָך קאָנען
פרומע דורות אויפשטעלן, אויב ס'וועט
דער רוח אים צו־רו לאָזן. והשנית:
מע דאַרף אויך אים מתקן זיין, דעם רוח,

און ציטערן פאַר מינות איז קיין קונץ נישט.
דער אויבערשטער — ער וויל, עס זאָל, כביכול,
דער מענטש אים העלפן. נישט סתם זאָגן: גאָט,
דער רופא חולים, וועט — אויב ער וועט וועלן —
זיך שוין מרחם זיין... ניין, ניין, ר׳ הירש.
מע זאָל אייך פאָלגן — וואָלט מען נישט באַדאַרפט
קיין צדקה טאָן, חלילה; בלויז אַ קרעכץ טאָן:
„בטחון זאָלסטו האָבן, אָרעמאַן,
אין בורא־עולם; ס׳וועט דיר גאָט שוין העלפן.
און טאָמער נישט — וואָס קאָן מען טאָן? מסתמא
ביסטו נישט ווערט, צו ס׳איז אַזוי באַשערט..."
ניין, ס׳האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַזוי,
דו זאָלסט, כביכול, אויסלייגן פאַר אים
דאָס געלט פון צדקה. און דאָסזעלבע איז
מיט יעדער זאַך. לייג אויס פאַר אים, בן־אדם,
אויף אָט דער וועלט, דעם עולם העשיה,
און קומען וועט דערנאָך דער גרויסער חשבון —
ס׳וועט דיר פאַררעכנט ווערן... אפיקורסות
האָט גאָט דאַרויף באַשאַפן, אַז ווען ס׳קומט
צו דיר אַ נצרך, זאָלסטו אים נישט שיקן
צוריק צו גאָט, וואָס שיקט אים צו צו דיר.
דו דאַרפסט זיך דענסמאָל נוהג זיין אַזוי,
ווי ס׳וואָלט קיין בורא נישט געווען, חלילה.
דער בחור דנן, אברהם פון מדינת פוילן,
איז ערגער ווי אַ נצרך. העלפן מוז מען
אָן טענות. בנוגע, ווידער, חילול —
איז גאָר קיין חשש נישטאָ, ר׳ הירש. פאַרקערט:
מע וועט מקדש־זיין גאָט׳ס נאָמען.

— אפשר
זייט איר גערעכט, — זאָגט שוואַך, מיט אַ האַלב מויל
און עפּעס ווי דערשראָקן, ר׳ הירש דיין. —
איך ווייס נישט. נאָר צי שטעלט איר נישט צו פיל
אויף זיך, ר׳ משה? ס׳האָט גערעדט דער רוח
אַזעלכע רייד... אַזעלכע רייד...

מיט פעסטקייט ענטפערט אים ר׳ משה פרעגער:
איז אדרבא, זאָלן אַלע זען,
אַז סוד השם ליראָיו — ס׳ענטפערט איבער
דער אויבערשטער די סודות פון זיין מאַכט
צו די, וואָס פאָרכטן.

ס'האָט שוין נישט גערעדט מער
ר' הירש דער דיין; האָט געפּילט אַ פּחד
סיי פאַר'ן רוח, סיי פאַר אים, להבדיל,
פאַר ר' משה פרעגער: ס'איז דאָך עפּעס
אַ ייד פון די, וואָס גאָט אַליין פאַרפלאַנצט
אין יעדן דור... אַ צעדער פון לבנון...
און אפשר האָט ר' הירש, ר' צבי־הירש סגל,
נאָך מער געשראָקן זיך פאַר זיך אַליין?
ר' משה'ס שטעל, זיין זיכערקייט אין זיך
און זיין אמונה און דער מילדער כוח,
וואָס האָט אי צאַרט, אי גבורה'דיק געשלאָגן
פון יעדער תנועה זיינער, יעדן בויג, —
האָט אַלעמען באַוועלטיקט. איז געבליבן,
אַז דאָנערשטאָג, אם־ירצה־השם, ב' שבט,
אין ניישול, ווי ס'האָט אָנגעזאָגט ר' משה
דעם רוח דאָרט אין הקדש, וועט מען טאַקע
בלי־נדר מאַכן די השבעה. בלייך
געשמייכלט האָט ר' הירש, ווי זיך צו שטאַרקן,
געשאָקלט מיט'ן קאָפּ און שטיל געמורמלט:
פאַרפאַלן... מילא, נו... זאָל זיין אַזוי...

ד

דאָנערשטאָג, ב' שבט, שנת תיו־נון־וואָו,
איז קאָפּ אויף קאָפּ געפּאַקט די ניי־שול. קצינים
און אלופים זעט מען און אויך יידן
פון אַ גאַנץ־יאָר; פול דאָס עזרת נשים —
און אַלע אין דער שול, דאָס בית־דין אויך,
הענגען מיט די אויגן אָן ר' משה'ן,
וואָס טיילט זיך אויס מיט מלכות'דיקן וואוקס
(ממש ווי עס שטייט וועגן דעם צדיק:
כתמר יפרח), מיט דעם פרישן קופּער
פון זיין שטאַרקער באָרד, און מיט דער נאָז,
וואָס איז אַ מין עמודא דאמצעיתא
צווישן אויגן — יודן צוויי, וואָס פלאַמען:
אַ יוד פון רעכטס, אַ יוד פון לינקס. דער עולם
פאַרהאַלט דעם אָטעם. קעגנאיבער ארון־קודש,
אויפ'ן אלמימר, הענט און פיס געבונדן,
ליגט אַוורעמל. עפּעס שוויגט דער רוח
ווי ער וואָלט געוואַרט. עס וואַרט דער עולם,

עס וואַרט די לופט, עס וואַרטן אויך די לייבן
אויפ'ן פּרוכת. ליכט זיינען געצונדן —
זיי וואַרטן. וואָס וועט טאָן ר' משה פּרעגער
אין נאָמען פון דעם בית־דין? ס'אַראַ תּפילות
וועט ער דעם עולם הייסן זאָגן? די השבעה —
ווען הויבט ער זי שוין אָן?

ס'גייט־צו צום בחור

ר' משה, קוקט אַריין אים אין די אויגן,
ווי מען קוקט פון דרויסן אין אַ פענצטער,
און די השבעה הויבט ער אַלץ נישט אָן.
ער חזר'ט איבער וואָס ער וועט אַלץ טאָן
פון דעם רוח וועגן.

**ר' משה**

אויב דו פאָלגסט

און גייסט אַרויס מיט גוטן, אָן חרמות —
וועל איך די מידת רחמים אויף דיר וועקן.
איך וויס דאָך, אַז דו האָסט זיך אויסבאַהאַלטן
אין אָט דעם גוף, ווייל ס'לויערן אויף דיר
אין דרויסן מחנות פאַרכצומע און בייזע.
נון, טרייבן וועל איך זיי פון דיר, די מחנות,
מיט תּורה, תּפילה און תּעניתים, אויב
דו וועסט פאַרלאָזן אָט די פרעמדע דירה,
דעם גוף פון אָט דעם בחור, פון אברהם
בן איטע. זאָג: וואָס ווילסטו פון דעם בחור?
וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער געטאָן דיר, וואָס דו טוסט אים
יסורים אָן? מיט וואָס האָט ער געזינדיקט?

**דער רוח**

פרעג, משה, ביי דעם גאָט דיינעם, וואָס איז
פאַראַן און נישט פאַראַן. ער קאָן יסורים
נישט אָפּשאַפן! דו ווייסט פאַרוואָס? דערפאַר,
וואָס גרעסער זיינען זיי פון אים. אָט האָסטו
אַ ראיה: אין דעם אָרט, וואָס הייסט מסתּרים —
האָב איך אַמאָל געלערנט — זיצט ער, וויינט ער...
אָט ווי ס'פלעגט וויינען איבער מיר מיין חנה... הייסט עס,
די פּיין איז גרעסער — דו פאַרשטייסט, צי נישט? —
אפילו פון דיין גאָט! וואָס ווייסטו פון יסורים,
דו פּיטום־קטורת דו? אין צענטן גלגול

וועסטו, דו בשמים־ביקס, נישט קענען וויסן
אַ טויזנטסטל אפילו פון דער פּיין,
וואָס ברענט מיך. פלאַקן הייליקער, איך ווער
אַזוי געפּייניקט, אַז איך מוז ממילא
פּייניקן פון מ י י ן זייט! ווען איך פּייניק
דאָס שמענדריקל מיט בתולה׳דיקע ליפּן,
ווערט מיין געפּייניקט־זיין אַביסל גרינגער.
נישט פאַר קיין גיהנם־מחנות האָב איך מורא,
נישט פאַר חבלה׳ניקעס — נישט פאַר זיי.
וואָס איז מיר זייער גיהנם־שמענעם? כ׳פּייף
אויף זייער שמענעם ווי אויף דיין שמאַנאַיידעם.
צונויפגעיאָגט אַ סטאַדע כניאָקעס... בית־דין!
זאָג זיי, אַז כ׳וועל נישט ענטפערן זיי קיינעם...
זיי מעגן ריידן צו דער וואַנט... איך קען נאָר דיך...
דו הערסט ? נאָר דיך... איז וואָס־זשע זאָגסטו, שמוישל ?...
דער גיהנם, וואָס אין מיר און נישט מ ח ו ץ מיר, —
צי קאָנסטו מיך אַרויסנעמען פון אים,
דו שמ׳ע הייליקע, דו צדיק־שמאַדיק?
ווער דאַרף דיין תורה, תפילה, תהלים, תענית ?
וועסט געבן אַ תקנה מיר ? אָט דו
וועסט מיר אַ תיקון געבן, האַ ? וואָס ווייסטו ?
מעוות לא יוכל לתקון — איז געזאָגט
אויף מיר, אויף שמואל־מערדער ראש־מדינה.
כ׳בין שמואל ראש־מדינה, כ׳שטאַם פון פוילן,
און ביילע איז מיין מאַמע, ימח שמה,
און כ׳האָב מער פשעים וויפיל האָר ס׳פאַרמאָגן
די בערד פון אַלע יידן דאָ אין שול.

**ר׳ משה**

אַזוי ? ביסטו געווען, הייסט עס... איך מיין:
זייט איר געווען אַ ראש־מדינה... נו,
באַדאַרף מען דאָך אייך אירצן... פאָרט געווען
אַן אדם חשוב... זאָגט־זשע מיר, ר׳ שמואל —

**דער רוח**

וואָס פאַר אַ רעב בין איך ביי דיר? כ׳בין שמואל רשע,
שמואל מערדער, שמואל ימח שמו.

**ר׳ משה**

ר׳ שמואל ראש־מדינה, זייט נישט, כ׳בעט אייך,

ביי זיך אַזוי געפאַלן. מחמת יאוש
איז דאָ אין אייך אַ דאַכטעניש, ר' שמואל,
אַ דמיון, אַז ס'איז אַלץ שוין, אַלץ פאַרפאַלן.
נאָר זעט, ר' שמואל, — אדרבא, זעט:
אַט רעדט איר דאָך מיט שנאה פון זיך גופא,
איז דאָך אַ סימן, אַז ס'איז נאָך פאַראַן
אַ תרופה, אַ תקנה אויך פאַר אייך.

**דער רוח**

וואָס אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן אויף אייביק.
עס וועלן מיר נישט העלפן דיינע תפילה'כלעך
און די תעניתימ'לעך. וואָס ביסטו קעגן מיר,
דו משה? אַ פאַרשטונקען שמן־זית'ל
אַקעגן פעסער עיפּוש'דיקע פעסט.
מיין קלענסטע זינד וואָלט דיר גענוג געווען, דו בטלן,
צו תשובה'נען אַ לעבן. וואָלסט דיין גאָט
דעם קאָפּ פאַרוויינט. צוערשט האָב איך אין דמיון
געלאָזט זיך וואוילגיין גאַרנישט אויף קאַטאָוועס, —
טרייף בלוט האָב איך געהאַט פון אָנהויב אָן —
איך בין דאָךביילעס תכשיט — ימח שמה —
אַ פרומע יידענע מכלומרשט, נאָר אין רשעות
איז נישט געווען איר גלייכן, — יאָ, אין דמיון,
אין דמיון האָב איך אָפּגעטאָן צוערשט
די ווילדסטע זאַכענישן, און דערנאָך —
בפועל ממש. קענסטו דען די זינד
פון דמיון, משה? ווייסטו וואָס דאָס איז,
דו צידקות'דיקער דראָנג דו?

**ר' הירש דיין**

וויי, אַז וויי
די אויערן וואָס הערן דאָס! גענוג!
ר' משה, צייט צו מאַכן די השבעה.

**ר' משה**

אַט באַלד, אַט באַלד, ר' הירש. אַט נאָך אַביסל.

**ר' הירש דיין**

מע טאָר דאָך גאָר נישט הערן וואָס ער רעדט.
ס'איז דאָך אַ מקום־קדוש. זייט מיר מוחל,
ר' משה, נאָר — מען טאָר דאָך נישט, מען טאָר נישט!

**ר׳ משה**

ניטשאָ אַזאַ מין טומאה, אַז די קדושה
זאָל דאַרפן ציטערן פאַר איר.

**ר׳ הירש דיין**

ער איז מטמא

דעם אַוויר דאָ.

**ר׳ משה**

איך בין מיט מיינע ווערטער
די לופט צוריק מטהר. רעדט, ר׳ שמואל.

**דער רוח**

דו מצווה־קלייבער דו, איך פייף אויף דיר
און דיין מטהר־זיין. איך בין געקומען
מיט דיר מלחמה האַלטן. ביסט אַ צדיק,
ווייל דיין בלוט איז לאָקשן־יויך. זיי וויסן,
אַז כ׳האָב אַ צדיק אָט אַזאַ ווי דו
געהייסן הרג׳ענען... אוי, חנה, חנה...
(אַ רגע איז דאָ שטיל געווען דער רוח,
דערנאָך האָט ער קרעכץ געטאָן אַזוי,
אַז ווענט האָבן געציטערט און אַ סקרוך
איז אַריבער אַלע לייבער). ביילע,
מיין מאַמע, איז געווען דיין היפוך, חנה...
ווען נישט דאָס מאַמעלע... מיין טאַטע איז געווען
אַ באַנק־קוועטשער, אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא,
אַ שבעה־נקיים־זיצער און אַ קראַצער,
אַ ווייס־איך דאָרטן... יונג איז ער געשטאָרבן —
אָבער זי — ס׳אלמנה׳לע — אָהאָ!
דאָס ביילעשי! זי האָט דאָס טרייפע בלוט אירס
אין מיר אַריינגעגעבן — און דערנאָך כסדר,
דאָס גאַנצן לעבן, מיר דאָס בלוט גערייצט,
געהעצט: טו דאָס, מיין זון, טו יענץ! גיי העכער!
דו קוק נישט אויף קיין זאַך... ביסט ראש מדינה...
אַז ימח־שמה זאָל זי דאָרט זיין! איך ווייס נישט,
ווען דער טויט האָט זי געפּאַקט און וואו זי שטעקט,
נאָר געוויס איז זי אַ בייזער רוח
ווי דער תכשיט אירער... תקיפות און להכעיס׳קייט —
עס האָט מיט זיי מיין דמיון זנות געטריבן,

גענבוירן תאוות, וואָס דו ווייסט נישט זייער נאָמען,
שמייליקער אשר־יצר וואָס דו ביסט,
און כ׳האָב די תאוות נאָכגעגעבן אַלע,
און ס׳מאַמעלע האָט אַלץ געוואוסט — און גאָרנישט...
אדרבא... אָבער חנה... חנה...
(אַ שטילשווייגן און ווידער יענער קרעכץ,
וואָס שיקט אַ סקרוך איבער די לייבער). משה,
לאָז מיך אַרויס. איך וויל צוריק אין הקדש.
וועסט סיי־ווי־סיי נישט פועל׳ן ביי מיר —
אומזיסט די טרחא. כ׳זאָג דיר בלויז אויפסניי,
אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן, אַז דיין בורא
איז אַזוי גוט ווי נישט פאַראַן. איצט בין איך מיד,
איך קאָן מער נישט...

**ר׳ משה**

איז מאַכט מען די השבעה.
אַז וויי, אַז וויי, ר׳ שמואל ראש־מדינה,
אַז אָך און וויי! מיט בייזן וועט איר מוזן
אַרויסגיין פון הבחור כמר אברהם
בן איטע. ס׳וועט אויפסגוואַלד די עדה־קדושה
מיט מיר בראש פאַריאָגן אייך — און ס׳וועלן
די שוואַרצע מחנות זיך צו אייך אַ נעם־טאָן
און ס׳וועט קיין סוף נישט זיין צו אייער עונש.
גייט איר אַרויס מיט גוטן — וועל איך זען,
אַז משפט׳ן זאָל אייך דער הימל און נישט זיי.

**דער רוח**

די שוואַרצע מחנות קאָנען מיך אַזוי נישט פייניקן
ווי כ׳פייניק זיך אַליין. נישט מחמת מורא
פאַר זיי בין איך אַריין אין דעם אַוורעמל.

**ר׳ משה**

איך ווייס. איר האָט געזאָגט. דורך אָפּציען פון זיך
צו אים אַביסעלע יסורים — ווערט אייך גרינגער.
נאָר וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, פאַר אַ ישועה איז עס?
לאָזט מיך אייך מתקן זיין, ר׳ שמואל,
איר זאָלט דעם הימלס עונש קאָנען אויפנעמען —
און וועט איר אויפנעמען דעם הימלס עונש
וועט סוף כל סוף זיין רעכט.

**דער רוח**

רעכט־שמעכטס! ווער דאַרף דאָס?

**ר׳ הירש דיין**

ר׳ משה פּרעגער —

**ר׳ משה**

כ׳ווייס, ר׳ הירש. אָט באַלד.
אָט נאָך אַ רגע, בית־דין. נאָך אַ רגע.
אַ רגע, יידן. אפשר פאָרט...

**דער רוח**

כ׳בין מיד...

**ר׳ הירש דיין**

איז טאַקע איצט די בעסטע צייט.

**קולות**

די בעסטע צייט איצט.

**ר׳ משה**

שאַ, שאַ, ר׳ הירש. אין נאָמען פון דעם בית־דין:
אַזוי ווי ס׳איז שוין שפּעט און אויך כדי
ר׳ שמואל זאָל זיך קאָנען איבערלייגן,
בין איך, רבותי, מכריז ומודיע,
אַז מירן אָפּלייגן דעם ענין אויף אַ וואָך,
אויף קומענדיקן דאָנערשטיק; אין אַלט־שול דאָסמאָל,
אין אַלט־שול, זאָג איך. צוליב אַ טעם כמוס.

**ר׳ הירש דיין**

דאָס בית־דין איז נישט מסכים. איצט, שוין איצטער!
באַלד אויפן אָרט! אָן שהיות!

**קולות פון דיינים**

אדרבא —

נאָר אַז ר׳ משה פּרעגער זאָגט —
ר׳ משה ווייס —

**ר' הירש דיין**

ס'איז דאָך אַ גרויל... דעם רוח'ס רייד... רבותי,
ווילאַנג דער שיעור צו בעטן זיךביים רוח?

**קולות פון עולם**

טאַקע... ווילאַנג דער שיעור?

**דער רוח**

אַהאַ, איר זעט?
ער בעט זיך גאָר ביי מיר, דער מוישקע צדיק!
נאָר גאָרנישט. אַז עס ווילט זיך אייך — איז מילא.
בלאָזט, יידעלעך, און שופר'ט און מאַכט קונצן.
איך הער אייך ווי אין טראַק. כ'וועל נישט אַרויס.

**ר' הירש דיין**

כ'האָב דאָך געזאָגט, ר' משה... כ'האָב געוואָרנט...

**דער רוח**

אַהין אָדער אַהער. איר ווילט זיך נאַריש מאַכן —
טאָ בלאָזט געזונטערהייט און מאַכט זיך נאַריש.
אַז נישט — הייס, משה, אויפבינדן אַוורעמל'ען
און לאָמיך גיין.

**ר' משה**

רבותי, איר זאָלט וויסן,
אַז באם דער רוח וועט אַרויס מיט גוטן
און האָבן אַ תקנה — וועלן רחמים
נתעורר ווערן איבער כל־ישראל
אין מערנלאַנד און ס'וועט מורנו ורבנו
הרב ר' דוד פועל זיין אין פראָג
טובות און ישועות.

**אַלע**

אָמן.

**ר' משה**

וואָרום רחמים
דערוועקן רחמים.

**דער רוח**

וואָרום רחמים, זאָגט ער,
דערוועקן רחמים... ניקלסבורגער טפש!

**ר׳ משה**

בלייבט אַזוי. אם ירצה השם אין אַלט־שול,
דאָנערשטיק, ט׳ שבט. און איר דערווייל, ר׳ שמואל,
באַקלערט אייך. האָב קיין מורא נישט, אברהם
בן איטע. האָב קיין מורא נישט, מיין זון.
דו וועסט, אם ירצה השם, נאָך לייגן תפילין
און זיין אַ ייד מיט יידן גלייך.

**אַוורעמל**

הלוואי!
רבי, הלוואי! איך בענק אַזוי נאָך תפילין,
נאָך אַ יידיש וואָרט —

**ר׳ משה**

איך ווייס, מיין זון.
עס וועט שוין רעכט זיין.

**דער רוח**

תפילין־בענקער! שמענדריק!
בתולה! קום אין הקדש! שנעלער! ריר דיך!
ביסט דאָך שוין, קעלבל, אָפּגעבונדן! קום — — —

### ה

ס׳האָט ביז צום צווייטן דאָנערשטיק דער רוח
געפּייניקט מער ווי ווען־עס־איז אַוורעמל׳עו,
אים שיר נישט ראָד־געבראָכן, זיינע גלידער
געהאַלטן ווי אין גליענדיקע צוואַנגען
און זיי געריסן ווי מען רייסט אַ צאָן.

נאָר צווישן פּייניקונג און פּייניקונג פלעגט ווערן
דער רוח מער ווי ווען־עס־איז פאַרשטילט,
גלייך אָפּגעשוואומען וואָלט ער אויף מחשבות
ווייטע און איינזאַמע ווי אויף אַ שיף —
און איינמאָל האָט אַוורעמל אים געהערט
אַרויסריידן מיט פאָרכטיקייט און צאַרטקייט,

פון ווייטעניש און שטילעניש אַרויס,
דעם נאָמען פון רב משה פּרעגער: יינגער
האָט זיך דערפילט אַוורעמל אויף זעקס יאָר —
צוריק ס׳בר־מצוה־יינגל. ס׳האָט אויף אים
אַ יאָג געטאָן מיט ניגון פון הפטורה,
ווי מיט אַן ערב־פסח־ווינט אַ פרייען;
אַ שמעק געטאָן האָט מיט רצועות פרישע,
וואָס שניידן זיך אַריין אין יונגן אָרעם,
און ס׳האָט דאָס אויג אַ שפּריץ געטאָן מיט טרערן
אַזעלכע האַסטיקע און פריילעך־גרינגע.

ס׳איז ביז צום צווייטן דאָנערשטיק ר׳ משה
געזעסן אָפּגעשפּאַרט ביי זיך אין חדר
(בלויז שבת איז געוועג ביי אים אַ מנין),
געמאַכט יחודים לאַנגע און צירופים,
געמורמלט תפילות, קיינעם נישט געזען,
צו קיינעם נישט גערעדט. פון צייט צו צייט
פלעגט ער פון שטילעניש אַרויס, ר׳ משה,
אַרויסריידן צו זיך: ברוך השם, עס העלפט —
ער בעסערט זיך.. עס זיינען דורכ׳ן חדר
געפלויגן שמות הייליקע, געפלעמלט,
און ליכטער האָבן זיך פון העט, פון אויבן,
שטיל געצויגן דורך ר׳ משהס באָרד
אין דינע, העלע, ציטערדיקע פעדעם.

דאָנערשטיק, ט׳ שבט, איז קאָפּ אויף קאָפּ געפּאַקט
די ניקלסבורגער אַלט־שול: די אלופים
און קצינים, און די יידן פון אַ גאַנץ־יאָר,
ישיבה־לייט — און פול די עזרת־נשים.
געקומען דאָסמאָל אַ פּאָר פּריצים אויך:
געהערט — און ווילן זען. ר׳ צבי־הירש דיין
האָט זיך געשראָקן, האָט גע׳טענהט: „ניין,
מע דאַרף די שררות מדחה־זיין מיט עפּעס
אַ וואווילן תירוץ — ס׳קאָן נאָך, חס ושלום,
אַרויסקומען אַ חילול. ווייל דער רוח
איז עפּעס — שדים ווייסן וואָס! געהערט
אַזעלכע רייד? געזינדיקט גאָר אין דמיון,
דערנאָך בפועל ממש... המ... נישקשה,

 נישקשה פון אַ דמיון!... אַזאַ רשע!
אַזאַ"... געשמייכלט האָט ר' משה פרעגער:
„וואָס אַרט עס אייך? אָט זאָלן אויך ערלים
גאָט'ס וואונדער זען. בהן שלי, ר' הירש,
כ'בין אייך מבטיח: ס'וועט נישט זיין קיין חילול —
פאַרקערט, ר' הירש, פאַרקערט"...

איצט וואַרטן אַלע
און פון דערוואַרטונג ברענט די לופט אַליין.
אויפן אלמימר קעגן ארון־קודש
ליגט, אַ געבונדענער, אַ ווערעמל.

ס'ציט צונויף
די ברעמען, האַלב אין שרעק און האַלב אין רוגזא,
ר' צבי־הירש דיין. אויב ר' משה — טראַכט ער —
וועט ווידער אָפּשלעפּן מיט דער השבעה
און וועט דעם רוח ווידער לאָזן טענה'ן,
ווער ווייס, צי ער, הירש דיין, האַלט עס אויס!
שוין דאָרט, אין הקדש, ווען עס האָט דער רוח
גענומען דבר'ן — האָט ער דערשפּירט,
אַז עפּעס גייט אויף אים... און זינט דער רשע
האָט אויסגעזאָגט, אַז תחילת האָט זיך אַלץ
ביי אים אין דמיון אָנגעהויבן — פילט ער,
אַז ער איז קראַנק. עס טריפט אַ דינער גיפט
צו אים פון רוח'ס ווערטער. חטאות־נעורים
פאַרשאָטענע, פאַרשאָטנטע, דערשטיקטע,
דערוועקן זיך אין אים. דער כוח־דמיון
האָט אים געפייניקט יונגערהייט — אַלץ הייסט!
געמאָלט האָט אים דער דמיון טויזנט זאַכן,
דערגאַנגען אים די יאָרן, אים געטאָן
אין טויט אַריין, געבונדן אים, פאַרשלעפּט
אַהינטער אַלדי וויסטע הרי־חושך,
געהייסן אים הוליאַנקעס פּראַוּוען, שפּאָטן
פון אַלץ וואָס הייליק, קריכן איבער וועלדער
מיט כת ליצנים, זוכנדיק אַ קרוין
אין שוואַרצע ריילן... ס'האָט זיך דאָס געטאָן!
וואָס האָט ער דען נישט דורכגעזינדיקט דענסטמאָל!
ווער קאָן דען אויסרעכענען אַלע טומאות!
סכנת נפשות! איינמאָל האָט דער דמיון
געהייסן אים באַ'גנב'ענען אַן עושר:

אַוועקרויבן ביי אים אין דער מחשבה
אַ פּעסל גאָלד... דערנאָך האָט ער געבראַכט אים
צו אַן אשה זונה, וואָס האָט נאַקעט
געוואַרט אויף אים אין ווייטע כרכי־ים,
אויף אים מיט די מתנות, די תכשיטים,
וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר איר אָט טאַקע
פאַר יענעם אָנגערויבטן גאָלד... דערנאָך
האָט ער געזינדיקט מיט דער אשה זונה,
און טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט דער דמיון
געבראַכט פון די שוואַרציאָרן אַ מין לץ,
וואָס ער האָט אָפּשלאָגן געוואָלט די אשה,
זי צונעמען פאַר זיך... איז ער געוואָרן
אַזוי צעיאַכמערט, אַז ער האָט דעם לץ
גענומען און גע'הרג'עט... האָט ער, הייסט עס,
אין דער מחשבה עובר שוין געווען —
אַז אָך און וויי — אויף דעם לא־תרצח אויך,
נישט נאָר אויף דעם לא־תגנוב און לא־תנאף.
אַזוי האָט אים פאַרפירט דער דמיון זיינער —
נאָר, דאַנקען גאָט, ער האָט זיך ווי אַ לייב
געשטאַרקט אין גאָט'ס עבודה, האָט געשלעפּט
דעם דמיון, דעם מנוול, אין בית־מדרש —
אַהערצו טאַקע, אין דער אַלט־שול... לאַנג
געשלאָגן זיך מיט אים... אָט האָט דער דמיון
געשלעפּט אים, הירש'ן; אָט האָט ער צוריק
געשלעפּט דעם דמיון, אַ געבונדענעם... די תורה
האָט אים געראַטעוועט — און סוף־כל־סוף
האָט ער דעם דמיון אויסגערויכערט. ווען נישט דאָס,
ווען נישט די תורה, — ווער קאָן וויסן, ס'אַראַ מעשים
ער וואָלט אַלץ אָפּגעטאָן. ער וואָלט געוויס
פאַרלוירן ביידע וועלטן. ווייל די טבע
פון דמיון איז, אַז פריער הויבט ער אָן
מיט דער מחשבה... נאָכדעם נעמט ער שטופּן
צו מעשים... אָט אַזוי איז דאָך געווען
מיט אָט דעם שמואל ראש־מדינה טאַקע...
אמת, דעם שמואל'ן האָט נאָך דערצו
געשטופּט זיין מאַמע, די מרשעת... אָבער דמיון
איז אַ שטופּער — איינער אין דער וועלט!
געלויבט דער אויבערשטער: ער האָט באַצייטנס
אַלץ אָפּגעהאַקט... פאַרגעסן האָט ער לאַנג

די חטאות־נעורים'דיקע מעשיות. אָבער איצטער,
זינט ס'האָט ר' משה איינגעשפּאַרט זיך דווקא
מתקן זיין דעם רוח אָט־אָ־דעם,
פילט ער, ווי ס'קריכט אויפסניי צו אים דער נחש
(אין ספרים שטייט דאָך טאַקע — ווייס ר' הירש —
אַז דער שלאַנג יענער, וואָס האָט פאַרפירט
דאָס ערשטע פּאָרל, איז געווען דער דמיון).
ווען ס'ווייס ר' משה פרעגער אָט די מעשה
וואָלט ער דערבאַרעמט זיך אויף אים, דעם דיין.
וואָס טויג אים אזוי מאריך זיין? געוואַלד!
און נאָכאַמאָל געוואַלד!

הירש דיין קוקט זיך אום. אַ קאַלטער שווייס
באַשלאָגט אים און ער ציטערט. ניין, אין זיך בלויז,
אין זיך אַליין האָט ער געשריגן גוואַלד —
ס'האָט קיינער נישט געהערט, חלילה... סיידן
ר' משה... ווייל ר' משה קאָן דערהערן
אַ ז אַ געוואַלד אפילו, — אַ געשריי,
וואָס איינער שרייט אין זיך... ס'איז גוט ר' משה'ן,
וואָס נסתר איז אים נגלה, וואָס אַלץ ווייס ער
און קיין שום שטורעם וואַרפט אים פון די פיס נישט...
נאָך אַלץ, נאָך אַלץ נישט קיין השבעה... שאַ,
דער רוח רעדט... און ווייכער איז אַצינד
דאָס קול זיינס... מילדער, אומטיקער עפּעס...
ר' משה אירצט אים אַלץ און רופט אים רעב... דאָס וויל ער
אַזוי־אַרום אים אויפהויבן, אים שענקען
אביסל חשיבות אין די אייגענע אויגן,
ווייל רשעות נעמט ביים שלעכטס־טוער אַוועק
דעם כבוד, וואָס אַ מענטש באַדאַרף צו האָבן
פאַר זיין אייגענעם צלם־אלקים.
צוריק געשמועסט: ס'איז דאָך נישט קיין מענטש,
ס'איז דאָך אַ רוח בלויז... וואו האָט אַ רוח
אַ צלם־אלקים? ר' משה אָבער,
ר' משה זעט דעם מענטש אין אים... אַזאַ־מין
בעל־רחמים! האָט אין זיך ממידות קונו...
ורחמיו על כל מעשיו...

צווישן פּחד

פאַר'ן נחש און באַוואונדערונג פאַר אים,

להבדיל, פאַר ר' משה'ן, שטייט דער דיין
און פּרואווט זיך צוהערן.

**דער רוח**

— — — בין איך אַריין אין איס, אין דעם אַוורעמל,
בעוויל ער כאַפּט דער אָנבליק פון מיין חנהן...
אַריין און פייניק איס, ווי כ'האָב געפּייניקט
מיין ווייב, מיין טויב, מיין חנה... זי איז יונג
געגאַנגען פון דער וועלט... וואו ביסטו, חנה?
איך טרעף זי נישט אין ערגעץ... צווישן ריינע
און העלע מוז דיין וואוין זיין... (אַ הפסקה.
דער רוח שוויגט אין טרויער).

**ר' משה**

רייד. איך הער.

**דער רוח**

ווילסט הערן, משה? הער זשע... הערט, ר' משה...
די שוויגער, ס'הייסט די מאַמע מיינע,ביילע,
האָט פיינט געהאַט מיין חנה, איר די טריט
געבערענט, כסדר קעגן איר געהעצט מיך,
בלבולים אויסגעטראַכט אויף איר... און איך —
איך האָב געגלויבט און נישט געגלויבט; געפּייניקט
האָב איך מיין חנה סיי־ווי־סיי... דו ווייסט?
איר ווייסט, ר' משה? כ'וויל אייך עפּעס זאָגן...
וואָס מער איך האָב געזינדיקט און פאַרבראָכן —
אַלץ מער האָב איך געפּייניקט זיך אַליין;
וואָס מער איך האָב געפּייניקט זיך אַליין —
אַלץ מער האָב איך געפּייניקט זי, מיין חנה,
מיין טויב... כדי עס זאָל מיר ווערן לייכטער...
דאָס זעלבע, וואָס איך טו איצט מיט דעם בחור,
מיט דעם אַוורעמל... כ'האָב איר אויך דערציילט
די שוואַרצע סודות מיינע... אַלע סודות
דערציילט, געהאַט הנאה זי צו זען
פאַרבלאַסט, פאַרצאַפּלט און צום טויט דערשראָקן...
אַזויפיל לויטערקייט אין איר געווען,
אַז כאָטש איך פלעג איר קערפּער זיין מטמא
ווי ס'קאָן אַזאַ ווי איך — איז אין מיין חנה'ן
געבליבן ריינע בתולה'דיקייט. כ'פלעג

מיט שפּאָט זי רופן: ב ת ו ל ה . . . ווי אַוורעמל'ען...
איך האָב זי גוואַלדיק ליב געהאַט, ר' משה,
מיין טויב, מיין חנה... סיי־ווי־סיי, מיר ביידע,
דאָס מאַמעלע און איך, דער מאַמע'ס פּרי,
מיר האָבן זי געפּייניקט... איך — פון ליבשאַפט,
וואָס איז געווען ווי גליענדיקע שנאה,
און זי, דאָס מאַמעלע — פון גאָלע שנאה,
וואָס האָט געגליט ווי ליבשאַפט... איינמאָל האָט
נישט אויסגעהאַלטן חנה... האָט פאַרקלאָגט זיך
פאַר אים, דעם שווער מיינעם... דעם רב... איר טאַטן...
אַזאַ ווי דו געווען... ווי איר... אַ צדיק...
נאָר אָן די רחמים אייערע, ר' משה...
מידת־הדין... און ווען איך בין דערגאַנגען,
אַז אַלע מיינע סודות האָט זי, חנה,
דערציילט דעם שווער מיינעם, דעם רב, איר טאַטן,
און כ'האָב געוואוסט: קאַפּוירשווימען וועט אַלץ,
האָט זיך צעבושעוועט מיין דמיון: כ'האָב אין דמיון
פאַרפּייניקט אים צום טויט... דערנאָך, ר' משה,
האָב איך אַ גוי געדונגען — און ער האָט,
דער גוי, פאַרנאַרט איר טאַטן אין אַ וואַלד
און מיט אַ האַק צורעכטגעמאַכט... מיין יוכע
האָט אויפגעקאָכט נאָך שטאַרקער... גניבה, גזילה, ניאוף,
וואָס נישט... און איצט — רציחה אויך... אויב יאָ,
אויב שוין רציחה אויך — איז ביז צום סוף!
איך דאַרף צו חנה'לען קיין גוי נישט דינגען...
און ס'העצט דאָס מאַמעלע און העצט און העצט...
ס'האָט אַלץ געברענט אין מיר... איך האָב מיין חנה'ן
פאַר'סמ'ט... דו הערסט?... איר הערט, ר' משה פרעגער?
פאַר'סמ'ט...

**ר' משה**

רעדט ווייטער... כ'הער אייך, ראש מדינה.

**דער רוח**

נאָך גוט, וואָס ס'האָט קיין קינד מיר נישט געגעבן
מיין חנה... כ'וואָלט געוויס אויך ס'קינד גע'ממית'ט —
אַזוי האָט אַלץ אין מיר געפלאַקערט... ממית'ן
האָב איך געוואָלט דאָס מאַמעלע... געזוכט זי
און נישט געפאַקט... עס האָט זי דער שוואַרציאַר

אַוועקגענומען ערגעץ... אויפ'ן בוידעם
בין איך אַרויפגעלאָפן... ס'האָט אַ שטריק
געמאַכט צו מיר אַ סוף... נאָר ס'איז פאַראַן דען
אַ סוף, ר' משה?... זעסט דאָך, כ'בין אַ רוח
און פייניק זיך און פייניק דעם אַווערמל,
מיין צווייטע חנה... זאָג זשע... זאָגט: איז שייך
צו ריידן נאָך דעם אַלעמען פון גאָט?

**ר' משה**

ר' שמואל... אַי, ר' שמואל ראש מדינה...
אפילו איר, — באַטראַכט זיך נאָר, ר' שמואל, —
אפילו איר האָט ליב האָבן געמוזט...
מע מוז דאָך עפעס טאָן מיט יענער אהבה,
וואָס גאָט האָט איינגעפלאַנצט אין אַלע וועלטן...
איז אָדער מען דערהויבט זי צו איר שורש,
און דענסטמאָל איז זי קודש־הקדשים,
אָדער מען פאַרשלעפט זי, חס ושלום,
אין טיפעניש פון קליפות... נאָר אויך דאָרטן,
אין תהום פון די קלקולים, איז זי ענלעך
צום שורש... מיט יסורי אהבה שטראָפט
די אהבה פון דעם בורא... אשר יאהב
השם יוכיח... און אַזוי, להבדיל
אלף אלפי הבדלות, ווערט דער קלקול
פון דער אהבה — אויף אַן אַנדער שטייגער —
אויך אַ שטראָף: יסורי־אהבה פון דער קליפה...
די שטראָפונג, וואָס דו האָסט געשטראָפט דיין חנה...
עס איז דער סוד פון זה לעומת זה...
דער עצם שורש אָבער בלייבט דערזעלבער:
די אהבה... יאָ, ר' שמואל ראש־מדינה...
אָט האָט איר זי גענומען, די נשמה,
וואָס גאָט האָט אייך געגעבן, און פאַרשליידערט
אין סאַמע תהומא רבא פון די קליפות,
נאָר הערט, ר' שמואל, וואָס איך בין דערגאַנגען:
איר שורש איז אַ הויכער גראָד...

**דער רוח**

ר' משה...
איך האָב געמיינט: מלחמה וועל איך האַלטן
מיט אייך... ערשט ס'איז פאַרקערט גאָר... דער נצחון

איז אייערער... איצט ווייס איך שוין, פאַרוואָס
מיך האָט געצויגן גראָד אַהער צו אייך,
צו אייך, ר' משה פרעגער... איך האָב פריער
גע'משפט ווערליק זיך — איצט קלער איך אַנדערש:
איך משפט ווערליק אייך, ר' משה פרעגער!
אויב ס'איז בנמצא אַזאַ מענטש ווי איר —
איז גאָט פאַראַן בפועל ממש.

**ר' משה**

הערט איצט

די תפילה, וואָס כ'בין גרייט פון אייערטוועגן
אַריינפלעכטן אין מיין שמונה־עשרה. גרינגער
וועט אָנקומען גאָט'ס משפט אייך, ר' שמואל,
אויב איר וועט וויסן, וואָס און ווי איך בעט
פון אייערטוועגן.

**דער רוח**

כ'וועל זיין שטיל — און הערן.

**ר' משה**

„אב הרחמים, האַר פון די פאַרגעבונגען!
דו ביסט דער באַרעמהאַרצעדיקער מלך,
וואָס טוט מיט די באַשעפענישן גנאָד.
איך שטיי פאַר דיר אין תפילה און איך בעט דיך,
לפנים־משורת־הדין זיך צו באַגיין
מיט שמואל ראש־מדינה, וואָס זיין רוח
האָט אויסבאַהאַלטן זיך אַ האַלב טוץ יאָרן
אין קערפּער פון אברהם, זון פון איטע.
זיין דין מאַך לייכטער, גאָט פון רחמים, וואָרעם
ער הערט נישט אויף צו משפט'ן זיך גופא,
און אויב ער האָט געטאָן אַמאָל אויך גוטס —
געדענק עס אים פאַרוואָר. און זיי מצמצם
כביכול דיין ידיעה וועגן אים
און זיינע פשעים! דו, וואָס קיין שום זאַך
איז נישט פאַרהוילן פון פאַר דיר, באַפעל
דעם וויסן דיינעם וועגן אים: ווער קלענער,
פאַרטונקלט ווער, כדי עס זאָל מיין חסד
איבער מיין דין זיך שטאַרקן... גאָט פון רחמים,
דו האָסט דאָך די ידיעה דיינע איינמאָל

מצמצם שוין געווען בשעת יצירה,
כּדי דער מענטש, דאָס ווערק פון דיינע הענט,
זאָל קענען בחירה האָבן. וואָס זשע האָט עס
פאַר אַ באַטרעף ביי דיר צו מאַכן קלענער,
צו מאַכן מ י נ ד ע ר  ו ו י י ס י ק  דיין ידיעה,
דיין וויסן וועגן שמואל ראש־מדינה?
פאַרנעמער פון געבעטן, יושב תהילות!
זאָל פון מיין תפלה אויסבינדן אַ קרוין
סנדלפון, און אין סוד פון די תיקונים
זאָל ליכט אַריינדרינגען אין יענע קליפות,
וואָס שמואל ראש־מדינה האָט געבוירן
מיט זיינע מעשים־רעים. גאָט פון רחמים,
מיט רחמים לייטזעליק אונדז אַלע, אַלע,
די לעבעדיקע ווי די אָפּגעשיידטע. זאָלן
באַוויליקט זיין די ווערטער פון מיין מויל
און ס׳דאַכטן פון מיין האַרצן, גאָט מיין פעלז
און מיין דערלייזער. דער, וואָס פירט־איין שלום
אין הויכקייטן און טיפענישן אַלע,
זאָל ברענגען פרידן איבער אונדז און איבער
כל ישראל. אמן״.

**אַלע**

אָמן.

**דער רוח**

ווי מיר...
איך קאָן אַזויפיל חסד נישט פאַרטראָגן...
אַזויפיל ליכט — און אויפאַמאָל!... ר׳ משה,
איך בעט אייך: איצט פאַרהאַלט מיך נישט אַ רגע
און הייסט די שופרות בלאָזן... כ׳וועל אַרויס
און וועל נישט מזיק־זיין קיין ילוד אשה,
נישט ייד, נישט גוי, נישט זכר, נישט נקבה...
כ׳וועל דורך אַוורעמל׳ס פוס־פינגער אַרויסגיין
און דורכהאַקן אין מזרח־וואַנט אַ שפּאַלט — —
מאַכט די השבעה — כ׳בעט אייך — — —

**ר׳ משה**

איך פאַרשטיי.
אַזוי גראָד וועט זיין לייכטער דער אַרויסגאַנג...
אַזוי וועט אייך זיין גרינגער... גוט, ר׳ שמואל...

ר׳ הירש דיין

נו, סוף־כל־סוף... מע וואָלט באַדאַרפט מיך פאָלגן
און באַלד פון אָנהויב אים נישט לאָזן ריידן...

ר׳ משה

באשר וואָס? ס׳האָט עפּעס זיך אַ ריר־געטאָן?

ר׳ הירש דיין

אַ ריר־געטאָן? אין וועמען? איך פאַרשטיי נישט.

ר׳ משה

איר וואָלט פאַרשטאַנען, ווען איר וואָלט געוואוסט,
אַז א י ך פאַרשטיי.

ר׳ הירש דיין

אַז איר — — אַ שטייגער וואָס?

ר׳ משה

מ׳עט ריידן דערפון שפּעטער. נישט געזאָרגט.
נאָר נישט געזאָרגט, ר׳ הירש.

דער אַלטער דיין

האַקט אָפּ, פאַרקריכט אין שטילשווייגן דערשראָקן...
ר׳ משה וויל אים נישט פאַרשעמען — רעדט ער
רמזים׳דיק... נאָר ניכר איז: ער ווייס...

ז

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די השבעה.
ביי זיבן ספרי תורות און ביים שאַלן
פון זיבן שופרות אויפּאַמאָל, האָט עולם
געזאָגט די תפילה, וואָס ר׳ משה פרעגער
האָט זיי געהייסן זאָגן. ס׳האָט ר׳ משה
די ווערטער פון דעם אויסטערלישן נידוי
געזאָגט מיט אַזאַ וויינענדיקער שטים,
אַז יעדער איינער האָט געהאַט אַ הרהור־תשובה.
עס האָבן מיטגעוויינט די ווענט פון אַלט־שול.
און פּלוצלינג...

**דער רוח**

אַ יישר־כּוח אייך, ר׳ משה פּרעגער...
אַוורעמל, זיי געזונט און זיי מיר מוחל...
אַז דו וועסט נעמען זיך אַ ווייב, אַוורעמל,
און ס׳וועט דאָס ווייב געבוירן אַ בן־זכר,
טו מיר אַ טובה, גיב נאָך מיר אַ נאָמען...
איך גיי צום דין זיך שטעלן... כ׳וועל נאָך אפשר,
נאָך לאַנגע, לאַנגע לייטערונגען, האָבן
די זכיה זיך צו טרעפן מיט מיין חנה׳ן
און איר מחילה בעטן... חנה... חנה...
איך גיי צום דין... איך גיי צו גאָט... איך גיי...

דערהערט האָט זיך אין שטילקייט פון דער אַלט־שול
אַ שטאַרקער פּאָך — ווי פון אַ ווינט... דערנאָך —
אַ האַסטיק דרילעווען אין וואַנט... מ׳האָט לאַנגע יאָרן
געוויזן אין דער מזרח־וואַנט אַ שפּאַלט,
דורך וואַנען ס׳איז אַרויס ט׳ שבט תנ״ו
דער קראַנקער גייסט פון שמואל ראש־מדינה.

* * *

**אַוורעמל**

הייסט אויפבינדן מיך, רבי. טאַנצן וויל איך.
כ׳וויל טאַנצן, יידן. ס׳איז מיר גרינג. כ׳בין איך,
בלויז איך אַליין. איך בין צוריק בר־מצוה.
צו דרייצן יאָר איז ער אין מיר אַריין,
פאַראומרייניט מיין געביין, פאַרשוואַרצט די טעג מיר,
אין מיר זעקס יאָר גע׳גיהנמ׳ט... טאַנצן וויל איך...
און וויינען וויל איך... רבי...

**ר׳ משה**

וואָס, מיין קינד?

**אַוורעמל**

איך האָב פאַרגעסן עברי...

**ר׳ משה**

כ׳וועל דיך לערנען...
און גאָט וועט געבן, וועסט נאָך זיין אַ למדן
און לערנען אַנדערע, מיין זון...

און ס'איז אַוורעמל
אין ניקלסבורג געבליבן. ער האָט דאָרטן
חתונה געהאַט. פאַרשטייט זיך, אַז ר' משה
האָט געהאַלטן ערלעך אַלע זאַכן,
וואָס ער האָט דעם רוח צוגעזאָגט. מע דאַרף נאָך
דערציילן, אַז עס האָט ר' משה פרעגער
שטיל, בסוד, כדי שלא לבייש,
געגעבן אַ תקנה אויך דעם דיין
אויף זיינע חטאות נעורים — אין דער אַלט־שול,
אויף יענעם אָרט טאַקע, וואוהין ר' הירש
פלעגט אין די יונגע יאָרן זיינע שלעפּן
דעם דמיון זיינעם, צווינגען אים צו תורה,
נאָר ס'פלעגט נישט אַלעמאָל דער דמיון ווערן
באַצוואונגען... ניין, נישט אַלעמאָל... אַ סברא,
אַז יענער טעם־כמוס פון ר' משה'ן,
בעת ער האָט די ניי־שול אויף דער אַלט־שול
פאַרביטן, איז אויך ערגעצוואו געווען
פאַרבונדן מיט דער מעשה־אין־אַ־מעשה:
די מעשה מיט ר' הירש דעם אַלטן דיין,
ר' צבי־הירש סגל, וואָס צוליב דעם רוח
זיינען אים געקומען אין זכרון
דער טירוף און די נאַכטיקייט די גאָרע
פון אַ חטאות־נעורימ'דיקן דמיון,
כדי צו קריגן פון ר' משה פרעגער
אַ שטילן דרך־אגב'דיקן תיקון,
אַ תיקון אַ פאַרבאָרגענעם, פאַרבונדן
מיט דעם אָפענעם. אַזוי איז תמיד:
איין קלקול שלעפּט אַ צווייטן, בראָך שלעפּט בראָך,
און איין תיקון איז מתקן עפּעס נאָך.

## ליד פון אַ משומדת

אין אַ נאַכט אַזאַ —
ס'איז נאָך דעמאָלט מיין נאַכט
נישט געווען קיין גע'שמד'טע —
איז ער געזעסן, מיין טאַטע,
אין זאָקן אויף דר'ערד,
און געוויינט, הלמאי

מע האָט אים אַ זאַך אַ העט־ווייטע צעשטערט,
אַ פּאַרצייטישע, לאַנג־נישט־געהאַטע.

אין אַ נאַכט אַזאַ
איז ער געזעסן אין שטוב
ווי אין תפיסה הינטער אַ קראַטע,
און ס'האָט זיך דער טרויער געוויגט
אויף זיין וואַלדיקער באָרד.
וואָס האָט ער געוואָלט,
מיין טאַטע?

דעמאָלט האָט נישט, ווי איצט,
פון טונקעלע גערטנער
געשאַלט מוזיק;
עס האָבן מיין לייב נישט געברענט
דיינע לאַסקעס.

אין אַ נאַכט אַזאַ
האָב איך פון געלעגער געהערט,
ווי ער וויינט, הלמאי
מע האָט אים זיין זאַך די ווייטע צעשטערט,
און טונקל און שוואַך
האָט פאַר אים אַ ליכטל געברענט —

וואָס איז עס געווען פאַר אַ זאַך?

## תשעה באב

ווײנען אותיות צוויי און צוואַנציק
פונעם אלף ביז צום תיו.
קומט אַ טרויער־טויב צום כותל
אין דעם ניינטן טאָג אין אב,
ברומט איר קלאָג אין טאָג דעם ניינטן.

שלוכצט די אויבערשטע פמליא
אין דעם ניינטן טאָג אין אב:
„האָסט געצאָרנט און פאַרטריבן —
ווען־זשע זאַמלסטו דיין שאָף?
שוואַרצע נעכטנס, וויסטע היינטן!"

קול ברמה! מאַמע רחל
כאַפּט זיך אויף פון לאַנגן שלאָף.
פאַר די קינדער בעט זי רחמים
אין דעם נײַנטן טאָג אין אב,
די געטרײַע מאַמע רחל.

און אין אָרט, וואָס הייסט מסתּרים,
אין דעם נײַנטן טאָג אין אב,
בעט בײַ זיך אַליין דער בורא:
„מיט דײַן חסד טרײַב די שטראָף!"
ס'בעט כּביכול בײַ כּביכול.

## איינזאַמע דרײַ

פאַר'מחשבה'ט
זיצט אין קן־צפּור איינער אַליין
משיח בן־דוד.

פאַר'מעשׂה־מרכּבה'ט
זיצט אַ מקובל איינער אַליין,
זוכט דעם וועג צו בן־דוד.

איינער אַליין
זיצט אויפ'ן טראָן־שטול דער מלך־הכּבוד.

ווען טרעפן זיי זיך זאַלבעדריט,
באַשעפער, משיח און ייִד?

גאָט איז אַליין, ייִד איז אַליין,
אַליין — דער דערלייזער.

און עשׂו עשׂו'ט אַלץ בייזער.

## פון קבר אַרויס קרעכצט די משומדת'טע

ווייען ווינטן, ווייען,
און עס פליען שנייען,
און עס שפּרייט אַ צלם
אָרעמס ווייסע צוויי.

רייזעלע, וואו ביסטו?
רייזעלע, וואָס טוסטו?
— כ׳ליג אונטער׳ן צלם,
כ׳פויל אונטער׳ן שניי.

אויפ׳ן קליינעם צווינטער,
אין אַ טאָג פון ווינטער,
האָט מען מיך באַגראָבן —
און אַ קאַלטע זון

האָט געקוקט פאַרשלאָפן,
און אין שענק געלאָפן
איז מיין מאַן דער שכור,
יאַן דער זדון*).

## דזשעסיקאַ

ס׳האָבן שיילאָק׳ן ווינטן ביים קאַפּטאַן געריסן,
זיין באָרד האָט געציטערט.
אַ פינסטערער הימל האָט צאָרניק געפּיטערט
משוגענע וואָלקנס.

און דזשעסיקאַ, די טאָכטער, איז ערגעץ געלאָפן
מיט לאָרענצאָ׳ן, דעם שיינעם פאַרפירער,
געלאָפן בלינד צו דער ליבע צו אירער,
און ס׳האָט זי מיט דונערס געיאָגט אַ כל־נדרי,
ס׳געזאַנג וואָס רודפ׳ט גע׳שמד׳טע.

ס׳האָט איר האַרץ ווי אַ צונג פון אַ שלאַנג זיך געוואָרפן.
איין העלפט האָט געשריגן: לאָרענצאָ!
די צווייטע העלפט: טאַטע!

*) זדון (פויליש) — אַ מוליער.

## צו אַ יידישער טאָכטער אין אַמעריקע

די זון־געקרוינטע שולמית,
די שטאָלצע דאָננאַ גראַציאַ מענדעס,

דורות הייליקע מאַמעס
מער וואונדערלעך ווי וואונדער,
מער לעגענדאַריש ווי לעגענדעס, —
דאָס אַלץ איז דיין יחוס — און דו ווייסט נישט.

דאָס געזאַנג פון לויים,
דער דונער פון נביאים,
דער קאָסמישער חלום
פון מקובלים,
די תרועה׳ס, הללויה׳ס
פון אונדזער וייטן פרימאָרגן
און אונדזער וועלט־נאַכט׳ס געוויינען —
דאָס אַלץ איז פאַרבאָרגן
אין דיינע יידישע חנ׳ען.
און דו ווייסט נישט, דו ווייסט נישט.

דיין שיינקייט דערקען,
איר סוד און איר יחוס,
אַ יחוס פון קינות און זמירות,
פון שיר־השירים און סליחות.
זאָל דיין שיינקייט דיר ווערן
אַ שליחות.

די הענט דיינע — בלומען
פון אונדזער דורות׳דיקן גאָרטן —
געוויין אָפּ פון טרייפענע קאָרטן.
שבת־ליכט צינד מיט זיי, צינד מיט זיין בענטש־ליכט,
צו באַלייכטן מיט גאָלדענעם זומער
דיין היימלאָזע היים,
וואָס איז אַ בלויזע וואוינונג מיט אַ נומער.

און אפשר וועט געשען
(זיי מוחל דעם נאַר, דעם פּאָעט),
אַז דו וועסט נאָך אויפהויבן אַמאָל
די הענט אין אַ געבעט,
און צומאַכן די אויגען און אין חלום זען,

ווי פון דיינע לענדן
קומט אַרויס דאָס קינד,
וואָס וועט די שלאַנג פאַרלענדן,
דער גואל פון יעקב׳ס געצעלטן
און פון אַלע וועלטן.

1943

## אַן אויסשטעל-פענצטער אויף קאַנאַל סטריט

צווייגיק און שווייגיק איינזאַמט אַ מנורה.
אין שטויב פון אויסשטעל־פענצטער וואַרט זי אויף בעלנים.
איבער אַ בוך פון וויצן יידישע אויף ענגליש
טרויערט הערצל׳ס פּנים.
אַ שמחת־תורה־פענדל שלאָפט. אַ חנוכה־דריידל בלייט.
ר׳ שמואל מאָהליווער קוקט שטרענג און אָן אַ זייט.
מאָנטעפיאָרע פאַררוקט אין הויכן קאָלנער
אַ קוואַדראַטיקע קין.
שבת־לייכטער וייסן נישט וואוהין
דער שבת איז אַהינגעקומען.
מיט׳ן רוקן צו דער גאַס און אירע לויפער —
אַ גאַנג חומשים. אַ פאַרזאָרגטער שופר
קוקט אַריבער צייט, אַריבער שטאָט, אַריבער גאַסן.
עס שטייט אין פענצטער ביי זיין זייט
אַ פאָן פון שטערן און פון פּאַסן
און פרעגט ביים שופר דעם פאַרזאָרגטן: וועל, אָלרייט,
וואַט׳ס דהי טראָבל, מיסטער שאָופאַר?

## רייד צו די מלאכים

מלאך פון ריינקייט, טהריאל,
ווען אין ברודיקן מלבוש פון ערדישן טרויערן
וועל איך צוקומען צו דיינע טויערן —
שטויס מיך נישט אָפּ!
פאַרוואָרלאָזט האָב איך גאָט׳ס גאָב,
אין זיין ליכט נישט גערוט,
געהאַט צו ווייניק אמונה,
אָבער נישט ענטפער מיך איבער

אין די הענט פון דעם בייזן ממונה,
וואָס איז מיט זיין פייער
נישט מטהר,
ווייל זיין פייער איז נאַכט.

סהדיאל, פון תפילות דער זאַמלער!
אויב צווישן געבעטן נישט גענוג קלאָרע,
נישט גענוג וואָרע,
וואָס מיין גייסט, דער שטאַמלער,
האָט אין זיי קליינמוט פאַרמישט
און רעשטלעך יצר־הרע,
איז געווען כאָטש איינע אַ תפילה אָן צומיש,
אַ תפילה אַזוי פשוט און שטאַרק ־
ווי אַ פסוק אין חומש, —
טאָ שטויס מיך נישט אָפּ, סהדיאל,
אין יענער תפילה'ס זכות.
נישט ענטפער מיך איבער צום בייזן ממונה,
וואָס שטראָפט פאַר טרייבן זנות
מיט ווערטער, פאַר פאַרטיקייטן, פאַר רגילות,
פאַר הייזעריקע תפילות.

מלאך דערבאַרעמדיקער פון די שערי־דמעה,
רחמיאל!
אויב איטליכע פון מיינע טרערן האָט אַ פגימה,
נאָר כאָטש איינע פון זיי האָט געבלוטיקט —
נישט ענטפער מיך איבער צום בייזן ממונה,
דעם שטראָפער פאַר טרערן, וואָס בלוטיקן נישט,
וואָס ווערן געוואָרפען ווי נדבות,
און אַ ליאַדע ווינט
קאָן מיט זיי טרייבן קאַטאָוועס — —

צדקיאל,
דו, וואָס איטליכן ליכטיקן טו
באַהאַלטסטו און מאַכסט
צו'ן אַ לבוש אים!
ווען ס'וועט מיין נשמה
נאַקעט אַרויס פון די חושים
און פירן וועט מען זי צום טייך די־נור
און דאָרט, אין פייער־טייך, וועט זי אַרונטער
(אָדער אויף אַרויסצוגיין ריין,

אָדער צום פֿאַרגיין) —
בעט איך דיך, צדקיאל!
אויב פֿון מיינער אַן איינציקער טואונג באַדאַי
האָסטו דעם אָרעמסטן מלבוש געמאַכט —
טאָ קום מיט'ן מלבוש צום ברעג און מיין פֿירזאָגער זיי:
„טייך די־נור,
די נשמה די דאָזיקע טאָר נישט
פֿאַרגיין אָן אַ שפּור.
אין איר אייגן קלייד,
אייגן, כאָטש נישט רייך,
טו איך זיך אָן און איך שטעל זי פֿאַר גאָט —
פֿאַרברען זי נישט, פֿאַרכטיקער טייך!"

בזק,
סנדלפֿונ'ס באַדינער!
ממונה אויף געבעטן,
וואָס ווערן געבעטן
אין שפּעטן
גאַנג פֿון דער נאַכט!
אויב פֿון מיין נאַכט איז געשטיגן צו דיר אַ געבעט —
צי האָסטו עס, דו היטער פֿון פֿאַרבאָרגנס,
אַרויפֿגעלייגט שטיל
אויף דעם דיל
פֿון יענעם הימל, וואָס צומאָרגנס
נעמט סנדלפֿון פֿון דאָרטן די תפֿילות
צו קרוינען זיין האַר,
דעם אל גואל חזק?
אויב יאָ — לאָז דעם בייזן ממונה
נאָך מיין נשמה נישט לויפֿן,
דו לויטערער אופֿן,
העלסטער פֿון אופֿנים,
בזק!

יופיאל, האַלטער
פֿון די שליסלען פֿון אויבערשטער חכמה!
פֿרעגער צעשטראַלטער,
וואָס דו פֿרעגסט ביי נשמות די פֿראַגן פֿון חכמה,
אויב דו וועסט זען מיין נישט־וויסן
און וועסט וויסן, אַז וויסן האָב איך געקאָנט,
נאָר כ'האָב מיך געפֿוילט עפּעס רעכטס צו דערקענען, —

זאָלסטו די שרפים, וואָס אונטער דיר, נישט לאָזן
מיך שלאָגן מיט די פליגלען און פאַרברענען.
כ'בין קראַנק געווען, יופיאל —
פאַרוואָס זאָל מען שלאָגן אַ חולה?
און מעג מען פאַרברענען איינעם,
וואָס איז וואונדן הוילע?
לאָז מיך נישט שטראָפן, יופיאל!

שר פון היכל־הרצון, גבריאל!
זאָל אויפגיין ווי אַ בשורה
דיין גבורה!
שלאָג
מיין נאַכט מיט דיין טאָג,
און ענטפער מיך איבער,
גבור,
אין די הענט פון דעם היילער רפאל!

סנגוריה!
שיצער דו פון ישראל
קעגן עשו'ס קיטרוגים, קעגן אַלע סטרא־אחראס!
קומט דער טאָג פון מיין משפט — זיי מכריז,
אַז אהרן־אליעזר, זון פון הלל און אסתר,
כאָטש ווייט, אַזוי ווייט
פון צו זיין דער בעסטער,
כאָטש אַ גאָרנישט־ווערטער
מאַכער פון ווערטער,
האָט פאָרט
פון צייט צו צייט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט,
וואָס זיין נשמה האָט ביים באַרג סיני געהערט,
און אַז חסד בעט ער,
כאָטש ער ווייס, אַ בן־זקונים אַ שפעטער,
אַז ער איז קיין חסד נישט ווערט.

## דער גולם

ער ליגט אַהינטער טרעפּ —
אַ מישונג אַ געהיימע:
געמישט איז ער פון מענטש,
פון מלאך און פון בהמה.

אַ פויסט אונטער׳ן קאָפּ.
ס׳באַוואַכט אַ נאַכט פון בליי אים.
שטיוואַלעס פוילן שוואַרץ
אויף ריזיקע רגלים.

און מייז... דאָ ט ר אַ כ ט ן מייז — —
זיי לויפן נישט. זיי גליווערן.
וואָס טראַכטן זיי? צי ווער
שוין קיינמאָל דאָ נישט פרי־ווערן?

דער גולם ליגט. און ס׳קומט נישט
מהר״ל אים וועקן.
שאַ, האָרך דיך איין: צי קלאַפּט נישט
ערגעץ שוין זיין שטעקן?

ער קומט צוגיין און ברענגט
אַ נייעם שם־המפורש
און שטעלט דעם גולם אויף
און מאַכט אים צו זיין יורש.

און שטעלט דעם גולם אויף
און מאַכט זיין פּנים שטראַליק. — —
ווער זאָגט אונדז, ווען עס ווערט
דער גולם מהר״ל׳יק?

## צווישן שול און בית-עלמין

ווי נאָך אַ שטומער לויה,
גייען אין דער נאַכט אַריין —
שוואַרץ און אָן אַ שאָרך —
דיביימער פון בית־עלמין.
ס׳פאַלט קיין קלאַנג נישט
אין טויבן אויער פון דער שטילקייט.
די לבנה באַווייזט זיך נישט,
ס׳טוט אַ שטערן־אויג אין ערגעץ נישט קיין פינטל.
בלויז ביימער שוואַרצע גייען
אין רייען,
גייען און גייען.
ראַפּטום רירט זיך אַ ווינטל
(ווי דער אור־ערשטער ריר

אויפ'ן דנאָ פון בראשית'דיקן תהום).
ס'גייט אַרויס פון אַ קבר
אַ זקן מיט אַ גרינער באָרד.
אַ לאַנגן טלית טראָגט ער,
האַלט אין דער האַנט אַ לאַמטער:
ס'ציטערט ווי אַ פייערדיקע טרער
איבער די מצבות איר שיין.

רבותי, — רופט דער זקן, —
צייט שוין אויפצושטיין,
צייט אין שול צו גיין:
ס'וואַרט די שול, די אַלטע שול.

האָרכט די אַלטע נאַכט,
די סוף־חודש'דיקע נאַכט.

שטעקט דעם קאָפּ אַרויס אַ מת,
אַ קאָפּ מיט אַ בערדל אַ צוגעשווירנס,
מיט אַ באַבּרילטער מרה־שחורה'דיקער נאָז:
„וואָס?
אין שול?
האַלב חרב
איז די שול, רב קרוב!
די ריינקייט אַלט, דער ארון צעפאַלט,
ס'פּרוכת צעקראָכן, די שטענדערס צעבראָכן,
ס'וואַסער אפילו וויל נישט גיין פון כיור...
איר מיינט, ס'איז דאָסזעלבע וואָס פריער?"

דער זקן וואַרפט אויף אים די פייערדיקע טרער
פון זיין לאַמטערן.
ס'לייגן זיך אויס אויף יענעמ'ס שטערן
משכיליש־חקרנ'ישע קנייטשן.
לאָמיר, — מאַכט ער, — זיך נישט נאַרן:
זיינען דען שני שדיך
טאַקע משה ואהרן?
על־פי־חקירה איז עס נישט שייך!
על־פּי־חקירה איז אויך נישט שייך
תפילין־לייגן וכדומה,
כאָטש סע ווילט זיך אַ גוואַלד לייגן תפילין,
מחמת אָן דעם איז די נשמה אַ יתומה.
אויך מכוח שכר־ועונש קען מען גאָרנישט וויסן.

אַט ליג איך מיר אויפ'ן בית־עולם,
און ס'האָט מיך קיינער ביז איצט נישט געשמיסן.

— אַזוינעם ווי דו, — גיט דער זקן אַ זאָג, —
וויל מען אפילו נישט שמייסן.

— זייט איר דאָך, — ענטפערט דער משכיל, — אַ כעסן...
איך לייקן דען אין אַ מנהיג־הבירה!
חלילה וחס...
כ'האָב אַמאָל געלייענט אין דער „הצפירה"
אַ מאמר פון חז"ס
מכוח... המ... מכוח...

— פון בראָנפן האָט מען כח, —
רופט הייזעריק זיך אָפּ אַ מת אַ דריטער,
אַ מופקר, באַגראָבן ביים פלויט. —
אַי, ווען איך האָב מיט זיך אַ פלעשל!
צי — פאַר אַ נויט —
כאָטש קאָרטן אַ טעשל...
וואָס זאָגט איר עפּעס צום אַלטן?
גערירט אויפ'ן קאַסטן!
אין שול אַריין! כ'האָב קיינמאָל דערפון נישט געהאַלטן,
מכל־שכן איצט, נאָכ'ן טויט — —
כ'ליג מיר ווי אַן אַרבעסל אין שויט,
קומט ער, דער חכם בלילה,
מיט אַ יעלה:
אין שול אַריין!

פאַרקירעוועט דער זקן אויף אים די לאַמטערן:
אַ גלוח מיט אַ פנים פון אַ רוח,
אַ להכעיס'דיקע נאָז,
אויפגעשפּיצטע אויערן ווי ביי אַ האָז,
און אויף ליפּן בלוילעך־בלאַסע
אַ לצ'ישע גרימאַסע.

שול, — חוזק'ט דער גלוח. — שול!
אַ בעלנות פון אַ משוגענעם יידן
צו קריכן אין מיין מת'ישן גבול!

מאַכט דער בר־מינן דער פרומער:
כופר, האַלט דאָס מויל!
דו אַליין ביסט דול.

ליג אין דר'ערד און פויל —
איך קריג אַ מנין און גיי אין שול.
משכיל, גייסט מיט?
ביסט דאָך פּאָרט אַ שטיקל ייד — —

קרעכצט דער חוקר: אַי, סע בענקט זיך
נאָך אַ שול... נאָך אַ מנין...
נאָר וואָס טוט מען? על־פּי חקירה
איז עס נישט קיין ענין.

איז דער אַלטער
אים מבטל מיט אַן אויג,
און צו אַ מת, וואָס איז ביני־לביני
אַרויסגעוואַקסן פון נאַכטיקן תהום
ווי אַ גרויסע טונקעלע שוואָם,
באַפעלט ער: „גיי און וועק!
נעם דעם האַמער, וואָס מיט אים
פלעגסטו קלאַפּן אין די לאָדנס,
ווען איך בין רב געווען און דו דער שמש,
און קלאַפּ אין קברים!
שלעפּ זיי אַרויס, די פּגרים,
שלעפּ זיי אַרויס!
אין שטעטל וואַרט גאָט'ס הויז,
אין גאָט'ס הויז וואַרט די ספר־תורה.
מתים דאַרפן עולה־לתורה זיין,
נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין.
ס'נישט הפקר אַ וועלט!"

זיין האַמער נעמט דער שמש
און לאָזט נאָכ'ן רב זיך גיין.
ער קלאַפּט אין קברים ווי אין לאָדנס
און רופט — האַלב געזאַנג, האַלב געוויין:
„שטייט אויף, שטייט אויף לעבודת הבורא,
יידישע מתים,
קינדער פון אברהם, פון יצחק און יעקב!
ס'וואַרט דער בורא,
ס'וואַרט זיין ספר־תורה —
שטייט אויף!"

איבער'ן בית עלמין שפּאַנט ער מיט'ן רב:
„יידישע מתים, שטייט אויף פון שלאָף!

צעגערט איר אויפצושטיין,
קען איידער־וואָס־ווען זיך צעקרייען דער האָן
און ס׳קען נאָך פאַרביי, חלילה,
די צייט פון תפילה.
רופט זיך אָפּ! רופט זיך אָן!״

ביי איטלעכן קבר
שטעלט דער רב זיך אָפּ,
בויגט זיך צו דר׳ערד צו און האָרכט,
צי קרעכצט נישט עפּעס, צי שאָרכט נישט:
„רב ייד, רופט זיך אָפּ!
וויפל דער שיעור?
גיט זיך אַ ריר!
הויבט אָן צו גלויבן, אַז איר זייט בכוח
זיך אויפצוהויבן — הויבט איר זיך אויף!
זאָגט: אנא בכוח
גדולת ימינך תתיר צרורה —
און פון דעם אוצר פון אומזיסטן חסד
נעמט גבורה!
שטייט אויף!
דער אוצר פון חסד אומזיסטן
איז תמיד אָפן: ער וואַרט אויף די נעמער.
שטייט אויף, רב ייד! לאָמיר גיין אין שול:
אפשר טרעפן מיר דאָרט דאַוונען ביי אַ פשוט׳ן באַלעמער
דעם גואל־צדק אַליין.
אין שול אַריין דאַרף מען גיין!״

ניין, ניין! —
בייזערט זיך פון יענער זייט קבר אַ קול. —
זאָל זיין באַדאַי
משיח אַליין,
איז נישט כדאי
ביינאַכט זיך צו שלענדערן.
די נאַכט איז געמאַכט צום שלאָפן:
ס׳איז נישט צום ענדערן.
וואָס וועקסטו אַ יוסטן בעל־הבית?
פאַרווען און פאַרוואָס?
שלאָף אַליין און לאָז אַנדערע שלאָפן.
אלא נישט —
איז נישט דאָ דאָס אָרט: האָסט נישט געטראָפן.

שטייט דער רב און האָרכט:
יענער קערט זיך איבער
אויף דער צווייטער זייט — און שנאָרכט.
די נאַכט שטעלט אויס דעם רב אַ לועג־לרש׳עדיקע,
שוואַרצע צונג,
אַ צונג פון הימל ביז דער ערד:
מיינע מתים זיינען פעפער גאָר נישקשה׳דיקע,
האַ!

און גאָרנישט. שטיל איז. שאַ.
דער שמש קלערט:
נישט באַשערט.
נישט באַשערט, אפנים.
זיין מחשבה הערט
דער רב,
גיט ער אים אַ לייכט מיט דער לאַמטער אין פנים:
ספק איז שטראָפיק — איז אַליין די שטראָף!
בטחון! געגאַנגען ווייטער!
מ׳קען נאָך באַווייזן!
ס׳האַלט נאָך נישט ביים עמוד־השחר —

זיי שפרייזן, זיי שפרייזן —
די טריט זייערע הילכן אָפּ אַלץ ווייטער,
אַלץ שוואַכער.

מאַכט צום מופקר דער חוקר:
אין תוך ביסטו אַ דבר־אחר.
בענקסט דאָך נישט אפילו!
שטאַרקער ווי די ווערים
נאָגט די בענקשאַפט מיך.
כאָטש די שול איז פוסט,
סע הענגען שטיקער טרויער איבער איר,
און קיין מתמיד צינדט נישט זיין ליכטל
צו לערנען ביינאַכט פאַר איר עמוד, —
געדענק איך נאָך אַלץ מיינע דאָנערשטיק־נעכט,
די וואַך־נעכט פון לערנען.
אין נעכט אַזוינע האָט שטום זיך געשוואַרצט ביים פרוכת
די אלמנה, די שכינה,
און בליקן געוואָרפן
אויפ׳ן לערן־יונג דעם בלייכן.
די שטראָמען פון תלמוד!

די שטראָמען זיינען ענג געווען און טיף —
און איך בין געשוואומען, געשוואומען
צווישן דעם מהרש״א און מהר״ם שיף — —
און כאָטש די חקירה האָט מיר אַלץ צעשטערט,
קען איך נישט, קען נישט פאַרגעסן — —

לאַכט דער מופקר: אַ מת דאַרף קענען מת׳ן!
איך קען! און דו?
אַ בטלן געווען און אַ בטלן געבליבן.
ווייסט וואָס איך טו?
כ׳בין מעלה־גרה
עבירה נאָך עבירה —
אַזש עס הויבן זיך די ווערעם אָן צו פרייען...
געכאַפּט אונדז ביידן ביי דער האַנט...
וואָס פרעגסטו? פּעטש... געשרייען...
דערנאָך — אין שול די שוואַרצע ליכט...
מופקר! מוחרם! רשע!
אָבער די עבירה, — נישקשה, —
איז געווען אַ פּעסטע...
פון די בעסטע!...
פון אַזאַ מין חטא ווערט מען פעט...
וואָס קרימסטו זיך, בטלן?
האָסט בעסערס צו געדענקען?

אַ ייד, וואָס קען אפילו נישט בענקען, —
דרייט דער חוקר אַוועק דעם קאָפּ, —
אַ ייד, וואָס רעדט אפילו נאָכ׳ן טויט
אַזעלכע גראָב־יונגישע דיבורים,
אַ ייד אָן גאָט אין האַרצן,
אַ ייד אָן יסורים —
איז ערגער ווי אַ גוי.

— אַזוי? —
שפּעט דער מופקר. — אַ שיינער אפּיקורס!

שטיל ווי אַן אלול׳דיקער רעגן
גיסט זיך דעם חוקר׳ס שמועס מיט זיך אַליין:
„כל־נדרי אַז ס׳פלעגט זיך דערהערן —
פלעגט ציטערן אַ ל ץ אין דער שול,
לרבות דעם ענגלייכטער...
ס׳פלעגן זיך באָדן הערצער

אין אַ ים פון יידישע טרערן...
שופר! און ס'פלעגט די פמליא של מעלה
זיך אָפּשטעלן הערן...
נאָר — פון זינט כ'בין געוואָרן אַ משכיל —
פאַרשוואונדן די טרערן,
נישטאָ קיין פמליא של מעלה...
איצט איז אַלץ אַ שאלה...
אתא בוקר —
ווען ס'איז געקומען דאָס ליכט פון השכלה,
וגם לילה —
איז געוואָרן נאַכט ביי דיר, חוקר"...

זיי גייען צוריק! —
טייטלט דער מופקר. — מיט לייזיקע הענט!
אַן אַנטיק!
כ'בין זיך מחיה!

גייט דער רב און סע קלאָגט אין זיין האַנט די לאַמטער,
נאָך אים — דער שמש: ס'הענגט שווער
זיין האַמער אַראָפּ,
און ס'הענגען אַראָפּ זיינע ברעמען נאָך שווערער.
פון קלאַפּן, — מאַכט ער, — האָב איך וואונדן אויף די הענט
און אַ וואַסער אין אויער —
און קיין מנין איז נאָך אַלץ נישטאָ.
יעדער איינער אין זיין קבר,
יעדער איינער מיט זיינע ווערעם.
אָט אַ דור!
אַ ליאַדע מת'ל איז אַ שררה,
שנעקעס ווילן אים נישט קענען!
מע וויל זיין נאָמען נישט געדענקען,
מע פאַרשפּאַרט זיך, מע באַהאַלט זיך
יעדער איינער מיט זיין דלות,
מיט זיין פּעקל פוילע ביינער,
און צו אים, צו זיינע שוועלן,
גייט נישט קיינער" —

ער ענדיקט נישט זיין וואָרט.
ס'רייסט דער אַלטער שטרענג אים איבער:
„וואָס טויגן רייד?
לאָמיר גיין כאָטש זאַלבעצווייט!
דער זמן־תפילה ווערט אַריבער!

לאָמיר גיין צום אַלטן גאָט
און צום אַלטן ארון־קודש" —

און זיי לאָזן זיך שטעטל־צו גיין
אין דער נאַכט דער שוואַרצער פון סוף חודש.

זיי גייען, זיי גייען —
צוויי הויכע געשטאַלטן:
די געשטאַלט פון שמש מיט'ן האַמער,
די געשטאַלט פון רב דעם אַלטן — —
מיטאַמאָל — אַ געשריי!

דער מופקר שרייט:
„וואו קריכסטו, שמש! שטיי, רב, שטיי!
גיט אַ קוק: עס רייט
אַ רויטע מכשפה —
אַ שרפה!
ביז איר וועט קומען — וועט זיין נאָכ'ן שטעטל,
וועט זיין נאָך דער שול!"

ער צעלאַכט זיך. ער געלעכטערט ווי אַ שרעטל.

צאַפּלט אויף דעם חוקר'ס קאָפּ:
ס'צוגעשוירענע בערדל גיט אַ שפּרונג,
ס'צוקט אין האַלז דער יתומ'דיקער קנאָפּ.
רב און שמש בלייבן שטיין אינמיטן גיין.
ס'פאַלט דעם רב די לאַמטער פון דער האַנט.
הויך אַרויפגעפלויגן איז דער בראַנד,
זינגט רויט פון הימל אַראָפּ זיין געזאַנג,
און דער מופקר
טאַנצט אַנטקעגן פון אָפענעם קבר:
גוט אַזוי! גוט!
די שול קאַפּוט, דאָס שטעטל קאַפּוט!
אַי, גוט!

שטאַרט דער שמש. דער רב
שטעלט די הענט ווי אַ דעכל אָן,
קוקט אַרויפצו: פייערדיק גלאַנצט אָפּ
זיין אַלטע באָרד די גרינע.
דער כופר, — מורמלט ער, — זאָגט אמת.
אַז וויי צו אים און צו זיין אמת!
פייער, כביכול, האָט אַרומגעכאַפּט די שכינה.

כאַפּט זיך אויף פון זיין גאַפונג דער שמש:
וואָס טוט מען?
נישט גוט, רבי, נישט גוט!

רופט זיך אָן פון אָרט דער מופקר:
וואָס מע טוט?
מע צעקושט זיך מיט די כשר'ע ווערעם!
טייערע ווערעמלעך — חלילה נישט קיין טרייפע!

טרויערט דער חוקר:
על־פּי־שכל קאָן מען אַלץ פאַרשטיין,
אָבער שרפה בלייבט שרפה.
וואו איז דער שכל, וואָס שטעקט אין דעם שכל?
פאַרוואָס זאָלן אַוועק מיט'ן רויך
דאָס שטעטל, די שול,
דער ספר־תורה שבהיכל?

גיט אַ טופּע מיט'ן פוס
דער בר־מינן דער אַלטער,
דער מת טהור, דער רב,
און טוט אַ הויב דעם קאָפּ ווי אַ לייב
איבער'ן גאַנצן בית־עלמין.

„שמש, — רופט ער. — דאָ בלייבן מיר
און אַ רבנן־קדיש מאַכן מיר,
אַזש מצבות ציטערן
און ס'נעמט הילכן דער בית־חיים.
וואָרום יידן ז י י נ ע ן מיר,
וואָרום דאַווענען מ ו ז ן מיר.
פאַרברענט די שול?
וועט אונדזער שול דער בית־עולם זיין.
נישטאָ קיין מנין?
וועלן צוויי די דאַוונער זיין.
מיר'ן מוציא זיין דעם כלל...
נישטאָ וואָס צו ווערן נתפעל!
אויך יידן צוויי, נישט מער ווי צוויי,
קענען זיין — דאָס פאָלק ישראל.
פ אַ ר ד י מ ת י ם ו ו ע ל ן מ י ר ד אַ ו ו נ ע ן,
ו ו אָ ס ק אָ נ ע ן מ ע ר נ י ש ט ד אַ ו ו נ ע ן!"

ערשטע ווערסיע: 1917

פערטער אָפּטייל

# משיח׳לידער
# און די פּאָעמע יוסף דילה־רינה

# ליד פון דער נאַכט אויף די דעכער

און ס'האָבן די יידן פון באַגראַד זיך פאַרזאַמלט אויף די דעכער און געוואַרט, אַלרואי זאָל קומען אויפן וואָלקן און זיי אַוועקטראָגן מיט ווייב און קינד. אַ נאַכט אַ גאַנצע האָבן זיי געטאָן וואַרטן און אויף צומאָרגנס האָבן די גוים געטריבן שפּאַס פון זיי. (פון אַלטע ספרים).

אַמאָל איז געווען אַ משיח —
און אפשר נאָר גאָטס אַ נאַר.
אַלרואי האָט ער געהייסן,
גערעדט אין נאָמען פון האַר.
אַמאָל איז געווען אַ משיח —
און אפשר נאָר גאָטס אַ נאַר.

אין יענער צייט זיינען זקנים
געקומען קיין באַגדאַד.
גרייט זיך! די נאַכט געשעט עס!
אַזוינס האָט די וועלט נישט געהאַט!
ער קומט ביינאַכט און ער נעמט אייך,
יידן פון קהילת באַגדאַד.

וואוהין וועט אַלרו'אי אונדז נעמען?
וואוהין, איר זקנים, וואוהין?
אַהין, צום טאָג דעם נייעם,
טראָגט ער אייך, יעקבס זין.
אַהין, אַהין, אַהין.

ווי־זשע טוט ער אונדז נעמען?
ס'וועט דאָך אים זיין צו שווער!
מיר האָבן ווייבער און קינדער
און אַ טרויער — אַ שווערן בער.
ווי־זשע טוט ער אונדז נעמען?
ס'וועט דאָך אים זיין צו־שווער!

— ער קומט אויף אַ וואָלקן און טראָגט אייך.
גייט אַרויף אויף דעכער און וואַרט.
היינט נאַכט ווערן הימלען געעפנט
און אָפּגרונטן ווערן פאַרשפּאַרט.
ער קומט אויף אַ וואָלקן און טראָגט אייך —
גייט אַרויף אויף דעכער און וואַרט.

זענען אַרויף אויף די דעכער
די יידן פון באַגדאַד.
אַרויף מיט ווייב און מיט קינדער,
מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט.
געוואַכט, געוואַכט אויף די דעכער,
ווען שלאָף איז אַראָפּ אויף באַגדאַד.

— וואָלקן, דו וואָלקן, מיר וואַרטן!
קום מיט דעם גואל און טראָג
אַהין, צו די שוועלן פון העלקייט,
אַהין, צום טויער פון טאָג.
וואָלקן, אָט וואַרטן מיר אַלע.
טראָג אונדז אַלע, פאַרטראָג.

עס האָבן דערנאָך די גויים
געלאַכט פון זיי אין דער פרי:
„וואו איז דער וואָלקן, יידן?
וואָס הערט זיך מיט אייער פליִ?"
אַזוי־אָ האָבן די גויים
געלאַכט פון זיי אין דער פרי.

מיר וואַכן אויף וועלטישע דעכער,
מיר יידן, גאָט'ס איינזאַמע וואַך.
מיר וואַכן נאָך אַלץ און מיר וואַרטן —
מעג לאַכן דער גוי זיין געלאַך.
מיר וואַכן אויף וועלטישע דעכער,
מיר יידן, גאָט'ס איינזאַמע וואַך.

1934

# יוסף דילה רינה

חטא — אלופו של עולם
מסתתר בתוכו'
(דער בעש"ט).

## א

## צען אויף אַ באַרג

אַ באַרג אין מדבר.
אויפ'ן באַרג אין מדבר —
ניין,
הויכע ניין.
עפּעס דאַרף דאָ זיין,
עפּעס ווילן דאָ די ניין —
און דער צענטער?

בראש פון אַלעמען שטייט ער.
אַלע זיינען גרייט,
דילה־רינה — גרייטער.

ס'איז אין מדבר געוואָרן נתגלה
די תורה די כלה.
אין פייער האָט גאָט זיך געקליידט
און אין מדבר
גערעדט זיינע רייד.

ווערן מחיצות דאָ דין און דינער.
דער וועג איז דאָ נאָענט
פון ליכט צו ליכט, פון צינור צו צינור.

האָט אין אַ מדבר געבראַכט דילה־רינה
זיין עדה די קליינע.
העכער ווי די ניין די הויכע,
ווייסער ווי די ניין די ווייסע,
די הייליקע אנשי־מעשה,
שטייט ער, דער קאָפּ פון דעם מנין.
ס'איז פון אַלע ענינים דער לעצטער ענין —
דער ענין פון קץ.

שנייַ זיינע הענט:
אַזאַ ווייסקייט פאַרלענדט
מזיקים.
די תפילין — אַ מרכבה.
איינגעשפאַנט אין דער מרכבה — אַ של־ראש.
דער של־ראש וויל אַ פלי־טאָן,
וויל זי אַ צי־טאָן —
און גאָרנישט.
ווי ס'וואָלט איר עמיצער באַפּוילן: פאָר נישט!

שטייט אַזוי דער וואַרטנדיקסטער פון של־ראָש'ן.
ווי ליידיקע היטלען פון בעטלערס,
וואו קיינער וואַרפט נישט אַריין קיין גראָשן,

שטייען די צען.

גאָרנישט געשען!
אין מדבר ברענט טאָג,
נאָר אין די היכלות איז פינסטער —
גאָרנישט צו זען!
ס'איז גרייט דער של־ראש דילה־רינה'ס
אַ שפרינג־טאָן, אַ זינג־טאָן: טאָג, —
נאָר פינסטערע חצות'ן
הויערן איבער היכלות...
אורות — נאָך אַלץ פאַרשלאָסן,
עס דרעמלען עולם־מלא'ס.

געהייליקט אין סיגופים —
די גופים.
אַרויפצו געווענדט
די פּרצופים.
גואל, ברעך ווענט!
מיט יחודים
רופן אַ רוף נאָך אַ רוף אים
די ניין,
און פון ספירה צו ספירה
פליען ווי הויכע לבנות
דילה רינה'ס כוונות,
רירן אָן די מיטלסטע זייל,
וואָס עס האַלט זיך אויף איר די יצירה.

ווען קאָן בייַשטיין די קראַפט
פון אַ צדיק אַזוינעם!

נאָר גאָרנישט.
עס רירן דערווייל זיך אַ האָר נישט
די עליונים.

לענדער אויבערשטע
גיבן זיך אַ וועק, אַן אַנטפלעק,
אַ שאָקל מיט די העלע כתרים,
אַ וואונק — און אַוועק,
פאַרשוואומען ווי ווייטע שיפן.
מצרים־הינט קומען צולויפן,
צויטיקע גרויסע מצרים־הינט.
לויפן גיהנמ׳דיק־פלאַקערדיק,
רויט־פאַקלדיק,
בילן אויס כל־הווילדקייטן.
ראַפּטום — נישטאָ! אַנטרונען!
גאָרנישט. שטילקייטן.

ס׳האָט דער מדבר אָנגעטאָן אויף זיך אַ באַרג.
דער באַרג — אויף זיך אָנגעטאָן נייַן מיט דילה־רינה׳ן.
די טליתים וויינען.
ער קומט נישט.

זאַמדן לעבן אויף,
קריכן־צו צו זיי אויף אַלע פיר,
קוקן בעטנדיק: אויב נישט איר —
טאָ ווער?
ס׳זידט זייער ברום,
קיין ענטפער קומט נישט;
קאָרטשען זיי זיך איין —
און קערן זיך אום
צום טויט־שלאָף.

עקדישן שטעלן זיך אויף,
פינקלען אויף ווי שפיגלען:
אויב נישט איר ווער אויפּפראַלן ריגלען —
טאָ ווער?
זיי פאַרקריכן ערגעץ צוריק —
משיח קומט נישט.

וואָס וועט זיין, דילה רינה?
ברענגען קאָן נאָר אַ ייד אים,
אַ ייד ווי דו,
ווי דיינע תלמידים.
ווען־זשע איז גאָט ממלא
פון זיינע וועלטן דעם חסרון?

מיטאַמאָל — אַן אשה!
ווי הויך אויף איר קעמל אַ כלה —
קומט לילית אָן צופאָרן.

ב

## לילית אַקעגנאיבער

אַ באַרג האָט לילית זיך אויפגעשטעלט
קעגנאיבער דעם באַרג פון די צען,
דעם באַרג פון אירע פאַרלאַנגען.
איר באַרג זעט ווי אַ קעמל אויס,
מיט דמשק'ס טעפּיכער באַהאַנגען.
אַ באַרג, וואָס רוקט זיך צו,
אַ באַרג, וואָס רוקט זיך אָפּ —
אַ באַרג אַ פאָרער.

אין נאַקעטקייט קלאָרער
שטייט זי אויפ'ן באַרג,
בלענדט מיט אירע גרויסע פיס
און מאַכט פאַמעלעך שאָקלען
אירע בריסט —
לענגליכע, שמאָלהאַלזיקע לאָגלען.

באַקן זיינען אירע היפּטן,
קיילעכיקע, געוואַשענע.
אירע היפּטן זיינען קיל ווי קוואַלן.
שוואַרץ וואַקסן די קשאַקעס פון אירע האָר —
אירע האָר האָבן מיילער.
זיי זידן ווי גיפּטן.
וואָס הייסער זיי זידן —
קילער די היפּטן,
קילער די בריסט.

מיט פינגער גרינגע
גיט לילית אַ פּאַך —
פייער, דם־נידה, רויש און קאָך!
בריל פון עריות
ווי בריל פון חיות!
און אויפּאַמאָל —
קלאַנג דינער, דינסטער
פון וואַסערן,
וואָס זינגען אין דער פינסטער.

דילה־רינה — ווי שטייף, ווי גלייך!
צום באַרג געשמידט די פיס.
ער איז —
געפענגעניש, געפאַנגענער און קייטן צוגלייך.

אָפּגעקערט, אַרויפגעשרויפט — זיין קאָפּ.
ער גיט זיך קיין ריר נישט.
ער איז באַרג אויף אַ באַרג.
ס'גיבן זיך קיין ריר נישט
די תפילין־באַפּאַנצערטע ניין.
זיי שטייען דאָ אונטן,
נאָר אָט־אָט און זיי עפענען שפונטן
פון הויכע פאַרבאָרגענע פעסער וויין.
עס פלאַטערן אותיות; עס שטעקן זיך אַריין
אין כתרים די שפּיזן פון יחודים.
צירופים פון שם
גיבן ביי הענט זיך אַ נעם,
טאַנצן אויס ריקודים.
גלגלים
קוילערן זיך הויך איבער אַלעם.

אַ בשורה־טובה איז מען מכריז
באַלד, אָט באַלד. דער סיטרא־אַחרא'ס
תנינים, וואָס שלאָפן אין שוואַרצע יאורים,
וועקן באַלד זיך איבער,
שרעקן זיך איבער,
גלאָצן: וואָס קומט דאָ פאָר?

וואויל איז דעם דור!
אָט באַלד! אָט־אָט!

נאָר לילית׳עס פנים —
האַלב בענקשאַפט, האַלב שפּאָט.
אַ טאַנץ גיט אין אויער איר רונג,
זי גיט אַ זונג:
„מיין מאַן, דילה־רינה, זיי!
מיין בלוט, מיין טרייפקייט, מיין נידה
באַצווינג, דילה־רינה —
און איך ווער אַ ריינע!
האַר,
מיין ווידוי
הער!
ווער
קאָן פעלן מיר אַזוי ווי דו?
וואו
זאָל טומאה גיין, אַז נישט צו קדושה?״
(די ניין — אין זיך אַריין: חצופה!
מויל אָן בושה!)

„יוסף, דעם עיקר פאַרגעסטו:
מיך, די טומאה, פאַרגעסטו.
ביסטו נישט מיין האָפענונג די גרעסטע?
דו, אַזוי הייליק —
ביזטו נישט מיין היילונג?
די טראַכט פון קליפות
באַגערט פון אייביק אָן
צו הייליקע טיפות״

דילה־רינה׳ס חוט־השדרה
גיט זיך אַ וואַקל ביים קלאַנג פון איר שירה.
באַפעלט פון אויבן דער של־ראש:
גלייך!
גלייכט זיך אויס, פול מיט יראה,
זיין גוף.

שאַ! אַ כוס מיט וואַסער פון יצירה!
אין גרויסן גלאָז,
פול יצירה־וואַסער בלאָ׳ס
און בליצן ווי די קרומע שווערדן,
זיצט אַן עובר׳ל אַ נאַס־צעווירנס,
אַ קינד אַ נישט־געבוירנס.

אונטער די וואָלקנס שווימט דער כוס
ווי אַ שיפעלע, ווי אַ פישעלע,
און ס׳ציט דילה־רינה די אָרעמס אויס,
ווי אוינטערצוטראָגן אַ קישעלע
דעם נישט געפורעמטן קינדעלע.

שטראַלנדיק קוקן זיך איין
די הויכע ניין:
משיח — משיח!

ג

## משיח דער נישט־געבוירענער

צוויי בערג: אויף איינעם — די צען,
אויפ׳ן צווייטן אַנטקעגן — די לילית,
און אונטער די וואָלקנס — דאָס קינד אין יצירה־כוס,
אין בליציקן כוס.

ס׳וועט געשען באַלד דער אות!
אין וואַסער צווישן די בליצן
טוט ס׳עובר׳ל זיצן —
און בליץ צום צווייטן רעדט אויף גיך:
ס׳וועט געשען דער אות!

זאָגט דילה־רינה: ס׳איז פרייד צו מיר!
אָט גייט צו מיר,
אָט גייט צו אונדז משיח!
גילוי איבער גילויים!
דאָס קינד פון אַלעמענ׳ס פרייד,
דער ילד שעשועים,
קומט נישט געבוירענערהייט!
מיר, הייליקסטער פון מניינים,
מיר׳ן פאַרשטאַרקן די צירופים
און געבן אים אַ פּנים —
קומט ער פון יצירה־גלאָז אַרויס
אין פורעם און געשטאַלט.

און ס׳ענטפערן די תלמידים:
אין פורעם און געשטאַלט!

שטאַרקער, שטאַרקער די צירופים —
באַלד
קריגט ער דעם לויטערסטן פון גופים,
דעם ליכטיגסטען פון שיעור־קומה׳ס.

רופט זיך לילית אָן: חלומות!

זאָגט דילה־רינה: תלמידים,
איר אויסדערווײלטע יחידים!
סיי די עשר ספירות דברודים,
סיי די עשר ספירות דנקודים,
ווען מיר געבן אַ ריר
מיט הייליקע יחודים,
און מיט׳ן קינד דערפרייען
סיי אונטערשטן צלמות,
סיי אויבערשטע מרכבות.
אַרויסקריגן וועלן מיר דאָס קינד
אָן דער טראַכט פון אַן אשה,
אָן טמא בלוט פון אַן אשה,
אָן זוימען, אָן זינד, —
אָן סיטרא־בישא!*)
נחש׳דיק איז דעם מאַנ׳ס פאַרלאַנג,
טראַכט איז — שלאַנג!
דער נחש איז אין חוה׳ן גופא.
קען דאָס, וואָס איז בייז און קראַנק,
געבוירן דעם גואל, די לעצטע תרופה?
משיח, דו דאַרפסט נישט געבוירן זיין:
מיר פורעמען דיך און באַפרייען דיך
מיט צירופים, הלבשות, תפילות,
אָן גלגול־מחילות
פון בלוט און טראַכט״ — —

דאָס אַלץ הערט לילית —
און לאַכט.

*) מרכבות — לייען: מערקאָ׳וועס; סיטרא בישא (די שלעכטע זייט, סיטרא אחרא) — לייען: סיטרע בי׳שע (גראַם צו אשה־אישע).

ד

# משיח דאַרף אַ מאַמע האָבן

לילית דערלאַנגט אַ שפּרונג,
איר באַרג דערלאַנגט זיך אַ רוק,
איר שפּריצן ד אויגן פונק נאָך פונק:
זי פּאָרט צו דילה־רינה'ן.

הויבט דילה־רינה די הענט,
טריפט אויס מיט די פינגער,
ווי פון אַ קריגל,
טראָפּ נאָך טראָפּ, נקודות'ווייז,
די לענדן פון אַן עיגול
אַרום זיין באַרג.
אַ לויף גיט דאָס הייליקע ראָד,
מוז לילית פּאָרן אויף צוריק,
מוז ווידער שטיין אַנטקעגן,
עלנט ווי אַ זונה אַ פּאַרטריבענע פון שטאָט.

דער עיגול איז דאָס האַרץ דער וועלט'ס,
דילה־רינה — אין מיטן האַרץ.
ער און תלמידים — אינמיטן האַרץ.

לילית זינגט: אַ האַרץ דאַרף בלוט;
אַ האַרץ מוז אָפּשטאַרבן אָן בלוט —
און איך בין בלוט.

לילית זינגט: געבורט דאַרף בלוט,
משיח מוז געבוירן זיין!
איך — דאָס שענסטע ווייב, מיין יוסף,
דו — פון מאַנסבילן דער ריינסטער:
ס'קינד מוז אונדזער ביידנס'ס זיין.
אָן אונדזער יחוד, יוסף מיין,
ווי קען דאָס קינד געבוירן זיין?
קומט עס אפשר פון מיין זיווג
מיט'ן אַלטן אַשמדאי?
מיינסט געוויס: פאַרפירן וויל איך.
מיינסט: דאָס שפּיל איך —
ניין!

דיך באַגער איך, דיר געהער איך,
דיר!
אָן דיר מיט מיר
איז אַלץ געווענדט... וואָס גיסטו
דיין ליכט מיר נישט!

זאָגט דילה־רינה (און קוקט נישט אויף איר
בעת׳ן ריידען): דו בלינדע, דו וויסטע!
זעסט נישט גאָט׳ס וואונדער — דאָס קינד איז שוין דאָ.
די רייד דיינע זיינען אומזיסטע.
מיר וועלן דעם כוס צו זיך צוציען,
דאָס קינד משיח אַרויסציען,
און דאָס קינד וועט מאַן ווערן,
מאַן ווערן און גואל־זיין —
מיר וועלן פועל־זיין!

מאַכט לילית: ס׳אַ הימלישער קאַטאָוועס!
וואָס ליגט אַזוינס אין גלאָז?
אַ רמז אויף אַ פּרעשל!
ס׳פאַרשווינדט ווי אַ ווינט׳ס אַ בלאָז,
דאָס נישט־געבוירענע יש׳ל.
משיח דאַרף אַ מאַמע האָבן —
מאַך מיך פאַר משיח׳ס מאַמע!
אויפ׳ן פאָטער זיינעם וואַרט איך,
ער זאָל אויפריגלען דעם ריגל
פון מיין טראַכט,
פון מיין נאַכט.
נעם זשע צו דעם עיגול, יוסף,
נעם אַוועק דעם עיגול!

ה

## דער עיגול

אונטער די וואָלקנס שווימט עס אַלץ,
דאָס יצירה־גלאָז מיט די בליצן.
ווי לאַנג וועט ס׳עובר׳ל דאָרט זיצן?

באַפעלט דילה־רינה: דאַוונט!
זיי דאַוונען. דער עיגול לויפט.
פאָרט לילית צו צום עיגול׳ס שוועל,

קאָן נישט אַריבער און פאָרט צוריק.
פון טרויער ווערן די היפּטן געל,
עס טונקלט דאָס קלאָרע געניק.
שטאַרבנדיקע פייגל — אירע ברוסטן —
הענגען קאָפּ־אַרונטער.
די גרויסע פינקלדיקע פיס, די גלאַטע,
ווערן מאַט:
פיס צאַנקענדיק־מאַטע
ווי איינגעדרייטע לאָמפּן.

דאָס גלאָז שווימט, דאַכט זיך, צו די צען —
און גאָרנישט:
פונדערווייטנס בלויז צו זען.
נענטער ווערט עס אויף אַ האָר נישט.
זיי זיינען שוין גאָרנישט מבשר,
די בליצן: אויך זיי זיינען בלינד,
ווי ס'נישט־געבוירענע קינד,
וואָס ליגט געקנוילט אין וואַסער.

דער עיגול אָבער טרייסט.
ער לויפט קלוג־קיילעכדיק
און רעדט ברייט־מיילעכדיק:
„לערנט פון מיר, יהודים טייערע,
וועט איר משיח'ן
אויס'משיח'ן.
גיט אַ קוק: איך בין מיר איך.

מיין אָנהייב איז סוף, מיין סוף איז אָנהייב.
קיילעכדיק בין־איך ווי דער פליך
אויפ'ן קאָפּ פון עלטסטער חכמה.
כ'לויף — און לויף נישט אין ערגעץ אַריין,
לויף — און לויף נישט אַרויס פון זיך.
איך רו אַזוי טיף, כאָטש איך לויף אַזוי גיך.
איילט משיח'ן אויסצו'משיח'ן
איידער ס'גייט די צייט פאַרביי,
נאָר איילן זאָלט איר פּונקט ווי איך:
מיט קלוגער שטילער לויפעריי
פון זיך צו זיך, פון זיך צו זיך.
זאָל אייער איילעניש פול זיין מיט רו,
לאָזט איבער אויף יענער־זייט די יסורים,

און גאָרנישט, גאָרנישט לאָזט צו זיך צו,
ווייל דער מינדסטער פון הרהורים
מאַכט אַ תל פון גאַנצן בנין.

„צענמאָל זיי געוואָרנטער — דו,
דו, דילה־רינה,
קאָפּ פון דעם מנין,
וואָס צו דיר גלוסט לילית די שרעקליך שיינע!
אייטל ליגן רעדט זי, די סוטה,
וויל דיך מאַכן פאַר אַ חוטא.
ווי קען זי משיח'ן מאַמע זיין?
זי וויל דיך נאָר מטמא זיין.
איר נעץ איז געשטריקט
פון חניפה־רייד דינע:
ליבשאַפט זינגט זי, נאָר אין איר איז שנאה.
וואָס דאַרף חושך ביים באַגינען?
וואָס קען באַגין ביי נאַכט געפינען?
זיס זינגט זי, נאָר סם איז איר וויין" —

דאָ רופט דילה־רינה זיך אָן צו די ניין:
וועלכע לילית
און וואָסערע דלילה'ס
זיינען בכוח מיך צו פאַרקנעכטן?
תלמידים, איר קענט דאָך מיך
נישט פון נעכטן!

ענטפערן זיי:
זי מעג טאָג־און־נאַכט זינגען,
אויב זי וויל עס, —
נאָר ס'קען נישט אַ לילית
דילה־רינה'ן באַצווינגען.
יוסף רבנו,
איר באַגער איז אַ חיצון
און זי אַליין
פאַרגייט ווי די בליצן,
קערט זיך אום צום נישט,
וואָס פון אים טוט זי שטאַמען, —
דו אָבער וועסט
מיט אונדז צוזאַמען
זיך פרייען אין ליכט
פון דעם גואל'ס געזיכט!

ו

## טענה׳ט לילית

זאָגט לילית די נישט־פאַרשטאַנענע,
לילית די נישט פאַרנומענע,
די אומגעבעטן געקומענע,
און דאָס קול אירס טרערט:

אַ באַפעל האָב איך געהערט:
גיי! — און כ׳בין געקומען.
שטויסטו מיך אַוועק,
דו מיט דיינע פרומע!

טומאה! —
רופט דילה רינה פון הינטער׳ן טלית.

זאָגט לילית: טומאה איז פינסטער —
וואָס זשע באַהאַלטסטו זיך הינטער׳ן טלית?
באַשטראַל עס
מיט דיין פנים דעם צעשטראַלטן!
כ׳האָב מיין אשמדאי דעם אַלטן
מיט אַלע שדים אָפּגענאַרט,
אויסגעזינדיקט
מיט וועמען ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, —
און נישט אויסגעהיילט מיין תאוה.
וואָס מער איך האָב געזינדיקט, יוסף,
מער געאייטערט האָט מיין תאוה,
וואָס מער מיין תאוה האָט געאייטערט —
קנאַפּער האָט מיך לייב געזעטיקט,
מער האָב איך באַגערט
צום מאַן דעם ריינסטן אויף דער ערד.
וואונד און אָפּגרונט בין איך —
וואָס היילסטו נישט מיין וואונד,
מיין אָפּגרונט וואָס פאַרשיטסטו נישט?
די הענט באַהאַלטסטו,
די הענט, וואָס דאַרפן היילן!
אין טליתים, ווי אין היילן,
פאַרקריכט איר!
הייליק זייט איר דאָך —
וואָס באַהאַלט איר די געזיכטער?

ביסט דאָך הייליק —
וואָס־זשע האָסטו מורא, דילה־רינה?
דאַרף פאַר אומריין ציטערן דאָס ריינע?
ס'קינד משיח! לאַנג שוין, לאַנג,
וואַרט איך, לילית, אויפ'ן קינד
און — אויף מיין פאַרשווינדן.
ווילאַנג איך האָב דאָס קינד נאָך נישט —
פאַרשווינד איך נישט,
קאָן איך נישט פאַרשווינדן!"

איר רעכטע ברוסט
נעמט זי אין איר רעכטער האַנט.
ווי אַ קינד'ס אַ קעפל,
ווי אַ יתומ'לס אַ קעפל,
איז די ברוסט ביי איר אין האַנט.
קוקט זי
אומעטיקערהייט,
רעדט זי
אַזעלכע שטילע רייד:

באַגערטער מיין, באַשערטער מיין!
וואָס קוקסטו נישט? וואָס זעסטו נישט?
פון מיר וויל ס'קינד געבוירן זיין,
דו יוסף מיין!
נישט איך בין דיין נסיון,
נאָר דאָס גאָרנישטל אין גלאָז.
כ'ווייס, דו וועסט נישט גלויבן,
נאָר ס'קול, וואָס האָט געזאָגט מיר: גיי!
איז געווען פון אויבן.
איך בין געשיקט פון אויבן. — —

פון טלית שטעקט דעם קאָפ אַפיר
דילה־רינה, טוט אַ פיר —
האַלב מיט ביטול, האַלב פאַרגאַפט —
מיט די אויגן איבער איר.

און די ניין, די שטרענגע ניין,
שטעקן קעפ אַרויס און הויבן
צאָרנדיק די הענט:

„דו — פון אויבן?
שפחה חרופה, חצופה, שוייגן!"

שטיל ענטפערט לילית: אויב איך לייג,
זאָל מיך טויטן גאָט דער האַר...
טרערן בליצן אויף אירע וויעס.
תפילה׳דיק פאַלט זי אויף די קניעס
און מורמלט: שכינה, זע מיין צער!

ז

## איינזאַמער אשמדאי

אַוועק איז אשמדאי צו אַלטע שדיכ׳עס
מיט מיילער איינגעפאַלענע און איינגעדאַרטע קינען,
מיט אייגעלעך וואָס גרינען
ווי אַגרעסן ווילדע.
ער זינדיקט מיט זיי זינד, וואָס זיינען אים דערעסן,
גרעבצט אָפּ ווי נאָך אַן עסן,
קלאַפּט אויס דאָס ווייסע בערדל אויפ׳ן ווינט,
ווי אַ שטיקל בלעך, —
עך, עך,
וואו נעמט מען אַמאָליקע כוחות, —
און זידלט זיך אַליין משוגעוואַטע:
„דו שמאַטע!
ווי אַ רויך איז
אַוועק דיין לילת, עובר־בטל׳דיקער תרח.
זי האָט דיך טיף אין דער אדמה,
דו שרץ־טמא, —
האָט זיך פאַרנומען אויף אַ נייעם דרך.
אַוועק איז זי צום תפילה־באַרג,
אַוועק צו חברה תפילה׳וואַרג,
און קומט נישט צוריק, כאָטש צרייס זיך אויף שטיקער!"

ווען ער איז שכור,
כאַפּט ער אין פאַרבייגלויף אָן אַ ציג,
טייטלט אין די גלאַנציק־נאַרישע
אייגעלעך אַריין: צוריק!
און שליידערט זי אויף היטערוויילעכץ בייז אַוועק,
ווי שמשון — די אייזלשע באַק.

אין זיין הייל דער שטיין־פאַר׳חתמ׳עטער פאַרקריכט ער,
ווען ער איז ניכטער,

ליגט ווי אַ רעגנוואָרעם, קנוידערט זיך צונויף,
פאַרמאַכט די אויגן און גיט אַ לויף
מיט'ן זכרון
צו לילית'ן און צו איר לייב דעם קלאָרן.

ווער האָט געקאָנט זיך ריכטן?
געקומען עפּעס אַ ייד,
וויל ברענגען ס'ליכט פון ליכטן!
אויסטערלישע געשיכטן — — — —
און אין דער מיט —
זיין לילית!

גיין צו איר? רופן זי צוריק?
חלילה וחס!
חלילה איבער חלילה'ס!
אפשר שפּעטער...
אַז עס שפּאַרט איר אָן דאָס משוגעת,
העלפן נישט קיין בקשות, קיין תחנונים, קיין תפילות.

לעכציק ליגט ער, פּרעפּלט: „לי—לי—לילית'ל!
קום, כ'האָב אָנגעגרייט פאַר דיר אַ ניי רכילות'ל —
האָסט דאָך ליב געהאַט רכילות..."

שוואַרץ איז אַרום אים און שטיל איז.
אין דער שטילקייט פרעגט די הייל:
וואו ביסטו, לילית?...

שטיל איז.

ח

## דערוואַרטונג

די וואָלקנס איבער'ן באַרג
שאָקלען זיך ווי זיפּן.
עס טוט דורך זיי זיך זיפּן
אַ בשורה.

ווינטן מיט פרישע ליפּן,
מיט ווייך־צעפלאָשעטע בערד,
קומען פון הימל אויף דר'ערד
ווי קעניגלעכע לויפערס.

זיי לויפן אַרום דעם באַרג
מיט ליפּן ווי פּייפלען.

די שעה פון רצון גייט —
צו וועמען גייט זי?

לילית זאָגט: צו מיר.
דילה־רינה זאָגט: צו אונדז.
פרומע דערפרייט זי.

אָט עפנט זיך, — שטראַלט ער, — דער שער נון,
ווי דער מזרח, ווען ער לאָזט אַרויס די זון.
נישט אומזיסט אויפ'ן באַרג געשטאַנען!
תנין שטאַרבט נאָך תנין
אין זיין פינצטערן מצרימ'שן יאור —
און איבעראַנייס ווערט באַפוילן:
יהי אור!

און ס'זאָגן אים נאָך די ניין:
אַזוי וועט זיין! אַזוי וועט זיין!
נישט אומזיסט אויפ'ן באַרג געשטאַנען!
תנין שטאַרבט נאָך תנין
אין זיין פינצטערן מצרימ'שן יאור —
און איבעראַנייס ווערט באַפוילן:
יהי אור!

זאָגט לילית: אַ וואונדער, —
נישט דאָס וואונדער, וואָס איר מיינט!
איך האָב געוויינט,
איך האָב צו איר געבעטן.
זאָל ז י מיין עדות זיין,
זאָל ז י דיר זאָגן, יוסף.
מיין פּיין איז פאַר איר געקומען,
מיין תפילה איז פאַרנומען.
די ווינטן זאָגן איר אָנקום אָן,
שמעקן פריש ווי לאָנקעס.
קומען וועסטו באַלד צו מיר
פון די וועגן, וואו די בלאָנקעסט.

ט

## מטרוניתא

שיינען וואָלקנס מיט נייער שיין.
עפּעס שניידט זיך אין זיי אַריין,
שווימט, שווימט —
זייערט אַרויס ווי העלער ווייַן.

ליכט!
ליכט־טראָפּנס גרויסע, בלאַנקע, זיסע...
זעסט?
די מטרוניתא!

זי האָט זיך מתלבש־געווען אַזוי,
אַז עס זאָל זי באַנעמען אַ מענטשישע תפיסה.
עס שפּירט דילה רינה, ווי ס׳ווייט פון איר קלייד
מיט אַ ריח אַ בשמימ׳דיק פרישן:
ס׳מוז זיין דער ריח
פון תפוחין קדישין.

ווי אַ וואַך אַרום איר —
גרויסע רעדער שיין.
מיט שטראַליקער הכנעה
רינגלען זיי אַרום,
רעדערן זיי איין —
די שכינתא תתאה.*)

ווי עס לייכטן אַזוי די רעדער,
די גרויסע רעדער שיין,
פאַלט אויפ׳ן פנים דילה־רינה,
פאַלן מיט אים די ניין.

שטראַלט לילית
ווי אַ לבנה, גרייט צו שטעלן
חופה מיט׳ן ים דעם העלן:
אינגאַנצן גלאַנץ איז זי און שפּיגל.

---

*) לייען: די שכינטע טאַטאָ׳ע (די „אונטערשטע" שכינה; די אויבערשטע איז בינה).
הכנעה — לייען: האַכנאָע.

קוקט די מטרוניתא:
פון די מקובלים — אויפ׳ן עיגול,
פון עיגול — אויפ׳ן עובר׳ל אין גלאָז,
פון אים — אויף לילית׳ן.

אצילות׳ן —
הויך, הויך, העכערס —
הויבן זיך איבער איר
ווי צעעפנטע פעכערס.

זי זאָגט: וועסטו ווערט זיין —
וועסטו דערהערט זיין!
שטיי אויף!
שטייט אויף!

שטעלט דילה־רינה זיך אויף,
נאָך אים די ניין.
ער זאָגט: איך הער!

די מטרוניתא גיט אַ וואָרף
אַ ראָד אַהין, אַ ראָד אַהער,
לייגן זיך די רעדער אויס צופוסנס
ווי שעפער־הינט געטרייע.
און צום מענטש,
וואָס וויל משיח׳ן און שטייט שוין גרייט,
גייט
איר וואָרט אַזוי:

ביסטו הייליק —
גיי מאַך הייליק שלאַנגען!
הער נאָר, הער:
נישט איך בין, מענטש, אין גלות —

— ווער זשע?
ווער?

— ל י ל י ת איז אין גלות!
ווילסט משיח׳ן —
מוזטו אויסלייזן
נישט מיך, נאָר ז י !

— אָט־די?
און וואָס איז מיט׳ן קינד אין גלאָז?

— נישט ווערט די מי!
וואַסער איז נישט בלוט!
וואָר האָט זי גערעדט — — —
איז דעם הימל ליב,
דאַרף ד י ר זיין ניחא!
געבויר מיט איר דאָס קינד,
נעם־איין יריחו!

שכור פלאָנטערט זיך
דאָס גלאָז אונטער די וואָלקנס,
ווי צום אויסגליטש גרייט.
די בליצן לאַכן־אויף מיט קרומע ציין,
ווי זיי וואָלטן גע׳חוזק׳ט פון זיך אַליין,
דאָס יצירה־וואַסער שמייכלט
דורך געוויין —
און קלענער ווי אַ טרערל
ווערט ס׳משיח׳ל.

די אצילות׳ן —
הויך, הויך, העכערס —
פאַרמאַכן די פעכערס.

זי גיט די אַקסלען אירע דעם ווינט.
וואָלקנס טוען זיך אַן עפן.
די רעדער, ווי געטרייע הינט,
לויפן איר נאָך: זיי בילן ליכט,
זיי וואַרפן פאַרב,
און פאַרשווינדן הינטער איר.
נאָך זיי
שלעפט זיך, ווי אַ לאָמער פויגל,
די יצירה־גלאָז אַוועק.

פאַרשלאָסן ווערן וואָלקנס.
דער באַרג פון צען — פאַרלאָשן.
בלויז לילית ברענט,
ווי אַ פענסטער אָוונט־צייט,
צו דילה־רינה׳ן געווענדט.
גלוסטיק וואַרטן אירע חנ׳ען,
נאָר זי זעט דילה־רינה׳ן
זיך בויגן צו דער ערד.

די ניין
בלייכן זיך ווי ליין.
איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן?

דעם טלית לאָזט
דילה־רינה פֿאַלן,
און צו די הימלען רעדט ער
הייס און שווער,
וואַרפֿט ווערטער
ווי אַ בוים די לעצטע בלעטער,
איטלעך וואָרט — אַ טרער:
„אַ קלעטער נאָך אַ קלעטער
האָב איך אַרויפֿצוצו געקלעטערט —
הייסט מען מיך צו שלאַנגען גיין!
כ'קאָן נישט הייליק מאַכן טומאה —
ניין!
שטייגן קאָן איך — אָדער פֿאַלן!
לאָזט מיך שטייגן!
לאָזט!"

פֿון העכסטן שווייגן,
פֿון אייזערנע הויכקייטן, אויבערשטן פּראָסט —
אַ קול:
„אויב אַזוי —
פֿאַל!"

## י

## די נפֿילה

וואַרפֿט דילה־רינה די תּפֿילין אַראָפּ,
רייסט דילה־רינה דעם טלית פֿון זיך,
רייסט דילה־רינה דאָס בגד אויף זיך.

אויף גיך
ציט דער עיגול צונויף די פּאָלעס,
הויבט זיך אויף און שפּאַנט אַוועק.
גאָרנישט זאָגן די תּלמידים. זאָל עס
זיין פֿון שטוינונג צי פֿון שרעק?

דער פֿאַרנאַכט לייגט זיך ברוין
איבער'ן מדבר.

לילית מיין קרוין, —
זאָגט דילה־רינה, —
אָט טו איך זיך אויס,
אָט וואַלגער איך זיך ביי דיינע פיס.
קום,
נעם אַרום,
שטעך אַדורך ווי אַ שפיז!
איך האָב נישט קיין ברירה,
אַחוץ עבירה.
ווי קאָן איך צו קדושה דיך הויבן, אַז גאָט
האָט דיך באַשאַפן טמא צו זיין?
כ'קאָן טמא נאָר ווערן ווי דו — נישט מער!
אויפגעהערט האָב איך נשמה צו זיין:
גוף בין איך, מיסט...
אומזיסט די סיגופים, די תפילות אומזיסט —
קלענער ווי קליין בין איך, קלענער ווי קליין.
צום זיווג שטיי איך גרייט. נישט וויין!
האָסט דאָך געוואָלט, איך זאָל זיין דיין מאַן.
אונטנסטע אונטנקייט איז מיר געבליבן.
הויכקייטן האָבן געזאָגט: עד כאן!
הויכקייטן האָבן מיך אויסגעלאַכט,
משיח האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.
די הויכקייטן לאָזן נישט ווייטער גיין, —
צינד, לילית, מיר דיין שייטער אָן,
וועל איך אויפ'ן שייטער גיין.
פרעס מיין באָרד, דאָס לייב מיינס זויף!
אויף די הוילע קוילן פון דיינע קני
זעץ מיך אַרויף —
און ברי!
מיט האָר פאַרדעק,
און פגר איך אַוועק —
צום לעבן נישט וועק!
ערוה! עבירה!
ערוה!

שווידערן די ניין.
רעדט דער עלטסטער צו דילה־רינה'ן:
זאָל זיין ווי דער שופר פון חרם מיין מויל!
זאָל מיין זאָג דיך פאַרשטיינען!
אויסגעמעקט ווער פון גאָט'ס בוך!

פון דיינע כּפירה־רייד גייט אַ געדוך
ווי פון אַ נבלה.
פֿאַראומרייניקטע כּלי,
מיר גייען אַוועק!

פון צעפּלאַמטן פּנים רינט דער שווייס אים.
ער לאָזט זיך גיין. די רעשט גייט נאָך.
די שאָטנס פון די ניין אין די טליתים
ציטערן איבער׳ן זאַמד ווי די שפּיזן.

שפּעט דילה־רינה: „אַ גבורה געוויזן!
פֿאַרשטיינט!
צדיקים, ס׳בלייבט לילית מיר נאָך" —

אָבער לילית וויינט.

## יא

# דילה־רינה׳ס טויט

„לילית, וואָס וויינסטו?
וואָס שטייסטו אַליין אויף דיין באַרג,
וואָס קומסטו נישט צו,
וואָס וואָלקענען זיך דיינע בריסט,
וואָס ברעכסטו די הענט?"

אַזוי פרעגט דילה־רינה —
און זי ענטפערט: „אומזיסט
פֿאַרביטן אויף דיר מיין נאַרישן שד!
מיט ווייניק לייבער האָט לילית געזינדיקט?
וואָס גיסטו מיר? חטא?
משיח׳ן וועל׳מיר נישט געבוירן!
אונדזער קינד וואָלט געווען אַ שרעטל,
וואָלט געווען אַ טכוירל!

„נישט בעטל!
מיין אָפּגרונט וועסטו נישט פֿאַרשיטן,
מיין וואונד — נישט היילן.

אויפהייבן קענסטו מיך נישט —
ווילסט כ׳זאָל מיין תהום מיט דיר טיילן.
כ׳האָב געהאַט אַזאַ מין גאַרונג

און האָב זי אָנגעוואוירן —
משיח'ן וועל'מיר נישט געבוירן!

צו וועמען זאָל איך גיין?
צו אשמדאי'ן, דעם אַלטן בעל־עבירה,
וואָס אייביק איז ער מעלה־גרה
זיין ביסל זינדעכץ?
צו בעלי־קרי?
צו קליינעם שרעטלשן געהינטעכץ?
דו!
וואָס נעמסטו דיר די אויגן נישט אַרויס?
אומזיסט געהאָפט, אומזיסט געהאַרט —
האָסט גענאַרט.
מיין ליבשאַפט ווערט ווי שנאה האַרב.
פאַר מיינע פיינען נאַ דיר טויט —
שטאַרב!"

זי גיט אַ שפרונג און אַ באַפאַל אים,
ווערגט מיט הענט, מיט פיס, מיט האָר.
דער לבנה'ס קאַלטער באַלעם
קוקט ווי ס'ראַנגלט זיך די פּאָר.

ער כאָרכלט אויס אַ „שמע" —
און שאַ.
אָן אַ ריר ליגט דילה־רינה.

## יב

# הונט בלאַדן

באַגיניק צעפלאַמטע ווייטעניש
שניידט פאַסן פון דער פינסטערניש.
פייערט ס'זאַמד פון דער וויסטעניש,
און עקלעך שאָקלט שדימ'וואַרג,
טאַנצט אַרום דעם תפילה־באַרג:
וואויל! וואויל! וואויל!
לילית האָט אים שטום געמאַכט.
טויט! טויט! טויט!
לילית האָט אים אומגעבראַכט.
וואויל! וואויל! וואויל!

שטיל! שטיל! שטיל! —
צעבייזערט זיך מיט אַ ביל
בלא׳דן, הונט פון הינט. —
שטיל! שטיל! שטיל!
וואָס טאַנצט איר, שוטים, וואָס פרייט איר זיך?
אַ גדולה אויף זייערע עקלעך!
אמת, זי האָט געטויט אים,
נאָר נישט פון שנאה, שוטים,
נייערט פון ליבשאַפט! הערט זשע אויף —
שאַ, שאַ, שאַ!

פון ליבשאַפט גאָר? אַזוי?
ווערן אַנטשטומט געזאַנגען.
עס גיבן זיך די שדים
אַ שליידער ווי די שלאַנגען —
באַץ אַריין אין זאַמדן!

בלאדן לויפט־צו צו לילית׳ן:
וואָס איז עס פאַר אַ שטייגער?
וואָס זיצסטו איבער זיין פּגר?
איך, לעבעדיקער הונט,
איך וואָלט געוואָלט פאַרשטיין עס:
וואָס טויגן דיר, — האַוו־האַוו, —
גע׳פּגר׳טע דילה־רינה׳ס?
קום רייט אויף מיר, דעם הונט,
צו דעם, וואָס נישט דו קענסט׳ן
און נישט עס קען אים די וועלט:
צום שטן צו דעם שענסטן.
ער וועט דיין מאַן, דיין מאַן זיין!
איך איינער קען זיין וואוין.
די אויגן פון מלכי־אדום —
איינגעפּאַסט אין זיין קרוין..
עס פירן צו אים געשאַנקען
דער טומאה׳ס גרעסטע שרים
און קניען פאַר אים, דעם קייסער
פון תהומ׳ישע קייסאָרים.
צו אים איז עולה־רגל
די אַלטע קליפּת־קין.
דאָס וואַסער פון גרויסן אָפּגרונט

טוט זיין לייב באַנייען.
זיין יונגשאַפט ווערט נישט עלטער,
ער איז דער מאַן פון מאַנען!
שטאַרק איז ער ווי שטורעמס
און פריש ווי אָקעאַנען.
צו א י ם וועל איך דיך ברענגען!
זעץ דיך אויף מיר — איך לויף — — —
וואָס גאַפסטו אויפ'ן פגר?
קומט דיר ביי אים אַ חוב?
צאָלן דען מתים חובות?
ביסטו דעם פגר'ס שקלאַף?
איך ביל דאָך צו דיר — וואָס שווייגסטו?
הב־הב! הב־הב!
האַוו־האַוו!

זי גליווערט איבער'ן טויטן.
קיין וואָרט איז נישט צו הערן.
די ליפּן אירע פאַרזיגלט
און אָפן אירע טרערן.
איינע אַ טרער, — אַ הייסע
ווי די תשובה פון חוטאים, —
גיט אויף דער פּעל בלאדנ'ס
אַ שפּריץ — און בריט צום טויט אים.

הוילן טוט ער: אַ שרפה!
תהום, מיין ביל דערהער —
אַהער, אַהער, אַהער!
קום און לעש! ס'פאַרברענט מיך
לילית'עס אַ טרער — —

ער לאָזט זיך מיט בהלה

לויפן — ווי אַ קללה
הילכט זיין בילעריי.

מיט אַ מחנה שטויבן
יאָגט אים נאָך די וויסטעניש.
ס'דעקט אים צו די ווייטעניש.
שאַ. פאַרביי.

יג

## דער סוף

נישט געקאָנט דעם צער מער האַלטן
האָט ס׳האַרץ פון אשמדאי דעם אַלטן.
אפשר וועט לילית זיך פּאָרט באַקלערן,
אפשר וועט זי אים פּאָרט דערהערן.
אפשר וועט זי אים געדענקען
דעם חסד פון יונגע זינד —
ווילאַנג איז דער שיעור צו בענקען?

איז ער זוכן זי אַוועק.
נישט לייכט געווען דער גאַנג, נישט לייכט:
זיך געשלעפּט וואו די וועלט האָט אַן עק,
געאָכצעט, געגאַוועט, געפּרייכט,
זיך געכאַפּט ביי דער ברוסט,
געהוסט, —
און סוף־כל־סוף, מיט ווייטיק אין די קנאָכן,
דערקראָכן.

דערזען זיין לילית וויינען
איבער דעם טויטן דילה־רינה׳ן,
און — אָן שטעקן געלענט
מיט פּאַר׳חלש׳טע הענט —
אַ פרעג געטאָן נכנע׳דיק:
לילית, וואָס וויינסטו?

וויל זי נישט קוקן.
ער זעט נאָך איר רוקן.
גלאַנצט איר רוקן — אין האַרץ אים אַ מעסער,
אַ מעסער פון מעסערס!

— האָסט בעסערס?
קום צוריק — כ׳בין דיר מוחל דיין גרייזן!
כ׳ווער אייזן,
אויב ווידער ווערסטו מיין לילית!
איך פיל עס — —
ווער ווידער מיין ווייב!

האַסטיק דרייט זי אויס דעם קאָפּ
און מיט האַרבן טראָפּ
גיט זי אַ שנייד: איך בלייב!

אויף זיין פּנים — יסורים פון גסיסה.

פון אַ וואָלקן שיקט אַפּער
איר האַנט די מטרוניתא.
איר פּנים זעט מען שוין נישט מער.
פינגער — זילבערנע פייגל —
גיבן לילית'עס נאַקן אַ גלעט;
אַ מוטער־קול רעדט:

„טאָכטער, איך ווייס,
אַז דיין בלוט ברילט ווילד,
איך קען
די ווייען פון דיין לענד.
אַ דילה־רינה אַ צווייטער,
אַ דילה־רינה אַ שטאַרקער,
קומט אין טעג פון דער ענד,
און ער, ערשט ער,
טוט דיר דיין באַגער
און טויט דיך דורך באַהעפטונג.
ס'מוז זיין דעם גואל'ס טאַטע
אַזוי שטאַרק ווי דו מאָלסט זיך אים, טאָכטער!
זיין זון, אויף צו ברענגען גאולה
דער וועלט דער פאַריאָכטער,
איר געבן תיקון און תקומה,
מוז קריגן בירושה
זיין טאַטנ'ס עזות דקדושה
און זיין מאַמע'ס קענען די טומאה,
איר מיד־זיין פון טומאה.
און קומען וועט ער, דיין מאַן,
און ס'קינד געבוירסטו אים, טאָכטער —
און ווערסט דערלייזט —
און פאַרגייסט—"

גייסט? —
פּרוואווט אשמדאי צום לעצטן מאָל.

לילית זעצט זיך אין אלמנה'שאַפט.
איר וואָרט איז שטאָל:

אויפ'ן מאַן דעם רעכטן,
וואָס זיין קדושה וועט מאַכט זיין;
וואָס זיין ליכט וועט שטאַרקער
פון מיין גאָרער נאַכט זיין;
וואָס וועט דעם זון פון מיר אַרויסקריגן
און וועט פון גאָר מיין נאַכט אַ תל מאַכן;
וואָס וועט מיין טויט מיר העל מאַכן; —
אויף אים, דעם האַר איבער האַרן,
אויף זיין פּאָטערשן זוימען,
וועל איך דורות אויף דורות האַרן,
און מעג ער זיך זוימען —
איך וואַרט!

דאָס קול דער מטרוניתא'ס
פּאַרענדיקט צאַרט
ערגעץ אין די רוימען:
און כאָטש ער טוט זיך זוימען —
ער קומט!

ערשטע ווערסיע: 1926

## ש ב ת י צ ב י

### א

הייס געהויבן זיין קול־רינה
האָט פּאַרצייטנס שבתי צבי
און געווען איז זיין נגינה
פול מיט חלום און מיט גלי:
„ווי אַ יונגפרוי, לייכט און טאַנציק,
האָסטו אויסגעזען, בשעת
ס'האָט — ווי מעסערס ריין און גלאַנציק,
ווי באַגינען־טויען נאַס —
מיר דאָס לייב דיינס, פריש געבאָדן,
אינעם אויג דערלאַנגט אַ שלאָג,
גלייך אין שפּאַלטן פון אַ לאָדן —
אַ צעשמייכלטער פּאַרטאָג.
ס'האָט נאָך קיינעם נישט געטראָפן
פון די גרעסטע יודעי־ח"ן,
זאָלסט זיך וויזן צו אים אָפן —

ס'האָט געטראָפן מיך אַליין.
זינג איך: שובי, השולמית!
ווייז דיך ווידער, ליכטיק לייב!
אויס פאַרטאָג! ווער זון אין תמוז —
און פאַרבלייב מיט מיר, פאַרבלייב.
אָן דער נוקבא פלעגן קומען
די משיחים ביז אַהער...
איך ערשט האָב דעם סוד באַנומען —
און צו דיר איז מיין באַגער."

אָט אַזוי האָט זיין קול־רינה
הייס געהויבן שבתי צבי
און געווען איז זיין נגינה
פול מיט חלום און מיט גלי.

קומט אַ בשורה קיין קאַאיראָ,
אַז א שרה איז פאַראַן
אין ליוואָרנאָ, — זינגט די שירה:
ס'וועט משיח זיין מיין מאַן.
נישט געווען אַ פראַכט ווי אירע,
מלכות־פראַכט פון קאָפּ ביז פיס...
שנעלער, שלוחים פון קאַאיראָ!
זי מוז ווערן שבתי־צבי'ס.

ב

ווער קאָן מאָלן אירע פראַכטן!
אירע אויגן גליען גרין,
און די האָר די הייסע נאַכטן,
און זי זאָגט צו שבתי צבי'ן:
— שטעל די חופּה אין מצרים!
אין מצרים לייז מיך אויס!
נאָכדעם פאַלט ירושלים
ווי אַן עפּל דיר אין שויס.

זיינען מאַן־און־ווייב שוין ביידע —
און די ערד איז אַלץ נאָך ערד.
נאָר עס סוד'עט זיך זיין עדה:
עפּעס ווערט באַלד... עפּעס ווערט...
און דערווייל ברויזט אויף די אומה
און זי שפּרייט צו אים די הענט.

ס'קריגן לשון אויך די שטומע
און נביאות זאָגן ווענט.
ס'וואַרט אַן אומה. זײַ מקיים!
אויך דײַן שרה וואַרט, אויך זי...
אָ, אין קליפּות פון מצרים
שטעקט נאָך שרה, שבתי צבי!

ג

— ביסט געווען אַן אשת זנונים,
וועל איך, שבתי צבי דײַן מאַן,
מיט דעם כוח פון תיקונים
הויך אַרויפהויבן דײַן מ״ן.
און ס'וועט אויפשײַנען אַ שײַן דאַן,
וואָס עס האָט זי נישט די זון,
און ס'וועט העכסטער זיווג זײַן דאַן:
פריידיך נײַער יחוד זו״ן.

נאָר עס נאַרן די תיקונים,
מאַכן שפּאָט פון שבתי צבי...
ווי זײַ לאַכן אַזוי פון־אים —
וועפּט זיך אויס פון אים זײַן גלי.
בלויז אַ קראַנקער יצר־הרע
האָט צו שרה'ן אים געשמידט,
און פאַר'אבל'ט איז זי, שרה,
ס'גייט געוויין דורך איר געבליט —
און זי זאָגט צו אים: אַז ווײַ מיר!
זיך און מיך האָסט דו גענאַרט.
ביזט דער האַר נישט, דער געהיימער,
וואָס צו אים האָב איך געגאַרט.

שבתי'ן רופט אַדריאַנאָפּאָל...
שטייט ער קליין פאַר דעם סולטאַן.
ווערט ער שוואַך און עלנט טאָפּל
און כאַפּט אָנטאָן דעם טורבאַן.
אַרום אים האָט נאַכט פאַרצויגן
אירע פאָרהענג און מיט צוויי
גרינע שטערן — שרה'ס אויגן —
אַ באַפּעל־געטאָן: פאַרגיי!

ד

טויט איז שרה. די לעגענדע
שטאַרבט מיט איר. אַן אשה סתם
נעמט דער עלנטער עפענדי,
דער געפאַנגענער ביים ס״ם.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'וועט אַמאָל אַ גואל קומען,
וואָס פון לילית מאַכט ער רות,
און אַ תיקון וועט באַקומען
יעדע קליפה אין זיין זכות,
און פון קללות שמידט ער ברכות,
און באַפעלט דעם חושך: שטראַל!

הגאולה היא הכרחית,*) —
האָט געזאָגט דער מהר״ל.

## משיח־ליד 1933

איך, דער פינצטערער מיזיניק
פון אַ קיניגלעכן שטאַם,
חלום דיך, געהיימער קיניג,
חלום דיך, דו לעצטער מאַן.
ווײלסט צום וויב אויס טומאה טיפסטע,
טמא־תוהו'דיקסטע זינד,
פלאַם אין נוקבא אירער טריפסטו,
טוסט איר פינצטערניש אַ צינד.
איצט, ווען ס'הערטן דיקטאַטאָרן,
חלום איך דיין דיקטאַטור!
טעג פון שטורעם, טעג פון צאָרן
טראָגן ערגעץ שוין דיין שפור.
ערגעץ גייט שוין רוף פון רופן:
,,בראָך איז שוועסטער פון דער טרייסט.
גוף פון טומאה, גוף פון גופ'ן,
וואַקס אַלץ מער, ביז דו צעגייסט
אין דעם פייער פון דעם גואל,
אין זיין ליידנשאַפט וואָס פלאַמט!

*) די ציטאַטע דאַרף געלייענט ווערן מיט אַשכנזישער אויסשפּראַך: האַגעאולאָ הי העכראַ'כית.

ניט קיין בלייכער יושב־אוהל —
ער איז מאַכט פון רעכטער האַנט.
אין דער קליפּה פון די קליפּות,
טמא־תוהו'דיקסטער הור,
טריף מיט גוואַלד די ריינסטע טיפּות,
מאַן פון לעצטער דיקטאַטור!"

## סולטאַן אַל יאַהוד

ס'וועט זיין אין דעם שוין מער ווי אַ יאָר צוואַנציק.
הויך ברענט די זון — אַ גאָלדענע מנורה.
ס'לויפט ס'אויטאָ באַרג־אַרויף עפּעס ווי שיכור'לעך און טאַנציק —
ירושלים־צו. פול מיט דערוואַרטונג־פרייד און מורא
צעגיסט זיך ס'האַרץ — אַ מעין המתגבר.
דעם קאָפּ קערט אום דער שאָפער דער אַראַבער
און זאָגט ווי ר'וואָלט אַ חלום מיר באַשיידן:
געגליכן צו אַן אָדלער אין זיין נעסט,
וואוינט אויף יענעם באַרג — אָן דאָרט — דו זעסט? —
דער סולטאַן אַל יאַהוד, דער האַר פון יידן.

מיט קנאה האָט גערעדט דאָס אור־קינד הגר'ס.
אין שאָטן האָט דאָס מעסער שוין געלויערט,
און אָט — פּאָגראָם. גע'הרג'עט ברענער. ס'טרויערט
ישראל'ס ערד. אַ רעשטל נאָר אַ מאָגערס
געבליבן פון דעם „נחמו, נחמו, עמי".
נאָר איצטער, איצט, אין טעג פון גוג און מגוג,
ווען ס'טויט די זין די ערד, די בייזע מאַמע,
ווען אָפּגעגאַרטע וועלטן הוילן קלאָגיק,
ווען הימלען שפּייען גרויל און תהומות שרייען,
ווען גאָט האָט אָנגעטאָן אַ קלייד פון בלוט, —
נאָך העכער צוואַנציק יאָר קומט, ברענט מיין רעיון
יענס בילד — און כ'טראַכט פון קיניג אַל־יאַהוד.
ניין, ניט פון י ע נ ע ם טראַכט איך איצט, ווען ס'פייערט,
ניט פון סער הערבערט און זיינס גלייכן, — נייערט

---

*) מנורה — לייען: מענאָירע;
גוג און מגוג — לייען: גאָג און מאָ'געג.

פון גאָר אַן אַנדערן, וואָס זאָל באַגיניק
באַשטייגן הר־הזיתים, וועקן מתים,
און ווערן קיניג, וועלט'ס און יידנ'ס קיניג.
א י ם קוק איך אויס אין מיט'ן דעם געבייזער
פון טויט, ווען אַלץ ווערט שווינדיק און אַנטריניק.
און שטאַרב איך — רוף איך אויס: מיין גרוס דיר, קייזער!

ניו־יאָרק, 1941

## מ נ ח ם  ב ן ־ ע מ י א ל

מנחם קומט, עמיאל'ס זון!
פון אונדזער בלוט גייט אויף זיין זון.

עס איז די וואָלקנס שוין באַקאַנט,
שוין ריידן שאָטנס אויף דער וואַנט,

די פייגל זינגען שוין דערפון:
מנחם קומט, עמיאל'ס זון!

באַלד וועט ער אויפשטיין ווי אַ בראַנד,
האַקט אָפּ סמאל'ס רעכטע האַנט,

איז ממשיך גנאָד אויף אונדז און ברכות
מיט צוויי און זיבעציק המשכות,

גיסט אויס גאָט'ס גייסט אויף קינד און קייט
און רייסט, צעררייסט די לעצטע קייט.

פון טיפסטן שאָטן לייכט זיין ליכט,
פון שוואַרצסטן וואָלקן — זיין געזיכט.

ס'ווערט איבער צייט און אויסער טויט
דער נייער מקדש שוין געבויט,

וואָס וועט נישט וויסן פון פאַרלענד:
אים בויען נצח'דיקע הענט.

ווער ברענגט דאָס הויז אַראָפּ, דאָס דריטע,
וואָס ס'האָט נישט פלאַם אויף דעם קיין שליטה?

ווער טוט עס ברענגען אין דער נידער?
ווער וועט עס טאָן אַ שטעל אַנידער

אויף ציונ׳ס באַרג? דער מאַן מנחם,
ווען מיר דערזעען אויף דער וואַך אים!

אין אַ פאַר׳חתמ׳עטן בית־תפילה,
וואָס טרויערט נאָך אַ טויטער קהילה,

וואו ס׳שוועבט די שכינה, די אלמנה,
ווי אַ פאַר׳אבל׳טע לבנה,

וואו ס׳זאָגן ווענט אַ קדיש־יתום —
דאָרט קומט מנחם אין שבתים.

ווי נאָר ס׳גייט אויף זיין העלע מראה —
ווערט שלאָס פאַרשוואונדן, טיר מאַכט וואַרע.

די פוסטע שול איז ער מפייס
מיט בשורות וועגן דריטן בית,

וואָס ווערט שוין פאַר דעם באַרג פון ציון
געבויט אין הייליקע נישט־הי׳ען.

אַיעדן שבת פונדאָסניי איז
דער מאַן מנחם זי מפייס.

די פוסטע שול איז מער נישט נאַקעט.
פרוכת־לייבן, — אַלט־פאַרבליאַקעט,

פאַרשטויבט אין הילפלאָזער עניוות,
איצט טרייסלען זיי די שטאָלצע גריוועס

און מאַכטפול ברילן זיי אַ גרוס אים.
ישועות וועקן זיך און זכותים.

דער ליידיק־אומעטיקער ארון —
אים צאַנקט אַ תורה אין זכרון.

א י צ ט ווערט ס׳געדעכעניש אַ וואָר אים:
ער לייגט מנחמ׳ען אין אָרעם

אַ ספר־תורה... און אָט ליגט זי
אַן אויפגעעפנטע... ס׳באַגליקט זי

זיין בליק, וואָס לייקנט אינעם טויט.
און ס׳רופט מנחם אויס: יעמוד!

רופט אויף זיך גופא צו דער תורה —
און ער אַליין איז דער בעל־קורא.

וואָס איז מנדר בן־עמיאל,
דער גואל־צדק פון אריאל!

גאולה פולע, גאולה גיכע
איז ער מנדר, מלכא משיחא!

*) עניוות — לייען: אַניוועס; תורה — לייען: טוירע; בעל־קורא — באַל־קוירע; מלכא משיחא — מאַלכע מעשיחע.

## אדם, שבת, משיח

זעקס טעג האָט גאָט געמיט זיך — און דערנאָך,
ווען פאַרטיק איז די מענטשן־פּאָר געשטאַנען
פאַר זיין געזיכט, האָט ער געזאָגט: ביז דאַנען —
און האָט געקרוינט מיט שבת־קרוין די וואָך.

און מלכה שבת האָט אין שיינקייט חוה'ן
איבערגעשטראַלט — און ס'איז געווען גאָט'ס קול:
אָט איז דיין הימל־ווייב, דו מאַן, און זאָל
איר ליכט דיר לייכטן אין דיין מי און האַוועו.

נאָר ס'איז אויך דאָ אַ שבת פון די דורות
און יענע מלכה שבת ווייזט זיך דאַן,
ווען ס'קומט צום גמר דער צייטן־פּלאַן דעם בורא'ס.

באַשאַפן וועט דער בורא איר לכבוד
אַ צווייטן אדם, ער זאָל זיין איר מאַן.
און יענער צווייטער אדם איז בן־דוד.

## אדם, דוד, משיח

### אָדער: דער סוד פון אוריה החתי און בת־שבע

(אויף אַ מאָטיוו פון ספר־הגלגולים)

און מלך דוד איז געווען אַן אַלטער מאַן,
און מלך דוד האָט געטראַכט פון זיינע יאָרן,
פון זיין פאַרברעך אַקעגן אוריה'ן, פון בת־שבע'ן,
פון נתנ'ס שרעקלעכן און קלוגן משל
און פון אבשלומ'ס בונט און טויט.

און ס׳איז געוועז פֿאַרנאַכט. און פֿון פֿאַרנאַכט
איז שטיל צו דוד׳ן אַרויס דער שטן
און האָט געלאַכט: וואָס ווייסטו? גאָרנישט ווייסטו!
דו טרויערסט, נאָר דו וואָלטסט נאָך מער געטרויערט,
אַ מלך, ווען דו וואָלטסט געוואוסט...

און מלך דוד האָט געזאָגט: איך הער.
און ס׳האָט נצחונ׳דיק גערעדט דער שטן:
דו וואָלטסט געקאָנט דערלייזער ווערן, אָבער
כ׳האָב נישט דערלאָזט דערצו — און ס׳איז געקומען
נישט צו גאולה, נאָר צו מאָרד.

און דוד האָט געשווידערט — און גערעדט
האָט דער בעל־דבר ווייטער: מלך דוד,
ביסט אדמ׳ס גלגול. איז פֿאַר דיר בת־שבע,
דער גלגול פֿון דער אַלטער מוטער חוה,
געוועז באַשטימט פֿון אייביק אָן.

און ווייסטו ווער עס איז געוועז איר מאַן?
איר מאַן, דער חתי, איז געוועז אַ גלגול
פֿון מיין קנעכט דעם נחש, וואָס האָט חוה׳ן
פֿאַראומרייניקט נאָך איידער ס׳האָט זי אדם
באַשלאָפֿן. האָסט באַדאַרפֿט צו געבן תיקון
סיי איר, סיי אים, סיי זיך...

די פּנימיות פֿון דעם נחש איז געוועז
מגולגל אין בת־שבע׳ס מאַן, דעם חתי...
ער האָט צום ווייב נישט צוגערירט זיך קיינמאָל,
בעוויל ער איז געוועז שוין ערב תיקון,
בעוויל ער איז געוועז אין יענעם גלגול,
וואָס האָט געדאַרפֿט דער לעצטער זיין...

און וויסן זאָלסטו — אדם איז טייטש דריי:
דער אלף — אדם, און דער דלת — דוד,
דער מם — משיח. אדם און משיח —
זיי זיינען אין דיר נכלל, מלך דוד!
וואָלטסטו אַליין, — זיי וויסן, מלך דוד, —
אַליין געקאָנט משיח זיין.

נאָר דו האָסט וואַרטן נישט געטאָן...
— אויף וואָס?
האָט אומעטיק געפֿרעגט דער מלך דוד.

דו מיינסט: אויף ו ו ע מ ע ן, — האָט געזאָגט דער שטן. —
אויף גאָט! אָנשטאָט דעם חיתי געבן תיקון,
האָסטו צום טויט אַוועקגעשיקט אים אייליק...
בלויז גאָט מעג געבן טויט!

ווי נאָר דו האָסט געטאָן צו איר אַ צאַפּל,
האָב איך, דער שטן, דיך גענומען פירן,
כדי צום תיקון נישט דערלאָזן. תאווה
האָסטו געגעבן חוה'ן, טויט — דעם חיתי,
פאַרברעך און אומגליק — זיך אַליין.

האָסט וואַרטן נישט געקאָנט! וואָלטסטו געוואַרט —
וואָלטסטו געווען דער גואל, מלך דוד,
און אָך־און־בראָך וואָלט מ י ר געווען! אַצינדער
איז אָך־און־בראָך צו ד י ר, און איך, דער שטן,
זאָג אויס דעם סוד — און טו דיין ווייטיק מערן.
איך לאַך פון מענטש, איך לאַך פון דיר!

ס'האָט ווייסע ציין געשטשירעט אין פאַרנאַכט
דער שטן. מלך דוד האָט געשוויגן.
און פּלוצלינג האָט זיין אויג גענומען לייכטן...
„די זינד פון אדם איז אַ זינד געבליבן;
נאָר מם — משיח — איז דאָך נאָך געבליבן.
דער מם פון אדם דאַרף ערשט זיין!"
— — — — — — — — — — — — — — —
דער שטן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ
ביי אָט די ווערטער דוד'ס און אַ ציטער
איז דורכגעלאָפן דורך זיין חוט־השדרה,
אַריינגעשטעקט אַ שפּיז אין אים אַ קאַלטן.
ער איז געשטאַנען און מיט פאָרכט געמורמלט:
דער מם פון אדם דאַרף ערשט זיין...

## פּ אַ ס ט אָ ר אַ ל

אין פעלד איז זי געגאַנגען,
און ס'האָבן זיבן זאַנגען
פאַר איר געקניט.
און ווי זי איז געגאַנגען —
זענען זיבן געזאַנגען
געווען אין אירע טריט.

די זון איז געהאַנגען
ווי אַ פויגל, געפאַנגען
אין אַ שטייג, וואָס גליט.
און ווי זי איז געגאַנגען —
האָבן זיבן זאַנגען
זיך פאַרבענקט נאָך שניט.

און ווי זי איז געגאַנגען —
האָבן זיבן פאַרלאַנגען
דערלאַנגען נישט געקאָנט,
נישט געקאָנט זי דערלאַנגען,
און פלאַטערדיק געהאַנגען
ביים האָריזאָנט.

און ווי זי איז געגאַנגען —
איז מיין אויג געגאַנגען,
געגאַנגען נאָך איר פוס.
ווען ס'פעלד האָט זי פאַרשלונגען,
האָט לאַנג אין מיר געקלונגען
פון בועז און פון רות.

און ס'פרעגן אַלע וועגן,
פאַרוואָס איך בין אַנטקעגן,
אַנטקעגן נישט אַרויס,
ס'געשטאַלט פון די געשטאַלטן
אין גאַנג צו פאַרהאַלטן
און ברענגען אין מיין הויז.

ס'געשטאַלט פון די געשטאַלטן
אין גאַנג צו פאַרהאַלטן,
באַפעלן: נישט פאַרשווינד!
און מיט איר געבוירן,
און מיט איר געשטאַלטן
דאָס הייליקע קינד.

## ווען די אבל־שיין פון יזכור־ליכט פון זעקס...

ווען די אבל־שיין פון יזכור־ליכט פון זעקס
ווערט פאַרשוועכט מיט ווערטער פון אַ טרויער אַ באַשטעלטן,
חלום איך פון איינעם, וואָס קומט אָן
מיט אַ ליכט אַ זיבעטן אין האַנט
און צינדט אָן די יזכור־ליכט די זעקס
מיט אַ פייער נישט פון היגע וועלטן.

## דאָס ליד פון סאַמע לעצטן אינטערנאַציאָנאַל

ווען אַלע וועלן האָבן סיי די אַרבעט, סיי די זעט,
וועלן אַלץ נאָך זיין די נישט־ווי־אַליקע,
די נישט־ווי־די־אַרומיקע:
די געקריוודעטע, וואָס נאָר דער הימל זעט
די טרערן זייערע; די בענקערס, וואָס אַנטלויפן
פון די גרויע בלאָטעס די נאָרמאַליקע
צו די נאָכנישטן די שטראַליקע, די קומיקע;
די, וואָס צערטלען אַ באַגער אַ יוצא־דופן —
און זוכן עפּעס, וואָס איז נישט צום קויפן;
די איוב׳ס און די פּרעגערס פון די אייביקע פאַרוואָסן.
און אויך — דער מענטש דער קאַליקע:
די כל־המינים קראַנקע, כל־המינים מומיקע,
די בלינדע, די איינהענטיקע, די קרעציקע, די פאַליקע,
און די, וואָס זיצן אין שיגעון־נאַכט פאַרשלאָסן.

פון זיי אַלע, די נישט־אַרבעטער דער וועלט׳ס,
וואָס אַ ר ב ע ט (זיכער אין איר שטאָלץ, אַז זי איז גאָלד)
באַטראַכט זיי ווי אַ הויפן שמעלץ;
פון זיי אַלע, אַלע,
וועט אַ מחנה אויסשמידן אַן אינטערנאַציאָנאַלע
דער לעצטער מנהיג. גאָט, דער ב ו ע ז פון די וועלטן,
עפנט דעמאָלט אויף אַ שייער נאָך אַ שייער.
מיט פולער האַנט צעגיט ער זיינע גיטער.
דעם בלינדן גיט ער
אויגן פול מיט פייער;
דעם אָנפיסיקן — צוויי שטאָלצע פיס;
דעם אָנהענטיקן — אַזעלכע הענט,
וואָס קאָנען אָנכאַפּן דעם פירמאַמענט;

דעם פּאַראַליטיקער — אַזעלכע כוחות,
וואָס איצט פּאַרמאָגט זיי נישט אַ ריז;
דעם אויסגעשפּילטן מוזיקער — דאָס גליק
פון אַ נישט־געוועזענער, ווייט־ספּערישער מוזיק;
דעם טרוימער, וואָס צו רויך איז
זיין טרוים געוואָרן — בלענדיקע חלומות,
וואָס פון איבער־צייט־און־רוים איז
זייער אָפּשטאַם; דעם, וואָס הויערט אויפ'ן דנאָ פון מרה־שחורה —
אַ פרייד, וואָס ציט פון דנאָ אַרויס; אַ קלאָרע
הויט, גלייך ווי אַ העמד אַ פרישע — דעם מצורע;
דעם משוגענעם — אַ מאַרך אַ רייפן און געזונטן,
מיט אַ גלייכער סברא
אַ באַזונטן;
די סאַמע לעצטע תשובה די וואָר־וואָרע, —
אָן טעאָלאָגישן צי פילאָסאָפעדיקן זיוף, —
יעדן פרעגער, יעדן מאָנער, יעדן איוב;
אַ קינד פאַר איטלעכער עקרה — — —

און דער לעצטער מנהיג וועט זיי אַלע לערנען שפּילן
די לעצטע, העכסטע, פרייע שפּיל פאַר גאָט.
נישט אַרבעט, נאָר אַ זאַ מין שפּיל —
זי איז דער ציל,
דער ציל פון אַלע צילן.

ס'וועט זייער ווילן
ווערן איינס מיט דעם, וואָס דער באַשעפער וויל,
ווען זיי וועלן אויסלערנען־זיך שפּילן
די לעצטע, העכסטע שפּיל.

*) זיוף — לייען: זי'עף; איוב — לייען: אי־יעוו.

## משיח און דער ראַביי: סאַטיריש

### א

מיט אַ וואוילערישן קאַפּל
אויף אַ וואוילערישן קעפּל
שטייט און דרשנ'ט פאַר זיין עולם
ראַביי דאָקטאָר קענעט קנעפּל:
„יודאַאיזם,
עטישער מאָנאָטעאיזם,
זאָגט מ ש י ח בלויז סימבאָליש.
אַ פּערזענלעכער משיח —
דאָס איז קריסטליך, אויך קבלה'ש,
אָבער נישט אויטענטיש דזשואיש.
ס'איז דערצו אויך אויטאָקראַטיש,
און מיר ווייסן: יודאַאיזם
איז אינגאַנצן דעמאָקראַטיש.
ווען מע נעמט עס רעאַליסטיש,
איז דער טייטש מ ש י ח אָט־וואָס:
די רעליגיע איז די טעזע;
אַטעאיזם — אַנטיטעזע.
ווען עס גיסן זיך צוזאַמען
אָט די צוויי אין איין סינטעזע,
וועט דאָס הייסן, אַז משיח
איז געקומען. ווייל משיח
איז סינטעזע! כ'זאָג עמפּאַטיש!"

רעדט אַזוי דער דאָקטאָר קנעפּל,
און דאָס קאַפּל אויף זיין קעפּל
ווינקט וואויל־יאַטיש.

### ב

אוי, אַ ברכה אויף דיין קעפּל,
ליבער ראַביי דאָקטאָר קנעפּל!
אויסגעקוקט אַ גואל־צדק
האָט דורך דורות אונדזער גזע —

קומסטו, מאַכסטו אַ סוף צום ה ע ד ע ק *)
און משיח ווערט סינטעזע.

זינגענדיק דעם אני מאמין,
האָבן יידן בעת'ן חורבן,
אויפ'ן גאַנג צו העכסטער קדושה,
דעם באַגער פון אַלע דורות
אויסגעזונגען און באַשטעטיקט.
דו, מיט כל־הגוטס געזעטיקט,
דו, אַ ייד אָן מי, אָן מאַטער,
דו ביסט לייכט לטובת קריסטן
אויף משיח'ן מוותר.
ס'האָט אַ ממש'דיקן גואל,
אָ, דו ראַביי, דו סינטעזער,
וואָס דו האָסט קיין האָר געפיל נישט,
אָפּגעוואַרט מיין פאָטער, הלל
ברב אהרן אליעזר,
און פון אים און פון די דורות —
צי איך וויל עס צי איך וויל נישט —
קומט דאָס וואַרטן מיר בירושה.
פונקט ווי אויף כפרות דאַרף איך
אַ סימבאָל־גאָט, אַ פּרינציפּ־גאָט,
ווייל איך דאַרף אַ בורא ממש,
אַזוי דאַרף איך, ראַביי קנעפּל,
אַ משיח אָן שום חכמות,
וואָס זאָל אויסלייזן מיין אומה
און די וועלט — און דיך ממילא,
יאָ, אויך דיך, דו פּוסטע כלי.

*) קאָפּ־ווייטיק, צרה, אָנשיקעניש.

פינפטער אָפּטייל

# יידנלאַנד: אַ בינטל לידער

## געזאַנג לכבוד ירושלים עיר־הקודש

ירושלים, מאַמע געטלעכע,
באַשענק דיין קינד, וואָס גייט אָן ליכט,
מיט שטראַלן, חסד־שטראַלן עטלעכע,
און אָטעם אויף אין זיין געדיכט!

צו דיר, וואָס דו באַהעלסט פאַרלאָשענע,
אַנטלויפט פון ערדישן יאַריד,
פון ליפּן פאַלשע, הערצער גראָשענע,
אַ יונגער אומעטיקער ייד.

איך קום צוגיין פון דאָס פאַרשווינדיקע,
צו דיר, וואָס טורעמט איבער צייט,
פון אַלדאָס בייטעוודיק־אַצינדיקע —
צו דיר, וואָס ווייס נישט פון קיין בייט;

פון רייד, וואָס פראַלן פוסט און טמא'דיק, —
צו אַלטן זינגענדיקן שטיין.
דיין בלויע לופט ברענט נר־נשמה'דיק,
אין דיר טוט תפילה גאָט אַליין.

כ'וויל אין דיין כותל, נישט צום איינלייגן,
מיט טרערן אויסברענען אַ שפּאַלט
און מיין נשמה דאָרט אַריינלייגן —
ביז טעג פון אחרית — אויף באַהאַלט.

דער אור, וואָס האָט אין אור־צייט אויפגעהעלט
און ס'האָט באַהאַלטן אים גאָט'ס האַנט, —
אין דיר באַגערט ער ווערן אויפגעדעקט,
דער וועלט דער אונטערשטער באַקאַנט.

אַ העלקייט העלט אין דיר אַ שטענדיקע,
נאָר ס'ווערט געהיט פאַר דיר, ווי ווין,
אַ שיין נאָך ליכטיקער, נאָך בלענדיקער:
די עתיד־לבוא'דיקע שיין.

ווען ס'וועט דאָס הויז פון אדום איינפאַלן,
ווען נאַכט וועט אַרבן אדומ'ס וואוין, —
וועט אויף דיין פּנים יענע שיין פאַלן:
זי פאַלט אויף דיר פון גואל'ס קרוין.

אַז וואויל דעם אויג, וואָס זעט דיין אחרית־טאָג,
ווען נייער אַלף קומט נאָך תיו,
דיין אור־הגנוז׳דיקן אחרית־טאָג,
ווען ס׳כאַפּט זיך רחל אויף פון שלאָף!

.1921

## צו דעם ירדן פליט מיין חלום

ווען איך שטיי ביים העלן „האָדסאָן
און ווי דופט פון פרישן היי
ווייט דער טייך־ווינט מיר אין פנים,
שטייט געשיכטע וואו איך שטיי.

פריש די כוואַליעס — אוראַלט שפּיגלט
זיך דאָס פּנים מיינס אין זיי.
ס׳קומען וועלטן און מרכבות,
ס׳קומען דורות, קומען אָבות —
אָן אַ סוף איז זייער ריי.

כ׳שטיי ביים טייך און מיינע אויגן
זעען טייכן ווייטע צוויי.
צו דעם ירדן פליט מיין חלום,
צו דער ווייסל — מיין געשריי.
און דער האָדסאָן־טייך דער פרייער
ווערט באַלאָדן מיט מיין וויי —
און זיין וואַסער טראָגט מיין פייער.

## אויפ׳ן קבר פון שרה אהרנסאָן אין זכרון יעקב

אין בית־עולם־גראָז דעם טיפן
חלומט שטילקייט סאָמנאַמבולע
פון גאולה.

ס׳זונט און כמאַרעט.
ס׳האַלט דער טאָג אין בייטן קליידער.
אויף דעם הימל׳ס הויכן וועבשטול
ווערט געוועבט עפּעס כסדר.

ביסטו, הימל, עפּעס מכין,
אָבער שפּילסטו סתּם אַזוי־זיך?
גיב אַ צייכן!

די מצבה — אָט־אָט קראַכט זי
און צעשרייט זיך. אָבער שטיל איז.

ווינטן שווייגן. ס׳קניען תּפילות.
און אין גראָז, אין גראָז דעם טיפן,
לויערט שטילקייט סאָמנאַמבולע:
שאַ — — גאולה — — — —

## געשריבן אין ניו־יאָרק
## בעת די שלאַכטן אין נגב

1

עשו האָט געלעסטערט
און יעקב האָט געלויבט.
עשו האָט געמערדערט
און יעקב האָט געגלויבט.
יעקב האָט געגעטליכט
אין אַ וועלט פון מאָרד,
האָט געפּסקנט עשו:
אין אויוון איז דיין אָרט.

שפּילט מיר מיין מפּלה
אויפן מיטן גאַס,
שגעון מיטן פידל,
יאוש מיטן באַס!

2

פייער קעגן פייער,
קראַד אַקעגן קראַד.
אונדזער נייעם ענטפער
דונערט דער פּלמ״ח.
פאַר דער וועלטס מיידאַנעקס

צאָלן מיר מיט פלאַם,
און אַז מע וועט דאַרפן —
צינדן מיר דעם ים!

שפּילט דאָס נייע לידל,
שפּילט עס מיט אַ ברען,
ישועה מיטן פידל,
גבורה מיטן סטען!

1948.

## מדינה

איך וויל אייך זינגען אַ ליד,
וועגן לוד וויל איך זינגען אַ ליד.
ס׳גייט אַרונטער פון הימל אַ ייד
און מיט אַ ליפּ וואָס גליט
קושט ער די ערד פון ישראל.

מיט יענעם קוש פאַרבינדט ער
ערד און הימל און ייד:
זיי ווערן איינס זאַלבעדריט.

## ליד צום סאַברע

פאַרנעם!
כאָטש אין ישראל׳ס ספר־הדורות
בין איך אַ נקודה אָן פאַרנעם,
ווערט מיין זאָג דיר געזאָגט
אין נאָמען פון אַ צוויי־טויזנטיעריקער קלעם,
אין נאָמען פון פאַרפייניקטער קדושה,
וואָס איז דיין ירושה
און דיין שורש.
מעגסט וועלן צי נישט — ביסט יורש.
מתקן־זיין דאַרפסטו די טרערן,
וואָס דורות האָבן פאַרגאָסן
דורך תיקון־חצות׳ן.
אַ זין דאַרפסטו געבן דעם בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן
צוויי טויזנט יאָר
און — זעקס מיליאָן מאָל האַרבער —

אַ זין די מאַידאַנעקס, אַ זין די טרעבלינקעס.
ס׳דערלאַנגען דיר דורות אַ וויין איבער ווײַנען,
אַ טונקל געטראַנק פון יידישע פּײַנען —
קער נישט דעם קאָפּ אַוועק! טרינק עס!

דאָס אוראַלטע געטראַנק, דאָס שווערע געשאַנק,
וואו יעדער טראָפּן וויל תיקון,
וועסטו עס אָפּשטויסן, קינד פון ישראל׳ס פרימאָרגן?
זיי מעלה
די ניצוצות אַלע,
וואָס ליגן אין דעם ווײַן דעם טונקעלן פאַרבאָרגן!
פאַר דיר אָט דער ווײַן!
אַז נישט — טאָ פאַר וועמען?
פאַרן גלות? ניין,
ער פאַרראַט זײַן פאַרגאָסן בלוט,
לעסטערט זײַן אייגן געוויין...
טו דו נישט פאַרשעמען
דעם טרויער!
טו אים אַרײַן אין דײַן בנין,
בויער, דו בויער!

ס׳לאָזן דיך גריסן
די דורות הינטער מיר. זיי ווילן, דו זאָלסט וויסן,
וויפיל הייליקע טרערן פון יידן
סע זידן
אין די אותיות: י ש ר א ל.
נישט עשו׳ס גליקן
ווינטשן זיי דיר, נאָר דאָס גליק פון תיקון,
דאָס גליק פון ברעכן
דעם אָרעם דעם פרעכן
פון קליפּת סמאל.

דאַרפסט זײַן דער זין־געבער, דאַרפסט זײַן דער טרייסטער,
און דערפאַר
מוזסטו אַרײַנאַײַביקן אין דײַן טרייסט
דעם גזר, דעם קאָשמאַר — — —
ד ע ר פ א ר !

מיר האָבן צוויי יאָרטויזנטער געדענקט ירושלים
ביז מיר האָבן אויסגעבלוטיקט דיך,
דעם נײַעם.

איצט וועלן מיר מוזן געדענקען מאַידאַנעק.
פאַרגעסטו — ביסטו דער פאַרשווּעכער פון אַ סוד
און נאָר אַן עפּיזאָד
וועט זיין די מדינה.
אין יעדער שמחה דיינער, אין דיין גרעסטער פרייד,
וועסטו נישט טאָרן פאַרגעסן די קינה,
נישט טאָרן פאַרגעסן די איכה.
אם אשכחך מ אַ י ד אַ נ ע ק — תשכח ימיני!
תדבק לשוני לחכי, אם לא אזכרכי!

יענער צער,
וואָס אַז דו גיסט אים תיקון,
היט ער דיין הויז און הייליקט די ערד —
געטרוי אים!
דער גאָט פון דיין פאָלק צעשטערט

יידיש גליק, ווען ס'ווערט ענלעך צום גליק פון די גויים.
נישט לשם אַ גליק,
וואָס איז פרעכע פאַרשווּעכונג פון אומגליק,
ווערט געבוירן אַ מאַן;
נישט לשם אַזאַ גליק איז ישראל פאַראַן —
פון אַ ייד פאָדערט גרויסקייט אפילו דער שטן!

עפּענער יונגער פון ווער־ווייסט־ס'אַראַ תקופה!
דיינע העלע העלדישע הענט
זע איך און זאָג:
נאָך אַ זיג
איבער דער רשעות דעם שונא'ס,
וויל איך נצחונות
איבער דעם גוי אין דעם יידן גופא!
איך רוף דיך צום טאָג פון גאונות!
זאָל אויפגיין פון עמק — עמקות,
און אויף אַלט, אויף אייביק, אויף טיף
זאָל געגרונטפעסטיקט זיין
תל־אביב!
צו דער תורה פון אַ לעבן, געבויט
אויף די סתרי־תורה פון יידישן טויט —
יעמוד!

ניו־יאָרק, 1948.

## רחוב צייטלין אין תל־אביב

אויף דער גאַס, וואָס טראָגט זיין נאָמען,
גיי איך און ס׳ציטערן די טריט.
אָט וועט ער אויפגיין פון דאָרט,
פון ווינקל גאַס,
אַ הויכער נביאדיקער ייִד.
פאָרויס — דער שטורעם פון זיין באָרד,
נאָך אים וועלן שפּרינגען באַלקאָנען.
אַלע גאַסן תל־אביבס
וועלן אַוועק מיט אים
זוכן אַן אייביקס, אַ טיפס —
טירן וועלן צו משיחן
זיך לאָזן אין אַ געיעג
אַ הייליק ווילדן —

נאָר שטיל איז אין גאַס.
אַ קינדס אַ לאַך
און זון אויף שילדן — —

תל־אביב, 22סטן יאַנואַר 1958

## הספד אויף הערצל׳ען*)

### (זאב זשאַבאָטינסקי)

נישט ווי פאַרצייטנס משה — האַרט ביים שוועל
פון צוגעזאָגטן לאַנד — איז ער פאַרגאַנגען.
נישט צוגעפירט צום לאַנד פון די פאַרלאַנגען
האָט ער די וואָגלערס. ס׳האָט באַגערט זיין זעל
צום לאַנד, גערופן האָט ירושלים׳ס קול אים,
נאָר ס׳איז געווען אים מדבר־טויט באַשערט.

*) אָט די קורצע פּאָעמע האָט אין 1904, צומאָרגנס נאָך הערצל׳ס פּטירה, אָנגעשריבן זאב זשאַבאָטינסקי. כ׳האָב זי איבערגעזעצט פון רוסישן אָריגינאַל אין וואַרשע, אין יאָר 1937, און ס׳איז מיר שווער אויף דער איבערזעצונג מוותר צו זיין, נישט געקוקט אויף אַ גוואַשקייט פונ׳עם באַנעם, וואָס איז מיר דערווידער, און אויף אַ רעטאָרישקייט, וואָס אין דער פינפטער סטראָפע ווערט זי שאָקירנדיק. די פּאָעמע איז שטאַרק אין אויסדרוק און איר פאָרם האָט מיך אָנגערעגט צו זוכן עקוויוואַלענטע ריטמען אויף ייִדיש.—א. צ.

געפאַלן איז־ער אין דער מדבר מיט׳ן חלום
אין האַרצן, און מיר וועלן נאָך אַמאָל אים
צוריקגעבן — אַ טויטן — ציון׳ס ערד.

ערשט איצט האָב איך באַנומען די כוונה
פון יענע אַלטע אויסטערלישע רייד,
די מעשה־רייד פון רבה בר־בר־חנא:
עס ליגן טיף אין מדבר־זאַמד פאַרווייט
נישט בלויז די קנעכט, די נישטיקע פחדנים,
דערצויגן אויף מצרימ׳ס בייזער רוט, —
נאָר אויך גיגאַנטן, פרעה׳ס שטאָלצע שונאים,
אויך ריזן מיט אַ מלכות׳דיקן פנים,
מיט לייב פון קופער און מיט שטאָל אין בלוט.

פאַרוואָר, איך האָב ערשט איצט באַנומען קלאָר:
מיר וואָגלען דורך וויסט־מדבר׳דיקע פליינען,
פאַרזייען זיי מיט אונדזערע געביינען
שוין פערציג יובל׳ס, נישט בלויז פערציג יאָר,
נאָר נישט קיין קנעכט, אויף האַרן־קלעפּ דערצויגן,
האָט צוגערויבט די מדבר׳דיקע פרעמד,
נייערט אַ ריז, וואָס האָט זיך נישט געבויגן
און וואָס אין זיינע אָדלערדיקע אויגן
האָט שטאָלץ אַ ווי אַן אָדלערשער געברענט.

אין גבורה איז דער מענטש געווען געגורט
און ס׳האָט זיין רוף געקלונגען אונדז טראָמפּייטיק.
געהילט האָט ער אין מלכות אונדזער ווייטיק
און אונדז געפירט צום לאַנד פון דער געבורט,
און אונדז פון לעבן נייעם און צעבליטן
געזונגען אַ חידושימדיקן שיר,
און ס׳האָט דער טויט אין בלי־טאָג אים פאַרשניטן
און האָט דאָס ליד זיינס אָפּגעשטעלט אינמיטן.
נאָר ס׳ליד נאָך אים דערזינגען וועלן מ י ר.

אָ, רייסן זאָל דער שטורעם שטיק נאָך שטיק
פון אונדזער ספר־תורה דער פאַרשוועכטער;
אויף נאַכטרויב זאָלן גיין די זין; די טעכטער —
די שאַנד־הייזער פאַרפולן! דאָס געניק
זאָל שווערסטער יאָך אונדז ברעכן און זאָל פרעסן
דאָס אומגליק אונדזער לייב אין יענעם טאָג,
דעם פינצטערסטן אין ערדישע מעת־לעת׳ן,

אויב גאָט־פֿאַרגעסן וועלן מיר פֿאַרגעסן
זיין שטאַרבן צוליב אונדז, זיין זינג־און־זאָג.

עס איז דיין קול געווען פֿאַר אונדז ווי מן —
מיר זיינען הונגעריק אָן אים און עלנט.
דער האַמער איז געפֿאַלן דיר פֿון האַנט,
נאָר הונדערט טויזנט קליינע האַמערס וועלן
מיר אויפֿהויבן, — גייט הונגער אויס אין זאַטן
געררויש פֿון אַרבעט, ווערט געשטילט די קלעם.
מיר וועלן דורכקריכן ווען פֿיס פֿאַרראַטן,
מיט ציין צעזעגן שטיינער ווי די קראַטן,
און — ס׳ווערט דיין ליד דערזונגען, חי־השם!

ס׳האָט גאָט אַליין זיך מיט זיין קנעכט געשלאָגן,
ווען יעקב האָט פֿון פֿרעמדער ערד געבראַכט
זיין האָב אַהיים; געוואונען יענע שלאַכט
האָט יעקב ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן.
ס׳האָט שטורעם אונדז צעטיילט אויף פֿרעמדע שוועלן,
דאָך זיינען מיר דיין שטאַם, גאָט׳ס קאַמפּסמאַן! ס׳מעג
גאָט׳ס שווערד אַליין דעם גאַנג פֿאַר אונז פֿאַרשטעלן —
מיר וועלן גיין און אָנקומען, מיר וועלן
אויפֿ׳ס כוח זיך אַדורכשניידן אַ וועג.

שלאָף, אַדלער אונדזערער! אַ טאָג קומט אָן
און דו דערהערסט פֿון אויסלייזונג די טענער,
דעם דונער פֿון פֿאָלקס טריט, גערויש פֿון פֿענער,
געזאַנגען פֿון באר־שבע ביז צו דן.
אין יענעם טאָג וועט בענטשן דיך, דעם רעטער,
דאָס אויסגעלייזטע יידן־פֿאָלק, וואָס האָט
געטאָן די אַלטע קייטן אַ צעשמעטער.
און ביי דיין קבר, ביים גערויש פֿון יונגע בלעטער,
וועלן ציונ׳ס טעכטער גיין אַ קאַראַהאָד.

## זכרון־יעקב 1966

אָט איז דאָס זעלבע גאַנעקל דאָס קליינע,
וואו כ׳פֿלעג מיט פֿינף און פֿערציק יאָר צוריק
זיצן און לאָזן וואַנדערן די מחשבות.
דאָס גאַנעקל געדענקט נאָך מיין טשופּרינע.

נאָר וואו איז יענער מאַנדלבוים אין הויף
אַרום דעם הויז? איך זע אים נישט. מע זאָגט מיר:
בעת מע האָט דעם ברייטן הויף צעטיילט
און אויפגעשטעלט דעם ספרדישן בית־כנסת,
האָט מען אים אָפּגעהאַקט. ככתוב — ווי עס שטייט:
עת לעקור. — — —

נאָר אויב איך וואָלט מיך לענגער דאָ פאַרהאַלטן
און וואָלט מיך אויפן גאַנעקל געזעצט דאָ
אין לאַשטשענדיקער שטילקייט פון פאַרנאַכט,
וואָלט פון דער וועלט, וואו ס'בלייבן די געשטאַלטן
פון אַלץ און אַלעמען, צו מיר אַרויס
דער שקד־בוים און וואָלט געזאָגט: וואָס מאַכסטו?
וואו ביסט דו געווען די גאַנצע צייט?

וואָס וואָלט איך אים געענטפערט? כ'ווייס נישט וואָס.
כ'וואָלט אפשר אים געענטפערט, אַז איך האָב
געחלומט פינף און פערציג לאַנגע יאָר,
און אַז ערשט איצטער, ווען איך זע אים ווידער,
האָט זיך צו מיר צוריקגעקערט די וואָר.

## אויפ'ן הויף פון בית־אהרנסאָן

די לופט האָט דאָ געפלאַקערט פון געשרייען,
ווען ס'האָט דער טערק געפייניקט שרה'ן. איצטער ווייען
דאָ גרינע ווייסערישע רואיקייטן טיפע.
שטיל באַקלינגען פייגעלעך אַ בוים.
מיט אויגן נייגעריקע, גרין געשליפן,
באַטראַכט מיך ס'קעצל, וואָס גייט צו געלאַסן
צו מיין באַנק. די לאַפּקעלעך אָט־די
זיינען ערגעצוואו געווען אַ קינדס צוויי הענטלעך.
די אויגן ווילן זיך דערמאָנען,
פון וועלכער וועלט איך בין זיי קענטלעך.

## עם ישראל חי

פֿאַראַן אַ געסעלע אין תּל־אָבֿיבֿ — סך הכּל אַ פּאָר הײַזער.
נאָר ס׳גייט דאָס געסעלע אַרויס צום ים.
פֿון יענעם געסל זעט ער אויס נאָך גרעסער,
דער ים הגדול, וואָס דער הימל איז זײַן ראַם.

עם ישׂראל חי — אַזוי־אָ הייסט דאָס געסל,
וואָס גייט אַרויס צו תּכלת׳דיקער פֿרײַ.
צו הימל, ים און שיף, צו זון און שטערן רופֿט עס:
עם ישׂראל חי.

וועלט־פארבאנד פון די בערגען־בעלזענער

WORLD FEDERATION OF THE BERGEN BELSEN ASSOCIATIONS